STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01187

OYSLAND

A. Mukdoni

Permanent preservation of this book was made possible
by Rosalind Inslicht Edelstein
in memory of
Herzl Inslicht

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. מוקדוני

אויסלאנד

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

74

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פײגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

ד ר. א. מ ו ק ד ו נ י

אײסלאַנד

(מײנע באַגעגענישן)

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
בוענאָס אײרעס 1951

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by
Dr. A. MUKDONI, New-York

Dr. A. Mukdoni

OISLAND

(En el extranjero)

EDITADO POR LA

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES
1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאַלט

א וואָרט — 7
1. אייראָפּע דורכן פענצטער — 9
2. דייטשע סטודענטן — 19
3. יידן וואָס „דאָקטאָרן" זיך — 28
4. פּרייסישע פּאָליציי און אַנדערע שלעק — 38
5. יידישע מאַגנאַטן־סעריע צוויי — 46
6. אין וואַלד — 55
7. מיין באַגעגעניש מיט י. עפּרויקין — 63
8. אין דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ — 75
9. יעקב כהן און יעקב ראַבינאָוויטש — 85
10. ד"ר יעקב מאיר זאַלקינד — 96
11. טומלער און צנועים אין דער סטודענטישער קאָלאָניע — 106
12. יעקב קלאַצקין — 116
13. ש. אַנ־סקי — 127
14. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — 139
15. אייביקע סטודענטן — 150
16. פּאָליטישע עמיגראַנטן — 161
17. שלעק און נודניקעס צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן — 172
18. מיין קורצע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט — 183
19. דער שווייצער — 194
20. יידישקייט און אַסימילאַציע אין די סטודענטישע קאָלאָניעס — 206
21. די צוויי שוועסטער — 217
22. אין פּאַריז — 227
23. מיין ליטעראַרישע טעטיקייט — 238
24. יידישע שרייבער אין די סטודענטישע קאָלאָניעס — 249
25. יידן פּראָפעסאָרן אין בערנער אוניווערזיטעט — 260
26. טשעקאַווע פּראָפעסאָרן — 272
27. פּראָפעסאָר לאַטמאַר, פּראָפעסאָר רייכעסבערג — 283
28. די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן — 295
29. די בערנער דאָקטוירים־פאַבריק — 306
30. דער „דאָקטאָר־הוט" — 319
31. דער דאָקטאָר־עקזאַמען — 329

מיינע קינדער

דר. מאַקס און מאַרטאַ קאַפּפּעל

און מיינע אייניקלעך

דניאל און גיטעלע.

אַ וואָרט

אין סוף פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אַן אימ־פּעטיקע פאַרוואַנדלונג פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

דאָס וואָס די השכלה האָט נישט באַוויזן צו אויפטון מיט אַגי־טאַציע און מיט קריג קעגן דעם רעליגיעז־יידישן שטייגער און זיינע פירער, האָט אויפגעטון די עקאָנאָמיק, די אינדוסטריאַלי־זאַציע.

דאָס נייע וועלטלעכע יידישע לעבן האָט געהאַט נויטיק נייע פירער, עס האָט געהאַט נויטיק אַ יידישע פּרעסע, יידישע וועלט־לעכע שולן, יידישע וויסנשאַפט, יידישע ליטעראַטור, יידיש טעאַ־טער, יידישע מוזיק א.א.וו. א.א.וו.

די יידישע יוגנט האָט זיך אַ וואָרף געטון צו וועלטלעכע לי־מודים.

אָבער דאָ האָט זי געפונען אַלע וועלטלעכע רוסישע שולן, מי־טעלע און הויכע פאַרהאַקט און פאַרריגלט פאַר איר.

און באין ברירה האָט זיך די יידישע יוגנט אַ לאָז געטון קיין אויסלאַנד.

אין די צענדליקער טויזנטער האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון אין די אָפענע אויסלענדישע אוניווערזיטעטן.

איך בין אויך געווען איינער פון דער גרויסער מאַסע פון יידי־שער יוגנט, וואָס האָט זיך געלאָזן קיין אויסלאַנד לערנען די נייע וועלטלעכע תורות.

דאָרט, אין אויסלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ און

פראַנקרייך האָב איך שוין געטראָפן טויזנטער און טויזנטער יידישע יונגע מענער און פרויען אין די אוניווערזיטעטן.

און דער שטראָם איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין דער זעלביקער צייט זענען אויפגעקומען נייע אידעען, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער רעליגיע; עס איז אויפגעקומען דער ציוניזם, דער יידישער סאָציאַליזם אין דער פאָרם פון „בונד" און שפּעטער אויך ווי אַ טייל פון ציוניזם.

דאָרט, אין אויסלאַנד, האָבן יונגע יידישע מענער און פרויען שטודירט מיט גרויסן פלייס די פילאָזאָפיעס פון סאָציאַליזם און עס זענען צוגעגרייט געוואָרן קאַדרעס פון פירער פאַר די נייע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס.

אָט וועגן דער דאָזיקער יידישער יוגנט אין אויסלאַנד, די קומענדיקע פירער פון דעם נייעם פאַרוועלטלעכטן יידישן לעבן, דערצייל איך אין דעם בוך.

איך האָב געלעבט און געלערנט צוזאַמען מיט דער דאָזיקער יוגנט, דאָס הייסט, איך בין געווען איינער פון זיי, און איך דערצייל וועגן זיי פון מיין פערזענלעכער באַרירונג מיט זיי.

ד״ר. א. מוקדוני

מיאמי ביטש, פלאָרידאַ, דעם 25סטן יאַנואַר 1950.

1

אייראָפּע דורכן פענצטער

איך בין געפאָרן דורך דער אָרעמער, בלאָטיקער פּאָליעסע, דערנאָך דורך דער פלאַכער אומעטיקער ליטע. אַלץ איז שרעקלעך אָרעם און אָפּגעלאָזן, די פעלדער, די וועלדער, די קליינע הייזלעך, די מעלאַנכאָלישע וואָקזאַלעכלעך און די אָרעמע, פאַרזאָרגטע און אָפּגעריסענע מענטשן, אַלץ אָבער איז מיר באַקאַנט, צו אַלץ איז מיין אויג צוגעוווינט.

אָט אַזאַ איז די וועלט מיינע.
אַן אָרעמע, אַן אָפּגעריסענע, אַ קרעכצנדיקע און אַ זיפצנדיקע.
אַפילו רייכקייט לאַכט נישט, שטיפט נישט און פּוצט זיך נישט.
איך האָב קיין אַנדער וועלט נישט געזען.

פּינסק, די גרויסע שטאָט, פון וועלכער איך פאָר אַוועק, איז די שענסטע, די גרעסטע שטאָט וואָס איך האָב געזען.

און עס לויפט די באַן דורך מיין וועלט, דורך מיין אָרעמער, אָבער ליבער וועלט.

קליינינקע הייזלעך, געבויגענע ווי זקנות, עפּעס פּוסטע פעלדער און וועלדער און די מענטשן אויף די וואָקזאַלן און אין די וואַגאָנעם פאַרזאָרגטע און פאַרצאָגטע.

דאָ און דאָרט גיט אַ ייד אַ לאַך, און דער גאַנצער וואַגאָן קוקט זיך אַרום. דאָס לאַכן פון יידן ווערט איבערגעהאַקט, אַזוי ווי אַ פאַרבאָרגענע האַנט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיין מויל.

אין צווייטן קלאַס פאָרן רייכע מענטשן, עס פאָרן יידישע סוחרים, פּוילישע פּריצים, רוסישע טשינאָווניקעס, פון דאָרט הערט זיך אָפט אַ געלעכטער.

אבער די וועלט וואָס די באַן לויפט פאַרביי, איז אַ מרה־שחורה־דיקע.

און דער צאַר, וואָס זיצט אַזוי ווייט אין דער הויפּט־שטאָט, אין פּעטערבורג, האָט צענדליקער טויזנטער געדונגענע אויגן און אויערן, זיי זענען דאָ אומעטום, זיי זענען דאָ אין די וואַגאָנעס.

און ווען אַ ייד צערעדט זיך מיט אַן אַנדער ייד, גיט זיי אַ דריטער אַ ווונק, ער לייגט בלויז אַוועק אַ פינגער אויף זיינע ליפּן, און די צוויי יידן בלייבן שטיל.

מיר דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ, צו דער דייטשער גרענעץ. דאָ זענען זיכער דאָ שפּיאָנען, צאַרישע שפּיאָנען.

און אָט שפּאַצירט דורך איינער דעם וואַגאָן, קוקט כלומרשט אַן אינטערעס יעדן אין פּנים אריין. אַלע ווערן שטיל צוזאַמענגעקניטשט.

און דער וואָס קוקט אַלעמען אין פּנים אריין גיט זיך אַ זאָג:

— האָט קיינער נישט געזען דאָ איינעם אין אַ ברוינעם קאַפּעלוש, אַ פריינט מיינעם? איך האָב אים עפּעס פאַרלוירן, מיר פאָרן צוזאַמען...

עס ווערט שטיל, אַלע זענען שטום.

דער פּאַרשוין גייט אַריבער צום צווייטן וואַגאָן.

און אַ ייד וואָס זיצט לעבן מיר, זאָגט שטיל:

— ער זוכט איינעם פון די ברידער, ער איז דאָ געזעסן אין ווינקל, קיינער האָט אים נישט באַמערקט, ער איז נעלם געוואָרן . . .

און אויף דער צווייטער סטאַנציע זענען זשאַנדאַרמען דורכגעלאָפן דעם גאַנצן צוג. און איידער די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן מיר אַלע געזען דורכן פענצטער ווי צוויי זשאַנדאַרמען פירן אַ יונגן מענטשן מיט אַ ברוינעם קאַפּעלוש.

ביי אַלעמען האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסן.

שטיל האָט איינער דעם אַנדערן געשושקעט — אַריינגעפאַלן, ווי זיי דערשמעקן עס און דערשנאַפּן עס . . .

און די באַן לויפט ווייטער.

זי שטעלט זיך אָפּ פּלוצלינג, — די גרענעץ. עס ווערט אַ שושקעריי.

און באַלד זענען די וואַגאָנעס פול מיט זשאַנדאַרמען.

מיר גייען אַרויס פון די וואַגאָנעס, מיר גייען דורך אַ סטראַי, יעדער האַלט זיין פּאַספּאָרט און זיין פּעקל, אָדער פּעקלעך גרייט.

איינציקווייז גייט מען אריין אין א צימער. שטעכיקע אויגן עגבערן איך דורך. איך דערנענטער זיך מיט מיין פּאספּאָרט אין האנט.

— ווּהין פאָרט איר ?

— קיין דייטשלאַנד.

— צו וואָס פאָרט איר ?

— שטודירן.

גיט אַן אָפיציר בייז אַ קוק אויף מיר און זאָגט סם־המותדיק :

— אַ בהלה אויף שטודירן ביי די יידעלעך; יעדע באַן פירט כסדר דורשטיקע נאָך בילדונג . . .

— גיט אַ קוק אין זיין פּעקל — באַפעלט ער.

עס נעמט נישט לאַנג צו דורכנישטערן מיין פּעקל, מיין אָרעם פּעקל. אַ זשאַנדאַרם באַריכטעט שטיל דעם אָפיציר, ביידע זענען אַנטטוישט, אָבער דער אָפיציר וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויפן זשאַנדאַרם. גייט ער אַליין צו צו מיין פּעקל, נישטערט און נישטערט עפּעס מיט הנאה און ווערט אויך אַנטטוישט, און צו מיר זאָגט ער סאַרקאַסטיש :

— איר פאָרט שטודירן, שטודירן, אַלע יידן ווילן זיי שטודירן, אַ בהלה אויף שטודירן.

איך בין צוריק אין וואַגאָן.

זי שטייט לאַנג, לאַנג אונדזער באַן, מען איז יעדן גוט בודק, און אַלץ ווערט געטון אָן איילעניש, אַלץ ווערט געטון מיט רוסישער אַפּאַ־טישער בייזקייט.

די באַן גיט זיך ענדלעך אַ ריר.

דער עולם אין מיין וואַגאָן קוקט זיך אַרום צי עס פעלט נישט קיי־נער פון אונדזערע מיטפאָרער אין וואַגאָן, קיינער פעלט נישט.

אַלץ איז אַריבער בשלום.

אָבער אַלע זענען בלייך, אַלע זענען עפּעס צערודערט, אַלע זענען עפּעס ביטער און אַלע זענען עפּעס אָנגעשטרענגט ווי נאָך אַ גרויסער איבערלעבונג.

אין וועלכע פופצן־צוואַנציק מינוט זענען מיר אין דייטשלאַנד.

מיר גייען אַרוים פון דער רוסישער באַן.

און נאָר אַן אַנדער וועלט באַווייזט זיך פאַר אונדז, אַנדערע מענטשן, אַנדערע הייזער, אַנדערע פעלדער און אַנדערע וועלדער אפילו.

עפּעס איז אַלץ אויסגעפּוצט ווי אין דעם ערשטן טאָג פּסח אין אַ יידיש הויז. אַלע מענטשן זענען עפּעס יום־טובדיק. איך הויב זיך אָן צו שעמען מיט מיין הילוך, מיט מיין אָרעמען פּעקל, מיט מיינע לאַנגע געקרייזלטע האָר.

אַן אַנדער וועלט.

מען ווערט מיט אונדז גיך פאַרטיק און מיר זענען ווידער אין אַ באַן, אין אַ פרישער, ריינער באַן, די וואַגאָנעס עפּעס נייע, ציכטיקע, די פענצטער געוואַשענע, גלאַנציקע פון ריינקייט.

איך זעץ זיך ביי אַ פענצטער. איך קוק מיט גרויסן דורשט אויף דער נייער אויסגעוואַשענער און אויסגעפּוצטער וועלט.

ביים באַן גייען מענטשן רואיק, זיי לאַכן, זיי שמועסן הויך אויפן קול, און געקליידט זענען זיי אַלע ווי צו אַ חתונה.

און וואָס ווייטער די באַן איז פון גרענעץ, אַלץ פולער ווערט דער וואַגאָן פון דייטשן.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זע איך אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע געוויקסיקע און אַזעלכע משונהדיק פעטע מענטשן.

די זאַטקייט און צופרידנקייט שרייט אַרויס פון יעדן.

אָט לאָזט זיך אַריין אין מיין וואַגאָן אַ דייטש, אַ קאַלאָס ממש, פאַר אים רוקט זיך אַ גוואַלדיקער בויך, קוים וואָס ער שטופּט זיך דורך אין דעם גאַנץ ברייטן דורכגאַנג.

און אַז דער בויך גייט אַוועק, זע איך פון הינטן אַ פעטן האַלדז, וואָס איז צונט־רויט און געפּאַלדעוועט אין גרויסע און שווערע פאַלדן, ווי ביי אַ גאָר פעטן חזיר.

פון דער גרויסער מאַסע פלייש און שמאַלץ שאַלט אַרויס אַ באַסאָווע שטים מיט אַ קאַלטן „גוט מאָיען" צום וואַגאָן.

די מאַסע פלייש און שמאַלץ זוכט אַ באַקוועמען זיץ, זי געפינט אים, זי פאַרנעמט די גאַנצע באַנק.

עס איז שטיל אין וואַגאָן.

מען באַקאַנט זיך, עס פאַרבינדן זיך שמועסן, דורך דער טיפּעניש פון די העלדזער גייען אַרויס עפּעס האַלדזיק־כאַרכלענדיקע ווערטער. דאָ גיט איינער אַ לאַך הילכיק, דאָ צערעדט זיך איינער מיט כעס וועגן פּאָליטיק.

אָבער דאָס אַלץ דויערט נישט לאַנג, באַלד ווערן אראָפּגענומען די קלענערע פּעקלעך פון די פּאָליצעס און ביי יעדן איינעם שוים ליגט שוין אַ טישטעכל און אויפן טישטעכל גרויסע „בוטערבראָדס" — ברויט און קאַלבאַסע.

דער וואַגאָן בייסט איבער.

דער גאַנצער וואַגאָן שמעקט ווי אַ דעליקאַטעסן געשעפט, עס הערט זיך דער ריח פון לעבער־ווורשט און פון אַנדערע פאַרשידענע ווורשטן אין וואַגאָן.

מען עסט לאַנגזאַם, מיט הנאה, יעדער ביסן מוז צושטעלן זיין חלק הנאה, מען קייט לאַנג, לאַנג, און ווען מען איז פאַרטיק ווערט אַלץ אויפגעלייגט אין אָרדענונג; דאָס טישטעכל ווערט אויפגעלייגט אויף די זעלבע קנייטשן, ווי עס איז אַרויס פון פּרעס, מען ווישט טיכטיק די וואָנצעס (עס איז געווען די צייט, ווען יעדער מאַנספּאַרשוין האָט געהאַט וואָנצעס), מען סאַפּעט שווער נאָכן שווערן עסן, מען רעדט פויל, די בייכער זענען פול, און עס איז גוט צו שווייגן.

און ווי אָפּגערעדט לויפן אַריין אויף דער נאָענטער סטאַנציע יונגע דייטשלעך מיט גרויסע טאַצן אָנגעשטעלט מיט גרויסע גלעזער שוימענדיק ביר.

דער גאַנצער וואַגאָן לאָזט אַרויס אַ גליקלעכן — אַה, ביר . . .

מען זופּט דאָס ביר, דער שוים באַשמירט די וואָנצעס, נאָך יעדן גרויסן זופּ הערט זיך דער גליקלעכער קרעכץ — אַה . . .

די באַן, ווי אָפּגערעדט, שטייט פּונקט די צייט וואָס איז נויטיק צו אויסזשליאָקען אַ גרויס און בייכיק גלאָז ביר.

נאָכן ביר ווערט שטיל אינגאַנצן, אָבער באַלד צעטראָגט זיך אַ כראָפּעריי איבערן וואַגאָן.

אַ שווערע, זאַטע מיטן ריח פון ביר און ווורשט כראָפּעריי.

* *

עס איז שטיל און איך קוק אויף דער נייער וועלט דורכן פענצטער, די נייע וועלט טראָגט זיך פאַרביי דער לויפנדיקער באַן.

אַלץ איז עפּעס ריין און צאַצקעוואַטע, אַלץ איז עפּעס ציכטיק און שטרענג.

די הייזער עפּעס ווי געוואַשענע און געצוואָגענע ווי אונדזערע מיידלעך שבת. אפילו די ערד, די ערד מיט איר שטויב, זאַמד און בלאָטע איז אויסגעפּוצט און עפּעס סאָלדאַטיש־דיסציפּלינירט.

פעלדער און גערטנער,ביימער און גרינסן זעען אויס עפּעס ווי אויף סענטימענטאַלע בילדלעך.

די וועגן זענען ברייטע און ריינע.

און אָט לויפט איר פאַרביי אַ פערד־און־וואָגן, זענען די פערד גרויס און געזונט ווי העלפאַנטן; יעדער לאַסט־וואָגן ווערט געפירט פון צוויי גיגאַנטישע פערד.

און דער וואָגן, דער פּשוטער לאַסט־וואָגן, איז אַ געפאַרבטער און די פערד אויסגעפּוצט, אויסגעוואַשן און געשוירן.

און די מענטשן, וועלכע די באַן לויפט פאַרביי, זענען רואיקע, געלאַסענע און זאַטע, דער עיקרשט זאַטע.

די זאַטקייט ליגט אויף אַלץ, די זאַטקייט איז אומעטום.

זאַטקייט און צופרידנקייט אויף אַלץ און אַלעמען.

נישטאָ דאָס ליטווישע מעלאַנכאָלישע וועלדל, נישטאָ די אָפּגעלאָזענע און אין בלאָטעס ליגנדיקע פּאָליעסער וועלדער, נישטאָ אונדזערע הינטער־שטעטלשע שיטערע און עפּעס יתומדיקע וועלדלעך.

אַן אַנדער וועלט.

אַ שבתדיקע וועלט, אָבער אַ שטרענגע און אַ קאַלטע, אַן אויסגעוואַשענע און אַ פרעמדע.

איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון פענצטער:

אָט דאָס איז אויסלאַנד, דאָס איז די צויבערלעכע וועלט, וואָס מאַניעט די יידישע יוגנט, וואָס ווערט אַזוי באַזונגען אין די השכלה־ביכער און וואָס נעמט קליינשטעטלשע ישיבה־בחורים און מאַכט פון זיי דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע און ראַבינערס . . .

איך האָב געזען עטלעכע אַזעלכע אויסלענדישע דאָקטוירים, זיי זענען אַלע שטייפע, רעדן דייטש און טוען גוטע שידוכים . . .

און פון וואַגאָן גייט מען אַרויס און מען קומט אַריין אויף יעדער סטאַנציע.

אין וואַגאָן איז אַלץ צירלעך־מאַנירלעך; מען באַגריסט זיך איידל, מען געזעגנט זיך קאַלט, מען זיצט און מען שווייגט.

בלויז דאָ און דאָרט פירט מען אַ שמועס שטיל און ערנסט.

די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף וואָקזאַלן, וואָס זענען אין סאַמע מיטן שטאָט און האַרט ביי דער זייט פון שטעטלעך, די שטעטלעך זעען אויס פון וויטן ווי צאַצקעלעך, און עס גלויבט זיך דיר נישט אַז אין אַזעלכע צאַצקעוואַטע הייזלעך וווינען אַזעלכע גרויסע בייכיקע און גראָב־האַלדזיקע פּאַרשוינען, וועלכע קומען אַריין און גייען אַרויס פון באַן.

און אָט דערנענטערן מיר זיך צו קעניגסבערג, צו דער שטאָט אין וועלכער דער פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט האָט געלעבט און געגאַנגען פּינקט־לעך, צו דער סעקונדע ממש, אין אוניווערזיטעט האַלטן זיין לעקציע וועגן פילאָזאָפיע, און אַלע קרעמער און באַלעבאָסטעס פלעגן אָנשטעלן זייערע זייגערס, וואָס פלעגן זיך פאַרשפּעטיקן, אָדער צואיילן.

דער „הערר פּראָפעסאָר" איז געגאַנגען אין אוניווערזיטעט ווי דער פּינקטלעכסטער זייגער, ער האָט פאַר צענדליקער און צענדליקער יאָרן קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט אויף אַ סעקונדע, ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין קלענערן און קיין גרעסערן טריט, אַזוי יאָרן און יאָרן ביז זיין טויט.

און אָט פאָרן מיר אַריין אין שטאָט.

אַ גרויסע שטאָט, אַן אַלטע שטאָט, אַ ריינע שטאָט און אַ סאָלידע שטאָט.

עס איז נישט בלויז די שטאָט פון דעם פילאָזאָף קאַנט, עס איז די הויפּטשטאָט פון דעם דייטשן יונקערטום, די יונקערס האָבן זייערע מאַיאָנטקעס אַרום דער שטאָט, און לאָזן זיך אַראָפּ אָפט אין שטאָט ווי מלכים, ווי ווילהעלמס; די שפּאָרן קלאַפּן, די סאַבליע אין האַנט זי זאָל זיך נישט שלעפּן אויף דער ערד.

און אַלע מאַכן אַ וואָרע פאַר זיי, אַלע טרעטן זיי אָפּ דעם וועג מיט דרך ארץ.

און זיי, זיי שענקען קיינעם נישט קיין אויפמערקזאַמקייט.

אַ שטאָט פון עמאַנועל קאַנט און הינדענבורג...

און אָט בין איך אין שטאָט גופא.

דער וואָקזאַל איז גרויס און ריין, די פּעקל־טרעגערס, וואָס דער־וואַרטן די באַן, זעען אויס אי ווי עמאַנועל קאַנט און אי ווי הינדענבורג. ממש אַ פּראָפעסאָר און אַ גענעראַל טראָגן דיינע אָרעמע פּעקלעך.

און זיי רעדן קורץ, זיי זענען פרעמד און קאַלט, זיי זאָגן דעם פּרייז אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַן אורטייל פון אַ ריכטער, זיי געזעגענען זיך מיט דיר, דאַנקען און נישטאָ זיי...

און אָט בין איך אין אַ האָטעלכל.

ווייטער קאַלט און מיט געציילטע ווערטער ווערט די טראַנזאַקציע דורכגעפירט.

קיינער פרעגט ביי דיר נישט, ווער דו ביסט, פון וואַנען דו קומסט, וואָס האָסטו בדעה צו טון דאָ, אפשר ווילסטו עפּעס וויסן, דו ביסט דאָך אַ פרעמדער, מיר קענען דיר בייהילפיק זיין מיט אַן עצה — קיין וואָרט ניט.

מען טראָגט אַרויף מיינע פּעקלעך און איך בין אין מיין צימער איינינקער אַליין . . .

דאָס צימערל איז ריין, ציכטיק, אָבער עפּעס קאַלט און שטרענג איז אַלץ אין צימער; דאָס בעט איז גרויס ווי אַ הויז אין אונדזער שטעטל, און קישנס בלאַנק־ווייסע זענען אָנגעלייגט אויפן בעט ממש ווי בערג.

איך בין מיד און שלעפעריק, אָבער דאָס בעט שטייט שטרענג און קאַלט, עס לאַדט דיך נישט איין פריינטלעך צוצולייגן זיך אויף דעם נאָך דער לאַנגער רייזע.

איך גיי אַרויס אין גאַס.

אַלמעכטיקער גאָט, וויפל וווּרשט־געשעפטן, אין די פענצטער זענען אויסגעלייגט פאַרשידענע וווּרשטן, אַלע גראָבע און לאַנגע, אַלע גלאַנציקע, ווי לאַקירטע. און כדי איר זאָלט זען די אינגעווייד פון יעדן וווּרשט ליגט פון יעדן מין אַן אויפגעשניטענער וווּרשט און איר זעט די מאַסע פלייש און פעטס אין זיי.

נאָך די וווּרשט־קראָמען קומען די עסנוואַרג־קראָמען, בערג מיט עסנוואַרג, ממש בערג, און אַלץ איז צעלייגט אין דער גרעסטער אָרדענונג, און אַלץ איז אין פּעקלעך, און אומעטום באַוועגן זיך סאָליד בלאָנדע דייטשן און דייטשקעס, אין ווייסע פאַרטוכער, זיי פאַרקויפן די וווּרשט און דאָס עסנוואַרג מיט אַזאַ ערנסט ווי קאַנט האָט געלייענט זיינע פילאָזאָפישע לעקציעס.

און ביר־הייזער איינע לעבן די אַנדערע, און אַלע זענען פול מיט דייטשן און קעלנער און קעלנערינס טראָגן די גרויסע גלעזער מיט שוימיקן

ביר, און אלע גלעזער האבן די זעלביקע פארציע פון שוים, נישט מער און נישט ווייניקער.

און דייטשן טרינקען און ווישן די וואנצעס.

זיי טרינקען שטיל און טרינקען מיט כוונה.

בלויז דא און דארט קרעלט ארויס ביי איינעם פון האלז „גוט מאיען".

מיר ווייזט זיך אויס, אז אלע דייטשן פירן א פארביסענעם ברוגז צווישן זיך, זיי רעדן נישט צווישן זיך.

ביי אונדז איז דאס רעדן ביים טרינקען דער עיקר, נעמט מען א גלאז ביר, אדער א שנאפס צעבינדן זיך באלד די צינגער און עס הויבט זיך אן א טומלדיקע רעדעריי.

און דא טרינקט מען און מען שווייגט.

און גרויס זענען די ביר־האלעס און מענטשן זענען דארט ווי זאמד אויפן ברעג ים, אבער עס איז שטיל.

איך גיי אריין, נעם אויך א גרויס גלאז ביר, טרינק און שווייג, קיי־נער רעדט צו מיר נישט און איך רעד צו קיינעם נישט.

ביז עס ווערט מיר אזוי אומהיימלעך, אז איך האב מורא, אז איך וועל זיך צעכליפען אין דער ביר־האלע פאר אלעמען אויף די אויגן.

איך לויף ארויס פון דער ביר־האלע און לאז זיך בלאנדזשען איבער דער שטאט.

שטיל און עפעס פייערלעך איז אין די גאסן פון שטאט. עפעס ווי נאך א גרויסער לוויה.

איך גיי לאנג און פארבלאנדזשע. איך שטעל אפ א דייטש און פרעג אים אויף דער גאס, וווּ מיין האטעל איז, ער גיט מיר קלארע, פעדאגא־גישע אנווייזונגען, ווי א לערער פון געאגראפיע אין קלאס.

ער פרעגט נישט, צי איך בין א פרעמדער, פון וועלכן לאנד איך בין נעקומען און וואס דארף איך אויף דער גאס, אויף וועלכער איך פרעג זיך נאך.

עס איז נישט זיין עסק, ער האט מיר קלאר, קורץ און שארף אויס־געלייגט דעם וועג צו דער גאס און איז אוועק.

גייענדיק צו מיין האטעל אויף אן אנדער וועג, באטראכט איך די שטאט; עס איז אן אלטע און א נייע שטאט, אלט און ניי זענען דא צו־

זאמען, דאָ שטייט אַן אַלט הויז און לעבן דעם אַלטן הויז שטייט אַ שפּאָגל־נײַ הויז.

און סיי די אַלטע און סיי די נײַע הײַזער זענען שווער און סאָליד. דאָס זענען עפּעס פעסטונגען, נישט קיין הײַזער.

און אומעטום איז דאָ פעסטקייט און שווערקייט.

ערנסטע הײַזער, נישטאָ קיין שמייכלענדיקע הײַזער, אַלץ איז ערנסט, שווער און ערנסט.

איך שטוים זיך אָן אויף אַ מאָנומענט קאַטנס.

אַ קליין און דאַר מענטשל.

נישט קאַנטיק דער פילאָזאָף נישט אויף זײַן פּנים און נישט אין זײַן האַלטונג.

און אַ שאַרפע בענקעניש באַהערשט מיך נאָך די וואַרעמע, באַרע־דעוודיקע פּינסקער ייִדן, נאָר די פּשוטע ייִדישע מענטשן, מיט וועלכע איך ווערט באַקאַנט און ווערט באַפרײַנדעט בײַ דער ערשטער קורצער באַגעגעניש.

ווי וועל איך לעבן צווישן אָט די פרעמדע מענטשן, צווישן אָט די קאַלטע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן נישט די מינדסטע נײַגעריקייט צו אַ נײַעם, פרעמדן מענטשן.

איך בין צוריק אין האָטעל, צוריק אין מײַן צימער.

עס ווערט אָוונט און איך לאָז זיך פאָרן אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט צו אַ משפּחה פון ליטווישע ייִדן, צו וועלכע איך האָב געהאַט אַ בריוו און אַ גרוס.

איך פאַל אַריין אין אַן אַנדער וועלט.

אַלע זענען נײַגעריק צו וויסן, פון וואַנען איך קום, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן אין קעניגסבערג.

— לערנען? — דאָס איז שיין, אין וועלכע 10 מינוט אַרום בין איך שוין אַן אײַגענער מענטש אין הויז, איך האָב שוין פרײַנט, מאָרגן פירן זיי מיך אין אוניווערזיטעט, מאָרגן עס איך בײַ זיי אָוונט־ברויט, מאָרגן בײַטן זיי מײַן האָטעל, עס איז אַ צו טײַערער האָטעל פאַר אַ סטו־דענט, זיי האָבן שוין פאַר מיר אַ צימער אין אַ פּריוואַט הויז.

אַ שטיקעלע היים, אַ שטיקעלע וואַרעמע און האַרציקע היים אין קאַלטן קעניגסבערג.

די פרוי פון מיין נייעם פריינט איז ממש מוטערלעך צו מיר, די קינדער, האַלבע דייטשלעך, ווערן באַלד מיינע פריינט.

איך דאַרף זיך קודם כל לערנען דייטש, זיי וועלן שוין אַלץ באַזאָרגן, ביכער, אַ לערער פאַר דער ערשטער צייט, זיי וועלן מיך באַקענען מיט עטלעכע סטודענטן, דייטשן, אָבער בראַווע קערלס, סאָציאַליסטן. נישט געזאָרגט.

און אויף מאָרגן איז די גאַנצע פאַמיליע געווען פאַרנומען מיט מיר דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט בין איך געזעסן ביי דער יידישער פאַמיליע ווי אַן אייגענער, ווי אַ מיטגליד פון דער משפחה.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז זיי פילן זיך דאָ אויך עלנט, און זיי דערפרייען זיך מיט יעדן היימישן מענטשן, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו זיי.

נאָר עלנטע אליין קענען אַזוי וואַרעם און אַזוי האַרציק אויפנעמען נאָך אַן עלנטן.

די יוגנט האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט מיר און זיי האָבן מיך פשוט נישט אָפּגעלאָזן פון זיך.

און אַזוי איז דאָס קאַלטע, פּרייסישע קעניגסבערג, געוואָרן אַ היימישע שטאָט פאַר מיר.

2

דייטשע סטודענטן

איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ווי מען קען זיך באַגעגענען מיט דייטשע סטודענטן.

האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אייניקע „קנייפּעס", שענקלעך, בירהאַלעס און רעסטאָראַנען.

און אין עטלעכע אָוונטן נאָך מיין קומען בין איך געזעסן אין אַ קנייפּע און געוואַרט אויף מיינע קומענדיקע קאָלעגן, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אַריינלאָזן אין דער דאָזיקער קנייפּע.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר אַן עפן געטאָן האַסטיק און מיט געזאַנג

און פיס־טופעריי האָבן זיך, ווי זעלנער, אריינגעשאָטן א היבשע כאָפּטע סטודענטן אין קנייפּע אריין.

אַלע אין פארביקע קליינע היטעלעך, מיט פארביקע בענדער איבער דעם אַקסל און פעכט־שפּאגעס ארויסגענומענע פון שיידס.

זיי זענען אַלע אין שטרענגער אָרדענונג אריין אין א באזונדער ציִ־מער, פון וועלכן עס האָבן זיך באַלד דערהערט קאָמאנדע־ ווערטער, שטרענגע, הארטע און באפעלנדיקע ווערטער, דערנאָך געזאנג, און באַלד נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן טראָגן אין דעם באזונדערן צימער גרויסע קופּלעס מיט ביר.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף אַן אָרט, פון וועלכן איך האָב געקענט זען וואָס אזוינס עס קומט פאָר אין צימער.

געזען האָב איך ווי מען טרינקט, אָדער ווי מען זשליאָקעט ביר בציבור.

מען הויבט די קופּעלס, מען שרייט „האָך" און מען טרינקט, מען איז נאָך נישט פארטיק מיט איין קופּעל און עס שטייט שוין גרייט נאָך איינער.

און מיט אָרדענונג טרינקט מען; דער אָנפירער נעמט דעם קופּעל אין האנט, נעמען באַלד אַלע די קופּעלס אין די הענט, דער אָנפירעה גיט א געשריי „האָך", שרייען אַלע „האָך". ער הויבט אָן צו זופּן און אַלע זופּן מיט אים.

עטלעכע גרויסע זופּן, דער אָנפירער גיט א הויב די האנט, אַלע קופּעלס ווערן אוועקגעשטעלט.

דער אָנפירער שטעלט זיך אוועק. איך זע זיין שמאַלציקן האַלדז, הער זיינע עפּעס האַוקענדיקע ווערטער, און מיט אַמאָל שטעלן זיך אַלע אויף און מען הויבט אָן צו זינגען „גאודעאמוס איגיטור", דאָס באקאנטע סטודענטישע לאַטייניש ליד.

מען זינגט פייערלעך, אָבער קאַלט.

אָפּגעזונגען, גיט מען זיך א זעץ, ווי מאַריאָנעטן, ווי ליאַלקעס.

און דאָ הויבט זיך אָן א פרייע ריידעריי, א געלעכטער, מען לאַכט הויך, מען שרייט, מען טומלט.

ווי לייט אַן אָפּמאַך, קומט אריין א מיידל, וואָס זעט אויס ווי א קעלנערין אין דער קנייפּע, און עס ווערט עפּעס ווי א הירזשעריי ווי פון

פערד, אלע ווילן ארומנעמען דאָס מיידל, דאָס מיידל לאַכט, קוויטשעט און די סטודענטן, שוין האַלב־באַזויפענע, ווערן ווילד . . .

אָבער דאָ שטעלט זיך אויף דער אָנפירער מיטן שמאַלציקן האַלדז און גיט אַ כאָרבל :

— אָרדנונג !

און אַלע זיצן ווידער ווי הילצערנע ליאַלקעס.

נאָך אַ געשריי און אַלע כאַפּן די קופעלס מיט ביר, דאָס מיידל אויך, און מען טרינקט נאָך מיט מער ברען.

און ווידער ווערט מען פריי.

דאָס מיידל טראָגט שוין אַ פּאַרביק היטעלע ווי די סטודענטן און אַ פּאַרביקע לענטע איבער דעם אַקסל.

הכלל, דאָס איז דאָס באַקאַנטע קאָרפּאָראַנטן־מיידל.

לאַנג האָט מען געטרונקען, געלאַכט, געהירזשעט און געזונגען.

און פּלוצלינג לויטן באַפעל שטעלן זיך אַלע אויף, נעמען זייערע היטעלעך, זייערע פעכט־שפּאַגעס, שטעלן זיך אין ריי ווי זעלנער און מ'לאָזט זיך אין גאַס אַריין.

איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרשעמטער און עפּעס אַ באַליידיקטער.

פאַר מיר איז געווען אַ סטודענט ממש דער סימבאָל פון ריינער יוגנטלעכקייט, פון שיינער, דערהויבענער רעבעלישקייט און אידעאַליזם.

און דאָ האָב איך געזען אַ כאַפּטע ביר־זויפער.

אַ כאַפּטע געזונטע יונגאַטשעס, וואָס לאַכן עפּעס אַזוי גראָב און באַנעמען זיך ווי סאָלדאַטן.

אָט דאָס זענען סטודענטן? האָב איך זיך געפרעגט.

און מיר איז געוואָרן אַזוי שווער אויפן האַרצן, אַזוי שווער און אַזוי אַנטוישנדיק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט דער שמאַלץ־האַלדזיקער סטודענט, די גרויסע קופעלס ביר, דאָס בלאָנדע קאַלב־מיידל, די היר־זשענדיקע סטודענטן, פּאַרביקע היטעלעך און לענטעס . . .

אָט דאָס זענען סטודענטן . . .

* *

אין עטלעכע טעג שפעטער בין איך געזעסן אין דעם אלטן קעניגס־בערגער אוניווערזיטעט, געהערט א לעקציע פון א יונגן פריוואט דאָצענט וועגן דער קונסט פון מאלעריי אין רענעסאנס.

א פרייער צוהערער פון א רייע לעקציעס בין איך געוואָרן.

אויף דער לעקציע האָב איך באגעגנט די זעלביקע סטודענטן וואָס אין דער קנייפע, אָבער אלע ביז גאָר ציווילע, אלע ריינע, שטילע און ביז גאָר ארטיקע.

דער יונגער, עלעגאנטער ערב־פּראָפעסאָר האָט גערעדט זייער זאכ־לעך, זייער קלאָר און זייער קאלט.

אָבער עס איז געווען א תהום פון וויסן אין זיין לעקציע, ידיעות, אינפאָרמאציע האָט ער געגעבן אזוי פיל, אז מיר איז געווען שווערלעך צו פארדייען אזעלכע גרויסע קוואנטיטעטן פון אינפאָרמאציע.

עס האָט אָבער גענומען נישט לאנג און איך האָב געכאפּט דעם כאראקטער פון דעם דייטשן דורכשניטלעכן פּראָפעסאָר, און איך האָב זיך פארצייכנט דעם עיקר, און די פיל דעטאלן, מיט וועלכער א לעקציע פון א דייטשן פּראָפעסאָר צייכנט זיך אויס, האָב איך דורכגעלאָזן, דאָס איז אייגנטלעך וויסנשאפטלעכע שטרוי, וועלכע דו קייעסט און קייעסט און בלייבסט א הונגעריקער.

א דייטשער פּראָפעסאָר וועט קיין פּראָפעסאָר נישט זיין, אויב ער וועט נישט אָרויסווייזן גוואלדיקע געלערנזאמקייט. דאָס הייסט, ווען ער וועט נישט אָנהויבן אין זיינער א לעקציע א בארג פון דעטאלן.

מיין שנעלע אָריענטאציע אין דער דייטשער געלערנזאמקייט האָב איך געהאט צו פארדאנקען אן אנדער פּריוואט־דאָצענט, וואָס האָט גע־געבן א סעריע לעקציעס וועגן געטע, זיין שאפן און זיין צייט.

פאר א קליינעם אָפּצאָל האָט איר געקענט הערן די גאנצע סעריע לעקציעס.

דער דאָזיקער ערב־פּראָפעסאָר איז געווען א הינקענדיקער. ער האָט געהאט א קליין סארקאסטיש פּנימל און מיט אזא גרויסער טשופּרינע האָר, אז זיין קליין פּנימל איז ממש פארפאלן געוואָרן אין דער גרויסער טשופּרינע האָר.

עס איז געווען א סך סארקאזם און גיפטיקער וויץ אין זיינע לעקציעס.

בכלל איז געווען עפּעס דעמאָגישעס אין דעם דאָזיקן הינקענדיקן פּראָפעסאָר.

ער האָט שאַרף און ביטער קריטיקירט די גאַנצע ליטעראַטור וועגן געטע. ער האָט אויסגעלאַכט די פיל דייטשע געלערנטע, וואָס האָבן אויסגעזוכט ידיעות וועגן דעם וויפל שעה אַ נאַכט איז געטע געשלאָפן, וואָס ער האָט געגעסן און צו וועלכער פרוי האָט ער אין דעם און דעם דאַטום אַ שמייכל געטון און וואָס האָט באַדייט דער דאָזיקער שמייכל.

פון דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר האָב איך פיל געלערנט.

ער איז צוגעגאַנגען קריטיש צו געטען, ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס שיינע און דאָס גוטע און האָט קיין מורא נישט געהאַט צו חוזקן פון געטעס צווייטן טייל „פאַאוסט", וועלכן די דייטשן באַטראַכטן פאַר אַ גרויס ליטעראַריש און פילאָזאָפיש ווערק.

ער האָט אין צוויי לעקציעס קריטיקירט אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ צוויי־בענדיק ווערק וועגן דעם צווייטן טייל פון „פאַאוסט"; ער האָט דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר אַזוי שאַרף און אַזוי ביטער אויסגעלאַכט, אַז דער היפּשער עולם אין דער אוידיטאָריע פלעגט פאַרהילכן די אוידי־טאָריע מיט הילכיקע געלעכטערס.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער פּריוואַט־דאָצענט איז אַ סאָציאַליסט. ער איז באַקאַנט מיט זיין סאַרקאַזם, און אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגן צו אַ פּראָפעסאָר צוליב זיין ראַדיקאַליזם.

אָבער מען דולדעט אים ווי אַ פּריוואַט־דאָצענט, ווייל ער איז באמת אַ גאָר גרויסער קענער פון דער דייטשער ליטעראַטור.

ער איז געווען אַ שאַרפער קריטיקער פון ליטעראַטור און אַ גרויסער בקי, און ער איז געווען מיין ערשטער לערער פון ליטעראַטור.

אַ דאַנק אים האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיטן דייטשן טעאַטער.

ער האָט רעקאָמענדירט זיינע צוהערער זען אַ פאָרשטעלונג פון „פאַאוסט", וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען גוט.

איך האָב זיך פאַרקליבן אויף דער דריטער, צי דער פערטער גאַ־ליאָרקע אין דעם קעניגסבערגער טעאַטער.

גאַסטראָלירט האָט אין טעאַטער אַ באַרימטע טרופּע פון בערלין.

און איך האָב געזען די ערשטע גרויסע פאָרשטעלונג פון געטעס „פאַוסט", געשפּילט פון גרויסע שוישפּילער.

איך האָב געזען אַ גרויסן מעפּיסטאָ, אַ גרויסן פאַאוסט און, פאַר־שטייט זיך, אַ בלאָנדע גרעטכען, דער סימבאָל פון דייטשער כשרער ווייב־לעכקייט, וואָס נאָר פאַאוסט, מיט דער הילף פון מעפּיסטאָפעל, האָט גע־קענט אַראָפּפירן פון וועג . . .

* *

די ערשטע טעג האָב איך געגעסן מיט די אויגן די אַלט־נייע שטאָט, די נייע מדינה און די נייע מענטשן. מיינע אויגן האָבן זיך גאָר נישט גע־קענט אָנזעטיקן, מיין פריידע איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין אַרומגע־גאַנגען אַ זינגענדיקער איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט.

נאָך די ערשטע טעג פון געדיכטער פרייד איז געקומען די שווערע און ביטערע רעאַקציע: די ביטערעווירקלעכקייט מיט איר גרוי פּנים האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר.

אַ פרעמדער, אָן פריינט און באַקאַנטע, האָב איך זיך באַלד אָנגע־שטויסן אויף דער קאַלטער גלייכגילטיקייט פון די דייטשן. פאַרשלאָסענע, פאַרריגלטע מענטשן. מען קען צו זיי נישט צוקומען.

איך האָב זיך גענומען מאַכן באַקאַנטשאַפט צווישן אַנדערע יידן און דאָ איז מיין אַנטוישונג געווען ביטערער.

אין קעניגסבערג, ווי געזאָגט, זענען דאַן געווען פיל רוסישע יידן, וואָס האָבן געפירט דעם תבואה־האַנדל צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. יידן אין האַרטע, גלאַנציקע צילינדערס, יידן, וואָס רעדן אַ צעבראָכענעם דייטש, וואָס האָבן צווישן זיך עפּעס זייערס אַ באַזונדערע שפּראַך, עפּעס אַ גנבים־שפּראַך. יידן אויסערלעך אייראָפּעאיש, אָבער אין עצם, אונזערע קליינשטעטלדיקע סוחרימלעך, האַווענדיקע, שמאַיענדיקע און צעטומלטע

איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט עטלעכע יידישע פאַמיליעס אַזעל־כע, און איך האָב דערזען דעם תהום אין זייער פאַמיליען־לעבן: טאַטע־מאַמע נאָך קאַלוואַריש־דייטשע יידן און די קינדער שוין דייטשן, מען פאַרשטייט נישט איינע די אַנדערע און מען לעבט אין אייביקע קריגערייען, אין אייביקע רייסערייען. די טאַטעס מאָנען עפּעס ביי די קינדער אין ווייסן נישט וואָס זיי מאָנען. די קינדער מאָנען עפּעס ביי די טאַטעס און ווייסן אויך נישט, וואָס זיי מאָנען.

דאָס לעבן אין די פאַמיליעס איז אַ גיהנום. די דיקע, אָנגעפּרעסענע

מאמע שרייט אין קיך, שרייט, קריגט זיך מיט דער דייטשער דינסט „די בהמה", וואָס אנשטאָט זאלצן דאָס פלייש, האָט זי עס געפעפערט. זי קריגט זיך מיט די קינדער, מיטן מאַן. צום אָנהויב גייט דער קריג אין דער דייטשער שפּראַך, נאָר ווען די מאַמע צעפּלאַקערט זיך, הויבט זי אָן צו שילטן אויף יידיש, אויף פּעטן, קנאַליקן יידיש, ווערט אַ פּאַניק אין שטוב: די קינדער דערשרעקן זיך אויף טויט פאַר דעם זשאַרגאָן, מען פאַרמאַכט די טירן, די פענצטער, אַז די דאָזיקע שפּראַך זאָל נישט געהערט ווערן אין גאַס און אין קיך, וווּ די דייטשע דינסט איז געוועלנלעך.

און דער צעטומלטער טאַטע וואַרפט זיך נעבעך ווי אַ פיש אין וואַסער. ער פּרובירט מיט גוטן און מיט בייזן איינשטילן זיין פרוי און ארויפפירן זי צוריק אויף דער דייטשער שפּראַך . . .

מען שבתט נאָך ווי אין דער אַלטער היים, צו קידוש קומען אַלע קינדער, איידימלעך, בערזע־האָזלער, שניר אויסגעדייטשטע און באַלד נאָך „קידוש" צעלויפן זיך אַלע. מיטן טאַטן און מיט „מאַמאַכען", אַזוי זיס, אַזוי לאַקריצדיק, אמת דייטשיש.

באַלד אָבער ווערט פּוסט אין שטוב, די אַלטע זיצן אַליין, פינצטערע און ביטערע.

ביי די אמת דייטשע יידן, מיט וועלכע איך האָב זיך געוואָלט באַקאַנען, האָב איך באַגעגנט אַזאַ קאַלטע און צוריקגעהאַלטענע אויפנאַמע, אַז איך האָב באַלד באַשטימט נישט צו האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא.

אַ באַליידיקטער און אַן אַנטוישטער האָב איך זיך פאַרשפּאַרט אין אַ צימער און גענומען זיך צום לערנען. גרייטן זיך צו מאַטורע (הייסקול עקזאַמען). אַ פּאָר שעה אין טאָג פלעג איך באַזוכן אַלס פּריוואַליקער סטודענט עטלעכע פאָרלעזונגען פון פּראָפעסאָרן אין אוניווערזיטעט.

און אויף די פאָרלעזונגען האָב איך זיך באַקענט מיט אַ דייטשישן סטודענט מיט אַ באָרד, אין גרויסע שיך און אין אַ יעגער־קאָסטיום.

אַ מאָדנער דייטש איז עס געווען; ער איז געווען פון אַ קליין פּרייסיש שטעטל, פון אָרעמע עלטערן, פּויערים, דאַכט זיך. די באַקאַנטשאַפט איז געקומען פון דעם, וואָס דער דאָזיקער דייטש האָט געקענט עטלעכע רוסישע ווערטער און האָט זיך געוואָלט לערנען רוסיש. מיר זענען אויפן דריטן טאָג, אויפן דייטשישן געשעפטלעכן אופן דורכגעקומען, אַז איך

לערנען אים רוסיש און ער לערנט מיך אַלץ, וואָס איך האָב נויטיק צום אָנקומען אין אוניווערזיטעט.

זייער נישט קיין באַרעדעווודיקער איז געווען דער דאָזיקער מאַסיווער דייטש. ביים לערנען רוסיש האָט ער מיך געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף לערנען מיט איינעם ווי ער רוסיש: ער האָט מיר געגעבן אַ מעטאָדע, ער האָט מיך דיסציפּלינירט און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך געוואָרן דער ריכטיקער לערער, דער לערער, וועלכן ער האָט באַדאַרפט.

און גרינטליך איז געווען דער דאָזיקער דייטש, אַז ער פלעגט מיך ממש פאַרמוטשען. האָב איך אים דערקלערט אַ כּלל פון דער רוסישער גראַמאַטיק, פלעגט ער מיך נישט אָפּלאָזן. ער האָט געמוזט וויסן אַלע אויסנאַמען, אַלע בויגונגען, אַלע פאָרמען.

און אַזוי איז געווען ווען ער האָט מיט מיר געלערנט: איך האָב זיך נישט געטאָרט פאַרלאָזן אויף מיין שנעלער תפיסה, אויף מיינע השערות. גרינטלעך, מעטאָדיש האָב איך געמוזט זיין.

נעכט פלעגן מיר אָפּזיצן און מיר זענען קיין פריינד נישט געוואָרן; סוחרים זענען מיר געווען. איך האָב אים פאַרקויפט רוסיש און ער מיר, דייטש, לאַטיין, און געהיט האָט ער מיך, אַז איך זאָל אים נישט אָפּנאַרן און אַז איך זאָל, חלילה, פון אים נישט אָפּגענאַרט ווערן.

ווער ער איז, האָב איך נישט געוווּסט און ווער און וואָס איך בין, האָט ער נישט געוואָלט וויסן.

נאָר איינמאָל האָט מיך מיין ראַדיקאַליזם און דער עיקרשט מיין נייגעריקייט געפירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשישע אַרבעטער. מיט אַן אָפן מויל און אויערן האָב איך געהערט סאָציאַליסטישע רעדעס, אַזעלכע רוּאיקע און אַזעלכע זאַכלעכע . . .

איך האָב מיר סאָציאַליזם גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט. עפּעס אין אַ וואַלד און מיט אַ געוואַלדיקן ברען און מיט געהיימניספולקייט דאַרף מען רעדן וועגן סאָציאַליזם . . .

ווי איך שטיי אַזוי אַ פאַרגאַפטער, דערפיל איך אויף מיר אַ האַנט. איך קוק זיך אום און דערזע מיין לערער, מיין תלמיד.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט פאַרווונדערטע. זיינע אויגן האָבן געפרעגט ווי קום איך אַהער? און מיינע אויגן האָבן געפרעגט ווי קומט ער אַהער?

אין א פּאָר שעה אַרום זענען מיר געזעסן ביי צוויי גרויסע קופעלם ביר און מיין דייטש האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. ער איז א סאָציאַליסט, און נישט פרעגנדיק ביי מיר צי איך בין עס אויך, האָט ער מיר געגעבן די האַנט און האָט מיך פייערלעך אָנגערופן „גענאָסע".

פון יענעם פאַל אָן זענען מיר געוואָרן פריינד, ניכטערע, מיושבדיקע פריינד.

ער איז געוואָרן מיין פירער און מיין אויפזעער.

איך האָב זיך געלערנט מיט פליים און מיין דייטש פלעגט שוין איצט מיר קלאַפּן איבערן פּלייצע און פלעגט זאָגן :

— פּאַמאַז, גענאָסע, וויר זינד באַלד פערטיג . . .

און מיין דייטש האָט געלערנט אפשר מיט מער פליים פאַר מיר; ער האָט גערעדט רוסיש, פאַרשטייט זיך מיט א געפערלעכן אַקצענט. ער האָט געלייענט רוסישע ביכער און האָט זיך געפּלאָנטערט אין נעמען פון מענטשן און שטעט.

אָבער ער האָט געוואָלט דערגיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז באַהאַלטן אין די ביכער, עפּעס א באַהאַלטענע כוונה, א פאַרשטעלטן מיין און א פאַרשלייערטן געדאַנק.

עפּעס מעשה דעטעקטיוו, אָדער ווי א שפּיאָן האָט ער געלייענט די ביכער, עפּעס האָט ער געזוכט און געגישטערט אין זיי עפּעס באַהאַל־טענעס.

ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס זוכט ער אין רוסישע ביכער עפּעס צווישן די שורות און עפּעס הינטער די שורות ?

האָט ער מיר דערקלערט פּשוט :

— אַלע ווייסן, אַז די רוסן זענען געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן, איבערהויפּט די שרייבער, און זיי נאַרן כסדר אָפּ די צאַרישע צענזור, זיי שרייבן פאַרשטעלט, אָבער די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פאַרשטייען, אָדער געפינען אויס פון די ביכער עפּעס גאָר אנדערש פון דעם וואָס עס איז געשריבן אין זיי.

איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, פאַרזיכערט, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און ווי א באַווייז האָב איך אים געגעבן לייענען א רעוואָלוציאָנערע בראָשור אין רוסיש, וואָס איז געווען געדרוקט אין אויסלאַנד.

ער האָט זיך ארויסגעוואָרפן אויף איר מיט א מוראדיקער נייגע־דיקייט.

אָבער מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיר צוריקגעבראכט די בראָשור אין גאַנצן אַן אנטטוישטער.

— דאָס איז „אגיטאַציאָנסקוואטש", — האָט ער געזאָגט קורץ.

און געזוכט האָט ער געהיימניסן.

דאָס וואָס עס איז געווען אין דער בראָשור איז געווען פאר אים צו פּשוטע און צו אָפענע דיבורים, ממש אלף־בית פון סאָציאליזם.

און צום סוף האָט ער פארלוירן דעם גאַנצן אינטערעס צו די רוסישע ביכער:

אין דער דייטשישער ליטעראַטור זענען דאָ בעסערע ביכער, אָבער ער לייענט בכלל נישט קיין בעלעטריסטיק, ער לייענט תכלית־ביכער, ביכער פון וועלכע מען לערנט עפּעס, איז אויב עס איז נישטאָ קיין פארשווערונג אין דער רוסישער בעלעטריסטיק האָט ער נישט קיין אינטערעס פאר איר.

3

יידן וואָס „דאָקטאָרן" זיך

אין קעניגסבערג האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך יידן און נעמלעך, — יידן, אָדער יידענעס, וואָס דאָקטאָרן זיך.

פּרייסן גרענעצט זיך, אָדער ריכטיקער — האָט זיך געגרענעצט — מיט הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד.

כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך ביים פּרייסישן גרענעץ זענען אריין אין דעם תחום־המושב, אין דער זאָנע, וווּ יידן האָבן געמעגט וווינען.

פלעגן יידן, און דערהויפּט יידישע פרויען, זיך ארויפּכאַפּן קיין קע־ניגסבערג צו א „פּראָפעסאָר". יעדער דייטשישער דאָקטאָר איז, אגב, געווען א פּראָפעסאָר, אָבער צווישן די דאָקטוירים, זענען אויך געווען פּראָפעסאָרן.

פלעגט איר באַגעגענען אָפט אין גאַס פּראָווינציעלע יידישע פרויען, וואָס פלעגן שטיין פארלוירן און אָפּשטעלן דייטשן און פרעגן ווי צו געפי־נען די, אָדער יענע גאַס, וווּ דער און יענער פּראָפעסאָר וווינט.

די דייטשן פלעגן זיי דערקלערן, פארשטייט זיך, אין דייטש, פלעגן זיי זיך אזוי גוט ווי גארנישט דערוויסן, פלעגן זיי אפגיין עטלעכע טריט און אפשטעלן אנדערע דייטשן, ביז זיי פלעגן זיך אנשטויסן אויף א יידן, אדער אויף א יידישער פרוי, וואס האט שוין געהאט דערפארונג און ער, אדער זי, זענען שוין געווען אלטע פארער צו די דייטשע פראפעסארן, און זיי פלעגן געבן די נייע חולאים, וואס האבן זיך ארויסגעלאזן קיין קעניגסבערג די בעסטע אינפארמאציע.

אפט, פארשטייט זיך, פלעגן פארקומען מיספארשטענדענישן, א מאן פלעגט שיקן א פרוי נישט צו קיין פרויען־דאקטאר, אין וועלכן די פרוי האט זיך געניויטיקט, און א פרוי פלעגט שיקן א קראנקן מאן צו א פרויען־דאקטאר, צו איר דאקטאר.

בכלל איז דאס אויסזוכן דעם ריכטיקן דאקטאר, אדער פראפעסאר, געווען א גאנץ שווערע און אויסמאטערנדיקע פראצעדור.

נאך שווערער איז געווען צו אויסזוכן א כשר פלאץ, ווו צו כאפן א ביים, ווייל כשרע רעסטאראנען זענען געווען געציילטע, און ווי אויף צו־להכעיס זענען די פאר כשרע רעסטאראנען נישט געווען דווקא אין דער שכנות פון די דאקטוירים און „פראפעסארן".

פלעגט נישט דורכגיין כמעט א טאג, אין וועלכן איך האב זיך נישט אנגעשטויסן אויף א יידן, אדער אויף א יידישער פרוי פון די יידישע גרע־נעץ־שטעטלעך, וואס זוכן די גאס ווו „דער און דער דאקטאר, אדער דער אין דער פראפעסאר" וווינט און ווו עס געפינט זיך א כשרער רעסטאראן.

פיל פון די דייטשע דאקטוירים האבן געהאט א גאר גרויסע יידישע פראקטיק און זיי פלעגן זיך אפגעבן גאנץ ערנסט מיט איר; אייניקע האבן אפילו זיך געלערנט יידיש, זיי פלעגן געוועלנלעך האבן א יידישן סטודענט, וואס פלעגט זיי ארויסהעלפן אין דעם פרט.

געווען אזעלכע, וואס פלעגן זיך גאר נישט שלעכט צוזאמענרעדן מיט די יידישע פאציענטן. זיי פלעגן זיך אפילו וויצלען מיט די פאציענטן אין יידיש, און אפילו דערציילן יידישע וויצן, אבער דאס רוב פלעגן זיי אזוי פארדרייען דעם וויץ, אדער דאס ווערטל, אז דער וויץ איז קיין וויץ נישט געווען און דאס ווערטל איז קיין ווערטל נישט געווען.

און דער דייטשער דאקטאר פלעגט זיך וואונדערן פארוואס זיינע יידישע פאציענטן לאכן נישט.

זייער יידישער סטודענט פלעגט זיי בעטן איבערדערציילן פאַר אים דעם וויץ, און דער סטודענט פלעגט זיך האלטן ביי די זייטן לאַכנדיק, אָבער נישט פון דעם וויץ, נאָר פון דער איבערדרייעניש און פאַרפלאָנטערניש פון דעם וויץ.

דער דייטש פלעגט ווערן ערנסט, ער פלעגט פאַרשרייבן דעם וויץ, אָבער ווי עס פלעגט קומען צו זאָגן אים דעם פּאַציענט פלעגט ווידער גאָר נישט ארויסקומען.

איך אליין האָב געהאַט אַזעלכע דערפאַרונגען מיט דייטשע דאָק־טוירים, וועלכע איך פלעג אַמאָל אַרויסהעלפן אין דעם פרט.

עס פלעגן אַרומגיין אַ היבש ביסל וויצן צווישן יידן אין קעניגסבערג וועגן דאָס יידיש רעדן פון די דייטשע דאָקטוירים מיט זייערע יידישע פּאַציענטן פון רוסלאַנד.

מען פלעגט דערציילן אַזאַ וויץ, למשל :

אַ דייטשער דאָקטאָר פרעגט אוים אַ יידישע פרוי וועגן איר קראַנק־הייט. צווישן די פיל פראַגן איז דאָ, פאַרשטייט זיך, די פראַגע וועגן דעם אַפּעטיט פון דער קראַנקער.

— ווי איז אייער אַפּעטיט? ווי עסט איר? — פרעגט דער פּראָפעסאָר.

— כ'וויים, מיט חיימען עם איך. — ענטפערט די קראַנקע יידישע פרוי.

— מיט וואָס עסען זי? — וויל דער פּראָפעסאָר דערגיין.

אָבער די יידישע פרוי זאָגט מיט אַ שמייכל און אַ ביסעלע פאַרשעמט:

— מיט חיימען עס איך גוט.

— וואָס איז חיים ? — וויל דער פּראָפעסאָר דערגיין.

ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין מעדיצין, נאָר די אומוויסנדיקע פרוי האָט דאָ פאַרדרייט דעם נאָמען פון דער מעדיצין.

דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעלייגט זיין גאַנצע קענטעניש פון יידיש, וואָס ער האָט דערוואָרבן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, נישט די יידישע פרוי פאַרשטייט וואָס ער וויל האָבן פון איר און נישט ער פאַר־שטייט וואָס די יידישע פרוי רעדט.

און דאָ איז ער געוואָלדיק נייגעריק צו וויסן וואָס פאַר אַ מעדיצין איז „חיים".

הכלל, ער שיקט רופן זיין יידישן סטודענט און רעדט מיט אים אָפּ,

אַז מאָרגן אין דער און דער שעה זאָל ער קומען און אים העלפן אויסצוגע־ פינען וואָס אַזוינס איז „חיים״ און וועלכער דאָקטאָר האָט עס איר פאַר־ שריבן.

ער דאַרף עס וויסן, כדי צו קענען בעסער באַהאַנדלען דעם חולה.

אויף מאָרגן איז דער סטודענט אין דעם פּראָפעסאָרס קאַבינעט, און ווען עס קומט די ריי פון דער יידישער פרוי, וואָס עסט גוט מיט חיימען, בעט דער פּראָפעסאָר דעם יידישן סטודענט, אַז ער זאָל ביי איר אויסגעפינען וואָס אַזוינס איז „חיים״?

— מומינקע, דער פּראָפעסאָר וויל וויסן וואָס אַזוינס איז חיים, וואָס גיט אייך אַפּעטיט צום עסן? — פרעגט ער דער יידישער פרוי אין אַ גוטן, היימישן יידיש.

— חיים איז מיין מאַן, זאָל ער מיר לעבן און געזונט זיין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, ער איז אַ בראַקער אין אַ וואַלד, איז ווען ער קומט אַהיים אויף שבת איז ביי מיר דער אַפּעטיט גאָר אַן אַנדערער.

דער סטודענט גיט עס איבער לאַכנדיק דעם פּראָפעסאָר און אין קאַבינעט צעהילכט זיך אַ געלעכטער.

און עס איז נישט געווען קיין דאָקטאָר אין קעניגסבערג, וואָס האָט נישט געוווסט וועגן דער מעשה מיט חיימען, וואָס גיט אַפּעטיט צום עסן...

און ביי דיקע, בייכיקע דייטשע דאָקטוירים פלעגן זיך די בייכער טרייסלען פון געלעכטער.

און אַן ענלעכן וויץ פלעגט מען דערציילן וועגן אַ יידישער פרוי, וואָס האָט אָנגעגעבן די צייט ווען זי האָט אָנגעהויבן צו פילן זיך קראַנק, באַלד נאָכדעם ווי זי איז געלעגן געוואָרן מיט וועלוועלען, דאָס הייסט מיט איר לעצטן קינד וועלוועלע.

* *

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז בערלין געוואָרן די שטאָט מיט באַ־ רימטע פּראָפעסאָרן, וווּהין יידישע קראַנקע פלעגן קומען פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך.

אָבער די יידן זענען שוין געווען אַנדערע, מאָדערנערע.

און בערלין פלעגט שווינבלען און גריבלען מיט יידן, מיט קראַנקע יידן, מיט יידן סוחרים, מיט יידן סטודענטן און מיט יידישע שרייבערס.

דאָס „ראָמאַנישע קאַפע" איז געוואָרן די קאַפע פון דער יידישער אינטעליגענץ, פון שרייבער און אינטעלעקטואלן.

„קאַפע דעם וועסטענס" איז געוואָרן די קאַפע פון יידישע קינסטלער און פאַרמעגלעכערע יידן.

יידן און דייטשן האָבן זיך גוט צוזאַמענגעלעבט.

דער ייד, פאַרשטייט זיך, וואַרעמער, און דער דייטש קילער, איינגע־האַלטענער און רעזערווירטער, דער דייטש פאַלט ניט צו מיט וואַרעמקייט צו קיין זאַך און צו קיינעם.

נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז בערלין געווען ממש אַ יידישע שטאָט פון יידישער תורה און חכמה.

וועמען האָט איר נישט באַגעגנט אין בערלין.

דעם דיכטער חיים נחמן ביאַליק, דעם היסטאָריקער ש. דובנאָוו. ביאַליק האָט געברענט, גערעדט און געטענהט און דער קליינגעוויקסיקער ש. דובנאָוו איז געזעסן אין אַ דירהלע אין אַן אָפּגעלעגטער גאַס און גע־אַרבעט מיט גרויס פליים.

אין בערלין זענען אין יענער צייט אויפגעקומען עטלעכע יידישע פאַרלאַגן, די אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע האָט אָנגעהויבן צו דער־שיינען אין בערלין, אין בערלין איז דערשינען אַ יידישער קונסט־זשור־נאַל אין יידיש און אין העברעאיש, אין יידיש האָט ער געהייסן „מילגרוים" און אין העברעאיש „רימון".

דייטשלאַנד איז סתם געוואָרן דאָס לאַנד, וווּ דער פאַרמעגלעכער ייד איז געפאָרן צו קורירן זיך און אויף זיין וואַקאַציע.

אַלע דייטשע קור־ערטער, אַלע דייטשע דאַטשע־פּלעצער זענען גע־ווען פול מיט רוסישע יידן, מיט פאַרמעגלעכע יידן, וואָס האָבן געצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר אַלץ.

ווען מיר איז אויסגעקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיין אויף אַ קורצער צייט אין קעניגסבערג, האָבן קעניגסבערגער יידן זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז בערלין האָט אויסגעליידיקט ממש קעניגסבערג פון יידן, בערלין האָט אויסגעקאָנקורירט די יידן ביי קעניגסבערג.

יידן זענען געפאָרן קיין בערלין.

בערלין איז געוואָרן די האָטעל־שטאָט פאַר דורכרייזנדיקע יידן,

פאַר יידישע אינטעלעקטואַלן, פאַר יידישע שרייבער און יידישע וויסנ־שאַפטלער.

און בערלין איז געווען אַ באַקוועמע שטאָט פאַר אַלע מינים יידן.

צווישן די זעקס מיליאָן יידן, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט אויס־געמאָרדעט, האָט זי אויסגעמאָרדעט אַ היפּשן טייל, וואָס האָבן אַריינגע־בראַכט דייטשלאַנד מיליאָנען און מיליאָנען.

דאָס מערדעריש פאָלק האָט אויסגעמאָרדעט אירע געסט, וואָס האָבן אָנגעפילט די האָטעלן, אירע קויפער, וואָס פלעגן קויפן דייטשע סחורה פאַר שווערע מיליאָנען, זי האָט אויסגעמאָרדעט צענדליקער טויזנטער יידישע פּאַציענטן, וואָס פלעגן קומען צו אירע דאָקטוירים.

אין קעניגסבערג האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ ליטווישן יידן, וואָס איז געווען ביז גאָר טשעקאַווע מיט זיין אויסזען: אַ לאַנגער און עפּעס אַזאַ מאָגערער און דינער, אַז דיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז אָט־אָט ווערט ער צעבראָכן אויף צווייען.

ער האָט מיך אַמאָל פאַרשלעפּט צו זיך אין הויז אַריין, עפּעס אַן עלנט און אַ שווייגנדיק הויז, ממש אַ שטום הויז.

עפּעס האָב איך געזען אַ פרוי אין דעם דאָזיקן שטומען הויז, אָבער זי האָט נישט גערעדט, נישט צו איר מאַן און נישט צו מיר, איך האָב קיינמאָל פון איר קיין וואָרט נישט געהערט. בכלל איז געשטאַנען אין הויז אַן אומהיימלעכע שטומקייט, אפילו דאָס לעבן פון דער גאַס האָט נישט אַריינגעדרונגען אין הויז.

אַ שטום הויז.

דער דאָזיקער ליטוואַק האָט געהאַט אַ סך, אַ סך ביכער און ער פלעגט זיי מיר גערן אויסבאָרגן.

ער האָט זיך אויך געריבן אַרום דעם תבואה־האַנדל צווישן דייטש־לאַנד און רוסלאַנד, אָבער אין דעם טומל און געפּילדער פון די אַנדערע יידישע קאָמיסיאָנערן.

ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין האַנדל און בכלל איז גע־ווען שווערלעך צו אַרויסבאַקומען אַ וואָרט.

איינמאָל, ווען איך האָב אים באַזוכט, האָב איך געפונען אין הויז נאָך אַ יידן, שוין דווקא אַ באַרעדעוודיקן, אַ טומלענדיקן און אַ האַווענ־דיקן יידן.

דער ייד האָט מיך אָנגעהויבן עפּעס אַרומטאַפּן, מיט פאַרשידענע פראַגן און ווערטלעך האָט ער מיך אַרומגעטאַפּט, ווי איינער טאַפּט אַרום מעשה מבין אַ סחורה, און וויל באַשטימען אויפן אָרט צי זי טויג פאַר אים צי נישט.

איך האָב מיך געפילט עפּעס אומהיימלעך.

אָבער וואָס ווייטער הויב איך אָן צו צעקייען דעם יידן.

און עס לויפט מיר דורך אַ געדאַנק ווי אַ בליץ — אַ מיסיאָנער.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען מיט מיינע אויגן אַ לעבעדיקן מיסיאָנער.

און עס צעפלאַקערט זיך צווישן אונדז אַ ווערטער־געפעכט, אָט ווי ערבֿ אַ פיזישן געפעכט.

יאָ, ער איז אַ מיסיאָנער, עס ווערט פון יעדער מינוט אַלץ קלאָרער און קלאָרער.

ווען דאָס ווערט אַנטפּלעקט פאַר מיר, זאָג איך דעם יידן האַלב שפּאַסיק :

— איר האָט זיך גענומען צו פאַרקויפן אַ סחורה גראָד, ווען זי איז אינגאַנצן אַרויס פון דער מאָדע, די וועלט גייט אַוועק פון רעליגיע, די וועלט ווערט אַפּיקורסותדיק און איר נעמט זיך צו האַנדלען דווקא מיט רעליגיע אין אַזאַ וועלט.

און דאָ איז דער ייד אַרויס מיט דיבורים :

גראָד אין אַזאַ צייט, אין אַ צייט ווען מענטשן זענען נישט שטאַרק צוגעבונדן צו זייערע גלויבנס, איז די ריכטיקע צייט צו האַנדלען מיט גלויבנס, זאָגט דער ייד ציניש.

און ער וויל, אגבֿ, גאָרנישט פאַרקויפן רעליגיע יידן, ער וויל זיי באַפרייען פון אומזיסטע ליידן. איצט, ווען יידן זענען אַזוי ווייניק רע־ליגיעז, האָט דאָך קיין זינען פאַר זיי נישט צו ליידן צוליב אַ גלויבן, אין וועלכן זיי גלויבן נישט.

איצט קענען יידן מאַכן אַ סוף פון זייערע צרות, צו זייערע ענויים, זייער רעליגיע שטייט זיי נישט אין וועג, איצט איז די ריכטיקע צייט צו באַפרייען זיך פון דעם האָרב, וואָס הייסט יידישקייט.

עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פּלאָמיקער וויכוח צווישן מיר און דעם מיסיאָנער.

דער באַלעבאָס, דער ליטווישער ייד, האָט קיין אַנטייל נישט גע־נומען אין וויכוח. די פרוי פלעגט דורכגיין דעם חדר, אין וועלכן מיר זענען געזעסן און פלעגט וואַרפן בייזע בליקן אויפן מיסיאָנער און אויף איר מאַן.

איך בין געווען אַ הייסער ייד נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער פרייהייט מיינער, איך האָב גערעדט מיט ברען און געטאַדלט דעם מי־סיאָנער פאַר זיין ציניש צוגאַנג צו דער גאַנצער פראַגע, איך האָב זיך אַזוי צעקאָכט און גערעדט אַזוי היציק, אַז איך האָב פּלוצלינג דערפילט ווי דער באַלעבאָס דריקט מיין פוס אונטער דעם טיש.

ער הייסט מיר זיין פאָרזיכטיקער, הייסט עס, איך בין געוואָרן אַ ביסל איינגעהאַלטענער. דערפאַר אָבער איז דער מיסיאָנער געוואָרן אַגרע־סיווער.

אַ ביסל אָן אָפּגעקילטער, האָב איך גענומען באַאָבאַכטן דעם מי־סיאָנער און צוהערן זיך צו זיינע רייד :

פאַר מיר איז געזעסן אַ ליטווישער מלמד, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעשפּרונגען פון דער לאַנגער קאַפּאָטע און אַרבע־כנפות, ער האָט גערעדט יידיש מיט אַ ניגון פון אַ מלמד אין חדר, זיין לומדות איז נישט געווען קיין טיפע, זי איז געווען גאַנץ אויבערפלעכלעך און איך האָב זיך גאַנץ גוט געקענט פאַרמעסטן מיט אים.

אָבער דער דרוק מיטן פוס אונטער דעם טיש איז געווען אַ וואָר־רענונג און איך האָב אים געלאָזן רעדן.

ביז עס איז מיר מיאוס געוואָרן די גאַנצע מעשה און איך האָב זיך אויפגעהויבן און געזעגנט זיך מיטן באַלעבאָס און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום מיסיאָנער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ קליין געוויקסיק מענטשל, אייראָפּעאיש געקליידט, אָבער די נייע קליי־דונג איז געלעגן אויף אים ווי שטאָטישע קליידער אויף אַ פּויער.

ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט „אַ נבזהק".

בלויז די אויגן זענען געווען אומרואיקע, לויפנדיקע, עפּעס ווי צוויי מייזעלעך וואָלטן אים אַרומגעלאָפן אויפן פּנים.

איך בין אַרויס פון הויז פון דעם לאַנגן ליטוואַק אַ צערודערטער, די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן.

וואָס האָט מיך אַזוי צערודערט וויים איך עד־היום נישט.

איינס איז קלאָר — איך האָב מיר גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט אַ מיסיאָנער. קיין קלאָר בילד פון אַ מיסיאָנער האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן, אָבער אַזאַ מין מיסיאָנער האָב ויך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט.

און ווער איז דער לאַנגער ליטוואַק? וואָס האָט ער צו טון מיטן מיסיאָנער? און ווער איז די שוויינגדיקע, פאַרביסענע פרוי אין הויז, וואָס גייט אַרום ווי אַ פרעמדע ?

אָבער איך האָב גיך פאַרגעסן דעם מיסיאָנער, באַלד האָבן מיך פאַרשלונגען אַנדערע אינטערעסן און אַנדערע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַפריינדעט, האָבן אינגאַנצן אָפּגעווישט פון מיין זכרון דעם מיסיאָנער.

איך האָב דאָ און דאָרט פּרובירט אויסגעפינען ביי די אַנדערע קע־ניגסבערגער יידן עפּעס וועגן דעם ליטוואַק, וועגן זיין הויז און דעם מי־סיאָנער, וואָס איז אַן אריינגייער אין זיין הויז, אָבער איך האָב גאָרנישט אויסגעפונען.

בלויז איינער האָט מיט אַ פינגער געדרייט אויפן שטערן און האָט אַן אינטערעס אַ זאָג געטון האַלב יידיש און האַלב דייטש :

— דער מאַן איז אַ ביסכען משוגע.

דעם מיסיאָנער האָב איך געזען נאָך איינמאָל פון ווייטן: איך בין אין אַ געסל פאַרבייגעגאַנגען אַ פענצטער, אין וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטעלט קריסטלעך־רעליגיעזע ביכער, ווי יעוואַנגעליעס, בראַשור־ן און בלעטלעך, אייניקע בלעטלעך זענען געווען אין יידיש, דאָס זענען געווען בלעטלעך פון דעם מין, וואָס איר געפינט אָפט אין גאַס, אָדער איר באַקומט אַריינגעשיקט דורך פּאָסט פון מיסיאָנערן.

דורכן פענצטער האָב איך געזען דעם קליינגעוויקסיקן מיסיאָנער, ער איז געווען איינער אַליין אין צימער.

און איך בין האַסטיק אַוועק פון פענצטער.

דעם לאַנגן ליטוואַק האָב איך אויסגעמיטן.

אָבער איינמאָל האָט ער מיך אויפגעזוכט און האָט מיר געזאָגט מיט זיין זויערן שפּאַס :

— איר האָט זיך דערשראָקן פאַרן מיסיאָנער און אַנטלויפט פון

מיר, איך בין נישט קיין מיסיאָנער, איך בין א קאָמיסיאָנער ביי תבואה.

פאַרזיכער איך אים, אז איך האָב זיך נישט דערשראָקן פאַרן מי־סיאָנער, אָבער אנגענעם איז מיר די דאָזיקע באַגעגעניש לחלוטין נישט געווען.

איך האָב אויסגעזוכט די געלעגנהייט און געפרעגט אים — ווי קומט ער צום מיסיאָנער ?

— ער איז מיינער א בן־עיר, מיינער א יוגנט־חבר, מיר האָבן געקלויזניקט צוזאַמען, מיר האָבן צוזאַמען געהונגערט. ער איז א גרויסער שלים־מזל דער דאָזיקער אמאָליקער חבר מיינער, ער האָט זיך צו קיין זאַך נישט געקענט צושלאָגן, ער האָט געקענט ווערן בלויז א מלמד, אָבער ער האָט געהאַסט די דאָזיקע באַשעפטיקונג, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, ביז ער האָט זיך באַפריינדעט מיט מיסיאָנערן און ער איז אַליין געוואָרן א מיסיאָנער. און דאָ איז ער אויך א שלים־מזל. איך בין אין ספק צי ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו אָפּשמדן אפילו איין איינציקן ייד.

איינמאָל א שלים־מזל און אלע מאָל און אומעטום א שלים־מזל, האָט דער ליטוואַק פאַרענדיקט.

איך האָב געהאַט א היפּש ביסל ביכער דעם ליטוואַקס, האָב איך זיי אים געוואָלט ביי דער באַגעגעניש צוריקגעבן, אָבער ער האָט זיך גע־איילט צו גיין אויף דער בערזע און האָט מיר געזאָגט :

— האָט קיין מורא נישט, קומט אַריין צו מיר און ביי א געלעגנ־הייט וועט איר צוריקברענגען די ביכער.

און אין א זונטיק, ווען איך האָב גאָרנישט געהאַט צו טון, האָב איך איינגעפּאַקט דעם ליטוואַקס ביכער און געלאָזן זיך צו זיין היים.

איך האָב אָנגעקלונגען.

די טיר האָט מיר געעפנט די שוויגנדיקע פרוי.

— קען איך זען דעם הער ז.? — פרעג איך זי.

זי קוקט מיך אָן בייז און גיט א זאָג :

— איר זייט א פיינער יידישער יונגער מענטש. וואָס האָט איר צו טון מיט מיין שמדניק און זיין פריינט ?

און זי האָט פאַרהאַקט די טיר.

איך האָב אָנגעקלונגען נאָכאַמאָל, איך האָב איר געגעבן דאָס פּעקל מיט די ביכער און זי געבעטן:

— גיט עס איבער, זייט אַזוי גוט, אייער מאַן.

זי האָט גענומען די ביכער, האָט זיי אַ שלײדער געטון אויף דער ערד, אַ שפּיי געטון אויף זיי און מיט מער קראַפט פאַרהאַקט די טיר...

4

פּרייסישע פּאָליציי און אַנדערע שלעק

מיין „פּדיון־שבוּיים" אַרבעט, ד. ה. די מעשה מיט דעם מיידל, דאָס אייניקל פון אַ קליינשטעטלדיקן מאַגנאַט, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון „פינצטערניש" אין דער ליכטיקער וועלט אַריין, איז שוין מיר, אַזוי גוט, ווי אַרויס פון זינען.

איך בין געווען אַן ענטוזיאַסט און יעדע איבערלעבונג פלעגט מיך פאַרכאַפּן אינגאַנצן און פלעגט אַרויסרויכערן אַלע פריערדיקע איבערלעבונגען, ווי דער שטייגער ביי יעדן ענטוזיאַסט. דאָס נייע לעבן אין דייטשלאַנד, דער אוניווערזיטעט, די ביכער, די גאַסן און די נייע מענטשן האָבן מיך אינגאַנצן פאַרשלונגען און דער אומשולדיקער פּלאָנטער מיט אַ גבירס אַן אייניקל האָט אָנגעהויבן צו צערינען.

איך פלעג באַקומען לאַנגע, נערוועזע, מליצהדיקע און הייסע בריוו. איך האָב אָבער אין מיין יונגן לעבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן, אַז אין בריוו זענען מענטשן ליטעראַריש; דער סאַמע איינפאַכער מענטש איז שרייבנדיק אַ בריוו אַ שטיקל דיכטער. ער טרייבט איבער אַלץ, ער פאַנטאַזירט, ער ווערט אַליין אויפגעשרויפט פון דעם פּראָצעס פון שרייבן. דאָס מיידל איז געווען בטבע אַ ניכטערע, אַ דורכגעטריבענע: אַ קינד פון האַרטע סוחרים, פון אויסגערעכנטע הענדלער איז זי אין אירע בריוו געווען אַזוי סענטימענטאַל, אַזוי ברענענדיק און אַזוי נאַאיוו, אַז איך פלעג שמייכלען לייענענדיק זיי. אגב, אין סאַמע מיטן פון דער מליצה פלעגן זיך אַריינרייסן שורות פון דער פּראַקטישקייט, פון טרוקענעם חשבון און פון זייער אויסגערעכנטע קלוגע עצות.

קלוגע עצות! ווי פיינט איך האָב זיי געהאַט!

ווי איך פלעג זיך באַגעגענען מיט א יידן פלעגן זיך אָנהויבן שיטן אויף מיר זייער קלוגע און ניכטערע עצות. איך האָב הפּנים אויף אַלע־מען געמאַכט דעם איינדרוק פון א צו שטאַרקן ענטוזיאַסט און יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט מיך אויסצוניכטערן.

און יידישע מיידלעך, וועלכע זענען געווען באַפריינדעט מיט מיר, זענען בנוגע מיר געווען כסדר ניכטערע און באַדאַכטע בעלות־עצות: יעדע האָט געוואָלט מיך אַראָפּשלעפּן אויף דער פעסטער ערד און געבן מיר אָנצוטאַפּן די ווירקלעכקייט.

אין מיין צאָרן פלעג איך טענהען:

— מיר איז גוט אַזוי, איך פיל און באַנעם דאָס לעבן אַזוי.

און זיי, די קלוגע, די פּראַקטישע, פלעגן קוקן אויף מיר ווי אויף א געפּיעסטעטע קינד, וואָס מען דאַרף דערציען.

ווען איך זאָל זיך האָבן צוגעהערט צו די קלוגע עצות פון אַלע קלוגע יידן, וואָלט איך זיכער חתונה געהאַט, גענומען נדן און געעפנט א קרעמל, אָדער סתם געמסחרט ווי אַלע יידן. דאָס איז געווען דער שטײ־גער, דער נוסח פון דעם לעבן אין יענע יאָרן.

דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס איז געווען מיט פיר יאָר יינגער פאַר מיר, איז געווען אין בריוו מיין ניכטערסטער בעל־עצה. איך פלעג זיך וווּנדערן כסדר ווי אַזוי אַזא יונג קינד קען זיין אַזוי האַמעטנע־קלוג, אַזוי מגושמדיק פאַרשטענדיק און אַזוי ניכטער אויסגערעכנט. זי האָט מיך אין די בריוו באַהאַנדלט ווי א היציקן פאַנטאַזיאָר. און דאָס האָט מיך באַליידיקט: מיר האָבן זיך פאַרביטן מיט די ראָלעס — איך האָב זיך באַטראַכט פאַרן העלד, וואָס גייט אַרויסראַטעווען א יידיש מיידל פון א בלאָטיקן גיהנום און זי האָט זיך באַטראַכט ווי איינע, וואָס גייט ראַ־טעווען א פאַנטאַזיאָר פון פּוסטע פאַנטאַזיעס.

האָב איך איינגעזען די מיספאַרשטענדעניש און האָב זי ניט שטאַרק אויפגעמונטערט צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, על כל פּנים האָב איך עס געוואָלט אָפּציען.

אָבער אין א שיינעם פרימאָרגן באַקום איך א דעפּעשע פון דעם מיידל, שוין פון דער דייטשישער גרענעץ, אַז זי קומט.

איך בין געגאַנגען זי באַגעגענען.

און מיין אנטוישונג איז געווען שרעקלעך ממש:

פון וואַנען איז אַרויס אַ קליינשטעטלדיק מיידל. די לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן געהאַט זיבן חנען דאָרט אין דעם צימערל פון דער קליינער אכסניא, האָבן איצט אויסגעזען אַזוי נאַריש, אַזוי אומגעלומפּערט; זי האָט דאָ נישט אויסגעזען קינדיש און די הענגענדיקע צעפּ האָבן איר אויסזען געגעבן אַ קאָמישן אויסזען.

איך געדענק, אַז דייטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן: אַ דערוואַקסענע פרוי מיט אַן ערנסט, מיושבדיק פּנים טראָגט צעפּ ווי אַ מיידל פון 13-14 יאָר.

איך האָב פּלוצלינג דערזען, אַז זי איז געקליידט געשמאַקלאָז, דאָרט אין די בלאָטעס, ווו פּרויען גייען אַרום אין שמאַטעס, האָט זי אויסגעזען אין איר קליידונג ווי אַ בת־מלכה, אָבער דאָ אין קעניגסבערג האָט זי אויסגעזען אַזוי גרוי, אַזוי געשמאַקלאָז און אַזוי יאָמערלעך, אַז איך האָב זיך דערשראָקן.

איך האָב אין מיין לעבן אָפּט דורכגעלעבט אַזעלכע אַנטוישונגען. שיינקייט איז אַ פּנים רעלאַטיוו, צווישן אָפּגעלאָזענע מענטשן זעט אויס שיין יעדער מענטש, וואָס טראָגט אַן אַנשטענדיק רעקל עלעגאַנט, צווישן פּראָאומערטע מענטשן זעט אויס איטלעכס שמייכלענדיק פּנים שיין.

דאָס מיידל האָט זיך באַזעצט אין קעניגסבערג און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַשיינפּערלעך דערזען, אַז דאָ איז פּאַרקאַכט געוואָרן אַ קאַשע צוליב גאָרנישט. דאָס מיידל האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז איר פאָטער און טוץ פעטערס וועלן באַלד קומען און זי מיט אכזריות צוריק אוועקפירן אהיים. מיט איר פּראַקטישן שכל האָט זי פאַראויסגעזען און מיט איר ניכטערקייט האָט זי זיך שוין אפילו געגרייט צו דעם ווי צו דעם יאַגישן אויסגאַנג.

קיין געלט האָט זי נישט מיטגעבראַכט, קיין קליידער אויך נישט, און זי האָט אָנגעהויבן אַליין לאַכן פון איר לייכטזיניקייט.

די שפּעטערדיקע דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז עס איז גאָר נישט אַזוי לייכט פאַר אײנעם אַרויסצורייסן זיך פון זיין וועלטל און פון זיין סביבה.

יעדער מענטש איז טיף איינגעוואָרצלט אין זיין וועלט און אין זיין סביבה, על כל פּנים מער ווי ער אַליין מיינט.

דאָס מיידל איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין איר וועלט און אין איר סביבה, איר פיינטשאַפט און אומצופרידנקייט מיט איר וועלט איז געווען מער ציגז צו דער צייט און צו די נייע אידעען, וואָס די יוגנט באַפט געוועגלעך אויף.

מעגלעך, אַז זי האָט געמיינט גאַנץ ערנסט, זי האָט באמת אפשר געוואָלט אוועק פון איר וועלט און פון איר סביבה, אָבער זי האָט נישט געהאַט גענוג שטאַרקייט עס דורכצופירן, און ביי דער ערשטער פּראָבע האָט זי איינגעזען איר שוואַכקייט, און זי האָט אויפגעגעבן דעם קאַמף.

אין יענער צייט האָט גאָר אַ סך פון דער יידישער יוגנט פּראָבירט עס צו טון, אָבער בלויז אַ קליינעם טייל האָט זיך עס איינגעגעבן; ווי אַלע מאָל האָבן די שטאַרקערע גובר געווען אַלע מכשולים, די שוואַכערע אָבער האָבן זיך באַלד אונטערגעגעבן.

אין יענער צייט האָט זיכער אַ מיליאָן יידישע יונגע מענטשן זיך געריסן צו אַ ניי לעבן און צו דער גרויסער וועלט, אָבער דער פּראָצענט, וואָס האָט עס דורכגעפירט, איז געווען קליין.

איך בין אָבער געווען ריטערלעך, נאָך מער אפשר פון דאָן קיכאָט:

איך האָב איר פאַרגעלייגט מיין אָרעם געלט, און זי איז געזעסן און געוואַרט אויפן לאָגישן אויסגאַנג.

די ערשטע טעג פון הכנסת־אורחים זענען אריבער און איך האָב ווייטער אָנגעהויבן לעבן ווי פריער. איך האָב געלערנט, באַזוכט פאָרלע־זונגען און מיט מיין „דייטש" באַזוכט סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען: איך האָב נישט געקענט לעשן מיין נייגעריקייט צו הערן ווי מען קריטי־קירט די רעגירונג אָפּן.

איינמאָל בשעת אַזאַ פאַרזאַמלונג איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ דייטש און האָט מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך: ער האָט, הייסט עס, דערקענט אין מיר אַן אויסלענדער. איז וואָס אַזוינס, למשל, טו איך אין קעניגס־בערג? דערהערט, איך לערן זיך, שטודיר, באַוואונדערט ער מיך, שיין, זייער שיין, און אַזוי ווייטער.

אגב אורחא וויל ער וויסן מיין נאָמען און וווּ, למשל, וווינט אַזאַ יונגער „רוס".

אין אַ פּאָר שעה אַרום באַקום איך אַן איינלאַדונג און אַ באַפעל, אַז איך זאָל זיך מעלדן אין דער פּאָליציי.

געקומען אין דער פּאָליציי־געביידע, געוויזן די איינלאַדונג, האָט א שטרענגער דייטש אַ קוק געטון אויף זיין זייגער און האָט רואיק גע־זאָגט, אַז איך האָב צו וואַרטן 17 מינוט. אין 17 מינוטן וועט ער מיך אַריינפירן צום שעף.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען ווי דייטשן אַרבעטן: גאַנצע מחנות מענטשן זענען אַריין און אַרויס און שטיל, רואיק און פּייערלעך איז געווען אין די גרויסע חדרים. עפּעס האָט מען גערעדט געציילטע ווערטער, קלאָרע, זאַכלעכע און שטרענגע. „יאַוואָל", „ביטע", „גוטען טאַג", זענען געווען די איינצלנע ווערטער, וואָס האָבן זיך געהערט, און קאַלט, אָבער פלינק איז יעדער ענין דערליידיקט געוואָרן. דער באַאַמטער און דער בירגער האָבן גערעדט צו דער זאַך, קיין טענות, קיין דינגעניש און קיין קווענקלעניש. יעדן ענין זיינע געציילטע מינוטן און אין די דאָזיקע מינוטן האָט דער ענין געמוזט דערליידיקט ווערן. קיין איבעריקע מינוט און אפילו רגע האָט קיין ענין נישט פאַרנומען.

עס זענען אַריבער די 17 מינוט און מען האָט מיך אַריינגערופן צום שעף.

אַ דייטש מיט קאַלטע אויגן און מיט גלאַט צוגעקעמטע האָר מיט אַ שרונט האָט מיך געבעטן זיצן, און גלייך אָן הקדמות גענומען מיך אויספרעגן:

וואָס טו איך דאָ אין קעניגסבערג? איך גרייט זיך צום אוניווער־זיטעט — גוט, פון וואַנען לעב איך, זאָל איך באַווייזן אַ פּאַפּיר פון מיינע עלטערן, אַז זיי זענען זיך מתחייב צו שיקן מיר גענוג געלט צום לעבן. יאָ, איך בין אַ סאָציאַליסט, דאָס איז שיין, אָבער דייטשלאַנד האָט גענוג איינענע סאָציאַליסטן און קיין אויסלענדער־סאָציאַליסטן וויל דייטשלאַנד נישט האָבן. איך מוז אין משך פון צוויי וואָכן צושטעלן גענויע באַ־וויזן, אַז איך באַקום פון רוסלאַנד גענוג געלט צום לעבן און וואָס איז נוגע מיין פּאָליטישער אויפפירונג וועט שוין די פּאָליציי אַליין צונויפ־זאַמלען די נויטיקע ידיעות, און אחרי ככלות הכל וואָלט געווען גלייך, אַז איך זאָל פאַרלאָזן קעניגסבערג, מען „ווייזט" מיך, חלילה, נישט אויס, עס איז בלויז אַן עצה, אַ גוטע און אַ ריכטיקע עצה.

מיינע צען מינוטן זענען אַריבער און איך בין „אַנטשולדיקט" געוואָרן.

געקומען צו מיין דייטש, דערציילט אים וועגן דעם געשפּרעך מיטן פּאָליציי־שעף, האָט ער זיי גוט אויסגעשאָלטן און האָט מיך אַליין גענו־מען אויפן פאַרהער — ווי שטייט עס טאַקע מיט מיינע פינאַנסן און צי קען איך באַווייזן, אַז איך באַקום גענוג מיטלען צום לעבן פון מיינע עלטערן?

דאָ האָב איך דערזען פאַר זיך דעם פּאָליציי־שעף אין אַן אַנדער געשטאַלט.

— עס וועט גאָרנישט זיין, איר דאַרפט זיך באַצייטנס אָפּטראָגן פון דאַנען, איז מיין דייטש געקומען צו דעם ענדגילטיקן באַשלוס.

איך האָב אַליין דערזען, אַז מיינע קליינע פינאַנסן זענען פאַר דער קורצער צייט זייער מאָגער געוואָרן, אָבּיסל אויך צוליב דער מצוה פון „פדיון־שבויים” אין וועלכער איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט.

נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת איז ביי מיר געבליבן, אַז איך לאָז זיך דערווייל קיין בערלין, און, פאַרשטייט זיך, דאָס מיידל פאָרט אויך מיט מיר, זי קען דאָך דאָ נישט בלייבן אַליין אָן געלט און אָן באַקאַנטע.

אין אַ וואַגאָן פון פערטן קלאַס, וואָס איז געווען געפּאַקט פון אַד־בעטער מיט פּויערים, וואָס האָבן געפירט זייערע פאַרם־פּראָדוקטן אין די נאָענטע שטעט, האָבן מיר זיך געלאָזן קיין בערלין.

בערלין!

אַלמעכטיקער גאָט, סאַראַ ווונדערלעכע שטאָט! טעאַטערס, מוזע־אומס, אוניווערזיטעטן, ביבליאָטעקן, אַ רייך לעבן פון הויכער קולטור...

איך האָב באַלד פאַרגעסן אַלע מיינע צרות און אַריינגעוואָרפן זיך אין דעם לעבן פון בערלין ביז שכרות. איך לויף פון איין טעאַטער אין דעם אַנדערן, איך זיץ אָפּ טעג אין די מוזעאומס, איך לויף אַרום איבער די גאַסן, שלינג עס אַלץ מיט די אויגן און קען זיך ניט גאָרנישט אָנזע־טיקן, און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיידל איז מיין שטענדיקע באַגלייטערין.

און אין סאַמע מיטן פון מיין קולטור־שכרות שפּרינגט אָן דער טאַטע פון דעם מיידל מיט אַ פּאָר פעטערס. יידן האַרטע, שלעכטע און קאַלטע, קומען זיי צו מיר מיט האַרבע טענות, איך האָב אַ לייטיש קינד פאַרדרייט דעם קאָפּ.

אין איין טאָג זענען זיי דורכגעקומען מיט דעם מיידל: זי פאָרט צו־ריק, צוריק אַהיים; די מוטער איז טויט־קראַנק פון עגמת־נפש און בזיונות.

דאָס מיידל איז אריבערגעפאָרן צום פאָטער און צו די פעטערס אין א רייכן האָטעל.

אין א פּאָר טעג שפּעטער זע איך דאָס מיידל אַן אויסגעפּוצטע, א פריילעכע, מיט א מאָדנעם שמייכעלע אין א רייכן האָטעל.

זי איז אוועקגעפאָרן.

געבליבן אליין, האָב איך מיך דערפילט א פרייער מענטש, א באַרג איז אראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. די פרייהייט האָט מיך ממש באַרוישט. איך בין פריי, איך קען לערנען אומגעשטערט. איך בין פריי.

אָבער אין א פּאָר טעג ארום האָב איך געמאַכט דעם חשבון פון מיינע פינאַנסן און א שרעק האָט מיך ארומגעכאַפּט: עס איז מיר געבליבן בלויז אויף הוצאות צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד . . .

די מצוה פּדיון־שבוים האָט מיך געקאָסט א יאָר שווערע ארבעט.

אָט אזוי האָט מיין באַגעגעניש מיט א יידישן מאַגנאַט אָפּגעבראָכן מיין קאַריערע און אָפּגערוקט מיינע חלומות אויף א יאָר צוריק.

צוריק קיין רוסלאַנד, אויף דאָס ניי נעמען זיך צו דער ארבעט און צונויפקלייבן ווייטער א ביסל געלט און ווייטער לאָזן זיך קיין אויסלאַנד. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ.

און קלוג וועל איך זיין אין דער צוקונפט, קלוג און ניכטער וועל איך זיין, האָב איך באַשלאָסן מיט ביטערקייט.

אַן אַנטוישטער, מיט צעבראָכענע האָפענונגען און מיט צערונענע חלומות, האָט מיך דער רוסישער זשאַנדאַרם אויף דער גרענעץ באַגעגנט און שטרענג געבעטן מיין פּאַספּאָרט. איך האָב דערשפּירט ווידער רוסלאַנד.

צוריק אין רוסלאַנד, ווייטער חושכדיקע שטעטלעך, ווייטער די זעל־ביקע האַווענדיקע און שמאַיענדיקע יידן, ווייטער דער אָפּגעריסענער רו־סישער פּויער, ווייטער עלנט און חושך.

אָבער די יוגנט פאַלט נישט אריין אין יאוש. זי בויט ווייטער אויף די חורבות פון צעשטערטע האָפענונגען נייע פאַנטאַסטישע טורעמס . . .

דורכן פענצטער פון מיין וואַגאָן זע איך דעם גרויען, פלאַכן און אומעטיקן ליטווישן פּייזאַזש.

איך פאָר פאַרביי קליינע יידישע שטעטלעך, קליינינקע, אָרעמענקע שטעטלעך; אויף די קליינע וואָקזאַלן האַווען און שמאַיען עפּעס אָרעמע און דערשלאָגענע יידן.

זיי זענען געבויגן פון זאָרג, אָבער אַן אומהיימלעכע פלינקייט טראָגט זיי. זיי שטייען נישט אויף אַן אָרט. זיי אײַלן, אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז אַט־אַט פאַרשפּעטיקן זיי עפּעס ביז גאָר וויכטיקס.

פּרנסה . . .

איך זע דאָס דאָזיקע וואָרט, איך הער דאָס דאָזיקע וואָרט.

יידן טוען און זוכן פּרנסה. יונגע, אַלטע זוכן, יאָגן זיך נאָך דער כּישופדיקער פּרנסה, אָט כאַפּן זיי זי, אָבער זי גליטשט זיך אַרויס פון זייערע הענט. יאָגן זיי נאָך מיט מער אימפּעט נאָך איר, אָט כאַפּן זיי זי ווידער, אָבער זי דרייט זיך ווידער אַרויס פון זייערע הענט.

אַ פאָלק זוכט פּרנסה, אַ פאָלק אָן אַ מעמד אויף דער וועלט...

אָן אייביקער גײַעג, אַן אייביקער קאַמער־קאָמער שפּיל.

אין באַן כאַפּן זיך אַריין יידן, אייליקע, צעפּאָלאַשעטע, מען זעצט זיך אַוועק, אָדער ריכטיקער — מען פאַלט אַוועק מידע אויף די האַרטע בענק, מידע און אויסגעשעפּטע.

אָבער באַלד קומט מען צו זיך, און עס הויבט זיך אָן אַ רעדערײַ, אַ שטילע, אַ מידע און אָן אַפּאַטישע, אָבער זי ווערט פון מינוט ממש לעבעדיקער, העכער און ליידנשאַפטלעך.

מען באַקאַנט זיך.

—וווהין פאָרט אַ ייד? וואָס איז אַ יידס טועכץ? מיט וואָס האַנדלט אַ ייד? ווי איז עס מיט פּרנסה אין אייערע מקומות ?

די שמועסן ווערן אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער, אַלץ ליידנשאַפט־לעכער און ליידנשאַפטלעכער...

און אָט שטייט שוין אַ טומל און אַ געפּילדער אין וואַגאָן. איינער קען שוין דעם אַנדערן אויסגעבונדן. מען איז שוין חבר, פרײַנט, קרובים, מען איז מכבד איינע די אַנדערע מיט אַ ביס, אַ נאַשערײַ.

ביז עס רוקט זיך אָן די נאַכט. אַלע שלאָפן עפּעס מיט אַמאָל. עס ווערט שטיל.

דער וואַגאָן זעט אויס ווי אַ שלאַכט־פעלד נאָך אַ גרויסער און שווע־רער שלאַכט.

פון שלאָף גיט עמיצער אַ טיפן קרעכץ, אַ צווייטער ענטפערט נאָך מיט אַ לענגערן קרעכץ, און אַ דריטער לייגט צו צום קרעכץ אַ הימל־רייסנדיקן געשריי — אוי, רבונו־של־עולם . . .

מיינע אָרעמע ברידער, באַטאָג יאָגן זיי זיך נאָכן ווינט און באַנאַכט חלומען זיי פון ווינט . . .

5

יידישע מאַגנאַטן סעריע צוויי

פון בערלין צוריק אין מיין שטעטל.

אַזאַ רואיקייט, אַזאַ שטילער, דורותדיקער דלות, אַזאַ פּשטות אין לעבנס־גאַנג. מען וואַקסט, מען האָט חתונה, מען האָט קינדער און מען שטאַרבט.

אין דעם קליינעם שטעטל ליגט פאַר דיר די דאָזיקע גרויסע פּשטות אַזוי אָפן און אַזוי בולט ווי אַ גרויסע בלוטנדיקע ווונד.

פאַר די עטלעכע יאָר זענען מיינע געוועזענע חברים געוואָרן באַלע־בעסלעך, באַוואַקסן געוואָרן מיט געדיכטע בערד, פאַרמויערט זיך אין קרעמלעך און שוין אָנגעהאָדעוועט קינדער.

און אַלץ איז אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַלץ איז אַזוי קלאָר: קיין ספקות ווערעמען נישט אין האַרצן, קיין פאַנטאַזיעס צערודערן נישט דעם מוח און קיין איבערשפּאַנטע גלוסטן צעברויזן נישט דאָס בלוט.

אָפט האָב איך מקנא געווען דער דאָזיקער גרויסער און אומעטיקער פּשטות.

עפּעס אַ הייליקע אונטערטעניקייט איז געלעגן באַהאַלטן אין דעם גאַנצן לעבן, אַ שטילע און אַ קלוגע אונטערטעניקייט.

איך האָב געהאַט אַ חבר, אליה יאַשע האָט ער געהייסן, איז ער געווען עפּעס אַן אַריסטאָקראַט פון זיין קינדהייט אָן. אַן איינציק קינד ביי אַ מוטער אַן אַלמנה, האָט זי אים געצערטלט און געפּייניקט מיט איר ליבע 24 שעה אַ טאָג. האָט זיך אין אים אַנטוויקלט די צעפּיעשטשעטקייט פון אַ פרוי, וועלכע מען האָט זייער ליב און די פיינע אונטערטעניקייט פון אַ פרוי, וואָס טראָגט איבער מיט געדולד די צו־גרויסע שפע פון ליבע.

אַ ריינער, אַ ציכטיקער, אַ ווייך־האַרציקער, מיט אומעטיק־שמייכ־לענדיקע אויגן, מיט אַ גרויסן קלוגן שטערן און מיט אַ סאַמעט־ווייכער

שטים, האָט ער אויסגעזען צווישן אַלע פאַרשמאָדערטע ייִנגלעך ווי א פּרינץ.

ער האָט געלערנט און איז קיינמאָל קיין מתמיד נישט געווען. ער האָט די שעהען פון לערנען אזוי קלוג אויסגענוצט, אַז עס פלעגט זיין אי־בעריק די אָנגעשטרענגטע התמדה. ער איז קיין עלוי נישט געווען און האָט געקענט לערנען מער פון די עלויים, עפּעס א קלאָרן קאָפּ, א גלייכן, רואיקן פאַרשטאַנד האָט ער פאַרמאָגט.

ער איז געווען ערלעך, אזוי ערלעך אזוי ווי ער וואָלט זיך געפירט לויט א גרויסער מאָראַלישער פילאָזאָפיע: ער האָט קיינמאָל קיין ליגן נית געזאָגט, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשווירן, ער האָט קיינעם קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט און איבערגעטראָגן א בייז וואָרט פון אַן אַנדערן מיט א ליבן שמייכל.

מיר זענען געווען חברים און פריינד פון קינדווייז אָן; נאָך היינט צעגיסט זיך אין מיר א וואַרעמקייט, ווען איך דערמאָן זיך אָן אים.

דעם דאָזיקן פריינד מיינעם האָב איך געפונען שוין א באַלעבעסל, א קרעמער און א באוואקסענעם מיט א באָרד.

ער איז דער ערשטער געקומען צו מיר מיט זיין ווייבל. א קליינס און א צאַרטס, א קינד, וואָס טראָגט א קליין קינד אויף די הענט.

שעמעוודיק און צניעותדיק איז דאָס קינד־פרוי. אין איר שעמעוו־דיקייט דערהאַלט זי זיך פון דעם זיכערן, רואיקן און קלוגן מאַנסבילישן בליק, וואָס איר מאַן וואַרפט אויף איר.

— ווי לעבסטו, אליה יאשע ?

— ווי אַלע לעבן, מ'האָט אויסגעטראָטן א וועג פאַר מיר און איך גיי מיר אויף דעם דאָזיקן וועג.

אזוי פשוט און אזוי קלאָר . . .

און איך האָב זיך פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג אָראָפּגעשלאָגן און קיין נייעם וועג נאָך נישט אָנגעהויבן צו אויסטרעטן . . .

געקומען אַנדערע געוועזענע חברים — אויך אַזעלכע. זיי ווייסן וואָס עס וועט מאָרגן זיין, זיי איז קלאָר וואָס עס וועט זיין מיט זיי יאָרן שפּע־טער, און רואיקייט, לויטערע רואיקייט איז פאַרשפּרייט אויף די געמיטער.

דאָ נישט לאַנג זענען אַלע געווען אייגענע, דאָ נישט לאַנג בין איך אויך געווען איינער פון זיי און אין עטלעכע יאָר בין איך אזוי אויסגע־

וואָרצלט געוואָרן, אַז אַלץ איז עפּעס אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט און אומ־פאַרשטענדלעך־טשעקאַווע

און אַזוי פרעמד און ווייט בין איך אויסגעקומען אַלע געוועזענע חברים מיינע, אַלע באַקאַנטע, אַלע שכנים אין דעם גאַנצן שטעטל.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אין אַ וואָך אַרום האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיר יידן באַלעבאַטים, באַלעבאָסטעס און מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל געבן לעקציעס זייערע טעכטער.

איך בין געוואָרן אַ לערער אין מיין אייגן שטעטל.

און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די התמדה, דעם ברען צו לערנען פון דעם יידישן קליינשטעטלדיקן מיידל. די מיידלעך האָבן געלערנט מיט דער התמדה פון ישיבה־בחורים, נאָר עפּעס מיט מער פּשטות און מיט מער קלאָרקייט, מיט מער אויסגעהאַלטנקייט און מיט מער געדולד.

שוואַרץ־אויגיקע 13 און 14 יעריקע מיידלעך האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ערנסט, אַזוי פיל עקשנות אין איינבייסן די נייע לימודים, אַז איך פלעג אין אַ שעה נישט באַוויזן צו אַרויסגעבן זיי היים־אַרבעט פאַרן טאָג.

די אַלע לערנענדיקע מיידלעך האָבן געשאַפן עפּעס איין כנופיאַלע, איינע האָט געוואָלט איבערפליסן די אַנדערע, איינע האָט געוואָלט איבער־יאָגן די אַנדערע.

אין עטלעכע חדשים אַרום זענען זיי אַלע געוואָרן פאַרהאַוועטע ישיבה־בחורים, מען האָט זיך כסדר געפּלפּולט, כסדר געפּשטלט אין אַריפ־מעטיק, אין געשיכטע, אין געאָגראַפיע, אין העברעאישן דיקדוק. די קינ־דערשע פרייילעכקייט, די קינדישע לייכטזיניקייט איז אַוועק פון זיי. זיי זענען געוואָרן אַזעלכע פאַרטראַכטע און ערנסטע מיידלעך, אַז די מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן פאַר מיר, אַז די קינדער זענען גאָר צעמישט; זיי עסן נישט, זיי שלאָפן נישט און קוקן נישט אויף זיך.

און ווי אַן עפּידעמיע האָט דער חשק צום לערנען אַרומגעכאַפּט אַלע מיידלעך: מאַמעס פלעגן קומען און וויינען איבער מיר, אַז איך זאָל לערנען זייערע קינדער, די קינדער לאָזן נישט לעבן, עס איז חושך אין שטוב, איך מוז רחמנות האָבן און לערנען מיט זיי.

איך בין שוין געווען פאַרנומען פון אין דערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. איך האָב שוין צונויפגעפּאָרט עטלעכע תלמידים אין איין שעה

און וואָס אַ טאָג אַלץ מער און מער מאַמעס און טאַטעס זענען געקומען בעטן איינזעעניש פאַר זייערע קינדער.

דער חשק צום לערנען, וואָס האָט ארומגעכאַפּט דאָס שטעטל האָט מיך אזוי אָנגעצונדן, אַז איך פלעג לערנען מיט זיי מיט אַ מאָדנער התלהבות. איך בין אזוי אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם, אַז איך האָב פון קיין רו נישט געוואָלט וויסן און אין אַ שיינעם פרימאָרגן בין איך קראַנק געוואָרן פון גרויסער איבער־אָנשטרענגונג.

ליגנדיק אין בעט פלעגן קומען צו מיר מיינע תלמידים און מיט פאַרגעטערונג געזאָרגט פאַר מיר און אין דער זעלביקער צייט פלעגן זיי ארויסנאַרן פון מיר אַ שטיקל תורה.

וואָס פאַר אַ ליבע, טייערע קינדער דאָס זענען געווען!

די לערנען־עפּידעמיע האָט ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל ביז זי האָט דערגרייכט צו דער גרויסער פאַמיליע פון דעם יידישן עושר פון אונדזער שטעטל.

און עס איז געשען ווי עס געשעט אין אַלגעמיין: דער רייכער איז געקומען מיט זיין ברייטער קעשענע און האָט מיך אָפּגעקויפט פאַר זיך אַליין.

צוליב מיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד האָב איך געמוזט אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון דער מאַגנאַטן־פאַמיליע צו באַזעצן זיך אין איינעם פון זייערע וועלדער און לערנען מיט פיר מיידלעך פון דער רייכער משפחה.

איך וועל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן די פּאַניק, וואָס מיין אַוועק־פאָר האָט ארויסגערופן צווישן די יונגינקע תלמידות מיינע און צווישן זייערע עלטערן. די תלמידים פלעגן קומען צו מיר און וויינען, וויינען מיט הייסע טרערן עפּעס ווי באַליידיקטע און באַעוולהטע. די מאַמעס און די טאַטעס זענען געקומען און פאַרגעלייגט מער געלט, אזוי פיל וויפל דער מאַגנאַט גיט, אבי איך זאָל בלייבן אין שטעטל.

און די אייביקע טענה האָב איך געהערט:

— דעם גביר קומט אַלץ, אַט קומט דער גביר און נעמט צו ביים שטעטל דעם לערער און לית דין ולית דיין . . .

איך האָב שוין אָבער אין אַ הייסער מינוט געווען אָפּגעמאַכט מיט דער מאַגנאַטישער משפחה, אַז איך ווער ביי זיי אַ לערער און עס איז געווען פאַרפאַלן.

דאָ בין איך ווידער אריינגעפאַלן צו אַ יידישן מאַגנאַט און האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך נאָך נענטער צו באַקענען מיטן לעבן פון די אַמאָליקע יידישע מאַגנאַטן.

דער מאַגנאַט אַליין איז געווען אַן אַלטער, שטשופּלער און קליינגעוויקסיקער ייד. אַ פּאָר גרויסע, בייזע, גלאָציקע אויגן (מען האָט טאַקע אים גערופן „דער גלאָצער") האָט ער געהאַט און מיט זיי פלעגט ער אָנוואַרפן אַ מורא אויף זיינע טעכטער, זין, איידעמס און דער מחנה אייניקלעך. ער איז געווען זייער פרום. ער האָט כסדר געלערנט און איז געווען אַ זייער קליינער למדן. ער האָט כמעט נישט געקענט שרייבן, ער האָט קיין שפּראַך אויסער יידיש נישט געקענט און האָט געפירט גרויסע וואַלדגעשעפטן.

די גאַנצע משפּחה זיינע איז געווען פאַרבונדן מיט זיינע געשעפטן; קיינער האָט זעלבשטענדיק נישט געהאַנדלט. עס איז געווען איין גרויסע שיסל, איבער דער שיסל איז געזעסן דער אַלטער, אַ שטרענגער, אַ כעסנדיקער און אַ גייציקער, וואָס יעדער האָט געכאַפּט איז אַריין אין שיסל און וואָס יעדער האָט באַדאַרפט איז ער געקומען און גענומען פון דעם היטער פון שיסל.

אַלע זענען געווען אָפּהענגיק פון דעם אַלטן און אַלע זענען געווען אים אונטערטעניק. ער האָט גענומען איידעמס נאָר ישיבה־בחורים, לומדים און פלעגט זיי אַליין מחנך זיין אין מסחר. אייניקע פלינקע האָבן זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין מסחר און זענען געוואָרן דורכגעטריבענע סוחרים, אַנדערע זענען געבליבן ישיבה־בחורים און האָבן זיך צום מסחר נישט געקענט צופּאַסן, אָבער אַלע זענען געווען גלייכע שותפים.

קינדער האָט ער געהאַט פון דריי ווייבער: פון דער ערשטער פרוי זענען געווען די מיינסטע קינדער און אַלע זענען געווען קליינינקע, שוואַרצינקע, נערוועזע, צאַפּלדיקע און צעטומלטע. די זין פלעגן אַרומלויפן ווי שדים איבער דער וועלט און פאַרקניפּן און אָפּקניפּלען די פאַרצווייגטע געשעפטן פון דעם פאָטער. זיי זענען אַלע געווען אומגעלערנטע אפילו אין יידישע למודים, אָבער זייער דורכגעטריבענע. אַלע האָבן געהאַט אַ טבע צו בייסן זייערע בערדלעך. האָבן זייערע בערדלעך אויסגעזען ווי אויסגעפּליקטע. איינער האָט אויפגעגעסן די לינקע זייט פון זיין בערדל, דער

צווייטער האָט אויפגעגעסן די רעכטע זייט פון זיין בערל און א דריטער האָט אויסגעביסן דעם מיטן פון זיין בערדל.

רעדן פלעגן אָט די דאָזיקע מבוהלים האסטיק און פלעגן אָנהויבן זייער געשפּרעך עפּעס פון מיטן.

עס פלעגט קיינעם נישט איבערראַשן, ווען איינער פלעגט צוגיין און פלוצלינג זאָגן:

— מפש, שוטה בן פּיקהאָליץ?, זאָג איך אים, א שפּאָל (א קלעצל וואָס ליגט אונטער די רעלסן פון אייזנבאַן) איז ניט געגעבן פון באַרג סיני, זי קען זיין מיט א האַלבן מילימעטער קירצער.

די טעכטער אויך קליינינקע, שוואַרצינקע, אָבער מיט אזעלכע קלוגע, אזעלכע טריפע און ממזרישע קעפּ, אז עס פלעגט מיר זיין אומהיימלעך צו רעדן מיט זיי.

די דאָזיקע טעכטער האָבן געהאַט איין אויפגאַבע אין לעבן: זיי האָבן פאַרן טאַטן געמאַכט וויכטיק זייערע מענער. יעדע האָט געזען מאַכן א ברייטערן פּלאַץ פאַר איר מאַן לעבן טאַטן, יעדע האָט געזען, אז אירע קינדער זאָלן האָבן מער חן ביים טאַטן. און וואָס מער שלים־מזל דער מאַן איז געווען, אַלץ טיכטיקער, אַלץ געשייטער און דורכגעטריבענער איז דאָס ווייב געווען.

געווען איינע, די סאַמע עלטערע, וואָס האָט געהאַט דעם סאַמע שלים־מזלדיקן מאַן. ער איז נישט געווען אפילו קיין לערנער, און די דאָזיקע פרוי האָט זיך איר גאַנץ לעבן אָנגעשטרענגט צו איבערקליגן אירע אַלע שוועסטער און זען, אז איר מאַן זאָל זיין די רעכטע האַנט ביים אַלטן. זי האָט געהאַט א סך קינדער, האָט זי מיט איר ממזרישער פּאָלי־טיק געמאַכט אזוי, אז אירע קינדער זענען געווען די ליבלינגע פון דעם אַלטן.

פאַרשטייט זיך, אז די אַנדערע שוועסטער פלעגן אויך נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט געאַרבעט מיט חניפה און מיט הונדער־טער הנדלעך און קונצלעך.

פון דער צווייטער ווייב האָט דער מאַגנאַט געהאַט קינדער פעסטע, הויכע און מגושמדיקע, האָבן זיי באַאַרבעט דעם אַלטן אויף זייער שטייגער.

פון דעם דריטן ווייב האָט ער, דאַכט זיך, בלויז שטיף־קינדער און

די פלעגן שוין קלייבן די ברעקלעך, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון רייכן טיש.

אַ חוץ די קינדער זענען שוין געווען אייניקלעך, אויך קליינינקע, שוואַרצינקע און זייער ספּריטנע, וואָס האָבן זיך אויך געפּלאַשקעט אין ים פון זיידנס מסחרים.

דער אַלטער פלעגט זיצן אין שטעטל, אָבער די קינדער און די אייניקלעך זענען געווען זיינע לאַנגע הענט, וואָס פלעגן דערגרייכן אַ גוט געשעפטל אין ווילנע, מינסק, מעמל און קעניגסבערג.

שבת־צו־נאַכט פלעגט זיך די פאַמיליע צעשיטן איבער דער געגנט און איבערן לאַנד. נאָך הבדלה פלעגט מען קומען צום אַלטן, טומלען זיך און גרייטן זיך צו דער וואָך.

אין לופט פלעגן זיך טראָגן ווערטער: שפּאַלן, קליעפּקע, קלעצער, פּליטן, וועקסלען, צאַלונגען. אין דעם דאָזיקן טומל איז אָבער געווען אַ דיסציפּלין, אַ האַרטע און אַן אייזערנע דיסציפּלין, און דער קליינינקער אַלטער האָט געהאַלטן די דיסציפּלין.

איין וואָרט זיינס און עס איז שטיל, איין וואָרט און אַלע ווייסן, וואָס צו טון, וווּהין צו לויפן און נאָך וואָס צו לויפן.

און שטאַרק איז געווען דער אַלטער: דאָ שנצט ער אויס זיין עלטערן זון, וואָס איז שוין אַזוי גרוי ווי ער, דאָ גיט ער אַ חוזק פון אַ שלים־מזלדיקן איידעם, דאָ שטעלט ער אַן זיינע גלאַציקע אויגן אויף אַ טאָכטער און דאָס בלוט ווערט אין איר פאַרגליווערט.

דאָס געלט איז געווען ביי אים

פלעגט ער נעמען געלט איז ער געווען אַזוי לייכט, אַזוי שפּילעוודיק און אפילו וויציק, פלעגט ער געבן געלט איז ער געווען פינצטער ווי די סוף־חודשדיקע נאַכט. ער איז געווען בייז, רוגזהדיק און מוראַדיק נערוועז, אַלע פלעגן זיך אַפּרוקן אין די ווינקלען, שטיל איז געווען ווי אין אַ שטוב פון אַ בר־מינן. די קליינע, דאַרע הענט זיינע פלעגן ציטערן, די פינגער פלעגן קראַמפּהאַפט ציילן דאָס געלט און פלעגן זיך נישט ווען אָפּקלעפּן פון די אסיגנאַציעס.

אין אַזאַ מאָמענט פלעגט ער זיך דערמאַנען, אַז ער דאַרף דאַווענען מנחה און אַלע פלעגן זיך אַוועקשטעלן דאַווענען און נאָכן דאַווענען פלעגט אים עפּעס זיין לייכטער צו צעשיידן זיך מיטן געלט.

וועלדער און מאַיאָנטקעס אַרום שטעטל זענען אָדער אײַנגאַנצן, אָדער טיילווייז געווען פאַרמשכונט ביי אים. עפּעס אין יעדן וואַלד האָט ער געהאַט אַ חלק, אויב נישט קיין חלק איז עפּעס אַ תביעהלע

מיט די פּריצים פלעגט ער רעדן זייער קורץ, און אַז עס פלעגט קומען צו שווערע טענות פון דעם פּריץ, פלעגט ער זאָגן, אַז ער פאַר־שטייט קיין פּויליש נישט.

צי איז עס געווען אמת, צי דאָס איז געווען בלויז אַ מאַנעווער צו נישט אויסהערן קיין טענות — ווייס איך נישט.

* *

די מאַנסבילן פון דער דאָזיקער גרויסער משפּחה זענען אַלע באַנו־מען פון מסחר־משוגעת, קיין זאַך אין דער וועלט האָט זיי נישט אינטע־רעסירט. זיי זענען געווען אַזוי פאַרטיפט אין מסחר, אַז קיין זאַך אין דער וועלט איז צו זיי נישט צוגעקומען. כסדר האַווענדיקע, כסדר פאַר־טומלטע האָבן זיי פון קיין פאַמיליען־לעבן נישט געוווּסט. דאָס הויז, די קינדער זענען געווען אין דעם רשות פון די פרויען. זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעדט נישט מיט די פרויען און נישט מיט די קינדער.

דער אומגליקלעכסטער טאָג איז פאַר זיי געווען שבת; זיי פלעגן אַרומלויפן הין און צוריק אין בית־המדרש ביים דאַווענען און בייסן מיט מער רציחה זייערע בערדלעך.

די ווייבלעך, אָבער, דערהויפּט די יינגערע, זענען געווען אַלע ליידנ־שאַפטלעכע און דורשטיקע צום לעבן. אָבער די מורא פאַרן אַלטן פלעגט זיי האַלטן אין צוים. מיט דערשטיקטע ליידנשאַפטן און מיט אַ נישט־באַ־פרידיקטן לעבנס־דורשט האָט זיך אין זיי אַנטוויקלט עפּעס אַ ווילדע בייזקייט און אַ קרענקלעכע נייגונג צו לשון־הרע. פון אַלע אומשולדיקע ליבעס אין שטעטל האָבן זיי געוווּסט און די אומשולדיקע ליבעס פלעגן ביי זיי באַקומען אַ שרעקלעך זינדיק פּנים, דורך די פענצטער פון זייערע הייזער פלעגן זיי באַקוקן יעדן יונגן מענטש מיט שלעכטע און גיריקע אויגן, מיט אַ מאָדנער בייזקייט פלעגן זיי רעדן וועגן געהיימע ליבעס.

און מיר איז אויסגעקומען צו זען ווי די דאָזיקע צנועות פלעגן זיך פאַרגלען פון באַהאַלטענער און דערשטיקטער תאווה, ווען דער יונגער

דאַמסקער שניידערל, אָדער דער „אַמעריקאַנער", א בחורעץ וואָס איז געקומען פון אַמעריקע און געהאַנדלט מיט רינגלעך און אוירינגלעך, פלעגט אַריינקומען צו זיי. די אויגן פלעגן ברענען, דאָס גאַנצע בלוט פלעגט זיי אַריין אין פּנים . . .

און גאָר נאָענטע האָבן גערעדט בייזס און שלעכטס וועגן זיי און אָן אַ גרונד.

און עס איז נישט צו פאַרדענקען, וואָרום די דאָזיקע ווייבלעך זענען בעצם געווען עגונות, זייערע מענער פלעגן די גאַנצע צייט נישט זיין אין דערהיים און שבת פלעגן זיי פּאָדען אַרום דעם אַלטן.

גרויסע און פאַרצווייגטע געשעפטן האָט געפירט די משפחה, אָבער קיין ביורא האָט זי נישט געהאַט. עפּעס שטיל, בסוד און עפּעס בגנבה פלעגן געשלאָסן ווערן געשעפטן.

די קאָנטראַקטן און אַלע אַנדערע פּאַפּירן פלעגט דער אַלטער טראָגן ביי זיך אין גרויסע, ספּעציעלע קעשענעס.

עס איז אפילו נישט געווען קיין בוכהאַלטעריע. שטיל, שושקענדיק פלעגט מען חשבונען, רעכענען. ביי אַלעמען האָט זיך אַנטוויקלט א משונהדיקער זכרון און אַ מאָדנע פעאיקייט צום חשבונען. אַלע פלעגן חשבונען און יעדער האָט געוווּסט כסדר ווו מען האַלט אין דער וועלט.

און פון האַלטן אַלץ אויפן קאָפּ זענען אַלע געווען פאַרטראַכטע, צעטומלטע און צעשויבערטע.

די אייזערנע קאַסע איז געווען דער אַלטער, און צוקומען צו דער דאָזיקער קאַסע איז געווען זייער שווער: יעדער האָט געהאַט זיין שליסל. דער הויפּט־שליסל איז געווען חניפה און אין דעם האָבן זיך אויסגעצייכנט די ווייבער, זיי פלעגן קענען אויפשליסן די פאַררינגלטע קאַסע, די פאַרמאַכטע האַנט פון דעם אַלטן.

און די קאַסע פלעגט זיך קיינמאָל נישט עפענען ברייט און גאַסטפריינדלעך, עפּעס מיט אַ קרעכץ, מיט אַ בייזער און מיט מורמלען פלעגט זי זיך עפענען.

6

אין וואלד

א שפליטער פון דער דאזיקער גרויסער פאמיליע האט געלעבט אין א וואלד, אין א וואלד, וואס האט אמאל געהערט צום אלטן מאגנאט, און אין דעם דאזיקן וואלד האב איך זיך באזעצט צו לערנען מיט פיר אייניקלעך.

אויף מיילן האט זיך געצויגן דער וואלד און געדיכט־סודותדיק איז ער געווען. הימל און וואלד. און עפעס אין דער געהיימניספולער געדיכטעניש האבן זיך מענטשן ארייננגעשניטן מיט א העסלעך הויז: לאנג און נידעריק איז געווען דאס הויז. עס איז געווען ניי, אבער עפעס אלטע לאטעס האט עס געהאט אויף זיך: דער דאך א העסלעכע לאטע, די פענצטער לאטעס און די טירן לאטעס. אזוי פיל הונדערט־יעריקע, שלאנקע און קאקעטע ביימער האט געהאט דער וואלד. אבער עפעס א פארטאטשישע האנט האט געבויט דאס הויז, עפעס פון שפענדלעך און א געשמאקלאזע פאנטאזיע האט די ארכיטעקטור באשאפן.

אין דעם איינזאמען, העסלעכן הויז האבן געוווינט א טאכטער פון דעם אלטן מיט איר מאן און קינדער, דער מאן איז כלומרשט געווען דער באלעבאס פון דעם גרויסן סודותדיקן וואלד, און אין דעם הויז האב איך זיך באזעצט.

געקומען בין איך, ווען דער וואלד איז נאך געווען גרין־רויטלעך. דער וואלד האט נאך געלעבט. א גאנצע וועלט פון לעבעדיקע נפשותלעך, פייגל, האזן, וועוויערקעס, האבן פריילעך און מוטיק געטשוויטשערט און געשפרונגען אזוי זארגלאז אין אים. וואסערן האבן שטיל געזשומעט און זיי האבן פארטויבט דאס הייזעריקע סקריפען פון א זעג־מיל, וואס איז געשטאנען אין מיטן וואלד און האט ווי א שלעכטע חיה געכראמשקעט די ביימער מיט אירע אייזערנע, קרומע און הארטע ציין. די געדיכטע גרינקייט האט פארשלאגן דעם ריח פון א סקיפידארניע, וואס האט זיך ערגעץ געוויכערט פון די ברענענדיקע פעכיקע ווארצלען פון ביימער, ארויסגע־

צווינגן פון זיי זייער לעבעדיקן זאפט און האט אים פארוואנדלט אין שוואַ־צער סמאָלע און דורכזיכטיקן טערפּענטין.

שעהען פלעג איך בלאָנדזשען אין וואלד. און וואָס פאר א וואונדער־לעכע ווינקעלעך איך האָב אנטדעקט אין אים, ווינקעלעך מיט אזוי פיל פאַרבן, ווינקעלעך מיט אזוי פיל שטילן חיות, ווינקעלעך מיט אזויפיל סודותדיק לעבן, ווינקעלעך זינגענדיקע, וויינענדיקע, פריילעכע און יאָ־מערנדיקע.

יעדן טאָג פלעג איך אנטדעקן עפּעס נייעס.

און די גרויסע איינזאַמקייט איז געווען אזוי זיס־נאָגנדיק און אזוי ווייך־טרויעריק. ניטאָ קיין מענטשן און אלץ לעבט אין אזא שלוה, אין אזא מנוחה ווי אין שוים פון א גרויסער, הארציקער מוטער.

אין א חודש ארום האָט אָנגעהויבן רעגענען און שנייען. בייזע ווינטן האָבן זיך געריסן אין וואלד ווי מכשפות. מיין גאָט, וואָס פאר א חורבן, וואָס פאר א יום־כפור עס האָט זיך צעלייגט אין וואלד!

ביימער האָבן זיך געטרייסלט צעשראָקענע און צעטומלטע, עפּעס ווי פאר א גרויסן יום־הדין און דער ווינט שמייסט, בייטשט און קוויטשעט, ברומט און האלדערט. וואָכן האָט עס געדויערט. א גערדיכטע אימה איז געשטאַנען אין וואלד.

און איינמאָל אין דער פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דורכן פענצטער דערזען דעם וואלד אין תכריכים. מיט ווייסן שניי איז ער באַ־דעקט און שטיל איז ער, אזוי שטיל ווי א בר־מינן. אלץ איז אנטשוויגן געוואָרן, דער גרויסער אָטעם פון וואלד האָט זיך אָפּגעשטעלט.

א גרויסער בר־מינן אין תכריכים...

און קורצע, אייליקע, דערשראָקענע טעג זענען אָנגעקומען און נאָך זיי, לאַנגע, לאַנגע אָוונטן און נעכט. אזעלכע איינזאמע, שטילע אָוונטן און אזעלכע טויטע נעכט.

מיינע ווינקעלעך און שטעגעלעך, וואָס איך האָב אנטדעקט, זענען פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי, צו מיינע ווינקעלעך איז קיין צוטריט נישט געווען.

האָב איך זיך א וואָרף געטון אויף די ביכער מיינע. אין מיין לעבן האָב איך נישט געלערנט אזוי אליין מיט אזא התמדה און געלערנט

אנדערע ווי אין די לאנגע אוונטן און נעכט אין מיטן א גרויסן טויטן וואלד.

איך האב מיט מיין התמדה אנגעשטעקט מיינע תלמידים און אין דעם פארוואָרפענעם הויז ערגעץ אין א וואלד איז געוואָרן א ישיבה מיט מתמידות.

די מיידלעך, קליינינקע, דארינקע מיט פלינקע קעפלעך האבן אנ־געהויבן לערנען מיט אזא ווילדער התמדה, אז די עלטערן און איך אליין האב זיך אנגעהויבן שרעקן פאר זייער געזונט.

פון אלע צימערן, גרויסע און העסלעכע צימערן, האבן זיך גע־טראָגן קולות פון די לערנענדיקע מיידלעך. די מוטער און דער פאטער פון די מיידלעך זענען געזעסן א גאנצן טאג און האבן מיט די קינדער קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. עפעס א ווילדער דורשט צום לערנען איז זיי אלעמען באפאלן.

איך געדענק איין מיידעלע, א קליין־געוויקסיקע, מיט בלאנדע גע־קרייזלטע האר און מיט גרויסע גרויע אויגן האט פון העלער הויט אנ־געהויבן שרייבן פרעכטיק העברעאיש. וואס זי האט געשריבן איז געווען צארט, ציטערדיק און פלאטערדיק, אז איך בין איבעראשט געוואָרן. אן אנדערע איז פארקאכט געוואָרן אין יידישער געשיכטע און האט ארויס־געוויזן וואונדערלעכע בקיאות. א דריטע האט זיך צוגעכאפט צו אן אנדער קעגנשטאנד און די פערטע — צו לייענען.

און אין די לאנגע אוונטן פלעגן מיר זיך אלע צונויפקלייבן אין גרויסן, וויסטן זאל און לערנען צוזאמען ביז צעדולעניש, און נישט איינ־מאל פלעגט אריינקומען דער פעטער, טעמפער טאטע א דערשראקענער און פלעגט זאגן :

— א משוגעת איז אייך אלעמען באפאלן, גייט שלאפן, איר וועט אומקומען.

און די דארע, ביינערדיקע מאמע פלעגט זיך בעטן ביי מיר און ביי די קינדער :

— האט רחמנות אויף אייערע יונגע יאָרן, איך קען עס שוין מער נישט צוזען.

דער איינציקער, וואס פלעגט זיי קענען אפרייסן פון די ביכלעך

איז געווען איך. ווען איך פלעג זאָגן: קינדער געגוג, פלעגן זיך אַלע בי־
כער פאַרמאַכן און מען פלעגט גיין שלאָפן.

פלעגן טאַטע־מאַמע שווין זיך ווענדן כסדר צו מיר.

וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע קינדער דאָס זענען געווען.

ווען זיי וואָלטן געהאַט אַנדערע עלטערן, אַן אַנדער זיידן, וואָלט
פון זיי אַרויסגעקומען געבילדעטע און פיינע פרויען.

אָבער דער סוף איז געווען, ווי איך האָב זיך דערוווּסט מיט יאָרן
שפּעטער, זיי האָבן חתונה געהאַט ווי גוטע יידישע טעכטער און געוואָרן
קליינשטעטלדיקע יידענעס. בלויז די געקרייזלטע, מיט די גרויע אויגן האָט
זיך איינגעעקשנט און האָט ווייטער געלערנט, אָבער דער אַלטער מיט
טאַטע־מאַמע האָבן געקעמפט מיט איר ביטער.

און מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זי באַגעגנט אין וואַרשע אַ מידע
פון לאַנגן קאַמף, אַ צעבראָכענע פון אייביקער מלחמה . . .

אַן אַלט מיידל, אַ פאַרביטערטע און אַן אַנטוישטע, מיט עטלעכע
מאַרקסיסטישע פראַזן אויף די בלאַסע ליפּן.

* *

ערגעץ אין האָרץ פון וואַלד האָט מען געהאַקט, געזעגט ביימער און
געברענט און פאַרקוילט די מעכטיקע וואָרצלען זייערע, אָבער אין דעם
הויז האָט מען עס נישט געפילט. קיין שרייבערס, קיין בוכהאַלטערס,
קיין בראַקערס און קיין אַנדערע אָנגעשטעלטע האָט מען נישט געזען.
געווען עפּעס איין אַלטער ייד מיט אַ מוראַדיק געדיכטער באָרד, וואָס
פלעגט קומען און שטיל אַריינרעדן אין דער געדיכטעניש פון זיין באָרד
און דער פעטער, קיילעכדיקער באַלעבאָס פלעגט עפּעס ברוגז און האַרט
אָפּמורמלען צוריק.

עפּעס פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז מען גנבעט ביים וואַלד שטיל
די בעסטע ביימער, מען פירט זיי אַוועק עפּעס בשתיקה און מען נעמט
אָפּ געלט פאַר זיי בשתיקה — שאַ, קיינער זאָל נישט ווויסן . . .

עפּעס מאָדנע האָבן די דאָזיקע יידן געפירט זייערע גרויסע גע־
שעפטן: פאַרקנורעט, באַהאַלטן און סודותדיק.

אַמאָל פלעגט זיך הערן אין אַ פאַרמאַכטן צימער אַ קריגעריי,
אַ רייסעריי . . .

קיין מקח וממכר איז נישט געמאַכט געוואָרן גלאַט. כסדר סכסוכים, כסדר טענות און תביעות. פלעגן קומען פויערים, פלעגט מען זיי אַריינגעמען אין אַ באַזונדער צימער און טענהן, טענהן שטיל און בייז שעהען לאַנג. קיינמאָל האָט מען נישט געוווּסט ריכטיק קיין פּרייז פאַר אַרבעט, קיין מקח פאַר סחורה, יעדע קלייניקייט האָט באַדאַרפט באַטראַכט ווערן און אויסגעחשבונט ווערן ווי אַ נייע אונטערנעמונג.

איז געשטאַנען אַ שנאה, אַ בייזער צאָרן און אַ מוראַדיקער אומצוטרוי צווישן די מענטשן אין וואַלד, די פויערים, די אַרבעטער זענען געווען כסדר דערצאָרנט. עפּעס האָט זיך זיי כסדר געדאַכט, אַז מען באַשווינדלט זיי און די באַלעבאַטים זענען כסדר געווען דערשראָקן אַז מען באַרייסט זיי.

דער בייזער גייסט אין דעם האָזיקן שטילן וואַלד איז געווען די באַלעבאָסטע, אַ הויכע אויסגעטריקנטע יידענע, אַ פּרוי פון דינע, לאַנגע ביינער, אויף וועלכע עס איז קיין ברעקל ווייך פלייש נישט אַרויפגעצויגן געוואָרן. אירע בלאַסע דינע ליפּן זענען כסדר געווען פאַרשצימעט עפּעס אַזוי ווי פון אַ פּיינעגדיקן שמערץ. אירע גרינע אויגן זענען געווען כסדר שטעכעדיק און בייז. איר געזיכט פון זאַמד־קאָליר איז געווען כסדר אָנגעדרודלט.

איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען לאַכנדיק און שמייכלענדיק.

זי פלעגט כסדר ליידן פון קאָפּ־שמערצן. שרעקלעכע מיגרענעס האָבן זי געפּייניקט און אין דער צייט פון מיגרענעס האָט זי אויסגעזען ממש ווי אַ מכשפה אין קינדער־מעשהלעך. זי איז דאַן געווען בייז ווי אַ צוקנדיקע חיה און קלוג, בייסיק און גאַליק איז זי געווען. דער קיילעכדיקער, תמעוואַטער מאַן אירער פלעגט זיין אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער און אַן אומבאַהאָלפענער.

אין די קרענקלעכע טעג אירע פלעגט דאָס איינזאַמע הויז אָנגעפילט ווערן מיט אימה, מיט בייזע חשדים און מיט נאַגנדיקן אומצוטרוי צו אַליץ און צו אַלעמען. אויף מיר אַליין פלעגט אָנפאַלן אַן אימה, ביינאַכט פלעג איך הערן דייטלעכע קולות פון חיות אין וואַלד, שרעקנדיקן גערויש און געהיימניספולע באַוועגלעכקייט.

דער וואַלד — ווי געהיימניספול ער איז און ווי ער ענדערט זיך כסדר: דאָ איז פינצטער, אַזוי פינצטער און טרויעריק, אַז דו פילסט,

אז אַט שלינגט ער דיך איין אין זיין פינצטערניש, דאָ איז ער בייז און צאָרנדיק און דו זעסט, אז אַט באַלד פאַרצוקט ער דיך און אַט איז ער גוט, ליב, שיינענדיק און שמייכלענדיק . . .

אָבער צו דעם העסלעכן איינזאַמען הויז פלעגט דער וואַלד קיינ־מאָל נישט שמייכלען. ערגעץ ווייט פון הויז און פון זיינע מענטשן, וואָס האַקן און פיצלען אים פלעגט ער שמייכלען. אַרום הויז איז געווען די גאַנצע בייזקייט פון וואַלד... אויף דעם סאַמע בייזן און צעקרימטן אָרט פון וואַלד איז געשטאַנען דאָס געלאַטעטע הויז.

גרויס איז געווען דער וואַלד און אין פאַרשידענע טיילן פון זיינע געדערים זענען געזעסן ווי רויב־פייגל די קינדער פון דעם אַלטן. ווייט ערגעץ איז געזעסן אַ זון מיט משונהדיק גרויסע און אומהיימלעכע אויגן. ער, אַ שוואַרצער און אַ קליינינקער און זיין ווייב אַ טיף־טונקעלע גע־שטאַלט און אַ קראַנק, נוטה־למותדיק יינגעלע מיט ווייסע ליפּן, מיט וואַ־סערדיקע אויגן, מיט אַ געל פּנים און מיט צעקרימטע ראַכיטישע פיסלעך...

און ווייטער ערגעץ איז געזעסן אַן איידעם, אויף וועמען די הויזן זענען עפּעס געווען כסדר קורץ און די קאַמאַשן מיט ווייסע זאָקן זענען געזען געוואָרן. דער איידעם פלעגט אַרומגיין כסדר אַ דערשראָקענער און פלעגט כסדר דערציילן מעשיות וועגן גזלנים, וועגן שלאַנגען און עקדעשן וועלכע זענען באַהאַלטן אין וואַלד און לויערן אויף אַלע יידן.

אזוי אַרום איז דער וואַלד געווען באַדעקט עפּעס מיט געשווירן, מיט בלאָטערן אויף פאַרשידענע טיילן פון זיין גרויסן קערפּער.

דער ווינטער איז פּלוצלינג אוועק, און פּלוצלינג איז דער וואַלד צוריק געוואָרן לעבעדיק. ער האָט זיך צוריק צעזונגען, צעזשומעט אין צעשמאַיעט.

אין די טעג פון פּסח איז צוגעפאָרן צום העסלעכן הויז אַ קאַרעטע. דער באַלעבאָס איז אַרויסגעלאָפן אַ צעפּלאָשעטער. ער איז געשטאַנען פאַר דער קאַרעטע אָן אַ היטל.

פון שטוב האָבן אַלע אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער מיט שרעק און מיט נייגעריקייט.

די קאַרעטע איז אוועקגעפאָרן.

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם באַלעבאָס און אַלע אויגן האָבן געפרעגט — וואָס איז?

און ער דערציילט, אַז דאָס זענען פּריצים שכנים, זיי ווילן שיסן פֿייגל אין וואַלד און זיי בעטן אַ דערלויבעניש.

ער האָט די דערלויבעניש, פֿאַרשטייט זיך, זיי געגעבן.

און אין אַ פֿרימאָרגן, ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטערלעך, זענען צוגעפֿאָרן עטלעכע קאַרעטעס און עטלעכע רייטערס. די קאַרעטעס האָט מען איבערגעלאָזט לעבן הויז און אַ כאַפּטע מענער מיט פֿרויען האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין וואַלד.

מיין נייגעריקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב פֿון ווייטן זיך געלאָזט גיין נאָך זיי.

איז צוגעקומען צו מיר אַ יונגער מענטש פֿון דער קאָמפּאַניע און מיר דערקלערט, אַז אויב איך וויל גיין אין וואַלד דאַרף איך גיין מיט זיי, ווייל זיי וועלן שיסן און זיי דאַרפֿן וויסן וווּ די מענטשן געפֿינען זיך. אַ קויל שיסט נישט כסדר אין ציל, אַמאָל שיסט זי ווי אַ בלינדע.

איך האָב מסכים געווען צו גיין מיט זיי.

לאַנג, לאַנג איז מען געגאַנגען, פּלוצלינג האָט אַ פֿויגל זיך מאָדנע צעזונגען, אָדער צעשריען. אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט און מיט פֿרייד צעשריען:

— אָט איז ער!

אויף די שפּיץ פֿינגער. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָט מען זיך דערנענטערט צום אָרט, פֿון וועלכן מען האָט געהערט דעם מאָדנעם געזאַנג פֿון פֿויגל.

מען איז געגאַנגען ווי גנבים, וועלכע גייען אויפֿברעכן אַ קאַסע.

און פּלוצלינג האָט איינער אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אויף אַ בוים.

אויפֿן בוים איז געשטאַנען אַ גרויסער פֿויגל מיט וווּנדערלעכע פֿאַרביקע פֿעדערן און האָט געזונגען עפּעס מיט אַ מאָדנער דביקות.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פֿויגל האַלט די אויגן פֿאַרמאַכט פֿון דביקות און מתיקות.

שטיל האָבן זיך אַלע דערנענטערט צום בוים.

און אויף דער ערד איז געלעגן אַ גרויסער פֿויגל מיט וווּנדערלעכע פֿאַרביקע פֿעדערן. דער פֿויגל איז געלעגן אַ טויטער.

אַלע זענען צוגעלאָפֿן צום פֿויגל. די פֿרויען האָבן אין גרויסער

התפעלות באטראכט דעם פויגל און נישט געקענט אפּוואַנדערן זיך פון זיין שיינקייט.

און איינע, שוין א מיטל יעריקע, האָט גענומען דעם פויגל, אים גוט באטראכט און דערקלערט:

— ער איז פעט, זייער פעט, אין דער ריכטיקער צייט האָבן מיר אים געשאָסן.

דער יונגער מענטש האָט אפּנים באמערקט מיין פאַרוואונדערונג און ער איז צוגעגאנגען צו מיר און מיר דערקלערט וואָס פאַר א פויגל דאָס איז.

עס איז א פויגל וואָס קען זיך וואַנדערלעך באהאַלטן. עס איז אים שווער צו אויפזוכן. א זייער פאַרזיכטיקער, קלוג, ממזריש איז ער. ער וועט אייך כסדר אָפּנאַרן. אָט איז ער דאָ און אָט איז ער נישטאָ.

אָבער אין דער צייט פון פאַר פּסח הויבט ער אָן לעבצן נאָך ליבע.

און בשעת זיין לעבצעניש נאָך ליבע פאַרלירט ער זיין שכל, ווי יעדער פאַרליבטער. ער ווייסט נישט פון קיין געפאַר. ער זעט ניט קיין געפאַר, ער הערט נישט קיין מענטשלעכע טריט.

שטייט ער אויף א בוים און זינגט.

דאַן איז די ריכטיקע צייט צו שיסן אים ...

ליבע ...

* *

באַלד איז מיר געוואָרן שווער אין וואַלד. א שווערע איינזאַמקייט האָט מיך ממש אָנגעהויבן צו פייניקן און מאַטערן, און איך האָב באַשטימט, אַז עס איז די העכסטע צייט צו לאָזן זיך צוריק אין וועג אַריין — אין אויסלאַנד.

עס איז מיר געווען ביז גאָר לייכט צו שיידן זיך מיט דער וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט. די וועלט איז מיר געווען פרעמד און איך בין געווען פרעמד דער וועלט.

איך בין שוין געווען א פרעמדער אין דער וועלט. מיין שטעטל איז מיר געווען פרעמד און אַלע וואָס האָבן געלעבט אין מיין שטעטל זענען געווען פאַר מיר עפּעס פרעמדע מענטשן, אַדער ריכטיקער — אַנדערע מענטשן.

אַ שרעק פלעגט מיך באַפאַלן, ווען עס פלעגט מיר אויפקומען אַ געדאַנק — אפשר גאָר בלייבן דאָ, מיט מיינע יידן, מיט מיינע נעבעכדיקע חברים.

און אין דער איינזאַמקייט פון וואַלד זענען מיר אָפט אויפגעקומען אַזעלכע געדאַנקען, און דאָס האָט פאַרשנעלערט מיין רייזע קיין אויס־לאַנד. מיין רייזע צום צווייטן מאָל.

איך האָב זיך איינגעטלעך געראַטעוועט . . .

7

צוריק אין אויסלאַנד

מיין באַגעגעניש מיט י. עפּרויקין

איך האָב זיך ווידער אַרויסגעריסן פון מיין שטעטל.

דער חשק אַליין צו לערנען און נישט לערנען אַנדערע האָט מיך ניט געלאָזט רוען. אגב, איך בין געווען אַן אויסערסט שלעכטער לערער, איך האָב בלויז געקאָנט אָנשטעקן מיינע תלמידים מיט חשק צו לערנען, דאָס איז געווען מיין איינציקע קוואַליפיקאַציע ווי אַ לערער.

אָבער די דאָזיקע קוואַליפיקאַציע איז געווען כמעט אין גאַנצן אַן איבעריקע; אַלע זענען אין יענער צייט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גוואַל־דיקער תאוה צו לערנען וועלטלעכע לימודים.

די אַלטע התמדה, דער אַלטער ברען צו לערנען תורה, האָט בלויז געביטן דעם קעגנשטאַנד, אַנשטאַט יידישע לימודים האָט מען געלערנט וועלטלעכע לימודים.

מיידלעך, וואָס זענען בטבע ווייניקער שטיפעריש ווי ייִנגלעך, האָבן געלערנט נאָך מיט אַ גרעסערער התמדה; ביי זיי, ביי די מיידלעך, איז לערנען סתם געווען אַ נייער ענין און זיי האָבן אַריינגעלייגט אין לער־נען זייער גרויסע ווייבערישע געדולד.

בין איך אַוועקגעפאָרן אַ גליקלעכער, און מיט אַ פעסטן באַשלוס

זיך נישט צו לאָזן מער פאַרפירן פון ליידנשאַפטן, וואָס קענען מיך אָפּ־רייסן פון לערנען.

און אָט בין איך אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל.

איך בין אין באַן, וואָס פירט מיך קיין אויסלאַנד, קיין בערלין, און פון בערלין קיין בערן, די הויפּטשטאָט פון דער קליינער פרייער מדינה — די שווייץ.

אין וואַגאָן האָב איך זיך באַקענט מיט א יונגן, מיטלוויקסיקן בחור, וואָס איז געווען א היבש ביסל ענלעך אויף מיר; ער האָט אויך געהאַט פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר, שוואַרצע און שאַרפע אויגן, אַ הויכן שטערן און נערוועזע באַוועגונגען.

זיין שטים בלויז איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע, זי איז געווען אַ הייזעריקלעכע.

און נאָך עפּעס איז ער געווען אַנדערש — ער האָט פאַרמאָגט א מאָדנעם ניכטערן און פּראַקטישן פאַרשטאַנד.

איך בין געווען אַן ענטוזיאַסט, א היציקער, א גלויביקער און ער א ניכטערער, א מיושבדיקער, אַן אויסגעצייכנטער און לאָגישער בעל וויכוח.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט.

ער פאָרט אויך לערנען, ער איז אויך אַן אָרעמער טייוול ווי איך.

באַשטימען מיר, אַז מיר באַזעצן זיך צוזאַמען אין איין צימער, מיר לערנען צוזאַמען, הכלל — חברים, צוויי געטרייע חברים אין א פרעמד לאַנד און צווישן פרעמדע מענטשן.

און מיר טרעטן שוין נישט אָפּ איינער פון דעם אַנדערן.

דער נייער חבר מיינער, וואָס איך האָב געטראָפן פאָרנדיק קיין בערן, איז געווען ישראל עפּרויקין, וואָס איז איצט א בעל־תשובה און האָט אָנגעשריבן צוויי תשובה־ביכער. אין איינעם מאַכט ער א רעוויזיע פון אונדזער פּאָליטישער בלאָנדזשעניש און אין צווייטן בוך, וואָס הייסט „חשבון הנפש", מאַכט ער א שאַרפע רעוויזיע פון אונדזערע גייסטיקע בלאָנדזשענישן.

און ווי אַלע בעלי־תשובות אונדזערע אין די לעצטע יאָרן זעט ער בלויז איין אויסוועג:

צוריק צו דער אַלטער, פעסטער און זיכערער יידישקייט.

זי איז געווען די שטאַרקע פעסטונג אונדזערע פאַר צוויי טויזנט יאָר און זי דאַרף זיין אונדזער פעסטונג אין דער צוקונפט.

*   *

י. עפּרויקין האָט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ שטורמישע קאַריערע פאַר אַ יידישן אינטעליגענט.

ער איז נישט לאַנג געבליבן אין בערן. מיר האָבן ביידע דורכגעמאַכט דעם קורס פון לאַטיין ביי אַן אַלטן גוטמוטיקן פּראָפעסאָר, וואָס פלעגט טון און באַוואונדערן די פעאיקייטן און די התמדה פון זיינע נייע „רוסישע" סטודענטן; זיי טוען און כאַפּן ממש די תורה פון לאַטייניש ביי אים פון מויל אַרויס.

און אַלע האַלטן אויס דעם עקזאַמען און אַלע ווערן סטודענטן, טומלדיקע, ענערגישע און דורשטיקע נאָך וויסן סטודענטן.

אין דעם געווענלעך שטילן, האַלב שלעפעדיקן בערנער אוניווערזיטעט האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק פון די נייע סטודענטן.

י. עפּרויקין און איך האָבן אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, פאַרשטייט זיך, און מיר זענען געוואָרן סטודענטן.

פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן געלערנט צוזאַמען, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך נענטער מיט מיין חבר י. עפּרויקין.

ער איז געווען און איז עד היום איינער פון די טשיקאַווסטע כאַראַקטערן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

ער איז אַ מענטש וואָס דער קאָפּ און דאָס האַרץ זענען ווי אַ געגנט פאַרפאַלק, זיי לעבן נישט צוזאַמען.

דער קאָפּ איז דער באַלעבאָס, דאָס האַרץ מישט זיך נישט, שטייט כסדר אין אַ זייט.

איך האָב זעלטן באַגעגנט אַזאַ דורכאויס קאָפּ מענטש ווי י. עפּרויקין.

דאָס האַרץ מישט זיך ביי אים נישט אין די געשעפטן פון קאָפּ.

די גאַנצע יוגנט, דערהויפּט די יידישע, איז אין יענער צייט געווען אידעאַליסטיש, דאָס האַרץ האָט דאָמינירט. עס איז געווען אַ צייט פון גרויסע אידעען און פון גרויסע האָפענונגען אויף רעוואָלוציעס; אין רוס־

לאנד האָט די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פארכאפּט אַלעמען, דער עיקרשט, פארשטייט זיך, די יידישע אינטעליגענץ.

אויף דער יידישער גאַס איז פאָרגעקומען אַ צווייענדיקע רעוואָלוציע; די יידישע וועלט איז פארכאַפּט געוואָרן פון איין זייט פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אידעאַלן און פון דער אַנדער זייט פון אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל — פון ציוניזם.

ציוניזם און בונד זענען געווען די צוויי אידעאַלן, וואָס האָבן פארכאַפּט די יידישע וועלט אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

יעדער בערנער סטודענט איז געווען אַן אידעאַליסט, ער איז געווען אָדער אַ סאָציאַליסט־אידעאַליסט, אָדער אַ ציוניסט אידעאַליסט.

און אין ביידע אידעאַלן איז אַריינגעלייגט געוואָרן מער האַרץ ווי קאָפּ, מער ברען ווי לאָגיק, מער ענטוזיאַזם ווי מיושבדיקייט.

י. עפּרויקין איז געווען אַ יונגער סטודענט מיט אַ פּראַקטישן פארשטאַנד, מיט לאָגיק און מיט שכל־הישר.

ער איז נישט לאַנג געווען אַ סטודענט.

אידעאָלאָגיש איז ער געווען אַ רעוואָלוציאָנער ציוניסט, אַ סיימיסט, האָט עס דאַן געהייסן.

די יידישע ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבן געמוזט האָבן אַ געמישטע אידעאָלאָגיע — אַ יידישע און אַ סאָציאַליסטישע, כדי נישט צו אָפּשטיין פון דער אידעאָלאָגיע פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

זענען געווען ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אונטערגעפירט אַ סאָציאַליסטישן פונדאַמענט אונטער דעם ציוניזם, דערנאָך זענען געקומען די פּועלי־ציוניסטן. שוין שטרענגע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן זייער ציוניזם באַגרינדעט מאַרקסיסטיש.

די סיימיסטן האָבן געמאַכט אַ „כורך" פון ציוניזם און פון דעם רוסישן פאָלקיסטישן סאָציאַליזם, דאָס הייסט, זיי זענען געווען ציוניסטן און סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן. קאַרל מאַרקסן האָבן זיי נישט גורס געווען.

י. עפּרויקין איז צוגעשטאַנען דווקא צו דעם סענטימענטאַל פאָלקיסטישן סאָציאַליסטישן ציוניזם.

עס איז געווען אַ פּאַרטייעלע פון לויטער אינטעליגענטן. יעדער סיימיסט איז געווען אַ טעאָרעטיקער. עס איז געווען אַ קליינע גרופּע פּין

יידישע אינטעליגענטן, אלע וואיל־געלערנטע. אלע שטארק באלייענטע. אלע מיט גוטע קעפּ, אלע מיט ווארעמע הערצער, אלע גוטע יידן און אלע גוטע פּאלקיסטן.

איך בין צוגעשטאנען צו די ס. ט. צו ציוניסטן סאציאליסטן.

אָבער איך בין קיינמאל נישט געוואָרן קיין פּארטיי־טוער און סתם קיין ריכטיקער פּארטיי־מענטש; איך האָב נישט געקענט טון עפּעס אונטער א טייטל, קירעווען מיין דענקען לויט א רעזאָלוציע, וואס די מערהייט האָט אָנגענומען.

י. עפּרויקין איז געוואָרן א פּארטיי־מענטש, אָבער אָן הארץ און אָן ברען. זיינע ארטיקלען זענען געווען לאָגיש פּאָליטישע.

ער איז געוואָרן א בריה צו מאכן פּראָגראַמען און צו פארפאסן די ריכטיקע רעזאָלוציעס.

עס איז געווען א צייט פון רעזאָלוציעס. דורכפירן א רעזאָלוציע איז געווען שווער, ממש ווי קריעת ים־סוף; אלע האָבן געהאט גוטע קעפּ, אלע זענען געווען בריות צו אריינשמוגלען דאָ און דאָרט אזא וואָרט אין דער רעזאָלוציע, וואס מאכט זי צונישט, אָבער די רעזאָלוציע־מאכערס פלעגן באלד כאפּן דעם שמוגלער ביי דער האנט.

פלעגט אן אנדערער, א פלינקערער, איבערנעמען דעם שמוגל פון כלומרשט אומשולדיקע ווערטער אין דער רעזאָלוציע, פלעגט מען אים סוף כל סוף אויך כאפּן ביי דער האנט.

און נעכט פלעגט מען דעבאטירן, מען האָט צעקייט ווערטער, אריינגעטייטשט אין זיי פארשידענע כוונות, מען האָט זיך געפּלפּולט און געשארפט די יונגע מוחות.

א רעזאָלוציע האָט איר ליטעראַרישע פאָרם, זי האָט באדארפט זיין קורץ, טרוקן, מען האָט געטריבן שיינע ווערטער פון די רעזאָלוציעס ווי ניט־גוטע.

און שיינע ווערטער און פּאטאָס זענען גראָד געווען כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, ווי אין יעדער צייט פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז.

אָבער דאָס אלץ איז געווען אין רעדעס, אָבער ניט אין רעזאָלוציעס.

דער סטיל פון דער רעזאָלוציע איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

י. עפרויקין איז געווען א ספעציאליסט אויף פארלייגן רעזאלוציעס און פארהיטן זיי פון שמוגל.

אין א שיינעם פרימארגן איז ער אוועק פון בערן און געווארן אויס סטודענט אויף זיין גאנץ לעבן.

ער האט, אגב, ווי יעדער פראקטישער קאפ, ליב געהאט דעם היינט, ער האט זיך נישט געקענט פארליבן אין דעם נעפלדיקן און מטושטשדיקן מארגן, אדער אין דער ווייטער צוקונפט.

קיין רעוואלוציאנער, אין דעם פראקטישן זינען פון ווארט, איז ער אויך נישט געווען, הפנים אז רעוואלוציע איז אויך פאר אים געווען א שטיק מטושטשדיקער מארגן, נישט קוקנדיק וואס די גאנצע יונגע וועלט ארום אים אין בערן און רוסלאנד האט געלעבט מיט דער מארגנדיקער רעוואלוציע ווי מיט דאס סאמע אקטועלסטע. רעוואלוציע איז געווען א שטיק קאנקרעטער היינט פאר דער גאנצער רוסישער און יידישער יונגער אינטעליגענץ.

די ערשטע רעוואלוציע איז דורכגעפאלן.

די ציוניסטיש־טעריטאריאליסטישע פארטיי און די גרופע סיימיסטן זענען צערונען געווארן, זיי זענען נים געווארן, אט אזוי ווי פארביקע זייפן־בלעזלעך האבן זיך א שפיל געטון ערב דער דורכגעפאלענער רע־וואלוציע און זענען נישט געווארן.

דער פאטאלער טעות זייערער איז געווען, וואס זיי האבן זיך אפ־געריסן פון דער ציוניסטישער פארטיי, ווי א טייל פון דער ציוניסטישער פארטיי וואלטן זיי געקענט לעבן, ווי עס איז געווען דער פאל מיט די פועלי־ציון, וואס שפילן איצט די הויפט־ראלע אין ישראל.

י. עפרויקין האט שפעטער געהאלפן ארגאניזירן א יידישע פאלקס פארטיי, אבער זי האט אויך געהאט קיצור־ימים.

הפנים אז אן אידעאליזם, בלויז מיטן קאפ, בלויז מעכאניש, קען קיין פארטיי נישט לעבן.

אין אמעריקע בלויז לעבן פאליטישע פארטייען צוליב פראקטישע אינטערעסן. אין אייראפע איז געווען פונקט פארקערט — יעדע פארטיי האט גאר געמאנט גרויסע קרבנות, גרויסע קרבנות פון אירע מיטגלידער, דאס הייסט עקסטרעמען אידעאליזם.

איז אויף דער יידישער גאַס זענען געבליבן די ציוניסטישע פּאַרטיי און דער בונד.

ביידע זענען שטאַרק אָפּגעשוואַכט נאָך דער דורכגעפאַלענער רע־וואָלוציע, אָבער ביידע האָבן געלעבט און געבליבן לעבן עד־היום.

איך האָב געענדיקט מיין שטודיום, געקומען אין ווארשע, געוואָרן אַ זשורנאַליסט און אַ טעאַטער־קריטיקער. איך האָב דערגרייכט צו וואָס איך האָב געשטרעבט. איך האָב געוואָלט זיין אַ שרייבער און בין עס געוואָרן.

י. עפּרויקין, האָב איך געהערט, איז אַן אָנגעשטעלטער אין „איקא״, ער איז אין פּעטערבורג, ער איז אַ טשינאָווניק ביי באַראָן הירשס ירושה, וואָס האָט געטון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין גרויסע נאַציאָנאַלע ממשות נישט געהאַט.

דאָ און דאָרט שרייבט ער אַן אַ גוטן, לאָגישן אַרטיקל אין אַ זאַמל־בוך אויף אַ פּאָליטישער, אָדער געזעלשאַפטלעכער פראַגע, אָבער ער איז פאַררוקט געוואָרן עפּעס אין אַ זייט פון דעם שטראָם פון דעם יידישן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

* *

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באַגעגן איך זיך מיט אים אין פּעטערבורג, ער איז נאָך אַלץ אין איק״אַ.

אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַרלאָזט ער רוסלאַנד, נעמט זיך צו הילפס טעטיקייט, ער באַארבעט דאָס יידישע דרום־אַפריקע.

מיט קיין גרויסע אויפטואונגען איז זיין אַרבעט נישט געקרוינט געוואָרן.

ער האָט עפּעס געהאַט גרויסע געלט־תביעות צום „דזשאָינט״, וועל־כע האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

ביז ער באַזעצט זיך אין פּאַריז און הויבט זיך אָן פאַרנעמען פּשוט און פּראָסט מיט מסחר. ער האַנדלט מיט שיפס־קאַרטן, דערהויפּט פאַר די דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן.

אַ קליין, נישט קאָנטיק געשעפטל איז עס געווען, געפירט האָט עס אַ רוסישער ייד, ער האָט אַריינגענומען י. עפּרויקינען פאַר אַ שותף, אָבער

אין א קורצער צייט אַרום איז עפּרויקין געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס און דאָס געשעפט איז אַוועק, דער נייער באַלעבאָס עפּרויקין האָט אָנגע־הויבן שאַרן גאָלד.

ער האָט אַפּנים ענדלעך געפונען זיין באַשערטע באַשעפטיקונג — מסחר . . .

דאָס דאָזיקע געשעפט איז געווען פאַרבונדן מיט וויזעס. האָט עפּרויקין געהאַט צו טאָן מיט די פּאַריזער קאָנסולן פון די דרום־אַמערי־קאַנער רעפּובליקן, געוואָרן גוט ברידער מיט זיי, זיך געלאָזט קאָסטן אויף זיי, געגאַנגען מיט זיי אין די מאָדערנסטע רעסטאָראַנען, נאַכט־קלובן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

ער האָט אַריבערגעטראַנספּאָרטירט יידן, יידן, וואָס זענען געלאָפן פון דעם פּוילישן באָיקאָט, פון דעם רשעותדיקן און רוצחישן אַנטיסעמיטיזם און פון דער האָפענונגסלאָזער לאַגע, וואָס מען האָט געשאַפן אָפן, פאַר דער גאַנצער וועלט אויף די אויגן, אין די דרום־אַמעריקאַנישע רעפּו־בליקן.

י. עפּרויקין האָט, אַזוי גוט, ווי מאָנאָפּאָליזירט די עמיגראַציע פון די דאָזיקע אומגליקלעכע יידן.

שפּעטער זענען צוגעקומען יידן, וואָס זענען געלאָפן פון דייטש־לאַנד, הכלל — יידישע צרות האָבן נויטיק געמאַכט אַן עמיגראַציע, אַ רעטונגס אָרט ערגעץ אויף דער גרויסער וועלט.

אַלע האָבן זיך געריסן קיין ארץ ישראל, אָבער ביי די גרענעצן פון ארץ ישראל איז געשטאַנען ענגלאַנד און אַריינגעלאָזן בלויז טראָפּנס פון דער גרויסער בהלהדיקער יידישער לויפעניש.

און דאָ האָבן יידן געפונען י. עפּרויקינען אין פּאַריז, וואָס האָט זיי פאַרקויפט שיפס־קאַרטן און זיי אויך באַזאָרגט מיט וויזעס.

זיי זענען געהאָלפן געוואָרן און י. עפּרויקין איז געוואָרן וואָס אַ טאָג רייכער און רייכער.

און ער האָט אָנגעהויבן לעבן ברייט.

און פּאַריז גיט גוטע געלעגנהייטן צו לעבן ברייט.

און אַ תאווה צו לעבן האָט ער אַלעמאָל געהאַט.

ווען איך בין געווען אין יאָר 1937 איז פּאַריז, איז ער געווען אַ גאָר רייכער מענטש.

און ער האָט געלעבט ווי אַ רייכער מענטש, ער האָט זיך געפּילט ניט שלעכט אין זיין נייער וועלט, געלט איז אים גערונען צווישן די פינגער.

איך האָב געזען זיין פּרוי, אַ מעדיצינערין, וואָס האָט נישט פּראַקטיצירט, צופאָרנדיק צום קאַפע „קופּאָל" אין אַ טייערן לימוזין, זי איז אַרויס פון לימוזין מיט אַ קליין הינטעלע אויף דער האַנט און האָט אַריינמאַרשירט אין דער קאַפע, ווי קינסטלער, אָרעמע טיוולאַנים פון אַלע צווייגן פון קונסט קומען זיך צונויף.

ממש אַן אַמעריקאַנער „סוקסעס סטאָרי".

ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון דער דאָזיקער קאַפע, אָבער ער פלעגט אַריינקומען פּשוט, אָן גבירישער פּאָמפּע: ער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. ער האָט סובסידירט די זאַמלביכער „אויפן שיידוועג", וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון בן־אדיר, ער האָט געשריבן דאָרט אַרטיקלען, גוטע, קלוגע קאָפּ־אַרטיקלען.

ער האָט געשפּילט די ראָליע פון אַן אויפגעקומענעם גביר פּאָרזיכטיק און קלוג, ער האָט גוט און קלוג מאַנעוורירט — ער איז טאַקע געווען רייך, געלעבט רייך און זיך דערלויבט אַלץ, וואָס אַן אויפגעקומענער עושר דערלויבט זיך.

און אַן אַפּעטיט צום לעבן האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט. אין די אָרעמע יאָרן איז זיין אַפּעטיט צום לעבן אָפט אַריבער די גרענעצן פון זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, איצט, ווען די מעגלעכקייטן זענען געווען שוין גרעסער פון זיין אַפּעטיט, האָט ער געלעבט מיטן גאַנצן אימפּעט פון אַן אויסגעהונגערטן פרעסער.

אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען דער פּאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פּאַריז, און אויך געווען אַ שרייבער און אַ מעצענאַט פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער פּראַקטישער מענטש מיטן פּראַקטישן שׂכל האָט געפונען נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש אין פרעמדע וועלטן זיין וועלט.

און ער האָט זיך געפּילט — האָט מען מיר איבערגעגעבן אין פּאַריז — ווי אַ פיש אין וואַסער אין מסחר.

און אַ סוחר איז ער געווען ווי אַלע סוחרים, נישטאָ קיין מאָראַלישע רעסטריקציעס אין מסחר, מסחר איז מסחר, מסחר האָט זיין אייגענע

מאראל און זיין אייגענע עטיק, וואס האט לחלוטין נישט צו טון מיט דער מאראל און עטיק פון דער תורה און פון מאראלישע פילאזאפיעס.

ער האט געלעבט אין א פאלאץ, געהאט הייזער אין פאריז.

און אלץ פון דעם יידישן מסחר מיט שיפסקארטן צו פארן אין די דרום־אמעריקאנישע רעפובליקן.

ער האט ממש מאנאפאליזירט דעם דאזיקן מסחר.

* *

און אט קומט די היטלעריסטישע קאטאסטראפע אויף דער וועלט. יידן לויפן.

פראנקרייך פאלט, עפרויקין לויפט אויך, ער באוויזט אבער צו ראטעווען זיין גרויס פארמעגן. ער וויל, פארשטייט זיך, לויפן קיין ניו־יארק, אבער ער האט שוועריקייטן מיטן שטאט־דעפארטאמענט, הפנים צוליב זיינע מסחרים מיט די פארשידענע קאנסולאטן, וואס האבן נישט געקענט זיין כשר אויף גאנצע הונדערט פראצענט.

באזעצט ער זיך אין אורוגוויי, אין דער קליינער דעמאקראטישער רעפובליק אין דרום־אמעריקע.

נאכן שטורעם טרעט אריין א מאדנע שטילקייט אין זיין לעבן.

ער האט צייט, א סך פרייע צייט, נישטא קיין מסחרים, עס איז שטיל ארום אים, זייער שטיל.

אים פעלט, חלילה, גארנישט, ער איז רייך, זייער רייך.

אבער דאס גרויסע יידישע אומגליק, זיין לויפן מיטן לעבן און מיט זיין געלט, און די אומהיימלעכע שטילקייט נאך אזא שטורעם ווירקט אויף דעם דאזיקן באגאבטן יידישן אינטעליגענט.

און עס כאפט זיך אריין אין אים א הרהור־תשובה.

אגב, איז ער נישט ווייט פון דעם קוהלת־עלטער, אין וועלכן די שרעקלעכע ווערטער „הבל הבלים הכל הבל" הענגען אויף די ליפן.

און י. עפרויקין ווערט א בעל תשובה.

ער לאזט ארויס א פרעכטיק פאליטיש תשובה בוך.

ער פירט פאר אייך דורך די גאנצע יידישע פאליטיק פון דער יידישער ראדיקאלער אינטעליגענץ פאר די לעצטע דרייסיק יאר און באווייזט שווארץ אויף ווייס איר אילוזארישקייט, איר ניט־האפטיקייט.

ער קומט צום אויספיר, אז די איינציקע יידישע פּאָליטיק, וואָס איז געזונט, ראַציאָנעל און פּאָזיטיוו־יידיש איז דער ציוניזם.

ער ווערט אַ ציוניסט.

ער איז אין זיינע רייכע סוחרישע יאָרן אין פּאַריז אויך צוגעקומען נענטער צום ציוניזם. אָבער, חלילה, נישט צו נאָענט, ער איז געווען בלויז אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָגענטור.

איצט איז ער אַ ציוניסט.

אָבער לויט דער יונגטלעכער געוווינהייט, אַ רויטלעכער ציוניסט, דאָס הייסט אַ פּועלי־ציוניסט.

נאָך זיין פּאָליטישן תשובה בוך איז ער אַרויס מיט אַ צווייט בוך, וואָס הייסט „חשבון הנפש", דאָ איז די רעוויזיע אַ גייסטיקע.

דאָ וויל ער אַלטע יידישקייט, די אַלטע יידישקייט, וואָס האָט אונדז דורכגעפירט דורך פייער און וואַסער פון גלות גאַנצע צוויי טויזנט יאָר.

אָבער ער איז אַ קאָפּ בעל־תשובה, נישט קיין האַרץ בעל־תשובה.

אין זיין בוך „חשבון הנפש" דערקלערט ער, אַז ער איז נישט קיין פּאַקטישער בעל־תשובה, ער איז צופיל פּאַרגוויאישט געוואָרן, אַז ער זאָל קענען ווערן אַ גאַנצער ייד ווי ער וואָלט וועלן זיין.

איז ער מיטן רעיון, מיטן קאָפּ בלויז אַ בעל תשובה.

און תשובה איז דאָך אין גאַנצן האַרץ, קאָפּ שטערט גאָר תשובה, קאָפּ שטייט אין וועג תשובה.

איז עס טראַגיש —

שטייט אַ מענטש ביי די טויערן פון תשובה, אָבער עס פעלט דאָס האַרץ צו אויפנעמען זי.

טוט ער און דערקלערט תשובה על פי שכל.

און תשובה על פּי שכל איז קאַלטע תשובה, אָדער גאָר קיין תשובה נישט.

אָבער י. עפּרויקין האָט דעם מוט צו דערקלערן, אַז ער איז נישט קיין פּאַקטישער בעל תשובה, ער איז אַ בעל תשובה בלויז מיטן קאָפּ, אָבער ער פאַרמאָגט נאָך גרעסערן מוט — ער שרייבט תשובה־ביכער.

ער קען בלויז באַווייזן מיט טויזנטער ראיות, אַז עס איז נישטאָ קיין אנדער אויסוועג פאַר אונדז אויסער די אמתע יידישע תשובה...

איצט איז ער צוריק אין פּאַריז, ער איז ווידער דער פּאַרזיצער פון

דער פעדעראציע פון יידישע געזעלשאפטן, ער איז דער רעדאקטאר פון דעם גוטן זשורנאל, וואס הייסט „קיום".

עס איז נישט קיין תשובה־זשורנאל, ניין, אבער ער, י. עפרויקין, שרייבט תשובה־ארטיקלען און דרוקט גערן תשובה ארטיקלען פון אנדערע.

ער האט זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט. ער האט זיין געשעפט איבערגעגעבן זיין איינציקן זון, וואס האט געדינט אין דער פראנצויזישער ארמיי.

אזוי האט ער מיר געזאגט, ווען ער איז געווען מיט א קורצער צייט צוריק אין ניו יארק.

* *

אט דאס איז בקיצור דאס לעבן פון דעם יונגן בחורל, מיט וועלכן איך האב זיך באגעגנט אין באן, פארנדיק קיין בערן, שווייץ.

דאס איז געווען אין יאר 1903.

ער איז דאמאלסט געווען א בחורל מיט די פעך־שווארצע געקרייזלטע האר, מיט שארפע שווארצע אויגן און מיט די נערוועזע באוועגונגען.

דאס דאמאלסטיקע בחורל האט איצט גאר ווייניק שווארצע האר אויפן קאפ, די אויגן זענען שוין נישט אזוי שארף, געבליבן זענען בלויז די נערוועזע באוועגונגען און דאס קלוגע פנים.

און גאר אנדערש זעט אויך אויס דאס צווייטע בחורל מיט די שווארצע געקרייזלטע האר, מיט די שארפע, שווארצע אויגן.

דאס צווייטע בחורל, דער שרייבער פון די שורות, האט אויך א ווייסן קאפ.

און ער שרייבט זיינע באגעגענישן מיט מענטשן.

י. עפרויקין איז געווען דער ערשטער יידישער מענטש, וואס האט געשפילט א ראליע און שפילט זי נאך היינט, וועלכן איך האב באגעגנט, פארלאזנדיק צום צווייטן מאל מיין קליין שטעטל אויף שטענדיק.

איך בין אפגעפרעמדט געווארן פון מיין שטעטל, אין גאנצן אפגעפרעמדט.

ווען איך פלעג קומען צו גאסט אין מיין שטעטל, זענען מיר אלע געווען פרעמד און ווייט.

בלויז א פּאָר טוץ ליכטיקע יידישע געשטאַלטן און עטלעכע פאָלקס־טימלעכע געשטאַלטן זענען מיר געבליבן אין זכרון און וועגן זיי האָב איך שוין דערציילט.

8

אין דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ

מיר זענען אָנגעקומען קיין בערן בייטאָג. עס איז געווען ליכטיק און זוניק.

ווי מיר זענען אַרויס פון וואָקזאַל, האָבן מיר דערזען די שפּיצן פון די דריי הויכע אַלפּן־בערג מיט זייערע קעפּ באַדעקט מיט בלענדנדיק ווייסן שניי אונטער דער זון.

דריי ווייסע קעפּ אונטער די שטראַלן פון דער זון.

מענך, אייגער און יונגפרוי הייסן די דאָזיקע דריי בערג.

צום אָנהויב זענען אָט די בערג עפּעס שטרענגע, ברוגזע און אפילו בייזלעכע, אָבער ווען די ערשטע איבעררעשונג פון א געוואַלדיקער נאַטור־שיינקייט גייט פאַראיבער, זעט איר די דאָזיקע בערג מיט זייערע ווייסע קעפּ אין פאַרשידענע שטימונגען.

זיי זענען קיינמאָל נישט די זעלביקע, זענען כסדר עפּעס אַנדערע.

און גאָר אינטערעסאַנט זענען זיי פאַרנאַכט, ווען די זון ווערט רויטלעך, דער רויטלעכער שיין פון דער זון און די בלענדנדיקע ווייסקייט פון שניי גיסן זיך צוזאַמען.

די קעפּ פון די בערג גליען ממש: דער ווייסער שניי ברענט מיט א ליכטיק־ראָזעווער פאַרב.

עס דויערט נישט לאַנג, עס רוקט זיך אָן דער אָוונט. די בערג ווערן נעלם אין די גרויסע טונקעלע אָרעמס פון דער נאַכט.

און אין דער פרי זענען זיי ווידער דאָ. יונג שמייכלענדיק זענען זיי דאָ . . .

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט א געוואַלדיקער נאַ־טור־שיינקייט, וואָס האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט יאָרן און יאָרן.

די שטאָט בערן איז אַן אַלטע און אַ נייע שטאָט, לעבן הייזער וואָס זענען אַלט און קוקן אויף אייך מיט קליינינקע, פאַרזשמורעטע פענצטער־אייגעלעך און מיט אַלטע באַפּוצונגען, שטייען יונגע, פרישע און פרייר־לעבע מאָדערנע הייזער.

אויף די פרייע פּלעצער שטייען אַלטע ברונימער־מאָנומענטן.

אויף איינעם פון אַזעלכע פּלעצער שטייט עד־היום אַ מאָנומענט אַ פינצטער־אַבערגלויבישער און אַ גראָב אַנטיסעמיטישער.

עס שטייט אַ ייד, אין מויל האַלט ער אַ קינד, ער עסט, הייסט עס קינדער און פון דער טאַרבע, וואָס ער טראָגט אויף דער זייט, זעען זיך אַרויס קעפּעלעך פון נאָך אַ סך קינדער.

עס איז אַלטע פאָלקס־קונסט, עס איז גראָב און אומגעלומפּערט, עס איז פינצטער און אַבערגלויביש, אָבער עס איז אַלט, עס איז מוזייאיש. און מען היט אָפּ אָט דאָס וויסטע שטיק אַבערגלויבן.

קיינער נעמט נישט דעם אינהאַלט ערנסט.

דאָס אַלטע אַנטיסעמיטישע ברונים־מאָנומענטל האָט דאָס לאַנד נישט געמאַכט אַנטיסעמיטיש.

ניין.

אַ טשיקאַווע שטאָט בערן, זי איז דאָרפיש און גרויס שטאָטיש צוזאַמען. זי איז שלעפעריש און רירעוודיק, שטיל, סאָליד און טומלדיק.

און דאָס ביסל טומל שטעלן צו די רוסישע (יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד) סטודענטן און סטודענטקעס.

נישט ווייט פון וואָקזאַל פאַלן מיר אַריין אין אַ קאָביק וועלטל אין סאַמע מיטן פון אַ שטילער, סאָלידער שטאָט מיט מיושבדיקע בירגער.

מיר פאַלן אַריין אין די גאַסן, אַרום דעם נייעם, צירלעכן אוניווערזיטעט, ווו עס וווינען דער גרעסטער טייל פון דער יידישער סטודענטשאַפט, וואָס זענען געקומען אַהער פון אַלע עקן רוסלאַנד, דער עיקרשט פון תחום־המושב, פון דעם געגנט, אין וועלכן עס איז געווען דערלויבט צו לעבן.

דאָ האָט איר געהאַט פאַר זיך ממש אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס פון דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, רומעניע, דער עיקרשט אָבער פון רוסלאַנד און פוילן.

די געסלעך אַרום דעם אוניווערזיטעט זענען געווען פול מיט זיי.

די שטילע געסלעך האָבן עפּעס אָפּגעלעבט. זיי האָבן זיך עפּעס אויפגע־געכאַפּט פון זייער לאַנגן, לאַנגן שלאָף.

שוואַרצע, יונגע, גליענדיקע אויגן, ליידנשאַפטלעכע זשעסטיקולאַ־ציעס, הויכע באַרעדעוודיקייט, נאַכלעסיקע קליידונג און האַלטונג אויף שריט און טריט, אָבער פול מיט לעבן, מיט פרייד און מיט האָפענונג איז געווען די דאָזיקע יונגע מאַסע.

*   *

אין אַן אָוונט אין עטלעכע טעג אַרום, בין איך שוין געווען אויף אַ גרויסער דעבאַטע.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט יוגנט, מיט סטודענטן און סטו־דענטקעס.

די דעבאַטע איז געפירט געוואָרן אין רוסיש און מיט געוואַלדיקער ליידנשאַפט, אָפט גאַליק און ביז גאָר בייסיק.

נישט בלויז די רעדנער זענען געווען ליידנשאַפטלעך, נאָר די גאַנצע אוידיטאָריע האָט ממש געברענט פון רעוואָלוציאָנערן פייער.

אַן אוידיטאָריע פון לויטער יונגע מענטשן, פון יונגע יידישע מע־נער און יונגע יידישע פרויען, פון לויטער סטודענטן.

עד היום פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס אַ מאָלער מיט טאַלאַנט האָט נישט פאַראייביקט איינע פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען.

עס וואָלט געווען דאָס פאַרכאַפּנדיקסטע בילד.

די יונגע מענטשן זענען אַלע צעפלאַמטע, און יעדער איז שאַרף אינדיווידועל געקליידט, נאַכלעסיק געקליידט, אָבער אינדיווידועל.

די מיידלעך האָבן קאָקעטירט מיט זייערע אַלטע קליידלעך און אַלטע שיך. אָבער זיי זענען געווען שיין, אמת שיין, זייער באַגייסטערונג, זייער טיפער גלויבן אין אַ נאָענטער גאולה פון דער באַטריבטער וועלט האָט זיי שיין געמאַכט.

איינע איז געזעסן ווי אין אַ טראַנס, ווי אין אַ שיינעם חלום, אַ צווייטע האָט געברענט ממש פון יעדן רעוואָלוציאָנערן וואָרט, וואָס איז אַרויס פון דעם רעדנערס מויל. איינע האָט מיט אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן געפייערט אויף אַ קעגנער, אָדער אויף אַ קעגנערין, אַ דריטע האָט געהאַלטן איר שיינעם קאָפּ אין אירע הענט און האָט זיך לאַנגזאַם געוויגט

ווי איר טאַטע איבער דער גמרא, אָדער ווי איר מאַמע איבער דעם „צאינה וראינה". אַ פערטע האָט גליקלעך געשמייכלט מיט אירע רויטע, זאַפטיקע ליפּן — זי האָט ממש געזען די גאולה פון דער וועלט, אַ פינפטע איז גע־שטאַנען ביי דער וואַנט אַ בלייכע, אַ פאַרחלומטע, די שוואַרצע האָר גלאַט פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין מיטן. עס איז געווען ממש אַ בילד פון פרומ־קייט און גלויבן, און אַ זעקסטע האָט נישט געקענט זיצן רואיק, זי האָט זיך געמוזט טיילן מיט איר באַגייסטערונג מיט אַ חברטע...

און די מענער:

אַלע נאַכלעסיק געקליידט. פוצן זיך איז געווען ממש אַ קאָנטער־רעּ־וואָלוציאָנערער אַקט — די וועלט שטייט פאַר דער גרויסער גאולה, דאָס פאָלק, דאָס ליידנדיקע פאָלק, וועט אָט־אָט אויסגעלייזט ווערן, איז ווער קען זיך אָפּגעבן מיט אויסערלעכקייט! פוסטע קעפּ קענען עס...

מען איז אַ טייל פון פאָלק, קליידט מען זיך ווי דאָס פאָלק, מען לעבט ווי דאָס פאָלק און מען רעדט אפילו ווי דאָס פאָלק.

און איינער זיצט און הערט די רעדנער נערוועז. איר זעט עס ממש — איר זעט ווי זיינע לאַנגע נערוועזע פינגער לויפן דורך זיינע געדיכטע לאַנגע האָר. אַ צווייטער זיצט מיט אָפענע גרויסע אויגן און ער איז גאָר נישטאָ דאָ. ער איז אין רוסלאַנד. ער קעמפט צוזאַמען מיטן פאָלק. ער שעמט זיך וואָס ער איז דאָ און הערט רעדעס. טאָן דאַרף מען...

אַ דריטער טרייסלט מיט זיינע קודרעס, אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגע־טרייסלט די פאַלשע רייד פון רעדנער פון זיך, זיי זאָלן נישט צושטיין צו אים, דעם פרומען מאַרקסיסט...

אַ פערטער שפּרינגט אויף און מאַכט דונערדיק אַ שאַרפן צווישנרוף.

אַ פינפטער זיצט און שמייכלט אָדער סאַרקאַסטיש, אָדער פרום צום רעדנער.

און אַלע פּנימער פלאַמען, אַלע זענען באַלעבט און באַגייסטערט.

און אָט קומט אַרויף אַ רעדנער אַ ציוניסט, דער גרעסטער טייל פון דער אווידיטאָריע איז פיינטלעך צום ציוניזם —

דאָ שטייט די וועלט רעוואָלוציע ביי דער טיר און זיי, די ציוניסטן, זענען דאָ מיט זייערע בירגערלעכע אידעאַלן. אַ ברידערלעכע וועלט ווערט געשאַפן, אַלע וועלן זיין ברידער, און דאָ קומען די ציוניסטן און ווילן ערשט מאַכן אַ בורזשואַזן שבת פאַר זיך.

דער ציוניסטישער רעדנער ווייסט די פיינטלעכקייט פון דער אודי־טאָריע, איז ער פון אָנהויב ניט דרייסט, ער הויבט אָן אַפּאָלאָגעטיש, אָבער באלד קומט ער צו זיך און הויבט אָן שיטן מיט פייער.

די אודיטאָריע ווערט אויפמערקזאַם.

און דאָ און דאָרט שניידט דורך זיין רעדע א סארקאַסטישער צווישנ־רוף, אן איראָניש אויסגעשריי. ער איז אָבער אין דער ריכטיקער שטימונג. ער ענטפערט סאַרקאַסטישער דעם סאַרקאַסטישן צווישן־רופער און איראָנישער דעם איראָנישן ווערטל־וואַרפער.

א טייל פון אודיטאָריום צעלאַכט זיך הילכיק, א טייל זיצט ברוגז — דאָס האָט מען א זייעריקן אַזוי געלונגען אָפּגעענטפערט.

דער ציוניסטישער רעדנער ענדיקט. דאָס הייפל אָנהענגער אַפּלאָ־דירט מיט איבערטריבענעם ענטוזיאַזם.

און אָט קומט דער העלד פון אָוונט, דער גרויסער רעדנער און טעאָ־רעטיקער.

די מיידלעך קוקן ווי פארליבטע אויף אים. די יונגע מענטשן דער־פילן זיך זיכער — ער, דער איצטיקער רעדנער, וועט שוין זיך אָפּרעכענען מיט אלע פלאַפּלער, פּוסטע פראַזנשיסער און פראַזן־דרעשער, האַלבע און גאַנצע רעאַקציאָנערן! . . .

אין זאַל ווערט שטיל.

איר הערט ממש די קלאַפּעניש פון די יונגע הערצער.

די אודיטאָריע ווערט פאַרגליווערט פון דערוואַרטונג.

דער רעדנער ווייסט הפּנים זיין קראַפט, זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די פאַרזאַמלטע. ער שטייט א זיכערער. ער האָט הינטער זיך דעם גרעסטן טייל פון דער אודיטאָריע. איז גוט צו רעדן, ווען דו פילסט, אַז אַזוי פיל זענען מיט דיר, און זיי וועלן שלינגען דיינע ווערטער און וועלן באַוווּנ־דערן אַלץ וואָס דו זאָגסט.

און ער הויבט אָן.

עס ווערט נאָך שטילער.

עס רעדט וולאַדימיר מעדעם.

ער איז דאַמאָלסט געווען יונג, זייער יונג. ער זעט אויס נישט־יידיש, ער איז בלאָנד, שלאַנק און מיט געשמאַק געקליידט.

אָבער אים איז מען מוחל.

אים פאַסט די גוטע קליידונג, זי וועט אים, אגב, נישט אראָפּפירן פון וועג.

ער איז באַליבט ביי די בונדיסטן, אָבער אויך ביי אַלע סאָציאַליסטן.

דער ריס, אָדער די שפּאַלטונג אין דעם רוסישן סאָציאַליזם איז נאָך נישט גרויס, מען איז צוזאַמען אונטער איין פּאַרטייאישן דאַך.

און מעדעם רעדט. ער רעדט מעלאָדיש. זיין רוסיש איז פּאָעטיש און קלאָר, זיין שטים איז ריין, זי איז נישט דונערנדיק, אָבער זי דרינגט אריין אין הארצן. זי צערטלט דאָס אויער, דאָס אויער פילט זיך וווּנדערלעך און ער גיט איבער די ווערטער דעם האַרץ מיט ליבע.

און שיין איז ער, און בלאָנד איז ער, און א פּנים האָט ער א בלייכן און א באַגייסטערטן.

אַלע מיידלעך, אַלע סטודענטקעס, די יונגינקע און די עלטערע, וואָס ענדיקן היינטיקן סעמעסטער, זענען פאַרליבט אין אים.

א טייל מיידלעך באַהאַלטן עס גאָר נישט.

און די סטודענטן זענען נישט אייפערזיכטיק אויף זייערע חברטעס און פריינדינס —

עס איז דאָך מעדעם...

אגב, ווי קומט צו א רעוואָלוציאָנער אייפערזוכט. דאָס איז א בורזשואַזער פּאָראורטייל, אָדער קאַפּריז . . .

און מעדעם זינגט.

עס זינגט דער סאָציאַליסטישער אַפּאָלאָ, דער סאָציאַליסטישער דענדי און דער סאָציאַליסטישער געבענטשטער רעדנער.

די בונדיסטן און די סאָציאַליסטן מאַכן מעדעמען אַן אָוואַציע ממש.

איך האָב אים געהערט צום ערשטן מאָל, און ער האָט מיך אויך באַצויבערט, נישט דאָס רעדן, נישט די קלוגע אַרגומענטאַציע און די פּאָלעמישע בריהשקייט האָט מיך באַצויבערט, נאָר זיין פּערזענלעכקייט.

איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען פאַר זיך א רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייט, א פּערזענלעכקייט וואָס איז אויסערסט מענטשלעך און אויסערסט רעוואָלוציאָנער.

און דער געמיש פון די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן איז א וווּנדערלעכער.

ער איז נישט געווען גראָב און אַגרעסיוו אין באַצוג צו זיינע קעגנער,

ניין, ער איז זיי אָבער ביינעקומען אויף אַ זייער קלוגן און ביז גאָר פיי־
נעם אופן, און ער האָט געוווּנען אַלעמען, אפילו זיינע קעגנער.

נאָר ווען עס איז אויסגעבראָכן די אָוואַציע, האָבן זיך די קעגנער באַלד באַפרייט פון זיין צויבער און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן אַ וואָרט.

דער פאָרזיצער, אַ סאָציאַליסט, האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם גרויסן זיג פון זיינע הענט, און ער האָט קיינעם נישט געגעבן דאָס וואָרט, קיינעם.

ער האָט געשלאָסן דעם אָוונט.

ער איז געווען גראָב אומגערעכט, לויט מיין מיינונג. אָבער די אוי־
דיטאָריע האָט עס אָנגענומען פאַר נאַטירלעך.

אָבער ביז ווען־וואָס האָבן די קעגנער אַריינגעכאַפּט אַ וואָרט, אַ ביטער און שאַרף וואָרט.

אָבער מיט דעם האָט זיך די דעבאַטע נישט פאַרענדיקט. דער יונגער עולם איז אַרויס אין גאַס, פון גאַס אין קאַפע און פון קאַפע ווידער אין גאַס און האָט מיט פייער דעבאַטירט. איין גרופּע האָט באַגלייט אַן אַנדער גרופּע אַהיים און די אַנדערע גרופּע האָט צוריק באַגלייט די גרופּע אַהיים, אַזוי ביז צוויי — דריי ביינאַכט.

אין די שטילע געסלעך פלעגט זיך עפענען אַ פענצטער און אַ שוויי־
צאַר פלעגט בייז דערמאַנען אונדז, אַז עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט און מענטשן דאַרפן שלאָפן.

די דעבאַטע איז שוין געפירט געוואָרן מיט עטלעכע טענער נידעריי־
קער.

די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די גרופּקעלעך ביסלעכווייז. נאָכדעם זענען די רייען פון די מענער געוואָרן שיטערער און שיטערער, ביז די דעבאַטע איז אָפּגעשטאָרבן.

און די שווייצאַרישע בירגער האָבן געקענט שלאָפן אין זייערע בעטן פול מיט ווייכע קישנס און פערענעס.

אויף מאָרגן האָט מען נאָך אין די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט פּרובירט ווייטער דעבאַטירן, אָבער דער ברען איז שוין געווען אויסגע־
לאָשן און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין גערעדט וועגן אַ גאָר גרויסער ווערטער־שלאַכט, וואָס קומט פאָר אין גיכן.

...אין רוסלאַנד פאַרכאַפּט דאָס פייער פון רעוואָלוציע דאָס גאַנצע לאַנד.

קען מען דאָ זיצן לײדיק און רואיק ?

דאָס געוויסן האָט גענאָגט. דאָרט, אין דעם פאָטערלאַנד, קומט פאָר אַ גרויסע רעוואָלוציע און דאָ לויפן יונגע רוסישע סטודענטקעס און סטודענטן אויף לעקציעס, מען גרייט אַ קאַריערע אין זיכערקייט און אין בירגערלעכער שטילקייט און זאַטקייט.

אַ יונגע סטודענטקע, מיט וועלכער איך האָב זיך אָקאָרשט באַ־קענט, האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זי קען נישט אַרבעטן, זי הערט נישט די לעקציעס, זי שלאָפט קיין נעכט נישט, דאָס געוויסן מאַטערט איר וואָס זי זיצט דאָ, אין דער צייט, וואָס רוסלאַנד און די רוסישע מאַסן גוויטיקן זיך אין איר.

זי וועט מוזן איבעררייסן דאָס לערנען און פאָרן קיין רוסלאַנד. זי וועט מוזן. זי קען אַנדערש נישט.

אירע עלטערן ווילן נישט וויסן און הערן וועגן דעם. זיי האָבן זי קוים אַרויסבאַגלייט קיין אויסלאַנד, ווייל די הויט האָט אויף זיי גע־ציטערט, אָט־אָט אַרעסטירט מען זייער בת־יחידקעלע, אָט־אָט כאַפּט מען זי און מען פאַרשיקט זי אויף קאַטאָרגע קיין סיביר...

יאָ, פאַר אירע עלטערן וועט דאָס זיין דער גרעסטער קלאַפּ, אָבער זי וועט עס טאָן, זי וועט עס מוזן טאָן...

און זי האָט עס סוף כל סוף געטאָן.

און אַ סטודענט האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער פאָרט אין רוסלאַנד. ער פאָרט אין אַ וויטער שטאָט. ווייט פון זיינע עלטערן.

זיינע עלטערן וועלן נישט וויסן. ער האָט דאָ אַ פריינד, וועט ער אים שיקן בריוו צו זיינע עלטערן אַהער, אין דער שוווייץ, און ער, זיין פריינד, וועט זיי איבערשיקן צו די עלטערן.

און שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט טאַקע אַזוי געטון.

זיין פריינד פלעגט באַקומען פּינקטלעך בריוו פון אים צו זיינע עלטערן און ער פלעגט זיי איבערשיקן. די בריוו פון די עלטערן און דאָס געלט, וואָס זיי פלעגן שיקן, פלעגט ער איבערשיקן אים.

ביז עס האָבן אויפגעהערט צו אָנקומען בריוו פון אים. מען האָט אים הפּנים אַרעסטירט.

און באַלד נאָכדעם האָבן די עלטערן אויפגעהערט שיקן בריוו און געלט. זיי האָבן הפּנים זיך דערוווּסט, אַז זייער זון איז אַרעסטירט.

* *

רוסלאַנד און די גרויסע אומרוען, שטרייקן און רעוואָלוציאָנערע אַקטן, האָבן געהאַלטן די סטודענטישע קאָלאָניע געשפּאַנט.

טאָג איין טאָג אויס האָבן זיך באַוויזן צווישן די סטודענטן און סטודענטקעס נייע מענטשן. פון מויל צו מויל פלעגט מען איבערגעבן, אַז דאָס זענען „פּאַרטייצעס" (פּאַרטיי משולחים) געשיקט קיין אויסלאַנד צו אַריבערטראַנספּאָרטירן „ליטעראַטור", דאָס הייסט רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

מיר פלעגן די ערשטע באַקומען צו לייענען די דאָזיקע ליטעראַטור. דאָס זענען געווען זשורנאַלעכלעך געדרוקט אויף דינינקען פּאַפּיר, אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר.

די אַרטיקלען, אפילו די ערנסטע, די טעאָרעטישע אַרטיקלען, זענען געווען פּראָפּאַגאַנדע, אָבער פאַר אונדז זענען געווען וויכטיק די קורצע ידיעות און באַריכטן וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע ידיעות און באַריכטן זענען געווען צו אָפּטימיסטיש. לויט זיי איז די רעוואָלוציע אין פולן גאַנג. און אָט־אָט קומט דער גרויסער דערוואַרטער קלימאַקס, דער צאַריזם ווערט אָפּגעווישט און אַ ווונדערלע־בע, גערעכטע אָרדענונג ווערט איינגעשטעלט אין גרויסן רוסלאַנד.

די גאולה פון רוסישן פאָלק איז נאָענט.

און מיט דער גאולה פון רוסישן פאָלק קומט די גאולה פאַר אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען דאָס גרויסע רוסלאַנד. עס וועלן מער נישט זיין קיין יידן, פּאָליאַקן, רוסן, אוקראַינער א. אַ. וו.

איין גרויס און גליקלעך פאָלק וועט זיין, איין משפּחה פון ברידער און שוועסטער וועט זיין דאָס גרויסע רוסלאַנד.

פלעגן דערגרייכן צו דער סטודענטישער קאָלאָניע גוטע רעוואָלו־ציאָנערע נייעס פון רוסלאַנד, פלעגט די קאָלאָניע אויסזען ממש יום־טובדיק.

די סטודענטקעס פלעגן אַנטון פרישינקע בלוזקעלעך, נייע שיך, זיך פּאַרקעמען קאָקעטיש און אויף זייערע ערנסטע יונגע פּנימער פלעגט זיך אויסלייגן אַ יונגע פרייד.

זיי פלעגן ממש יינגער ווערן.

און דאָס געמלעכע מיט די סטודענטן.

פלעגן דערגרייכן ידיעות וועגן גרויסע אַרעסטן, וועגן שטראָף עקס־פּעדיציעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג פלעגט אַרויסשיקן אין די געגנטן, אין וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אומרוען זענען געווען אַמשטאַרקסטן, פלעגט זיין ממש חושך אין דער קאָלאָניע.

פאַרזאָרגט און עלטער זענען געוואָרן די יונגע סטודענטקעס.

יאושדיקע פלעגן די סטודענטן בלאָנדזשען אין די קאָרידאָרן פון דעם אוניווערזיטעט און אויף די גאַסן.

אָדער זיי פלעגן זיצן אין די קאַפעען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איבער זייער גלאָז ביר, אָדער טעפל קאַווע.

אָבער יוגנט קען נישט זיין לאַנג פאַרזאָרגט און פאַריאושט.

באַלד פלעגט מען זיך צוגעוווינען צו דער מפּלה, און מען פלעגט אויסזוכן אַ שטיקעלע ישועה און ווידער פלעגט מען לאַכן, און ווידער פלעגט מען דעבאַטירן און ווידער איז דער גלויבן אָנגעצונדן געוואָרן אין די יונגע, שוואַרצע אויגן.

און די שווייצער פלעגן שוין וויסן, ווען אַ שלעכטע בשורה קומט און ווען עס קומט אַ גוטע בשורה.

ווען די קאָלאָניע פלעגט אַרומגיין אַ פאַרזאָרגטע, פלעגן זיי פּרו־בירן טרייסטן זייערע לאָקאַטאָרן.

און דערביי פלעגן זיי אַליין ווערן באַטריבט.

און ווי עס פלעגט קומען אַ גוטע בשורה, פלעגן זיי שמייכלען צו די סטודענטן.

אפילו פרעמדע אין גאַס פלעגן אָפּגעבן רוסישע סטודענטן אַ וואַ־רימען „גוט־מאָרגן", באַגלייט מיט אַ וואַרעמען שמייכל.

די שווייצערס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם לעבן פון דער סטודענטישער קאָלאָניע.

די יונגע קאָלאָניע האָט זיי אָנגעשטעקט אי מיט איר פרייד אין אי מיט איר זאָרג.

דאָס איז דער כוח פון יוגנט!

9

דאָס העברעאישע אינדזעלע

יעקב כהן און יעקב ראַבינאָוויטש

אין דעם ברויזנדיקן ים פון דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע איז געווען א קליין און שטיל העברעאיש אינדזעלע.

קליין איז געווען די צאָל פון די העברעער און פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, זיי האָבן געלעבט עפּעס אָפּגעזונדערט און נישט געהאַט קיין מגע ומשא מיט דער קאָכיקער רעוואָלוציאָנערער סטודענטנשאַפט.

גאָר קליין איז געווען די צאָל פון די סטודענטקעס העברעערינס און ציוניסטקעס, און אזוי ארום האָט דאָס העברעאישע אינדזעלע אויסגעזען עפּעס ווי א מענערישער מאָנאַסטיר.

בלויז געציילטע פלעגן אריבערטרעטן אָפּט די גרענעצן פון דעם אינדזעלע און קומען אין קאָנטאַקט מיט דער קאָכיקער און ברויזנדיקער סטודענטישער קאָלאָניע.

אזא איינער איז געווען חיסין.

חיסין איז געווען דער עלטסטער סטודענט אין דער סטודענטישער קאָלאָניע, ער האָט שטודירט מעדיצין, אָדער ריכטיקער — ער האָט פאַרענדיקט דעם קורס פון מעדיצין, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען א סטודענט פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין רוסלאַנד.

ער האָט איבערגעריסן זיין שטודיום, געוואָרן א ביל״ו׳עץ, אַוועקגעפאָרן מיט א כאָפּטע סטודענטן קיין ארץ ישראל און געוואָרן דאָרט איינער פון די ערשטע ערד־ארבעטער.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער הפּנים איינגעזען, אַז ארץ ישראל נוי־טיקט זיך אין מעדיצינער ריכטיק ווי זי נויטיקט זיך אין ערד־ארבעטער.

ווו עס ווערט געשאַפן א ישוב ווערט נויטיק א דאָקטאָר.

און שוין א באַיאָרטער ערד־אַרבעטער האָט חיסין אַוועקגעלייגט זיין גראָב־אייזן און דעם אַקער און זיך געלאָזן קיין בערן צו פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן שטודיום, וואָס ער האָט איבערגעריסן אין די גאָר יונגע יאָרן זיינע.

ער איז געווען דער איינציקער ציוניסט און העברעער, וואָס האָט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע סטודענטקעס און סטודענטן דורכגעמאַכט א רוסישע מיטלשול און געווען אפילו א רוסישער סטודענט אין א רוסישן אוניווערזיטעט.

ווי א האַלב רוסיפיצירטער מענטש האָט ער געהאַט א סך מער געמיינזאַמס מיט דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטנשאַפט ווי מיט די העב־ברעער. אגב איז ער נישט געווען קיין גאָר גרויסער און פרומער העב־רעער, אים איז לייכטער און באַקוועמער געווען צו רעדן רוסיש און אים זענען געווען נענטער די רוסיפיצירטע סטודענטן און סטודענטקעס ווי די האַלב ישיבה־בחורישע העברעער.

ער איז געווען א גוטער ציוניסט, פאַרשטייט זיך, אָבער ער איז געווען עפּעס א וועלטלעכער און געזעלשאַפטלעכער ווי די העברעער.

דערצו איז ער געווען עלטער פון דעם דורכשניטלעכן סטודענט און איז געווען ביז גאָר קלוג און געשייט.

ער האָט געקענט אויסהערן רואיק מיט א גוטן שמייכעלע פון אַן עלטערן א בייזן קעגנער פון ציוניזם און דעם פאַרביסנסטן בונדיס־מישן קעגנער פון העבראיש.

ער פלעגט רעאַגירן מיט א קלוג ווערטל, מיט א וויץ און גוט־ברו־דערישן שמייכל, מיט א שמייכל פון אַן עלטערן, וואָס נעמט נישט ערנסט די פלאַפּלערייען פון קינדער.

אָפט פלעגט זיך א צעקאָכטער יונגער קעגנער שטאַרק באַליידיקן פון חיסינס האַלטונג און פלעגט אַריינפאַלן נאָך אין א גרעסערער רוגזה, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, חיסין פלעגט נישט נתפּעל ווערן.

ער איז געווען עלטער און דער צוגאַנג זיינער צו די יונגע, קאָכיקע סטודענטן איז געווען ווי פון א פעטער צו א פּלימעניק.

איז חיסין געווען, אזוי צו זאָגן, אַ בירגער פון צוויי וועלטן אין דער קאָלאָניע — ער האָט געהערט צו די העברעער, ריכטיקער — צו די ציוניסטן — און צו די רוסישע סטודענטן.

און ער איז געווען געאַכטעט פון ביידע גרופּעס.

ער איז נישט געווען קיין רעדנער, קיין דעבאַטאַנט, זיין פּראַקטישער ציוניזם האָט אַנטוויקלט אין אים עפּעס אַ ביטול צו רעדעריי, צו דע־באַטן און צו פּאָליטישער קאָכעניש און ברוּיזעניש.

חיסין איז געווען דער אָנגעזעענסטער און אפילו דער באַליבטסטער סטודענט אין דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע.

פון מיטעלן וווּקס, אַ באַבערדלטער, מיט קליינע באַברילטע קלוג־זשמורענדיקע אויגן און מיט אַ קלוגן שמייכל אויף די ליפּן פלעגט איך אים אָפט זען אין אַ רעדל פון סטודענטן און סטודענטקעס, ווי אַ קלוגער פעטער ארומגערינגלט פון אַ כאָפּטע פלימעניקעס און פלימעניצעס.

ער האָט לערך שנעל פאַרענדיקט זיין שטודיום, איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ארץ ישראל און געוואָרן דאָרט אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר.

ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל אין יאָר 1932, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, איך האָב געוואָלט זען און אָפּפרישן אונדזערע זכרונות פון די סטודענטישע יאָרן אין בערן, אָבער איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז ער איז קראַנק און צעבראָכן און עס איז גלייכער צו לאָזן אים צורו.

* *

דער קליינער העברעאישער אינדזל איז באַשטאַנען פון לויטער צו־קונפטיקע גדולי־הדור, פון דיכטער, קריטיקער, פילאָזאָפן, דערציילער א. א. וו.

די העברעאישע ליטעראַטור, איך מיין די נייע העברעאישע ליטע־ראַטור, איז געווען נאָך אָרעם, די שרייבערישע וועלט קליין, אָבער זי־כערקייט און גלויבן האָבן פאַרמאָגט די העברעער אין דער סטודענטישער קאָלאָניע אַ תהום.

יעדע סטודענט־העברעער איז געווען זיכער, אַז ער איז באַרופן צו שטאַרקן און צו באַפרוכפּערן די העברעאישע ליטעראַטור.

און אין דער קליינער גרופע זענען טאקע געווען צוזאגנדיקע טאַלאנטן אין פארשידענע צווייגן פון דער ליטעראַטור.

דאָרט האָב איך באַגעגנט דעם דיכטער יעקב כהן, וואָס האָט שוין געדרוקט לירישע לידער און איז שוין געקרוינט געוואָרן פון דעם הייפל העברעער ווי א גרויסער דיכטער.

יעקב כהן אז געווען א בלאָנדער יונגער סטודענט מיט א מיידלשן פנים, מיט בלויע, קאַלטע אויגן, וואָס קוקן נישט אויף אייך, מיט א מיידלשן מויל, אָבער א פארשלאָסן מויל, און אין די ווינקלען פון מויל איז געלעגן עפּעס א בייזקייט און א קאַלטע עקשנות.

ער איז געווען א שווייגער.

נישט קיין רעדנער, נישט קיין טומלער און נישט א קאָכלעפל, פלעגט ער עפּעס שטיל ווי אין זאָקן ארומגיין איינזאם אין דער ברוויזנדיקער קאָלאָניע.

געקומען איז ער פון לאָדזש, פון א שטאָט דווקא א גאָר בארעדעוודיקע; פון די צען מאָס רייד, וואָס די אַלע שטעט פון דער וועלט האָבן באקומען, האָט לאָדזש צוגענומען גאַנצע ניין מאָס רייד, אָבער יעקב כהן איז גראָד געווען א שווייגער, א שווערלעכער אויף דער צונג.

לאָדזש איז געווען באקאנט מיט אירע קאָמי־וואָיאזשאָרן, וואָס קענען פארדרעדן א מענטשן אין טויט אריין.

ער איז נישט געווען קיין גרויסער לערנער, ער איז געווען א מיטלמעסיקער סטודענט, ער האָט זיך ממש מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט ווי א סטודענט.

אָבער ער האָט געענדיקט דעם פילאָזאָפישן פאקולטעט און געוואָרן א גאָר קאָנטיקע פיגור אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

ער איז נישט געוואָרן קיין ביאַליק, קיין טשערניכאָווסקי און אפילו נישט קיין ז. שניאור, אָבער אין דער העברעאישער ליטעראַטור זענען אַלע גרויס, אפילו די מיטלמעסיקייטן, בפרט נאָך אז יעקב כהן איז אָן א ספק א טאַלאַנטפולער דיכטער. אמת, ער איז נישט אזוי גרויס ווי די העברעער האַלטן, אָבער מען וואָלט אים נישט פארבייגעגאַנגען אין קיין ליטעראַטור.

זיינע לירישע לידער זענען אָן א ספק אמתע דיכטונג, אָבער איך

האלט, אז זיינע העברעאישע ביבלישע דראמעס זענען טאקע געווען גוואל־דיק תנ"כיש, אָבער נישט גוואלדיק דראמאטיש.

עס איז אין זיי דאָ מער לשון ווי האנדלונג, מער מליצה ווי אקציע, מער פייערווערק ווי אמתער פייער.

ארום און ארום האָבן די בערנער סטודענטן, אָדער ריכטיקער — די בערנער העברעער, זיך נישט אָפּגענאַרט אין אים, זייערע נביאות וועגן אים זענען מקוים געוואָרן נאָך מיט א ווערך.

מיר האָבן געענדיקט אונדזער שטודיום און אונדזערע וועגן זענען זיך איינגאנצן פונאנדערגעגאנגען.

איך האָב פון סאַמע אָנהייב געשריבן אי העברעאיש און אי יידיש; איך האָב געדרוקט מיין ערשטע דערציילונג אין יידיש אין „יוד" און מיין צווייטע ערשטע דערציילונג אין העברעאיש אין „הצופה", איך בין נישט געווען נישט קיין העברעער און נישט קיין יידישיסט.

און איך בין געבליבן עד היום א צוויי־שפּראַכיקער שרייבער.

איך האלט עד־היום, אז אונדזער צוויי־שפּראַכיקייט מאַכט אונדז נישט אָרעמער, פארקערט — זי מאַכט אונדז רייכער — דאָס וואָס יידיש פארפעלט דערגאנצט העברעאיש און וואָס העברעאיש פארפעלט דער־גאנצט יידיש.

בלויז מיט דער נייער העברעאישער ליטעראַטור אליין וואָלטן מיר געווען ליטעראריש אָרעם און אָפּגעשטאַנען, און בלויז מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור אליין וואָלטן מיר געווען פּונקט אזוי אָרעם און אָפּ געשטאַנען.

אין די צוויי שפּראַכן אונדזערע ליגט אונדזער גרויסע ליטעראַרישע עשירות.

בלויז מיט העברעאיש אליין וואָלטן אונדז געפעלט מענדעלע, י. ל. פּרץ, רייזען, אש און די גאַנצע יונגע יידישע גענעראַציע פון שרייבער.

בלויז מיט יידיש וואָלט אונדז געפעלט ביאליק און פיל אַנדערע דיכטער און פּראָזע־שרייבער.

מיט איין ליטעראַטור, אָן דער אַנדערער, וואָלטן מיר געווען אָרעם מיט ביידע צוזאַמען זענען מיר רייך.

פּאָליטיש אָבער בין איך געווען א היבש ביסל ראַדיקאַלער פון די העברעער, קיין פּאַרטיי־מענטש בין איך קיינמאָל נישט געווען, בלויז א

קורצע צייט בין איך געווען א סאַציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, אָבער דאָס אָן וועלכע עס איז פּאַרטיי־פאַרבינדונגען און פּאַרטיי־התחייבותן.

האָב איך זיך מיט יעקב כהן'ען לאַנג נישט באַגעגנט.

ערשט אין יאָר 1932 האָבן מיר זיך באַגעגנט אין ארץ ישראל.

באַגעגנט זיך, הויבן מיר אָן, ווי דער שטייגער איז, רעדן, סתם רעדן, א רעדעניש, וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך פון עקסקלאַמאַציעס, פון „אה", פון „וואָס מאַכט איר?" „וויפל יאָרן האָבן מיר זיך נישט געזען?" א. א. וו.

פיר איך דעם ספּאָנטאַנעם שמועס פון עקסקלאַמאַציעס אין יידיש, אָבער יעקב כהן ענטפערט אין העברעאיש, אָבער נישט אין א נאַטירלעכן העברעאיש, נאָר עפּעס א דעמאָנסטראַטיוון העברעאיש, א העברעאיש, וואָס ווייזט אַרויס שנאה און ביטול צו יידיש און צו דעם יידיש־רעדנדיקן.

איך האָב באַלד דערשפּירט דעם פּריקרען טעם פון דעם דאָזיקן ספּעציעלן העברעאיש.

אגב איז דאַמאָלסט אַראָפּגענומען געוואָרן דער איסור פון יידיש; דער בירגערמייסטער פון תל־אביב, דיזענגאָף, האָט געלאָזט וויסן דורך א פּראָקלאַמאַציע, מען זאָל רעדן מיט די געסט די שפּראַך אויף וועלכער זיי רעדן.

עס איז דאָן געקומען די מכביאַדע אין תל אביב, יידישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס פון גאָר דער וועלט זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין תל אביב אויף א גרויסן יידישן ספּאָרט יום־טוב, און לכבוד די טויזנטער און טויזנטער געסט האָט מען דערלויבט אַלעמען צו רעדן יידיש.

פאַר די זעקס וואָכן, וואָס איך בין געווען אין ארץ ישראל, האָב איך קיין אַנדער שפּראַך אויסער יידיש נישט גערעדט און אַלע האָבן מיט מיר גערעדט יידיש.

אפילו אויף דער באַגעגעניש, אָדער באַנקעט, ביי שושנה פערסיץ אין היים, וואָס איז געווען די גרעסטע פעסטונג פון העברעאיש, האָבן אַלע גערעדט יידיש, אויסער דער באַלעבאָסטע אַליין.

יעקב כהן האָט נישט געוואָלט מטמא זיין זיין מויל מיט יידיש.

איך האָב זיך אין א פּאָר טעג אַרום באַגעגנט מיט אים אין קאַבינעט פון דעם תל אביבער בירגערמייסטער דיזענגאָף. דער בירגערמייסטער רעדט מיט מיר יידיש, אָבער כהן וויל קיין יידיש נישט רעדן.

פּסח צום ערשטן סדר בין איך געווען איינגעלאַדן צו ח. נ. ביאַליק

צום סדר. יעקב כהן איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן, באַגעגנען מיר זיך דאָרט. ער שווייגט, אַלע רעדן יידיש, ביאַליק רעדט יידיש, זיין שוועער רעדט מיט מיר יידיש, אָבער יעקב כהן וויל קיין יידיש נישט רעדן.

און ער, יעקב כהן, שווייגט דעמאָנסטראַטיוו.

דערציי́ל איך ביים טיש וועגן מיין באַגעגעניש מיט יעקב כהן נאָך יאָרן און יאָרן, און וועגן דעם, אַז ער וויל מיט מיר נישט רעדן יידיש...

ביאַליק האָט קלוג און טאַקטיש געשפּאַסט און אַזוי האָבן געטון אַנדערע, און ער, יעקב כהן, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין ארץ ישראל, פּונקט ווי איך און ווי טויזנט אַנדערע געסט, מאַכט אַ דעמאָנסטראַציע פאַר העברעאיש אין תל אָביב, קעגן ביאַליקן און אַנדערע זיילן פון העברעאיש אין ארץ ישראל . . .

מן הצד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ שטיקעלע פּאַשיסט, ווי עס זענען געווען אין יענער צייט אַלע רעוויזיאָניסטן.

יאָ, ער איז נישט געשייטער געוואָרן פאַר די לאַנגע יאָרן.

דער לעצטער באַוויז איז זיין גראַבלעכער אַרויסטריט אויף אַ באַנקעט, וואָס דער יידישער פּען־קלוב האָט געגעבן לכבוד אים אין ניו־יאָרק.

ער האָט די כבוד געבער אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואַסער.

און געטון האָט ער עס מיט דער גרעסטער טאַקטלאָזיקייט.

יאָ, ער איז געבליבן אַ יינגל, אַ יינגל מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ...

עס זענען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען קיינמאָל נישט אַרויס פון זייערע קורצע יינגלשע הייזקעלעך.

* *

אַ באַטעטישער כאַראַקטער איז געווען צווישן די פרומע העברעער אין בערן יעקב ראַבינאָוויטש.

ער איז געווען עפּעס דער אָרעמסטער סטודענט אין דער גאַנצער סטודענטישער קאָלאָניע.

און ער האָט זיין אָרעמקייט נישט פאַרדעקט, ער האָט זי געטראָגן עפּעס מיט שטילן שטאָלץ און מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט און זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

ער האָט זי נישט געוואָלט מאַסקירן — פאַרוואָס? צוליב וואָס?

ער האָט געהאַט אַ מוח, אַן אויסגערונען אויג, האָט ער עס אויך נישט מאַסקירט, עס איז אַ מוח, זיין מוח און ער האָט זיך נישט וואָס צו שעמען און ער האָט נישט קיין שום אורזאַך עס צו באַהאַלטן.

זיין אָרעמקייט איז געווען אַזאַ אָפענע, אַזאַ נאַטירלעכע, אַז זי איז געווען ליב און האַרציק, ער האָט געטראָגן ממש שמאַטעס, אָבער ער האָט זיי געטראָגן אין דער מינדעסטער בושה, אדרבא, ער האָט זיי געטראָגן מיט אַ שטילן און נאַטירלעכן שטאָלץ.

זאָל דער רייכער באַהאַלטן זיין גנבהשע און רויבערישע רייכ־קייט, אָרעמקייט איז נישט קיין גנבטע און נישט קיין רויבערין, זי האָט גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן.

און זיין מוח, זיין אויסגערונען אויג, איז נאָך ווייניקער שאַנד ווי זיין אָרעמקייט. און עפּעס האָט זיך געפּאַסט זיין אָרעמקייט צו זיין אויס־גערונען אויג און זיין אויסגערונען אויג צו זיין אָרעמקייט...

און אַזוי נאַטירלעך און אַזוי פּשוט איז ער געווען אַ העברעער.

און אַזוי נאַטירלעך האָט ער געלערנט.

ער איז געווען אַ גוטער סטודענט, אַ טאַלאַנטפולער שרייבער. אָבער קיינער איז אים גאָרנישט שולדיק און ער איז קיינעם גאָרנישט שולדיק.

ער האָט זיך פאַרקנסט לעולם ועד מיט העברעאיש, מיט זיין אָרעמ־קייט, מיט זיין אויסגערונען אויג, און דער עיקרשט מיט ארץ ישראל.

ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן נישט מיט זיין אויסגערונען אויג און נישט מיט זיין אָרעמקייט, נישט מיט העברעאיש און נישט מיט ארץ ישראל.

עס איז אים ממש געווען גוט צו לעבן אין אָרעמקייט, וואָרום אויב אָרעמקייט איז אַ לאַסט, איז רייכקייט אַ מיאוסע און פּאַסקודנע לאַסט.

און עס איז אים אויך גוט געווען צו קוקן אויף גאָטס וועלט און אויף מענטשן מיט איין אויג. איין אויג קען זיך בעסער קאָנצענטרירן.

עס איז אין אים נישט געווען קיין סימן פון ביטערקייט, ווי דער שטייגער פון געקריוודעטע; ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר אַ געקריוו־דעטן.

איך האָב אים אַמאָל שטיל האַלב שעמעוודיק אַ פרעג געטון, פאַר־וואָס ער טוט נישט ווי אַנדערע איין־אויגיקע און שטעלט נישט אַריין אַ קינסטלעך אויג.

האָט ער מיר געענטפערט מיט דער גרעסטער פּשטות:

— ווען איך וואָלט געקענט זיך אַליין אָפּנאַרן מיט דעם, וואָלט איך עס זיכער געטון, זיך אַליין וועל איך אָבער נישט אָפּנאַרן און אַנדערע בין איך נישט פּאַראינטערעסירט צו נאַרן.

און ער האָט נישט געלאָזן די העברעער צו מאַכן אַרום אים קיין טומל און קיין שטילע מיסטישע שושקעריי.

— איך שרייב, קיין שעקספּיר וועל איך נישט זיין, איך וועל זיין אַ שרייבער, וואָס וויל דינען די יידן אין ארץ ישראל מיט וואָס ער קען.

ער האָט נישט פּאַרענדיקט זיין שטודיום מיט עקזאַמענס און מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם — צו וואָס ?

און אַזוי האָט ער געלעבט זיין גאַנץ לעבן.

איך האָב אים געזען פאַר אַ קורצער ווייל אין ארץ ישראל — דאָס זעלביקע אָפּגעלאָזן בערדל, די זעלביקע עפּעס קורצע און אָפּגעטראָגענע הויזן, דאָס זעלביקע אויסגערונענע אויג און דער זעלביקער הילוך.

און ער שרייבט, ער שרייבט דערציילונגען, ער כאַפּט נישט און וויל נישט כאַפּן קיין שטערן פון הימל, אָבער מיט זיכערקייט, מיט קלאָרקייט און מיט שלימות שרייבט ער.

אין ארץ ישראל האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט צו די אַרבעטער. איך ווייס נישט צי ער איז געווען אַ סאָציאַליסט; אמתער העברעאיזם פּאָרט זיך נישט מיט סאָציאַליזם; סאָציאַליזם איז צו מאַטעריאַליסטיש פאַר דעם ראָמאַנטישן און נאָסטאַלגישן העברעאיש, וואָס לעבט און בענקט נאָכן אַלטן אַמאָל. סאָציאַליזם וויל נישט וויסן פון דעם אַמאָל, ער שטייט מיט דער פּלייצע צום אַמאָל און מיטן פּנים צו דער צוקונפט.

און יעקב ראַבינאָוויטש איז געווען אַזאַ העברעער.

העברעאיש איז ביי אים געווען מער ווי אַ יידישע שפּראַך.

העברעאיש דאַרף פאַרבינדן דעם נייעם היינט מיטן אַלטן אַמאָל, העברעאיש דאַרף זיין די בריק צום אַמאָל, אָבער נישט די בריק צו דער צוקונפט.

איצט ווערט העברעאיש אַ שפּראַך אין ארץ ישראל, אַ יידישע שפּראַך, העברעאיש ווערט אויס לשון קודש.

מען מסחרט אין העברעאיש, מען שעלט זיך און מען זידלט זיך אין העברעאיש. מען ליבט זיך און מען קריגט זיך אין העברעאיש, הכלל — העברעאיש ווערט דאָס טאָג־טעגלעכע לשון אין ארץ ישראל.

אָבער ביי די אַלטע העברעער איז העברעאיש געווען און געבליבן

א שטיק יידישע ראָמאַנטיק, א שטיק פאַרגאַנגענהייט, א שיינע, א ליב־טיקע יידישע פאַרגאַנגענהייט, וואָס דאַרף ווערן דער היינט.

און יעקב ראַבינאָוויטש איז געווען א העברעער פון אַלטן, גוטן חדר.

אָבער ער איז געווען לויט זיין גאַנצן מהות א פּראָלעטאַריער.

און אין ארץ ישראל באַדאַרף אַן אינטעליגענט זיך נישט אַראָפּ לאָזן זיך צום פאָלק, צום פּראָלעטאַריער; דער פּראָלעטאַריער אין ארץ־ישראל איז דער אינטעליגענט, דער בעסטער לייענער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור און בכלל דער אינטעלעקטואַל.

דער אַרבעטער אין ארץ ישראל האָט דערהויבן אַרבעט צו א קולט, צו א גרויסן קולט, און דער שרייבער פילט זיך אין זיין אַטמאָספער צווישן די אַרבעטער.

האָט דאָ אייגנטלעך יעקב ראַבינאָוויטש געפונען די ריכטיקע סבי־בה, ער האָט זיך געפילט גוט און היימיש צווישן די אַרבעטער אינטע־ליגענטן.

און א חוץ דעם איז דער שרייבער אין ארץ ישראל אַליין טאַקע א פּראָלעטאַריער; ער ווערט טאַקע געלייענט, אָבער דאָס לאַנד איז קליין, דער שרייבער לעבט מיגיעת־כפּו און זיין יגיע־כפּו קען אים נישט רייך מאַכן.

דער שרייבער אין ארץ ישראל איז דער אָרעמסטער פּראָלעטאַריער און דער אַרבעטער איז זיין נאַטירלעכער פריינט און חבר.

* *

אָבער דער בלינדער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אָט דער שרייבער־פּראָלעטאַריער, יעקב ראַבינאָוויטש, זאָל אַוועק פון דער וועלט דווקא דורך אומפאָרזיכטיקייט פון אַן אַרבעטער.

עס איז אָנגעפלויגן אויף אים א לאַסט אויטאָמאָביל און האָט אים געטויט.

ביים רעדל פון דעם לאַסט־אויטאָמאָביל איז געזעסן א יידישער אַרבעטער...

אָט אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן יעקב ראַבינאָוויטש.

ער איז נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער עלוי, ער איז נישט

ארומגעגאנגען מיט א פארריסענעם קאפ, נישט אין זיין ארעמער היים ערגעץ אין רוסלאנד, נישט אין בערן און נישט אין ארץ ישראל

ער איז געווען דאס וואס ער איז.

ער איז אפשר געווען איינער פון די זעלטענע שרייבער, וואס האט בעסער פון יעדן קריטיקער געוווּסט ווי ווייט עס גרייכן זיינע שעפערישע מעגלעכקייטן.

און ער איז געווען איינער פון די זעלטענע שרייבער, וואס זענען נישט פארליבט אין זיך אליין.

ערלעך צו זיך אליין, און ערלעך צו אנדערע איז ער געווען.

ער איז געווען א ציוניסט און פאר אים איז געווען נאטירלעך און זעלבסטפארשטענדלעך, אז ער דארף לעבן און שאפן אין ארץ ישראל.

און אזוי האט ער געטון מיט דער גרעסטער פשטות.

און אזוי איז געווען זיין לעבן אין ארץ ישראל, שטיל, ערלעך, אן ניסים ונפלאות האט ער אפגעלעבט זיין לעבן.

ער האט זיך נישט שטארק געקהלט, אבער זיינע פאליטישע ארטיק־לען און די ארטיקלען אויף געזעלשאפטלעכע טעמעס זענען געווען קלארע לאגישע און איבערצייגנדיקע.

ווייל ער האט נישט געשריבן אן באציאונג צו דער פראגע און צו דעם פראבלעם, ער האט געשריבן פון זיך ארויס.

ער האט קיינעם נישט גערעטעוועט, ער האט קיין גאולה נישט גע־בראכט, ער האט געטון בלויז וואס עס איז אים געווען ליב און נאענט.

און אין ארץ ישראל גייען ארום איבער די גאסן משיחים.

יעדער האט א גאולה אין בוזעם־קעשענע — דאס גרעסטע ליד, די גרעסטע דערציילונג און דאס גרעסטע וויסנשאפטלעכע ווערק.

עס איז א ניי לאנד, איינגאנצן ניי, און יעדער מוז עפעס צוטראגן צו דעם אויפבוי.

טראגן די ארבעטער ליים און ציגל, מאכן ארבעטער די ערד פרוכט־באר און דער שרייבער טראגט די גאולה, די גאולה שלימה.

יעקב ראבינאוויטש איז נישט געווען קיין גאולה־שלימה ברענגער. ער איז געווען אן ארבעטער, וואס זיין ארבעט איז שרייבן.

10

דר. יעקב מאיר זאַלקינד

די סטודענטישע קאָלאָניע אין בערן האָט בלויז פון אויסן אויס־געזען ווי איין מאַסע פון יונגע מענער און פרויען, וואָס איז באַנומען פון אַ גוואַלדיקן דראַנג צו בילדונג, און דער דאָזיקער דראַנג האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט און צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע.

דאָס איז געווען אַן אויבערפלעכלעכער קוק.

באַלד האָט איר איינגעזען, אַז די סטודענטישע קאָלאָניע איז צע־ריסן און צעפליקט אין פאַרטייען און פאַרטייעלעך, אין גרופקעלעך און אין קרייזלעך.

און געווען גרופן, וואָס פלעגן זיך קיינמאָל גאָרנישט באַגעגענען מיט די אַנדערע.

אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט זענען זיי געווען דורך פאַרטייאישע. אָדער אידעאָלאָגישע ווענט איינע פון די אַנדערע, אָפּגעזונדערט און אָפּ־געטיילט זענען זיי געווען לויט זייער סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנד.

געווען רייכע קינדער פון רייכע עלטערן, וואָס פלעגן לעבן אין רחבות און האָבן קיין מגע ומשא נישט געהאַט מיט די איבעריקע אָרעמע און פרום־פאַרטייאישע סטודענטן, אַט ריכטיק ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס אין די פאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד האָבן נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די צאָל פון אַזעלכע בורזשואַזע סטודענטן איז געווען קליין, גראַד די קינדער פון די רייכע פלעגן צופאַלן צו דער מערהייט פון די אָרעמע און רעוואָלוציאָנערע סטודענטן מיט אַ גרויסער פרומקייט און איבערגעגעבנקייט.

שטאַרקער און בייזער זענען געווען די פאַרטיי־דיפערענצן, זיי פלעגן ממש אוועקשטעלן אייזערנע ווענט צווישן איין גרופע סטודענטן און דער אַנדערער.

ציוניסטן פלעגן ממש קיין מגע ומשא נישט האָבן מיט די סאָציאַ־ליסטישע סטודענטן, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער

סטודענטנשאפט איז געווען עקסטרעם אסימילאטאָריש, זיי האָבן גערעדט בלויז רוסיש, געלעבט מיט דער רוסישער קולטור און מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

אָט די פרומע אסימילאַטאָרישע סטודענטן האָבן ארויסגערופן אַ שאַרפע רעאקציע ביי די נאַציאָנאַליסטישע, אָדער ציוניסטישע סטודענטן, און אויף צו להכעיס, אויף צעפּיקעניש די אסימילאַטאָרן זענען זיי געוואָרן עקסטרעם נאַציאָנאַליסטיש.

איך האָב אין בערן געטראָפן אַפילו אַ שלאָגנדיקע קאָרפּאָראַציע פון נאַציאָנאַליסטישע יידישע סטודענטן אויף דעם שטייגער פון די דייטשישע פּאַטריאָטיש־מיליטעריש־יונקערישע קאָרפּאָראַציעס.

די קאָרפּאָראַנטן בכלל זענען געווען סטודענטן, וואָס פלעגן אָפט דועלירן מיט אנדערע, קעגנערישע סטודענטן, צוליב נישטיקע סיבות, סיבות וואָס מען גייט זיי פאַרביי אין טאָג־טעגלעכן לעבן און מען שטעלט זיך גאָרנישט אָפּ אויף זיי.

אַזוי, למשל, קען אַ דייטשישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַנט זיך אַ שטעל טאָן און מיט רוגזה אַ פרעג טאָן אַן אַנדער סטודענט, וואָס האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים:

— וואָרום פיקסירען זי מיך?

דאָס הייסט — פאַרוואָס קוקט איר מיך אָן?

אָנקוקן אַ סטודענט — קאָרפּאָראַנט, אָדער „פיקסירן" אים, איז געווען אַזאַ באַליידיקונג, וואָס האָט געקאָנט פירן צו אַ דועל אויף שפּאַגעס, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שניט, אָדער אַ טיפן קראַץ אויפן פּנים.

דער דאָזיקער שניט, אָדער קראַץ מוז לאָזן נאָך זיך אַ שאַרפן סימן אויפן פּנים אויפן גאַנצן לעבן, אָט דער סימן פון אַ שניט איז דער שטאָלץ פון דעם יונגן דייטש אַליין, דאָס איז דער שטאָלץ פון זיין פאָטער און מוטער און דאָס איז דער שטאָלץ פון זיין מיידל, שפּעטער כלה און פרוי.

דאָס איז דער קלאָרער באַווייז פון זיין מוט, פון זיין קוראַזש, עס איז אויסגעקריצט אויף זיין פּנים.

אָט די דאָזיקע סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס טראָגן אין געוויסע יום טוב טעג געפאַרבטע היטעלעך, געפאַרבטע לענטעס, גלאַנציקע שטיוול און פעכט־שווערדן.

זיי מאַרשירן ווי סאָלדאַטן.

זיי האָבן זייערע אָפיצירן, וואָס פירן די קאָמאַנדע, זיי האָבן זייערע „קנייפעס״, שענקלעך, ווו זיי קומען זיך צונויף טרינקען ביר בציבור, זינגען סטודענטישע און פאַטריאָטישע לידער, זיי האָבן זייער מיידל, וואָס טראָגט דעם אוניפאָרם פון דער באַטרעפנדיקער קאָרפּאָראַציע, דאָס דאָזיקע מיידל איז אין די מערסטע פאַלן אַ קעלנערין אין אַ שענקל, אָדער אַן אַנדער מיידל.

דאָס מיידל דאַרף די קאָרפּאָראַציע האָבן ראשית, ווייל זיי זענען יונגע מענטשן און דאַרפן האָבן די געזעלשאַפט פון פרויען, צווייטנס דאַרפן זיך די סטודענטן פּראַקטיצירן די ריטערלעכע באַציאונג צו דער פרוי לויט די אַלטע טראַדיציעס פון מיליטאַריזם.

און די קאָרפּאָראַציעס זענען אייגנטלעך מיליטאַריסטישע אָרגאַני־זאַציעס, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין די אוניווערזיטעטן.

און היות ווי אַ באַלעבאַטיש מיידל וועט פאַר קיין פאַל נישט ווערן קיין קאָרפּאָראַציע־מיידל, איז באין־ברירה פאַרנעמט דעם דאָזיקן זייער בכבודיקן פּלאַץ אַ קעלנערין.

פונקט אַזאַ יידישע מיליטאַריסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קאָרפּאָראַציע האָב איך אָנגעטראָפן מאַרשירנדיק איבער די בערנער גאַסן.

און עד היום רויטלט זיך מיין געזיכט פון בושה, ווען די ערשטע באַגעגעניש מיט אַזאַ נאָכקרימעניש ווערט אויפגעלעבט אין מיין זכרון.

דאָס איז זיכער געווען אַ צו־להכעיס די רעוואָלוציאָנערע און אַסי־מילאַטאָרישע סטודענטן, אָבער אַ צו להכעיס סוף־כל־סוף מער קעגן זיך אַליין ווי קעגן אַנדערע, די יידישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציע און די מיט־גלידער האָבן אויסגעזען אויסערסט קאָמיש, אַז אפילו די ערנסטע און סאָלידע שווייצער פלעגן זיך צעלאַכן זעענדיק די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע מאַרשירנדיק אין פאַרביקע היטעלעך און לענטעס און מיט פעכט־שווערדן.

דער קאַפּיטאַן פון דער דאָזיקער יידישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַ־ציע איז געווען דער שפּעטערער ד״ר מאיר יעקב זאַלקינד, דער ראַבאַי, שפּעטער דער אַנאַרכיסט און נאָך שפּעטער דער איבערזעצער פון צוויי מסכתות פון תלמוד, און וואָס איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל.

דער דאָזיקער זאַלקינד איז געווען קורץ, ברייט־ביייניק, מיטן שווערן טראָט פון אַ בער, ער האָט געטראָגן אַ באָרד, אַ בלאָנדלעכע, אָבער צע־פּאַטלטע, אַ פאַרלאָזענע און אַ צעטומלטע.

זאַלקינד אין אַ פאַרביק היטל אויפן שפּיץ פון קאָפּ, אַ פאַרביקע

לענטע אויפן שטייגער פון הויף־פארדינטע דיפלאמאטן און מלכים, א־ן לאקירטע שטיוול און מארשירנדיק מיליטעריש מיט אלע מאנירן פון א יונקערישן קארפאראציע־פירער, איז געווען דאס קאמישסטע בילד, וואס מען קען זען אין לעבן.

צו דער קארפאראציע האבן געהערט דער פארשטארבענער באקאנ־טער אין אמעריקע ד״ר ש. מלמד א. א.

צו דער קארפאראציע האבן געהערט מייסטנס סטודענטן, וואס האבן קיין רוסיש נישט גערעדט, סטודענטן ישיבה־בחורים און א טייל סטו־דענטן, וועלכע מען האט גערופן „די פראנקפורטער", דאס זענען געווען ארעמע סטודענטן, וואס האבן שטודירט און געלעבט פון סובסידיעס, וואס די פרומע פראנקפורטער יידן פלעגן זיי געבן מיטן תנאי, אז זיי זאלן אפהיטן יידישקייט אין אלע פרטים.

ארום און ארום האט זיך באקומען, אז די שלאגנדיקע יידיש־נא־ציאנאליסטישע קארפאראציע איז געווען אן ארגאניזאציע דווקא פון שלים־מזלדיקע סטודענטן.

בלויז עטלעכע גאר בריהשע סטודענטן, אבער נישט קיין רוסישע לויט זייער בילדונג און זייער דערציאונג זענען אריינגעפאלן אין איר.

ד״ר זאלקינד איז שוין גאר קיין שלים מזל נישט געווען, אבער ער איז בטבע געווען א צו־להכעיסניק.

ער איז געווען א זייער פעאיקער. ער האט געקענט גוט לערנען, ער האט געקענט פילאזאפיע, ער איז געווען דורכאויס יידיש לויט זיין מענ־טאליטעט, אבער ער האט כסדר געשפילט קעגן עמיצן א צו־להכעיס, אבער דער צו־להכעיס האט דעם עמיצן קיינמאל נישט אנגערירט, דער צו־להכעיס האט אנגערירט כסדר אים אליין, ער האט אים געמאכט לע־כערלעך, ער האט אים געווארפן אין די ארעמס פון אידעאלאגיעס, וואס זענען געווען פרעמד זיין גאנצן מהות, און צו שריפטשטעלערישע ארבעטן פון וועלכע ער איז געווען הימל ווייט, און נאר א דאנק זיינע גרויסע פע־איקייטן האט ער זיי גובר געווען.

נאכן ענדיקן זיין שטודיום אין בערן, ווי א דאקטאר פון פילאזאפיע, האט ער חתונה געהאט מיט א פארמעגלעכער אלמנה אין ענגלאנד, ער ווערט א ראבאי אין א קליינער קאנגרעגעישאן ערגעץ אין ענגלאנד.

און אלץ איז געגאנגען גוט, כשורה.

נישטא קעגן וועמען צו שפילן א צו־להכעיס.

נישטאָ . . .

און באַין ברירה ווערט ער אַ סטאַטעטשנער ראַבאַי, פאַרשטייט זיך, אַן די גלחישע מאַנירן, ער איז אַ ראַבאַי, וואָס קען לערנען, ער איז אַ ראַבאַי אַ פּילזייטיק געבילדעטער, ער איז אַ ראַבאַי און אַ גוטער און אויסגעהאַלטענער ייִד.

אָבער אַפּנים לעבן אין שלום און אין שלווה נישט טוענדיק עפּעס עמיצן אויף צו־להכעיס, אויף צעפּיקעניש, האָט ער נישט געקענט, האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט ביי אים אין דער קאָנגרעגעישאָן, אַ קליינע ניט־וויכטיקע פאַרטשעפּעניש, וועלכע יעדער מענטש האָט אַ טוץ אין טאָג און פרעסט זיי אויס, אָבער נישט ד״ר זאַלקינד.

פון דער קליינער פאַרטשעפּעניש איז געוועזן אַ גרויסע מחלוקת און פון דער מחלוקת איז געוואָרן אַ ריס, אַזאַ ריס וואָס האָט אים פאַרשליי־דערט אין אַן אידעאָלאָגיע, צו וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן די מינד־סטע שייכות נישט געהאַט, אַן אידעאָלאָגיע, פון וועלכער ער איז געווען ווייט זיין גאַנץ לעבן ווי מזרח איז ווייט פון מערב.

ער פאַרטשעפּעט זיך אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה מיט דער ענגלישער רעגירונג אין דער פראַגע פון מאָביליזירן רוסישע בירגער.

הכלל, ער גייט אַוועק פון רבנות און ווערט אַן אַנאַרכיסט.

ער הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין דער אַנאַרכיסטישער פרעסע.

פּעאיק איז ער, קריגעריש איז ער און ער ווערט אַ גלענצנדיקער אַנאַרכיסטישער שרייבער.

אָבער ביסלעכווייז ווערט זיין צאָרן אָפּגעקילט ביז ער לעשט זיך אינגאַנצן אויס, און מיט דער אויסלעשונג פון זיין צאָרן ווערט אויך אָפּגעשוואַכט זיין צו להכעיס־שפּיל, ער גייט אַוועק פון אַנאַרכיזם און ער באַזעצט זיך אין ארץ ישראל, און דאָרט איז ער געשטאָרבן.

אָבער פון דעם דאָזיקן קורצן פּעריאָד טראָגט ער אַוועק מיט זיך אַ ליבע צו ייִדיש, אַ ליבע אויף די עלטערע יאָרן, ווייל אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער מיט ייִדיש גאָרנישט געהאַט צו טאָן, ער האָט באַקעמפט ייִדיש.

די בערנער שלאָגנדיקע ייִדישע סטודענטישע קאָרפּאָראַציע, וואָס האָט געהייסן „קדימה״, איז געווען דורכאויס אַ העברעאיש־אָרטאָדאָק־סישע.

און שוין נישט קיין יונגער מענטש נעמט ער זיך צו איבערזעצן דעם תלמוד אויף יידיש.

ער באַוויזט בלויז צו איבערזעצן די מסכת ברכות און סדר זרעים.

עס איז אַ גוטע איבערזעצונג, ער איז אַ קענער פון תלמוד. ער איז אַן אייביקער לערנער פון תלמוד און דאָס קוואַליפיצירט אים דורכאויס פאַר דער גרויסער אַרבעט.

אין ארץ ישראל צייכנט ער זיך נישט אויס מיט קיין טעטיקייט, ער איז דאָרט, אַזוי גוט, ווי אַ זייטיקער.

און ער שטאַרבט ווי אַ זייטיקער.

דער עקשן, דער צו־להכעיסניק, דער קריגערישער מענטש, דער מענטש פון גרויסע פעאיקייטן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געפונען די ריכטיקע באַשערטע פאַרווענדונג, שטאַרבט עפּעס איינזאַם.

ד"ר י. מ. זאַלקינד איז געווען אין תוך אַ טיף־ערלעכער מענטש, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּשרות, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט תציו שלי וחציו שלך, אַ מענטש בטבע אַ קעמפער, וואָס איז עפּעס דורך אַ פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער געוואָרן בלויז אַ צו להכעיסניק, בלויז אַן איפּכא־מסתבראניק.

ער האָט געקענט זיין אַ סיסטעמאַטישער קעמפער, אַן אויסגע־האַלטענער קעמפער. ער איז עס געווען לויט זיין טעמפּעראַמענט, לויט זיין עקשנות און לויט זיין גאַנצן מהות.

אפילו אין דעם סאַמע ברען פון זיינע צו־להכעיסן פלעגט ער זיין אין די צו־להכעיסן גופא שעפעריש.

*   *

ד"ר יעקב זאַלקינד איז געווען אַן אמתער עלוי, ער האָט זיך גע־וואָרפן אין עקסטרעמען און קאָנטראַסטן, אָבער אין יעדן עקסטרעם און קאָנטראַסט איז ער געווען שעפעריש און אויפטועריש, איך האָב אים באַ־געגנט אין בערן ווי אַ קעמפערישן אָרטאָדאָקסישן ייד, אַ ייד, אָרטאָדאָק־סיש־פרום, אַ ייד, וואָס היט אָפּ כשרות מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

די יידישע סטודענטישע שלאָגנדיקע קאָרפּאָראַציע „קדימה", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און געפירט, איז געווען אָרטאָדאָקסיש, אַ כשרות אָפּהיטנדיקע און אַ קעמפעריש פרומע.

ער איז געווען אן אמתער עלוי, ער האָט א סך שעפערישע ארבעטן געלאָזן נישט פאַרענדיקטע, ער איז געווען א פילאָלאָג און א פילאָזאָף, ער זאָל האָבן געקענט 30 שפּראַכן, אָבער יידיש און העברעאיש זענען געווען זיינע מוטער־שפּראַכן, ער האָט געשריבן אין דייטש, אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

ער האָט געשריבן פילאָזאָפישע און היסטאָרישע ווערק.

ער האָט געשריבן סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק און רעדאַקטירט אַנאַר־כיסטישע שריפטן און צייטונגען, אין זיין אַנאַרכיסטישן פּעריאָד.

ער האָט געשריבן קינדער־פּיעסן אין יידיש און אין העברעאיש.

ער האָט אַרויסגעלאָזן פּאָלעמישע אַנאַרכיסטישע בראָשורן.

ער האָט אַרויסגעלאָזן ציוניסטיש־אויפקלערערישע בראָשורן.

ער האָט געטון צענדליקער זאַכן, און איטלעכע זאַך איז געווען אין שאַרפער סתירה מיט דער אַנדערער זאַך.

ער האָט געשריבן צענדליקער ביכער, אָבער איטלעכס בוך איז גע־ווען עפּעס א צו־להכעיס דעם אַנדערן בוך.

ער זאָל האָבן געקענט, ווי געזאָגט, 30 שפּראַכן, אָבער יידיש און העברעאיש האָבן כסדר געשפּילט א צו־להכעיס שפּיל, דאָ איז ער געווען אן אומקאָמפּראָמיסלעכער העברעער און דאָ א יידישיסט.

ער האָט געביטן שאַרף זיינע אידעאָלאָגיעס.

און איין אידעאָלאָגיע איז געווען אין שרייענדיקער סתירה צו דער אַנדערער.

ער איז געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש פרום, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערן, און ער איז געוואָרן אן אַנאַרכיסט און אן אַנאַרכיסטישער שרייבער.

ער איז געווען ערלעך, אָפנהערציק און גראַדליניק, נישט קוקנדיק אויף זיין אָפטער בייטעניש פון אידעאָלאָגיעס.

אָבער זיין ערלעכקייט איז געווען עפּעס א שטעכעדיקע, א בייסיקע און אויך א צו־להכעיסדיקע — דערפאַר וואָס איר זייט אַלע פאַלש און ליגנעריש, וועל איך אויך אויף צעפּיקעניש זיין ביטער אמתדיק און שטעכעדיק ערלעך.

אפילו מיט זיין באָרד, מיט זיין פאַרפּלאָנטערטער, ווילד־געוואַקסע־נער באָרד האָט ער געשפּילט צו־להכעיס.

ווייל אַלע סטודענטן זענען געווען אָן בערד, האָט ער געטראָגן אַ באָרד.

שפּעטער האָב איך געזען אַ פאָטאָגראַפיע פון אים, איז ער שוין געווען אָן אַ באָרד.

די באָרד איז געפאַלן דער ערשטער קרבן פון דעם אַנאַרכיזם, צו וועלכן ער האָט זיך באַקערט.

דער עלוי האָט אַלץ געקענט און פאַר אַלץ זיך גענומען.

ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1900. געשריבן האָט ער בעלעטריסטיק, פּאָליטישע אַרטיקלען, טעאַטער־שטיק, איבערזעצונגען א. אַ. וו.

ער האָט געדרוקט זיינע שאַפונגען אין פאָלגנדיקע שפּראַכן — אין העברעאיש, יידיש, דייטש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניאָליש.

ער האָט אין יאָר 1916, אין דער צייט פון מלחמה, רעדאַקטירט אַ וואָכנבלאַט „יידישע שטימע״, אַ שאַרף אַנטי־מיליטאַריסטיש וואָכנ־בלאַט.

בלויז 13 נומערן זענען אַרויס פון דעם דאָזיקן טשעקאַוון וואָכנ בלאַט.

אַ חוץ אַנטי־מיליטאַריסטיש איז דאָס וואָכנבלאַט געווען שאַרף נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל.

דריי יאָר איז ער דער רעדאַקטאָר פון דעם אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישן וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער פריינד״. ער האָט צווישן זיינע וואַרפּעניש[ן] אין פאַרשידענע ריכטונגען זיך גענומען צו שרייבן אַ גאָר וויכטיק וויסנ־שאַפטלעך ווערק, פון וועלכן עס זענען געדרוקט געוואָרן בלויז די ערשטע דריי קאַפּיטלען, עס איז „די געשיכטע פון די יידישע דרוקערייען״, אין וועלכן עס האָט אויך באַדאַרפט אַריינגיין די געשיכטע פון דעם יידישן בוך־האַנדל און פון די יידישע ביבליאָטעקן.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ סידור פאַר שולן מיט היסטאָרישע און גראַמאַטיקאַלישע באַמערקונגען און מיט אַן אַריינפיר וועגן דער גע־שיכטע פון סידור.

ער האָט אויך איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש מאַליערס „דער קאַר גער״, און אָנגעשריבן אַ ביכל „די פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם״.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ „געשיכטע פון דער צענזור פון דער קירך אין דער אינקוויזיציע אויף יידישע ספרים״.

די דאָזיקע אַרבעט האָט ער געשריבן אויף דעם גרונד פון אַ כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער פּאַריזער ביבליאָטעק פון אַן אַלטן צענזאָר, אַ ייד פון צפת, אַ תלמיד פון אַ גרויסן מקובל, און דערנאָך אַ משומד.

אין דעם כתב־יד ווייזט דער משומד אָן וועלכע שטעלן אין יעדן ספר עס דאַרפן אויסגעמעקט ווערן.

דער גרעסטער אויפטו זיינער איז די איבערזעצונג פון מסכת ברכות און סדר זרעים, דער לעצטער איז נאָך נישט געדרוקט געוואָרן.

זיין איבערזעצונג איז אָן ספק אַ זייער קאָמפּעטענטע און אַ זייער לומדישע, אָבער דער יידישער לשון איז אָרעמלעך און בלאַס.

ער איז געווען מער אַ העברעאישער שרייבער ווי אַ יידישער.

און אפשר איז ער אינגאַנצן נישט געווען קיין שרייבער, נאָר וואָס קען נישט אַן עלוי ?

אַ יידישער עלוי קען אַלץ, ווייסט אַלץ און קען טאָן אַלץ.

אָבער געשטאָרבן איז ער אין ארץ ישראל.

אין די אַלע זיגזאַגן, אין אַלע וואַרפּעניש פון איין עקסטרעם צו אַן אַנדערן, פון איין אידעאָלאָגיע צו אַן אַנדערער, איז ער דאָך געבליבן אין איין זאַך געטריי און אויסגעהאַלטן, ער איז געווען דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אַ ציוניסט און איז געשטאָרבן אַ ציוניסט אין ארץ ישראל.

פון די פיל עלויים, וואָס איך האָב געקאָנט, איז דר. יעקב מאיר זאַלקינד געווען דער אמתער עלוי און דעריבער דער אומגליקלעכסטער.

דער אמתער עלוי איז אַ שטיק אומרו, אַ מענטש, וואָס געפינט קיין אָרט אין לעבן, און ער בייט אָפט זיינע ערטער, זיינע גלויבנס, זיינע באַשעפטיקונגען און זיינע סימפּאַטיעס.

ער קען אַלץ און קען אייגנטלעך גאָרנישט.

ער ווייסט אַלץ און ווייסט אייגנטלעך אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

ווען איך בין געקומען קיין בערן איז יעקב מאיר זאַלקינד געווען שוין אַן אַלטער סטודענט, אָבער איך האָב נאָך באַוויזן צו באַגעגענען זיך מיט אים, רעדן, דיסקוטירן און באַקענען זיך מיט אים ווי ווייט נאָר עס איז געווען מעגלעך.

יאָ, ער איז געווען אַן אמתער עלוי, דאָס הייסט, אַן אויסערסט פּעאיקער מענטש, זיין מוח האָט אַלץ געקענט איינזאַפּן אין זיך און זיין זכרון האָט אַלץ געקענט איינהאַלטן אויף שטענדיק, אָדער אויף אַ לאַנגער צייט.

אָבער ווי יעדער אמתער עלוי, וועמען אַלץ גיט זיך לייכט, אָן קיין שום אָנשטרענגונג, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף אַ באַשטימטן וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן צווייג.

אָבער דער עיקר — ער האָט געהאַט גרויסע פעאיקייטן, אָבער קיין שום טאַלאַנט, טאַלאַנט האַלט דעם מענטשן צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן צווייג פון דער וויסנשאַפט, אָדער קונסט.

דער עלוי ווערט צו קיין זאַך נישט צוגעבונדן, און דער סוף איז — ער קען אַלץ און קען קיין זאַך נישט גרינטלעך, ער קען אַלץ, אָבער ער איז נישט צוגעבונדן צו קיין זאַך.

דער אמתער עלוי איז אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געבענטשט מיט גרויסע פעאיקייטן, אָבער פאַרשאָלטן מיט נישט־צוגעבונדנקייט און נישט־געטרייקייט צו אַלץ.

יעקב מאיר זאַלקינד האָט זיך יאָ געקענט צובינדן צו אַ געוויסער אידעאָלאָגיע, צו אַ געווויסן ליטעראַרישן צווייג, אָבער קיינמאָל נישט גענוג לאַנג, אַז עס זאָל ווערן זיין לעבנס־צוועק, זיין לעבנס־אידעאַל.

ווי אַן אמתער עלוי איז ער געווען באַנומען פון אַן אייביקער אומרואיקייט.

דער אומרו זיינער האָט אים געטריבן און געוואָרפן פון איין עקסטרעם צו דעם אַנדערן.

אָבער איין גרויסער כאַראַקטער־שטריך איז געווען אין אים און דאָס איז — ערלעכקייט.

ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן אַ זאַך, אין וועלכער ער האָט נישט געגלויבט.

ער האָט געמוזט גלויבן, כדי צו טאָן עפּעס.

ער האָט אָפט געביטן זיין גלויבן, זיינע אידעאָלאָגיעס, אָבער אָן אַ גלויבן איז ער זיין גאַנץ לעבן נישט געבליבן.

אָן אַ גלויבן וואָלט ער אומגעקומען, דער אומרו וואָלט אים פאַרטראָגן אין הרי־חושך.

יעקב מאיר זאַלקינד איז געווען דער ערשטער טשעקאַווער כאַראַקטער, וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט אין בערן, אין דער שטאָט, אין וועלכער דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס די יידיש־רוסישע יוגנט האָט פאַרמאָגט, האָט זיך געפונען.

כמעט יעדער איז געווען קאַנטיק מיט עפּעס און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס.

ד"ר י. מ. זאַלקינד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט, ווייל ער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן מער ווי אַלע, ווייל ער איז געווען דער גרויסער צו־להכעיסניק אין דער פאַרביקער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע.

11

טומלער און צנועים אין דער סטודענטישער קאָלאָניע

די יוגנט איז טומלדיק.

איז נאַטירלעך אַז אין אַ קאָלאָניע פון לויטער יונגע מענטשן זאָל זיין טומלדיק.

אָבער אין דעם טומל זענען אויך געווען שטילע און צניעותדיקע יונגע סטודענטן און סטודענטקעס, און גראָד די שטילע האָבן געשפּילט שפּעטער אַ גאָר קאָנטיקע ראָליע אין אונדזער פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן.

איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט צוויי שטילע ממש צנועים־סטודענטן, איינער האָט געהייסן מ. גליקסאָן, שפּעטער ד"ר מ. גליקסאָן און אַ ביסעלע נאָך שפּעטער — דער רעדאַקטאָר פון „הארץ" אין ארץ־ישראל, און דער צווייטער י. ווילקאַנסקי, שפּעטער אַ באַוווּסטער אַגראָנאָם און איינער פון די בעסטע פּובליציסטן אין דער ארץ ישראלדיקער פּרעסע אונטערן פּען־נאָמען א. ציוני.

ד"ר גליקסאָן איז געווען דער שטילסטער און דער צנועדיקסטער סטודענט אין דער קאָלאָניע; עפּעס האָט ער געהאַט סאַמעטענע טריט, אַ שטילע און זייער אַ קלאָרע שטים און אַ פרומער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן.

ער איז געווען רעליגיעז, ער האָט אָפּגעהיט שטרענג כשרות, אָבער קיינער האָט עס נישט באַמערקט. איך אַליין האָב אַ לאַנגע צייט עס נישט באַמערקט.

ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און געשיכטע. ער האָט גוט געקענט פילאָזאָפיע און געשיכטע, כאָטש ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין „פּראָפעסיאָנעלער" פילאָזאָף און קיין „פּראָפעסיאָנעלער" היסטאָריקער, אָבער ווען ער פלעגט אָנשרייבן עפּעס אויף אַ פילאָזאָפישער טעמע איז עס געווען ממש גינגאָלד.

אַזאַ, למשל, איז זיין קליין ביכל וועגן רמב"ם, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן בשעת די פייערונגען פון 800 יאָר זינט זיין טויט. עס איז קלאָר, שטיל און ביז גאָר צום פּונקט. דאָ האָט איר דעם רמב"ם און זיין פילאָזאָפיע; נישטאָ קיין זייטיקע פילאָזאָפישע לומדות, נישטאָ קיין פילאָזאָפישע פייערווערק, עס איז דאָ דער רמב"ם מיט זיין גאַנצער פילאָזאָפיע.

אין בערן פלעגט ער אָפט אַריינקומען צו מיר. ער פלעגט שטיל שמועסן און אין זיין שמועס פלעגט אַלעמאָל דורכלויפן אַ פיינער שטילער הומאָר.

איך האָב אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז אויסער טיי פאַרזוכט ער ביי מיר גאָרנישט.

איך האָב זיך צוגעקוקט אויפמערקזאַמער און פעסטגעשטעלט — אויסער טיי און אַ פרוכט עסט ער נישט און טרינקט נישט ביי מיר.

און אַזוי ביי אַנדערע פריינט, ביי וועלכע מיר פלעגן זיך באַגעגענען.

ער האָט עס אָבער געטאָן מיט אַזוי פיל טאַקט און מיט אַזוי פיל צניעות, אַז כמעט קיינער, אויסער איך און נאָך אַ פּאָר נאָענטע מענטשן האָבן עס באַמערקט.

הכלל — נישט קיין וווּנדערקינד, נישט קיין עלוי און סתם נישט קיין עוקר־הרים.

ממש אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר אויף דעם העברעאישן אינדזל אין בערן.

ער האָט שטיל, אָבער גלענצנדיק, געענדיקט זיין שטודיום; איז שטיל אַוועקגעפאָרן פריער קיין אדעם און שפּעטער אין ארץ ישראל.

אין 1932, ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל, איז ער שוין געווען דער רעדאַקטאָר פון „הארץ" פאַר היבשע יאָרן.

מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע פריינד.

ער איז עלטער געוואָרן, פאַרשטייט זיך, און קרענקלעכער.

איך האָב אים באַזוכט אין דער רעדאַקציע און אין זיין שטילער, באַשיידענער, כמעט אָרעמער דירה.

ריין און שטיל איז געווען אין זיין אָרעם דירהלע, א שטילע און זייער סימפּאַטישע פרוי האָט דאָס אָרעמע דירהלע געמאַכט עפּעס זייער היימיש מיט קליינקייטן.

איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט אַ זון, איין־איינציק קינד.

פרעג איך זיך נאָך אויף אים — וווּ איז ער? וואָס טוט דער בן־יחיד אייערער ?

ענטפערט מיר ד"ר גליקסאָן רואיק: ער איז אין אַ קבוצה.

ביי דער פרוי זיינער, אָבער, האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן און זי האָט געזאָגט כמעט ווי צו זיך אַליין :

— האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין אַ קבוצה, און שרייבן שרייבט ער בלויז איינמאָל אין חודש; די פּאָסט־מאַרקעס, זאָגט ער, זענען קהלשע און ער וויל נישט פאַרטאַכלעווען קיין קהלשע געלטער, וואָרום וואָס איז די קבוצה שולדיק וואָס ער איז אַ בן־יחיד? — האָט זי געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב ביטערלעך־הומאָריסטיש.

און דאָ דערציילט מיר מאַדאַם גליקסאָן די גאַנצע געשיכטע מיטן שרייבן. עס שטייען ביי איר טרערן אין די אויגן בשעת זי דערציילט עס, אָבער אין דער זעלבער צייט שיינט איר פּנים פון גליק און שטאָלץ, ווייל די גאַנצע מעשה, וואָס זי האָט מיר דערציילט, איז אַ וווּנדערלעכער געמיש פון צער און פרייד, פון בענקעניש נאָך אייגן פליש און בלוט און שטאָלץ.

— ער איז אַוועק אין אַ קבוצה, זיך אויפגעהויבן און אַוועק, אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און ער איז אַזוי פעאיק, אַזוי פעאיק צום לערנען, אָבער ער זאָגט — לערנען איז נישט קיין אַרבעט, עס איז קאַריערע, איז אַרבעטן אין אַ קבוצה אויך אַ קאַריערע, אַ פּערזענלעכע און אַ נאַציאָנאַלע.

אַוועקגעפאָרן און מען הערט פון אים נישט. שרייב איך אים בריוו: קינד מיינס, פאַרוואָס שרייבסטו נישט? דו ווייסט דאָך ווי מיר קוקן אויס די אויגן אויף אַ בריוו פון דיר.

דערקלערט ער מיר אין אַ בריוו, אַז קיין אייגן געלט האָט קיינער נישט אין דער קבוצה. די קבוצה האָט פּאָסט מאַרקעס און יעדער קען נעמען אין דער קאַסע פון דער קבוצה מאַרקעס וויפל ער האָט נויטיק: נעמט יעדער פאַר אַ בריוו צו די עלטערן, פאַר אַ בריוו צו זיין בחורה אין גלות, אָבער מ'איז פאַרנומען, מען האָט ווייניק צייט צו שרייבן און מען

וויל טאקע אויך נישט פארטאכלעווען קהלשע געלט, אויף סתם אהובי־ידידי־בריוו.

קוקן מיר אוים אויף בריוו, אבער עס קומט איינמאל אין א חודש א בריוול, א קורץ און אן אייליק בריוול.

ווערט אונדז שווער ביז גאר, נעם איך און פאר אין דער קבוצה זיך דורכרעדן מיט אים.

איך האב איינגעהאנדלט א היבש פעקל פון מארקעס, און קלער זיך — איך וועל אים איבערלאזן די מארקעס, וועט ער נישט דארפן נעמען אין דער קהלשער קאסע און וועט קענען שרייבן וויפל ער וויל.

אין קבוצה האב איך זיך קוים דערוואוסט אויף אים, ער איז געווען אין פעלד: געקומען פארנאכט צוריק פון פעלד, געקומען איז ער א פאר־שטויבטער, אבער א פארברענטער פון זון און א מונטערער.

ער האט זיך ארומגעכאפט מיט מיר... א טייער און ליב קינד.

אין אוונט נאכן עסן פארפיר איך מיט אים א שמועס וועגן די בריוו וואס ער שרייבט אזוי ווייניק. איז ווידער דער זעלבער תירוץ, די מארקעס זענען קהלשע און ער נעמט וויפל אלע נעמען, יעדער איז שפאר־רעוודיק, עס איז קהלשע געלט און מען מוז זיין איינגעהאלטן.

און וואס איז די קבוצה שולדיק, אז ער איז א בן־יחיד. דא, אין דער קבוצה איז קיינער קיין בן־יחיד נישט.

הכלל, איך נעם ארוים דאס פעקל מיט די מארקעס און זאג אים:

אט האסטו מארקעס דיינע, דו האסט אזויפיל, אז דו קענסט שרייבן אלע טאג א פאר ווערטער, אלע וואך. דאס זענען דיינע מארקעס און דו קענסט זיי אויסנוצן אין א חודש אפילו, איך וועל דיר יעדן חודש שיקן מארקעס, אבי שרייב, מיין קינד.

ער נעמט צו די מארקעס אן חשק, אבער איך בין זיכער, אז די פראגע פון שרייבן איז דערליידיקט על צד היותר טוב.

איך קום אהיים, איך ווארט אויף בריוו, נישטא, פונקט צום חודש איז דא א בריוו, א קורץ, אייליק בריוול, ווי פריער.

שרייב איך אים און טענה צו אים, קינד מיינס, היתכן, איך האב דאך דיר איבערגעלאזן מארקעס, וואס זשאלעוועסטו זיי, שרייב וויפל דיין הארץ גלוסט.

באקום איך אין א חודש ארום א קורצע דערקלערונג:

דא טראגט זיך קיינער נישט ארום מיט זיין געלט און מיט זיינע

מאַרקעס. האָט איינער געלט אָדער מאַרקעס, גיט ער עס אָפּ אין קאַסע פון דער קבוצה. האָב איך טאַקע באותו־היום אָפּגעגעבן די מאַרקעס אין קאַסע אַריין. האָב איך נישט מיינע מאַרקעס און וויל זיי נישט האָבן. נעם איך פון דער קאַסע וויפל אַנדערע נעמען . . .

און אַזוי הערן מיר פון אונדזער קינד איינמאָל אין חודש. עס העלפט גאָרנישט . . .

איך האָב געקוקט אויף דעם בלייבן, קרענקלעכן פּנים פון מיין פריינט ד"ר גליקסאָן און געזען אויף אים אויך אי זאָרג און אי פרייד, אי צער און אי שטאָלץ.

די צייטונג „הארץ" איז געווען אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר גליקסאָן אַזוי באַלאַנסירט, אַזוי מיושבדיק און אַזוי קאָנסערוואַטיוו ווי ער אַליין.

זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען זענען געווען וואָגיקע און קלאָרע. קיין סטיליסטישע קווייטלעך און צאַצקעלעך, קיין גרדאַנקלעכע קאַפּריזן און שטיפעריייען. ערנסט, זאַכלעך און קלאָר זענען זיי געווען.

ער האָט דערוואָרבן די אַכטונג פון אַלעמען, אַפילו פון די, וועלכע זענען אידעאָלאָגיש געווען זיינע קעגנער.

ער איז נישט געווען קיין רעדנער, קיין אַגיטאַטאָר, קיין פּאַרטיי־פּאָליטיקער און קיין באַאַמטער אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז סתם נישט געווען קיין קאָכלעפל, קיין ציוניסטישער טעאָרעטיקער און קיין שפּאַלטער.

ער האָט זיך סתם נישט געקהלט.

און דאָס האָט אים לחלוטין נישט געשטערט צו זיין דער רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג און צו זיין דער קלאָרסטער, מיושבדיקסטער און ערלעכסטער פּובליציסט.

קאָכן זיך אין אַ פּאָליטישן קעסל איז נישט קיין סגולה צו אָביעקטיוויטעט, צו ישוב־הדעת און צו וואָגיקייט.

קהלן זיך איז פאַר קיין אופן נישט קיין סגולה צו זען און צו באַנעמען אומפּאַרטייאיש אַ געזעלשאַפטלעך פּראָבלעם און אַ פּאָליטישע פּראַגע.

גראָד דער וואָס שטייט אַ ביסעלע אין אַ זייט, זעט בעסער און באַמערקט בעסער די פּנימיות אין געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייטן; גראָד דער וואָס שטייט פון וויטן זעט קלאָרער, אָביעקטיווער.

עס איז עפּעס געווען א ריינע, אַ ציכטיקע אטמאָספערע ארום מיין פריינט פון די סטודענטישע יאָרן ד״ר מ. גליקסאָן.

און עפּעס שטיל איז געווען אַרום אים, אזוי שטיל, אַז ער האָט געקענט דערהערן דעם סאַמע שטילסטן דיסטאַנס אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אַרום אים.

און דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט פּאַר אַ גוטן רעדאַקטאָר און אַ וואָגיקן פּובליציסט.

איך האָב באַגעגנט אַנדערע „בערנער" אין ארץ ישראל, „בערנער" וואָס זענען געווען טומלער אין דער סטודענטישער קאָלאָניע.

זיי זענען געווען אויך טומלער אין ארץ ישראל.

אָבער וועגן זיי אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען.

* *

י. ווילקאַנסקי איז געווען גאָר אַן אַנדערער אי לויט זיין טעמפּעראַמענט און אי לויט באַנעמונג. אַ זון פון אַ רב, האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט יידישקייט אין אַזאַ מאָס, אַז ער איז כסדר געווען עפּעס איבערגעלאָדן מיט פלאַמיקער און ברויזנדיקער יידישקייט.

ער איז כסדר געווען אין אַ מין יידישן עקסטאַז אין אַ מין יידישער דבקות.

ער פלעגט אפילו אַ יידיש פאָלקס־לידל זינגען מיט אַ גוואַלדיקער התרוממות און דבקות.

ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ קאָכיקער ציוניסט און העבראַיסט. ער איז עפּעס כסדר געשטאַנען גרייט זיך אַ לאָז צו טון קיין ארץ ישראל.

ביז ער האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעהויבן, אוועק קיין בערלין לערנען אַגראָנאָמיע. ער האָט געלערנט מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט און התמדה; ער האָט אין אַ לערך קורצער צייט פאַרענדיקט זיין שטודיום, און גלייך זיך אַוועקגעלאָזן קיין ארץ ישראל.

אין ארץ ישראל איז ער געוואָרן אַ שרייבער, אַן אמתער פּובליציסט, אַ פּובליציסט מיט ברען, מיט זיינע מיינונגען, מיט זיין סטיל און מיט זיין פאָרם.

אַ גלענצנדיקער פּובליציסט.

ער איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, ער איז אַן אָגראָנאָם, דאָס איז זיין פּראָפעסיע: ער גאַסטראָלירט בלויז ווי א שרייבער.

אָבער ער איז אַ שרייבער מיט א שאַרפן פּנים.

איר וועט אים דערקענען צווישן הונדערטער אנדערע העברעאישע פּובליציסטן.

עס איז אין אים געבליבן דער יוגנטלעכער, סטודענטישער ברען, זיין שטענדיקע התרוממות און עקסטאַז.

ער איז אָבער אויך נישט קיין טומלער, קיין קאָכלעפל און קיין מענטש, וואָס קהלט זיך. ער טוט זיין ארבעט ערנסט און פרום־ערלעך.

ער האָט זיך זיינע מיינונגען.

זאָגט ער זיי אַרויס פון צייט צו צייט אויסערסט קלאָר און אויסערסט אויפריכטיק.

ער האָט, למשל, גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן די קבוצות. זי פאַלט לחלוטין נישט צוזאַמען מיט דער אָנגענומענער מיינונג.

פאַרקערט — זי גייט זיך פונאַנדער מיט דער אָנגענומענער מיינונג, און גאָר שטאַרק גייט זיך פונאַנדער זיין מיינונג מיט דער אָנגענומענער מיינונג.

ער האַלט, למשל, אַז די קבוצות זענען נישט קיין דבר של קימא עקאָנאָמיש; ער האַלט, אַז זיי וועלן כסדר מוזן אָנקומען צו שטיצע, זיי וועלן זיך נישט קענען שטעלן עקאָנאָמיש־פעסט אויף זייערע אייגענע פיס.

אָבער ער דונערט נישט, ער אַגיטירט נישט קעגן די קבוצות.

ער האָט נישט געשאַפן קיין אַנטי־קבוצות באַוועגונג, ווי א פּאָליטישער טומלער וואָלט געטון אויף זיין אָרט.

ניין.

ער האָט א מיינונג און ער וואַרט, אַז די צייט וועט זאָגן איר וואָרט, ער איז זיכער, פאַרשטייט זיך, אַז די צייט וועט אים געבן גערעכט, אָבער ער וועט בשום אופן נישט זיין אומגליקלעך, ווען זי וועט אים געבן אומגערעכט.

אדרבא !

* *

צו די טומלער, די העברעאישע, האָט געהערט ד"ר ש. מלמד.

ער איז נישט געווען קיין טומלער מיטן מויל, ווייל ער איז געווען א

כבד־פה, א שטאמלער. ער איז אויך נישט געווען קיין פאנאטישער העברעער און קיין פאנאטישער ציוניסט, אָבער ער פלעגט פון צייט צו צייט ארויסוואַרפן א סקאנדאלעבל, וואָס פלעגט אויפרודערן די סטודענטישע קאָלאָניע.

טאָן פלעגט ער עס מיט דער פעדער. מיט דער פעדער איז ער געווען א גרעסערער בריה ווי מיטן מויל.

ער פלעגט פון צייט צו צייט צושיקן א קאָרעספּאָנדענץ אין די יידיש־דייטשער וואָכנבלעטער וועגן דעם לעבן פון דער קאָלאָניע, פלעגט אין יעדער קאָרעספּאָנדענץ זיין עפּעס סקאנדאליעזעס.

אָבער איינע פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס האָט ממש אויפגערודערט די קאָלאָניע.

דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, כמעט, אַז די סטודענטישע קאָלאָניע איז א קאָלאָניע פון פרייער ליבע.

און דאָס איז געווען הימל־ווייט פון אמת.

פארשטייט זיך, אַז אין אַ סטודענטישער קאָלאָניע פון יוגנט פון ביידע געשלעכטן האָט מען זיך פארליבט, חתונה געהאַט, זיך פונאנדערגעגאַנגען, ווען מען האָט בעסער דערקענט איינער דעם אַנדערן, אָבער פון פרייער ליבע און געשלעכטלעכער צעלאָזנקייט האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

כמעט אַלע סטודענטקעס, דער עיקרשט יידישע, זענען געקומען פון גוטע יידישע באַלעבאַטישע הייזער, געווען סטודענטקעס אפילו רבנישע טעכטער; געווען סטודענטקעס, וואָס פלעגן בענטשן ליכט; געווען סטודענטקעס פרומע גבאי'טעס ממש, וואָס פלעגן ווי זייערע גוטע מאַמעס און באָבעס אויסזוכן פון אונטער דער ערד ממש אָרעמע סטודענטן, אָדער פאָליטישע עמיגראַנטן און פלעגן זיי שטיל, ממש מתן־בסתרדיק העלפן.

זיי פלעגן עס טאָן מייסטנס אויף זייער אייגענער רעכענונג, זיי פלעגן אָפּשפּאָרן פון עסן ממש און טיילן זיך מיטן אָרעמען סטודענט אין פאָליטישן עמיגראַנט.

די סטודענטקעס זענען, אגב, געווען כסדר פארנומען, זיי האָבן געלערנט פלייסיקער פון די מענער, דער גרעסטער טייל איז געווען אויף דעם מעדיצינישן פאקולטעט, און דאָרט זענען זיי געווען פארנומען פון אין דער פרי ביז אין אָוונט.

אין אָוונט פלעגן זיי קומען מידע, אויסגעמאַטערטע און פלעגן פאַלן ממש פון אָנשטרענגונג.

עס זענען געווען אין דער סטודענטישער קאָלאָניע ליכטיקע מיידלעך ממש: שטרעבנדיקע צו וויסן, צו זעלבסטשטענדיקייט, רעוואָלוציאָנערינס, אידעאַליסטקעס און אַלע האָבן זיך געגרייט באמת ובתמים צו דינען דער מענטשהייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ווייסטער סטאַדע פאַלט אַריין אַ שוואַרץ שעפּל, און מיט איר שוואַרצקייט טיילט זי זיך אויס פון דער גאַנצער סטאַדע.

אמת, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס זענען כסדר געווען באַגלייט פון געשלעכטלעכער פרייהייט.

דאָס איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דעם שטרענג־צניעותדיק געשלעכט־לעך לעבן ביי יידן; אַלע שטרענגע פאַרבאָטן רופן אַרויס אַ רעאַקציע קעגן זיך.

אָבער די סטודענטקעס זענען געקומען פון מער, אָדער ווייניקער איי־ראָפּעאישע פאַמיליעס און דאָרט איז דאָס לעבן געווען פרייער און עס האָט גאָרנישט אַרויסגערופן אָט די רעאַקציע.

ד״ר ש. מלמדס קאָרעספּאָנדענציע האָט אַרויסגערופן ממש אַ שטו־רעם אין קאָלאָניע.

איך געדענק, ווען איך בין אַריינגעקומען אין יענעם טאָג, ווען די מעשה וועגן מלמדס קאָרעספּאָנדענץ איז געוואָרן באַקאַנט צו אַ סטודענטין, אַ טאָכטער פון די סאַמע יחוסדיקע פאַמיליעס אין רוסלאַנד, האָב איך זי געפונען אַ פאַרוויינטע מיט רויטע אויגן און אין אַ געדריקטער שטימונג.

— קיינמאָל האָט אַ לעבעדיקער מענטש מיך נישט אַזוי געמיין באַ־ליידיקט — האָט זי געכליפּעט.

און ווען איך האָב זי געוואָלט באַרואיקן און איר געזאָגט, אַז אין דער קאָרעספּאָנדענץ רעדט זיך נישט וועגן איר פּערזענלעך, האָט זי זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט:

— איז עס נאָך געמיינער, דאָ זענען מיר אַלע געשטעמפּלט ווי פּראָס־טיטוטקעס . . .

ש. מלמד איז ממש באַיקאָטירט געוואָרן פון דער קאָלאָניע, ביז ער האָט געענדיקט און איז אַוועקגעפאָרן און דאָס גאַנצע שטיק רכילות איז פאַרגעסן געוואָרן.

עד היום פאַרשטיי איך נישט די סיבה, די אורזאַך פון אַזאַ רשעות.

עס איז אמת, אַז די סטודענטקעס זענען געווען ווייטלעך פון די העב־ רעער און פון די ציוניסטן. זיי זענען געווען טיילווייז, אָדער אין גאַנצן רוסיפיצירט און עס איז געווען פאַר זיי נאַטירלעך צוצושטיין צו די רוסישע ראַדיקאַלע באַוועגונגען.

אָבער עס זענען אויך געווען סטודענטקעס ציוניסטקעס, טעכטער פון גוטע ציוניסטן.

עס האָט געקענט פאַרדריסן, ווי טון אפילו, צו זען, ווי כמעט אַלע סטודענטקעס זענען אָדער פרומע סאָציאַליסטקעס, מאַרקסיסטקעס, אָדער רוסישע פאָלקיסטקעס, דאָס הייסט — סאָציאַליסטן — רעוואָלוציאָנערקעס.

און ווען עס פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַ באַרימטער רעוואָלוציאָנער, פלעגן די סטודענטקעס לויפן צו זייערע פאָרלעזונגען און הערן זייערע רייד מיט אַזאַ פרומקייט, ווי זייערע באָבעס האָבן געהערט דעם קעלמער מגיד.

געווען סטודענטקעס אין גאַנצן אַסימילירטע און זיי פלעגן אָפּהיטן ווייַנאַכט־צייט צו איינאָרדענען אַ באַל, אויף וועלכן עס האָט געמוזט זיין אַ יאָלקע.

איז ראשית די צאָל פון אַזעלכע מיידלעך געווען ניט גרויס, צווייטנס, פלעגט זיך אָט אַזאַ פייערונג ענדיקן בסדר מיט אַ סקאַנדאַל מצד די נאַ־ ציאָנאַל געשטימטע סטודענטן און עמיגראַנטן.

דאָס הייסט, די דאָזיקע אַסימילירטע סטודענטקעס פלעגן, אַזוי צו זאָגן, באַקומען זייער שטראָף אויפן אָרט.

און אין דעם קומענדיקן יאָר פלעגט שוין קיין יאָלקע נישט זיין.

דאָס אַלץ איז בשום אופן נישט קיין באַרעכטיקטע אורזאַך צו אַרויס־ קומען און באַשולדיקן די גאַנצע סטודענטישע קאָלאָניע אין פרייער ליבע.

אפילו די ציוניסטן און די העברעער האָבן שטאַרק געטאַדלט מלמדן.

און איך פלעג אים פון יענער צייט אָן בסדר זען אַליין, ווי אַ מנודה.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי זיינע קאָרפּאָראַנטן, ביי די „שלאָגנדיקע סטו־ דענטן" איז ער געווען אַ מין העלד.

זיי אַלע זענען געווען פאַרביסענע קעמפער קעגן אַסימילאַציע און פלאַמיקע נאַציאָנאַליסטן.

אַזוי האָט די סטודענטישע קאָלאָניע געלעבט שטיל, געלערנט ערנסט און ערנסט באַצויגן זיך צו אַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען און פראַגן.

סקאַנדאַלן זענען געווען אַרום און זעלטענע דערשיינונגען.

און די טומלער זענען נישט געווען אזוי מעכטיק, אז זיי זאָלן קענען אָפּרייסן די קאָלאָניע פון לערנען.

עס איז געווען א שטרענגער אָפּקלייב פון ערנסטע סטודענטן און סטודענטקעס, דער אָפּקלייב פלעגט געמאַכט ווערן ווי פון זיך אַליין.

איטלעכס יאָר פלעגן אוועק און נישט קומען מער צוריק די נישט־פעאיקע, די נישט־פלייסיקע, דאָס פלעגט פאָרקומען אי אין די קרייזן פון מענער און אי אין די קרייזן פון פרויען.

אזוי ארום פלעגן פון זיך אַליין באַזייטיקט ווערן די נאָכשלעפּערס, די נאָכלויפערס און די נאָכמאַכערס.

און בלייבן פלעגן די בעסטע, וואָס האָבן געהאַט אי די פעאיקייט, אי דעם אויסדויער.

די עלטערע סטודענטן און סטודענטקעס זענען אַלע געווען לערנערס מיט גוטע קעפּ און מיט גוטער התמדה.

אוועקפאַלן פלעגן די יונגע, זיי פלעגן קומען, אָפּטומלען זיך א סע־מעסטער, פאָרן אַהיים צוריק און דאָרט חתונה האָבן.

אזוי אַרום איז די סטודענטישע קאָלאָניע אין בערן געווען דער קאָ־מענדיקער רעזערוואַר פאַר אינטעלעקטועלע כוחות פאַר דער באַנייאונג און מאָדערניזירונג פון דעם יידישן לעבן און פאַר אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען און שטרעבונגען אין יידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן.

12

יעקב קלאַצקין

א גאַר באַזונדער גרופּע סטודענטן אין דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע זענען געווען „די פראַנקפורטער", דאָס זענען געווען אָדער באַ־דאַרפט זיין, פרומע סטודענטן, סטודענטן, וואָס היטן אָפּ כשרות, דאַווענען דריי מאָל א טאָג און פירן זיך אויף יידישלעך אין אַלע אַנדערע פּרטים.

„פראַנקפורטער" האָבן זיי געהייסן, ווייל זיי האָבן באַקומען פון די פרומע פראַנקפורטער יידן גוטע סובסידיעס, וואָס האָבן זיי געגעבן די מעג־לעכקייט צו לעבן זאָרגלאָז און צו שטודירן וואָס זיי האָבן געוואָלט און ווי זיי האָבן געוואָלט.

דאָס הייסט, דעם שכר פאַר זייער פרומקייט האָבן זיי באַקומען אויף דער וועלט אויסגעצאָלט אין מזומנים מאַנאַטלעך.

דאָס האָט געוואָרפן אַ שטיקל חשד אויף זייער פרומקייט.

און דער חשד האָט זיך אין עטלעכע פאַלן אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ ריכטיקער.

אייניקע פון די „פראַנקפורטער" האָבן נישט אויסגעהאַלטן יידיש־קייט, ד"ר י. מ. זאַלקינד איז שפּעטער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, ד"ר יעקב קלאַצקין האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי און אַנדערע זענען געוואָרן אויס פרומע ווי נאָר זיי האָבן געענדיקט זייער שטודיום, ווי למשל, ד"ר ש. מלמד א. א.

צווישן די פראַנקפורטער איז געווען אויך ד"ר יעקב קלאַצקין.

זיין פרומקייט, אָדער זיין אָנגעהעריקייט צו דער פרומער גרופּע סטודענטן, האָט געהאַט נאָך אַ סיבה און נעמלעך — זיין פאָטער איז געווען אַ רב אין לובלין, און כל זמן זיין פאָטער האָט געלעבט, האָט ער אויס גרויסן דרך ארץ פאַרן פאָטער געשפּילט די ראָליע פון אַ פרומען יידן.

ווען ער פלעגט זיך קלייבן צו באַזוכן זיין פאָטער, פלעגט ער פאַר־לאָזן אַ באָרד, אָנטון אַן ארבע־כנפות און אפילו אַ לאַנגע קאַפּאָטע.

איך האָב מיט מיינע אויגן געזען אָט דעם דאָזיקן מאַסקאַראַד.

איך בין געפאָרן פון אויסלאַנד אַמאָל אַהיים, זיץ איך אין וואַגאָן און באַטראַכט די פּאַסאַזשירן, פאַלן מיינע בליקן אויף אַ קליין געוויק־סיקן מענטשל מיט אַ רונד פּנים, רויטע בעקלעך, שמייכלענדיקע, לעבע־דיקע, לויפנדיקע אייגעלעך און מיט אַ פיין בערדל, וואָס זעט אויס עפּעס ווי אַ צוגעקלעפּטע.

דאָס קליין געוויקסיק מענטשל שמייכלט צו מיר; ער זעט מיר אויך אויס עפּעס באַקאַנט, אָבער איך האָב זיך נישט אָנגעשטרענגט צו דער־קאָנען אים.

אָבער דאָס קליין געוויקסיק מענטשל הויבט זיך פון זיין אָרט, גייט פאַרביי מיר, און שמייכלט צו מיר.

פון נאָענטן האָב איך אים דערקאָנט, עס איז געווען יעקב קלאַצקין...

ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און האָט מיר דערציילט וועגן יערלעכן מאַסקאַראַד; ער פאָרט יערלעך זען זיין פאָטער, און כדי נישט צו פאַרשאַפן זיין פאָטער, דעם צדיק און גאון, עגמת־נפש, פאַרלאָזט ער אַ באָרד און בייט דעם גאַנצן הילוך זיינעם.

איך האָב געקוקט אויף יעקב קלאַצקין, געקוקט מיט גוואַלדיקער נייַ־געריקייט, איך האָב געזען פאַר זיך אַ פאַרשטעלטן מענטשן, ממש אַן אַקטיאָר.

איך האָב אים געשטעלט אַ סך פראַגן :

שטויסט זיך זיין פאָטער נישט אָן, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ שפּיל, אַ מאַסקאַראַד, אַ פאַרשטעלעניש ?

— ניין, דערקלערט מיר קלאַצקין, מיין פאָטער איז אַזוי שטאַרק איינ־געגלויבט אין מיר, אַז ער איז אפילו נישט חושד, עס פאַלט אים גאָרנישט איין, אַז ער, זיין זון, קען אויפהויבן אַ גאָל־מעסער אויף זיין באָרד, אַז ער, זיין זון, קען אַרומגיין אָן אַן אַרבע־כנפות, און ווען עמיצער וועט עס אים דערציילן, וועט ער נישט גלויבן.

שפּעטער, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין בערן, און ער האָט קיין שום ענלעכקייט נישט געהאַט אויף דעם קלאַצקין, וואָס איך האָב באַגעגנט אין וואַגאָן.

ער איז געווען אייראָפּעאיש געקליידט, פון דער באָרד קיין זכר, אַ נאַקעט, בלאַנק־ווייס און קיילעכיק פּנים, די אויגן שמייכלען, דאָס מויל פון אַ פרוי שמייכלט אויך און אַ צופרידנקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיין גאַנצן אויסזען.

איך האָב צווישן די טויזנטער און טויזנטער יידישע סטודענטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין בערן, אין פּאַריז און אין אַנדערע סטודענטישע קאָלאָניעס נישט באַגעגנט אַזאַ צופרידענעם מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט סטודענט ווי יעקב קלאַצקין.

יעקב קלאַצקין איז געווען אַ גוטער סטודענט פון פילאָזאָפיע.

עס זענען געווען בעסערע סטודענטן פון פילאָזאָפיע אין דער בערנער קאָלאָניע, מ. גליקסאָן, שפּעטער דער רעדאַקטאָר פון „הארץ" אין תל־אָביב, איז אָן אַ ספק אַ בעסערער סטודענט פון פילאָזאָפיע, אָבער יעקב קלאַצקין האָט געקענט עפּעס אַרויסשטעלן זיין ביסל וויסן אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס זען און באַוואונדערן.

ד"ר יעקב קלאַצקינס אומגליק איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען אַן עלוי אין זיינע יונגע יאָרן; ער האָט אָנגעשריבן אַ רבנישן ספרל ווען ער איז אַלט געווען 14־15 יאָר, דאָס איז געווען אַזאַ חידוש, אַז די רבנישע וועלט האָט געקאָכט און מען האָט דעם ספר געוויזן אויף חידושים.

און געווען זענען אין ספר טיפישער פלפול, א ביסל חריפות געמישט מיט א ביסל בקיאות, ווי די טויזנטער און טויזנטער אנדערע ספרים.

אזוי האט מיר יעקב קלאצקין אליין אמאל כאראקטעריזירט זיין רבניש ספרל.

זיין גאנץ לעבן האט יעקב קלאצקין עפעס געמוזט אנהאלטן דעם שם פון אן עלוי.

ער האט נישט געקענט זיין סתם א גוטער סטודענט, סתם א גוטער קענער פון פילאזאפיע, ער האט כסדר געמוזט זען פאר זיך א וועלט א גע־פלעפטע פון זיין עלוואישקייט.

פלעגט ער איטלעכס שטיקל חידוש אין דער פילאזאפיע, וואס האט קיין אמתן ווערט נישט געהאט, ארויסלאזן אויף דער וועלט מיט אזא פאמ־פע, מיט אזעלכע דונערן און בליצן, אז אפילו מענטשן, וואס פארשטייען און קענען גוט פילאזאפיע, פלעגן עס אנעמען ווי א נייע פילאזאפישע אנט־פלעקונג.

ער האט באקומען א שם פאר א פילאזאף מיט זיין אייגענער פילא־זאפיע אין דער העברעאישער ליטעראטור.

און אין דער אמתן האט ער נישט געשאפן קיין נייע פילאזאפיע.

אפילו זיין שלילת־הגלות איז נישט זיינע, ס'איז אחד־העמס פילא־זאפיע בלויז עקסטרעמער, ער האט אבער געקענט איינשמועסן די הע־ברעער, אז זיין שלילת־הגלות איז א גאר באזונדערע פילאזאפיע.

ער האט אפילו געקענט איינשמועסן אזא קלוגן מענטשן ווי ישראל עפרויקין, אז ער האט זיין שלילת־הגלות, און ער רופט קלאצקינען „מיין רבי" אין איינעם פון זיינע ביכער.

זיין אמאליקע עלוואישקייט האט אים זיין גאנץ לעבן געהאלטן עפעס אין משכון, ער איז געווען אן אייביקער בעל־חוב זיין עלוואישער יוגנט און האט כסדר געמוזט צאלן און צאלן דעם חוב . . .

אין נאך עפעס:

ער איז זיין גאנץ לעבן געבליבן א פראנקפורטער, ער האט כסדר געהאט רייכע יידישע מענטשן, וואס האבן אים אויסגעהאלטן, געשטיצט זיינע אונטערנעמונגען און האבן געפילט, אז זיי טוען עפעס גרויסעס פאר דער יידישער פילאזאפיע, פאר דער אלגעמיינער פילאזאפיע מיט דעם וואס זיי נעמען אראפ פון זיינע פלייצעס די לאסט, די וואכעדיקע לאסט פון פרנסה.

ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ געפאַנגענער ביי זיין יינגלישער עלויאישקייט.

און ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט צושלאָגן צו עפּעס שטענדיקס און סטאַבילס.

ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן זיין אייגענער פּרעסע־אַגענט, און די דאָזיקע מלאכה האָט ער געקענט, אָבער זי האָט פאַרשלונגען זיין גאַנצע ענערגיע.

ער האָט געשפּילט כסדר גייסטיקע העלדן־ראָלן, דאָ פאַר איין־איינציקן צושויער, פאַר זיין פאָטער, פאַר זיין פאָטער איז ער געבליבן זיין גאַנץ לעבן אַ פרומער, גאָטספאַרכטיקער ייד, ער האָט אַזוי זיך אויסגעקליגט, אַז זיין פאָטער האָט נישט געוווּסט ביז זיין גסיסה, אַז ער, זיין פרומער זון, האָט אַ קריסטלעכע פרוי און האָט מיט איר קריסטלעכע קינדער.

בלויז אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין טויט האָבן זיינע מקורבים געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצושושקען אין אויער, אַז זיין זון, זיין שטאָלץ, לעבט מיט אַ קריסטלעכער פרוי.

און ער איז געשטאָרבן מיט אַ קללה . . .

דער מאַסקאַראַד, אָדער דער טעאַטער־שפּיל, וואָס ער האָט געשפּילט מיט זיין פאָטער, האָט אים גאָר קיין גוטס נישט געטון.

זיין מאָראַלישקייט האָט שטאַרק געליטן פון דעם.

זיין גאַנץ לעבן איז געוואָרן עפּעס אַ האַלבער מאַסקאַראַד און אַ האַלבע שפּיל, ער איז קיינמאָל נישט געווען אָפן ווי ער איז, עפּעס האָט ער כסדר געמוזט צוקלעפּן אויף זיין פּנים און אויף זיין גאַנצן מהות עפּעס פרעמדס, עפּעס נישט אייגנס.

איך האָב אים אַמאָל געזען אין איין טאָג אין אַ האַלבער טוץ מאַסקעס, פאַרשידענע מאַסקעס, פאַרשידענע פאַרשטעלענישן.

איך האָב נישט געקענט באַהאַלטן מיין נישט־אַנגענעמע איבערראַשונג, ער האָט עס באַמערקט, געוואָרן רויט, אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ רגע, ער האָט באַלד זיך צוריק געפונען און האָט שוין וויניקער געביטן די מאַסקעס.

* *

און געווען איז ער, אָן אַ ספק, אַ פּעאיקער, אַ באַגאַבטער מענטש, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו זיין וואָס ער איז.

ער האָט געקענט פילאָזאָפיע, ער האָט גוט איבערזעצט שפּינאָזאַ אין העברעאיש, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו בלייבן בלויז אַ קענער פון פילאָזאָפיע.

ער האָט געקענט העברעאיש, גוט געקענט העברעאיש, אָבער דאָס איז געווען ווייניק פאַר אים, גוט העברעאיש קענען אַ סך איצט, ער האָט באַדאַרפט זיין דער גרעסטער העברעער.

און די העברעער זענען נישט קאַרג אויף טיטלען און אויף לויב־געזאַנגען, האָט ער לייכט געפועלט ביי זיי, אַז פון ישעיה הנביא אָן איז נישט געווען אַזאַ העברעער ווי יעקב קלאַצקין.

און דאָס האָט אים נישט געטון קיין גוטס, עס האָט אים כסדר געשטערט אין זיין לעבן, ווייל ער האָט נישט געקענט באַרעכטיקן זיין גרויסן נאָמען ווי אַ פילאָזאָף און ווי דער גרעסטער העברעער.

איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין יאָר 1932 אין ארץ־ישראל.

ער איז געווען דער זעלביקער אויפגעלייגטער, שמייכלענדיקער און לעבעדיקער יעקב קלאַצקין, נאָר אַ ביסל געעלטערט.

ער האָט דערוואַרט, ער איז געווען כמעט זיכער, אַז מען וועט אים אונטערטראָגן אויף אַ טעלערל די קאַטעדרע פון אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין דעם העברעאישן אוניווערזיטעט.

אים האָט געהערט אַזאַ קאַטעדרע לויט זיין נאָמען אין דער העב־רעאישער ליטעראַטור און לויט זיין גרויסן נאָמען ווי אַ פילאָזאָף.

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין דעם העברעאישן אוני־ווערזיטעט זענען געווען גרעסערע קאַפּאַציטעטן ווי ער, דאָרט זענען געווען אמתע פאַך־פילאָזאָפן, דאָס הייסט, נישט קיין שפּינאָזאָס און נישט קיין קאַנטס, אָבער גרינטלעכערע קענער פון פילאָזאָפיע.

און ער האָט געפונען די טירן פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט פאַרהאַקט פאַר אים, דעם גרויסן פילאָזאָף און העברעער.

און ער האָט אָנגעשריבן דעם ביטערסטן אַרטיקל קעגן דעם העב־רעאישן אוניווערזיטעט אין „בצרון”.

דאָ איז געווען ביטערקייט געמישט מיט אַנטוישונג.

אין ארץ ישראל האָב איך געפונען אַ סך מיינע פריינט און אויך פריינט פון ד"ר יעקב קלאַצקין.

איך האָב געפונען מיין פריינט ד"ר מ. גליקסאָן, ווי א רעדאַקטאָר פון „הארץ", ער איז געווען פון אַלעמען באַליבט און פון אַלעמען גע־אַכטעט.

איך האָב געפונען מיין פריינט פון די סטודענטישע יאָרן ד"ר וויק־לאַנסקי, ער איז אַן אָנגעזעענער אַגראָנאָם און איינער פון די בעסטע פובליציסטן אין ארץ ישראל, ער שרייבט אונטער דעם פסעוודאָנים א. ציוני.

איך האָב געפונען א סך אַנדערע פריינט פון די סטודענטישע יאָרן, אַלע פאַרנעמען אָנגעזעענע פּלעצער, אַלע אַרבעטן און בויען דאָס לאַנד, וואָס איז איצט געוואָרן די יידישע מלוכה.

בלויז ד"ר יעקב קלאַצקין האָט זיך ארומגעדרייט ווי א פרעמדער, ווי א זייטיקער און ווי א נישט היגער.

איך האָב זיך עטלעכע מאָל מיט אים באַגעגנט. ער איז געווען אויפגעלייגט, זיינע אויגן האָבן געשמייכלט ווי אמאָל, אָבער אַרום זיין מויל איז געלעגן א פאַרביסענע ביטערקייט.

ער האָט פּרובירט רעדן לייכט, זאָרגלאָז און אָפּטימיסטיש, אָבער ער האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, די ביטערקייט האָט אַרויסגעפּלאַצט.

אָבער הינטער דער ביטערקייט קענן אַנדערע איז געלעגן א בי־טערקייט קעגן זיך אַליין.

א לעבן זיך געיאָגט נאָכן ווינט, א לעבן געוואָלט אָנהאַלטן די עלוי־אישקייט פון די יונגע יאָרן, און איז געבליבן ביי גאָרנישט.

און אַלע חברים און פריינט פון די סטודענטישע יאָרן זענען בויער, שטילע, ערלעכע און דערפאָלגרייכע בויער פון דער יידישער צוקונפט.

ער האָט מיר פאַרבייגייענדיק א זאָג געטון:

— איך בין אייך מקנא, איר האָט געוואָלט זיין א יידישער שרייבער און איר זענט עס געוואָרן, איך האָב געוואָלט א סך זאַכן און געבליבן ווי א נאַר ביי גאָרנישט.

ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט, דער פּרעסע־אַגענט אין אים האָט זיך געכאַפּט, אז ער איז אַרוים פון זיין ראָליע . . .

אַן אַנטוישטער, א ברוגזער איז ער עפּעס פאַרפאַלן געוואָרן און איך האָב אים מער נישט געזען.

יאָ, דאָס וואָס ער האָט געהאַט א קריסטלעכע פרוי איז אויך געווען א שטערונג פאַר אים.

יאָ, ער האָט געוואָלט אַלעמען איבערקליגן און דער סוף איז געווען, ער האָט זיך אַליין איבערגעקליגט, אָדער בשוטער — אָפּגענאַרט.

דאָס וואָס עס פּאַסירט גאָר אָפּט מיט מענטשן פון יעקב קלאַצקינס כאַראַקטער.

זיי פאַרפּלאָנטערן זיך אַליין אין זייער אייגענער נעץ.

און עס איז באמת אַ שאָד.

ווייל אין תוך איז ער געווען אַ פעאיקער מענטש, און דערצו אַ ליבער, אַ נוח־לבריותדיקער מענטש.

* *

אין די יאָרן פון דער צווייטער היטלעריסטישער מלחמה האָט ער געלעבט אין אַמעריקע.

ער האָט פּרובירט שרייבן נאָכדעם ווי ער האָט געלאָזן די גאַנצע יידישע און העברעאישע פּרעסע שרייבן וועגן אים און נאָכזאָגן אַלע שטותערייען און אַלע נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע באָבע־מעשיות, וואָס די העברעער האָבן געזאָגט וועגן אים יאָרן און יאָרן.

אָבער ער האָט דאָ נישט געשריבן און נישט געדרוקט קיין זאַך, וואָס האָט אַ פילאָזאָפישן און סתם אַ ליטעראַרישן ווערט.

די איינציקע זאַך, אין וועלכער עס איז געווען אַ ביסעלע פּאַטאָס איז געווען אַן אַרטיקל וועגן זיין פאָטער.

ער האָט געשריבן וועגן זיין פאָטער מיט טיפער ליבע און גרויסער אַכטונג, אָבער ער האָט דערציילט וועגן אים ניסים ונפלאות, וועלכע מען האָט געקענט דורכלאָזן.

אַזוי, למשל, האָט ער דערציילט, אַז זיין פאָטער האָט געוווּסט אַלע גאַסן אין ניו יאָרק פון אַ מאַפּע פון דער שטאָט ניו יאָרק, וואָס איז אים צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט.

דאָס איז זיכער גאונות, אָבער אומפּרוכטבאַרע גאונות, עס איז גאונות, וואָס באַווייזט קונצן און שאַפט נישט קיין אמתע ווערטן.

וויסן די טויזנטער גאַסן פון ניו יאָרק, ווען מען האָט מיט ניו יאָרק קיין שום מגע ומשא נישט, ווען מען האָט גאָר נישט בדעה צו פאַרלאָזן אַמאָל לובלין, אָדער ישראל, איז ווייזן גאונישע, אָדער עלוויאישע קונצן, און פאַר אַ רב אין אַן „עיר ואם בישראל" איז עס אַ פּוסטעפּאַסטישע באַ־שעפטיקונג.

אָבער קלאַצקינען דעם אמאָליקן עלוי האָבן דווקא אימפּאָנירט אַזעל־כע אומפּרוכטבאַרע עלויאישע קונצן. ער איז אויך געווען אַזאַ קונצן־מאַכער.

פאַר מיר אַליין, וואָס האָט גוט געקאָנט ד״ר קלאַצקינען און זיינע וויסנשאַפטלעכע מעגלעכקייטן, איז געווען זיין אומפּרוכטבאַרקייט פאַר די היבשע עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע, אַן איבער־ראַשונג.

פאַר די גאַנצע פינף יאָר פון דער מלחמה האָט ער זיך נישט באַ־וויזן מיט איין־איינציקער פילאָזאָפישער אַרבעט, וואָס זאָל באַרעכטיקן זיין נאָמען ווי אַ פילאָזאָף און אַ דענקער.

אָבער, מערקווירדיק, דאָס האָט נישט באַאומרואיקט די העברעער, זיי האָבן געטאָן און ווידערהאָלט טאָג איין, טאָג אויס, אַז ד״ר יעקב קלאַצקין איז איינער פון די אָריגינעלסטע פילאָזאָפן, אַז ער איז אַ גרוי־סער דענקער און סתם אַ גרויסער שריפטשטעלער.

יאָ, אַלץ וואָס ער האָט געשריבן פאַר די דאָזיקע פיר־פינף יאָר האָט קיין שום ליטעראַרישן און קיין שום וויסנשאַפטלעכן ווערט נישט געהאַט, דאָס קען פעסטגעשטעלט ווערן מיט דער גרעסטער גענויקייט.

ער האָט געלעבט אין אַ האָטעל, אין אַ קליין צימערל, ער איז געווען עלנט און נידערגעשלאָגן, אַזוי האָבן מיר איבערגעגעבן אייניקע געמיינ־זאַמע פריינד אונדזערע.

ער איז געווען אָבער אַ זייער לעבעדיקער און אַ זייער רירעווודיקער מענטש, האָט איר עס אויף אים נישט באַמערקט.

אָבער זיכער איז, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן קינסטלעך.

ער אַליין זאָל האָבן דערציילט, אַז ער האָט געהאַט איינלאַדונגען פון יידישע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן אין אַמעריקע צו האַלטן לעקציעס דאָרט, אָבער ער האָט די איינלאַדונגען נישט אָנגענומען.

די סיבה — דער האָנאָראַר, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט איז נישט ווערט געווען די אָנשטרענגונג.

ער האָט גענוי אָפּגעשאַצט, אַז זיין אָנשטרענגונג איז ווערט אַ סך, אַ סך מער . . .

איז ער געזעסן אין זיין צימערל און בעסער געלאָזט מעצענאַטן זאָרגן פאַר זיין אָרעמער עקזיסטענץ.

ער האָט דאָ געלעבט אָרעם.

און זיין פּאָפּולאַריטעט אין דער יידישער און אין דער העברעאישער פּרעסע האָבן אים נישט געמאַכט פּאָפּולער ביים ברייטן עולם.

די אַמעריקאַנער דערבע און האַרטע מקח־וממכרדיקע פאָדערונג — דעליווער די גודס, האָט דאָ הפּנים געהאַט די סאַמע אכזריותדיקע אָנ־ווענדונג.

ער האָט די גודס ניט דעליווערט . . .

איז ממילא דער שכר נישט געקומען.

און די אַלע הויכע לויב־געזאַנגען זענען געפאַלן ווי אויפן אומ־פּרוכטבאַרן זאַמד.

אין אייראָפּע האָט ער אַמאָל געקענט אויפּרודערן געוויסע קרייזן, ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ יידיש־דייטשישער ענציקלאָפּעדיע, און גאָרנישט קיין שלעכטע, ער האָט אפילו געפירט מסחרים מיט אַלטע ביבליאָטעקן, וועלכע ער פלעגט קויפן און פאַרקויפן, אָדער ער פלעגט צונויפפירן שידוכים צווישן פאַרקויפערס און קויפערס.

אין אַמעריקע איז אָט די ריין לערנעריש, סוחרישע אונטערנעמונג עפּעס אויך נישט געווען הצלחהדיק, אגב איז געווען מלחמה און מען האָט אַזעלכע געשעפטן געקענט פירן בלויז מיט גרויסער ריזיקע.

אָבער בטבע אַ גרויסער אָפּטימיסט איז דער שמייכל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים און זיין לעבעדיקייט און רירעוודיקייט איז נישט פאַרמי־נערט געוואָרן.

ער האָט דאָ, אין אַמעריקע, געהאַט מיט זיך זיינעם אַ זון, וואָס האָט געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

מען האָט מיר אים אויסגעמאָלט ווי אַ געוויקסיקן און פּראָסטע־וואַטן שגץ.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מיר האָבן זיך נישט באַגעגנט די גאַנצע צייט, כאָטש מיר פלעגן איבערגעבן איינע די אַנדערע גרוסן דורך געמיינזאַמע פריינד.

עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז זיינע עטלעכע יאָר אין אַמעריקע, דאָס הייסט, אין ניו יאָרק, זענען נישט געווען קיין גליקלעכע.

און אַז ער האָט מיט גאָרניט באַרעכטיקט זיין גרויסע רעפּוטאַציע ביי די העברעער, האָט איך אַליין געזען, איך האָב געלייענט אַלץ, וואָס עס איז אַרויס פון זיין פעדער.

און איך זאָג מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז קיין

זאך האט אויף א האר אפילו נישט באַרעכטיקט די גרויסע רעפּוטאַציע זיינע אין דער העברעאישער וועלט.

* *

דאָס האָט איר נאָך א טראַגעדיע פון אַן עלוי.

אפשר די גרעסטע פון אַלע אַנדערע עלויים, וועלכע איך האָב ביז אַהער באַשריבן.

יענע האָבן, אַזוי צו זאָגן, קיין וועקסלען נישט אַרויסגעגעבן, זיי זענען געווען עלויים אָן התחיבותן.

ד״ר יעקב קלאַצקין איז געווען אן עלוי מיט התחיבותן, אַן עלוי, וואָס האָט אויסגעשטעלט וועקסלען.

און ער איז זיי נישט נאָכגעקומען.

ער האָט גוט געשפּילט דעם עלוי.

ער האָט נאָך בעסער געשפּילט דעם געטרייען, פרומען און גאָטס־פאַרכטיקן זון פון זיין פאָטער, זיין גאַנץ לעבן האָט ער געמוזט נאָרן זיין אייגענעם פאָטער, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט די טיפסטע אכטונג און באַוואונדערונג.

ער האָט זיין לעבן געמוזט באַהאַלטן פון זיין פאָטער.

זיין פאָטער האָט געזען בלויז א קאָמעדיע, אָדער א טראַגי־קאָמעדיע.

ער האָט נישט געזען זיין אייגענעם זון ווי ער איז, ער האָט געזען א פאַרשטעלטן זון.

און א צווייטע ראָליע, אויך א גענוג שווערע, איז געווען דאָס שפּילן דעם גרויסן עלוי, דעם דענקער.

און אַזאַ לעבן אונטער צוויי מאַסקעס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין פּסיכיק.

און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ער האָט אין דער שטיל שטאַרק געליטן.

און די צאָל פון זיינע שלאָפלאָזע נעכט איז אָן ספק, געווען גרויס.

ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז ער אוועקגעפאָרן צוריק צו זיין פרוי אין דער שווייץ און פון דאָרטן איז באַלד געקומען די ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַקע.

דער עלוי איז א ספּעציפיש־יידישע דערשיינונג.

איז זיין טראַגיזם ספּעציפיש־יידיש.

אמאָל האָבן מיר געהאַט גרויסע צרות און ביטערע עגמת־נפשן פון זיי.

זיי פלעגן ברוגז ווערן אויף אונדז און אַ קלאַפּ טאָן שטאַרק די טיר און אוועקגיין אין דער פרעמדער וועלט אַריין, און דאָרט פלעגן זיי כּלוֹ־מרשט אַרויסגעבן אונדזערע „סודות".

איצט לעבן זיי צווישן אונדז.

אָבער זייער טראַגישקייט איז נישט קלענער.

עס איז דער טראַגיזם פון פּאַרמעסטן זיך גרויס און טון עפּעס ביז גאָר קליינס, פון אויפרודערן אונדזער שטיל וואַסער און איבערלאָזן נאָך זיך בלויז עטלעכע בלעזלעך, וואָס פּלאַצן באַלד . . .

און געווען איז יעקב קלאַצקין, ווי געזאָגט, אַ זייער פּעאיקער און אַ זייער באַגאַבטער מענטש.

אָבער ער האָט געוואָלט זיין מער, און זיין מער האָט ער געוואָלט זיין דווקא אָן אָנשטרענגונג, אָן אַרבעט, אויך אָן געראַנגל.

ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער דאַרף אַלץ באַקומען לייכט, שפּילעוודיק.

און פּעק מיט דערפאָלגן דאַרפן אים אונטערגעטראָגן ווערן אויף אַ טעלערל . . .

איז ער אוועק פון דער וועלט אַן אַנטטוישטער, אַ ביטער אַנט־טוישטער, די וועלט איז, לויט זיין מיינונג, נישט געווען גערעכט צו אים, זי איז אים געבליבן אַ גרויסער בעל־חוב.

אָבער זיין אַנטטוישונג האָט ער קיינעם נישט באַוויזן, ער האָט זי געטראָגן באַהאַלטן טיף־טיף אין האַרצן.

און דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

18

ש. אַנ־סקי

צו דער סטודענטישער קאָלאָניע אין בערן האָבן געהערט אַ היבש ביסל פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך גערעטעוועט פון דער צאַרי־שער אָכראַנקע (געהיימע פּאָליטישע פּאָליציי).

א טייל פון די דאָזיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן זענען געווען פּשוט לײדיקגייער, זיי האָבן נישט שטודירט, זיי האָבן קיין שום פּראָפעסיע ניט געהאַט, זיי זענען אפילו פּאָליטיש נישט געווען טעטיק, זיי פלעגן אָפּזיצן זייערע טעג און נעכט אין קאַפע און וואַרטן, אַז עמעצער זאָל באַצאָלן פאַר זייער טעפּל קאַווע און פאַר זייער אָרעמען מיטאָג.

גוט־האַרציקע סטודענטקעס פלעגן שוין זאָרגן, אַז זיי זאָלן האָבן וועש אויפן לייב און א מלבוש איבער די וועש.

די דאָזיקע סטודענטקעס, וואָס האָבן אַריבערגעבראַכט קיין אויס־לאַנד די גוטסקייט פון זייערע גוטע און פרומע מאַמעס, פלעגן ממש אָפּ־רייסן פון זייער עסן און פון קליידונג און העלפן די דאָזיקע פּאָליטישע עמי־גראַנטן.

נישט גרויס איז געווען די צאָל פון אַזעלכע פּאַראַזיטן.

אָבער יעדע סטודענטישע קאָלאָניע אין דער שווייץ, אין דייטש־לאַנד און אין פראַנקרייך האָט געהאַט א געוויסע צאָל פון די דאָזיקע לייד־דיקגייערס.

זיי זענען סוף כל סוף דעמאָראַליזירט געוואָרן און זענען געוואָרן שנאָרערס. אייניקע פון זיי האָבן חתונה געהאַט מיט די סטודענטקעס, די סטודענטקעס האָבן עס געטאָן מער אויס רחמנות, אָבער די חתונות פלעגן דויערן געווענלעך ביז די סטודענטקע פלעגט ענדיקן דעם קורס.

אַהיים, צו טאַטע־מאַמע האָט זי נישט געוואָלט און נישט געקענט ברענגען אַזאַ מאַן.

אָבער דער גרעסטער טייל פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן פלעגן האָבן א באַשטימטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, אָדער מיסיע, אייניקע פלעגן זיך פאַרנעמען מיט איבערטראַנספּאָרטירן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, אַנ־דערע פלעגן שרייבן די דאָזיקע ליטעראַטור, אַנדערע פלעגן בלויז קומען אויף א צייט, אייניקע זיך אויסרוען א ביסל נאָך לאַנגער טורמע, זיי פלעגט אויסהאַלטן דער צ. ק. (צענטראַל קאָמיטעט) פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער זיי האָבן געהערט, אַנדערע זענען געווען מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און פלעגן אָפט מוזן קומען און בלייבן א צייט אין אויסלאַנד.

און די אַלע פלעגן זיך טוליען צו דער סטודענטישער קאָלאָניע, זיי פלעגן „פאַנגען נפשות" פאַר דער פּאַרטיי, דערהויפּט צווישן דעם ווייבער־רישן טייל פון קאָלאָניע.

געווען א טיפ פון אייביקע סטודענטן. דאס זענען געווען עלטערע בחורים, וואס פלעגן כסדר לערנען, אט ווי די אמאליקע פרושים אין די בתי מדרשים.

זיי זענען געווען ארעמע טייוולאנים, אבער קענער און וויסער, און אייניקע פון זיי האבן זיך דערשלאגן סוף כל סוף צו דאצענטור (א לע־רער אין אוניווערזיטעט) און אנדערע זענען אפילו געווארן פראפעסארן. זיי זענען געווארן בירגער פון דעם לאנד און געבליבן דארט זייער גאנץ לעבן.

אזוי ארום האט יעדע סטודענטישע קאלאניע געהאט ארום זיך א היבשע צאל נישט־סטודענטישע עלעמענטן, וואס האבן געלעבט מיטן לעבן פון די סטודענטן.

א טייל פון זיי זענען געווען זייער חשוב ביי דער קאלאניע, זיי פלעגן אפט ארויסטרעטן מיט רעפעראטן, אדער פלעגן זיך פארנעמען מיט קולטור־טעטיקייטן.

אזא איז געווען ש. אנ־סקי, ד"ר חיים זשיטלאווסקי, א. א. וו.

ש. אנ־סקי פלעגט זיין אן אפטער גאסט אין דער בערנער קאלאניע. ער פלעגט זיין א גאסט, וואס פלעגט זיך פארזיצן לאנג אין א קאלאניע, ער פלעגט פארשווינדן ווערן אויף א קורצער צייט און פלעגט זיך צוריק באווייזן.

ער איז געווען עלטער פון דעם דורכשניטלעכן סטודענט, ער איז געווען א ווייכער און הארציקער, ער האט געהאט א געבויגענע פלייצע און געטראגן א בערדל.

איז ער געווען א מין פעטער, א מין גוטער, הארציקער פעטער אין דער בערנער קאלאניע.

און אים איז, ווי עס ווייזט אויס, שטארק געפעלן געווארן די ראליע פון א פעטער און ער האט זי געשפילט ממש וווּנדערלעך.

אין עצם האט ער די ראלע נישט באדארפט שפילן, ער איז געווען א פעטער, ער איז געבוירן א ליבער און הארציקער אנקל.

ער איז געווען אן עלטערער בחור צווישן א וועלט מיט יונגע מיידלעך אין דער קאלאניע.

און אנדערש האט עפעס נישט געקענט זיין; מיט א פעטער קען מען פארברענגען, מיט א פעטער גייט מען אין טעאטער, א פעטער קען אמאל א קוש טון, אבער חתונה האבן מיט א פעטער — דאס נישט . . .

— עס איז עפּעס קאָמיש צו דענקען אפילו וועגן חתונה האָבן מיט אַנ־סקין, — האָט מיר א מיידל, וואָס איז געווען באַפריינדעט מיט אַנ־סקין, געזאָגט.

ש. אַנ־סקי האָט געהאַט זיין באַשטימטע פונקציע אין דער סטו־דענטישער קאָלאָניע אין בערן. ער פלעגט צושטעלן דער סטודענטישער קאָלאָניע ספּעקטאַקלען אין יידיש און אין רוסיש.

ער איז אַליין געווען א דראַמאַטורג, ער האָט געהאַט עטלעכע רע־וואָלוציאָנערע איינאַקטערס און פלעגט זיי אויפפירן, דאָס הייסט, ער איז געווען אויך דער רעזשיסאָר, און פלעגט אויך שפּילן די הויפּט־ראָלע, אויב דער העלד איז געווען א באַבערדלטער, איז מה־טוב, און אויב נישט, האָט ער אים געמאַכט פאַר א באַבערדלטן.

אמאָל פלעגט ער אמוזירן די יונגע סטודענטן נאָך די איינאַקטערס מיט לעבעדיקע בילדער. ער פלעגט אויסקלייבן פון צווישן די סטודענטן „פיגורנע" סטודענטקעס און סטודענטן און פלעגט לאָזן שטיין פאַרגלי־ווערט אין א באַשטימטער פּאָזע אונטער דער ראָזער באַלייכטונג פון א ראָזן פייערווערק.

די בילדער זענען געווען שטרענג רעוואָלוציאָנערע; א שיינע סטו־דענטקע פלעגט שטיין געקליידט אין רויטן מיט א רויטער פאָן און ארום איר יונגע מענער, וואָס קוקן אויף איר, אויף דער פרייהייט, פאַרגאַפטע.

אמאָל פלעגט ער אויסזוכן א קליין־געוויקסיק סטודענטל, פלעגט אים אָנטון א מיליטערישן מונדיר און צוקלעפּן א געל בערדל ווי ביי ניקאָליי דעם צווייטן, דעם פאַרהאַסטן צאַר פון רוסלאַנד, אַנ־סקי אַליין פלעגט חוזקן פון דעם קליינינקן אידיאָטישן צאַרל, פלעגט אים קיצלען און דאָס צאַרל פלעגט קוויטשען און לאַכן ווי א אידיאָט.

אָט דאָס בילד פלעגט האָבן א גרויסן דערפאָלג.

די יונגע מענטשן, וואָס זענען צוליב אָט דעם צאַר פאַרוואָגלט גע־וואָרן אין א פרעמד לאַנד, פלעגן זיך אויף אַזא אופן נוקם זיין אין זייער נוגש, דעם צאַר . . .

און דאָס איז געווען אויך אין הסכם מיט אַנ־סקיס טעאַטראַלע און ליטעראַרישע השגות.

ש. אַנ־סקי איז געווען דער ליבסטער מענטש, אַלע האָבן אים ליב געהאַט, אָבער א שרייבער און א טעאַטראַל איז ער געווען א נאַאיווער.

ווען מיר האָבן זיך באַקאַנט און באַפריינדעט, האָט ער זיך אמאָל

מיישב געווען מיט מיר וועגן א ספעקטאקל, וואָס ער דאַרף געבן אין א צוויי חדשים אַרום.

האָב איך אים פאָרגעלייגט אויפפירן א יידישע דראַמע, אָדער קאָמעדיע אנשטאָט די לעבעדיקע בילדער און די איינאַקטערס.

וואָס פאַר א דראַמע, וואָס פאַר א קאָמעדיע האָב איך נישט געקענט אָנווייזן. אָבער אַנ־סקין איז געפעלן געוואָרן די אידעע.

און אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט ער מיך אויפגעזוכט און מיט פרייד באַוויזן א געדרוקטע דראַמע. די דראַמע איז געווען „גאָט, מענטש און טייוול", פון יעקב גאָרדין.

און אויפן אָרט זאָגט מיר אַנ־סקי — מאָרגן האָבן מיר „טשיטקע", א פאַרלייענונג פון דער דראַמע, קומט, וועלן מיר זען, אפשר וועט איר קענען עפעס טאָן פאַר דער אויפפירונג.

און אויף מאָרגן בין איך אַריינגעפאַלן צווישן א חברה סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס רעדן גוט יידיש און די „טשיטקע" האָט זיך אָנגעהויבן.

אַנ־סקי האָט עס געמאַכט ביז גאָר געשייט. די מענער־ראָלן האָט ער געלאָזן די מענער פאַרלייענען און די פרויען־ראָלן — פרויען. יעדער מאַן האָט געלייענט פאַרשידענע טיילן פון די מענער־ראָלן און יעדע פרוי פאַרשידענע טיילן פון די פרויען־ראָלן. ער איז געזעסן פון ווייטן און זיך צוגעהערט און האָט עפעס מיט א בלייפעדער פאַרצייכנט.

די פּיעסע האָט שטאַרק אויסגענומען. זי איז געווען צוגעמאָסטן צו דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג און דער רעוואָלוציאָנערער וועלט־באַנעמונג פון די סטודענטקעס און סטודענטן.

אַנ־סקי האָט אויסגעהערט די מיינונג פון אַלעמען.

— און אַט איז דאָס צעטל פון די שפּילער פון יעדער ראָלע, — האָט ער געזאָגט קורץ.

בעת די סטודענטן און סטודענטקעס האָבן פאָרגעלייענט די פאַרשידענע ראָלעס, האָט ער פאַרצייכנט ווער עס פּאַסט פאַר יעדער ראָלע.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן די ראָלע פון דעם בדחן.

אויף די ערשטע רעפּעטיציעס זענען מיר אַלע געווען איבערראַשט ווי „גוט" מיר אַלע שפּילן די ראָלן.

דאָס איז, אפנים, געווען שולדיק די יוגנט, יוגנט איז עלאַסטיש, בויגיק, שטיפעריש און צופּאַסונגס־פעאיק.

די שטיפערישקייט האָט גוט נאָכגעקרימט מענטשן, וואָס זי האָט געקענט און מיט וועלכע זי האָט זיך באַגעגנט.

איך האָב נאָכגעקרימט דעם בדחן יענקל פון מיין שטעטל.

און דאָס געמלעכע האָבן געטון אַנדערע.

אָבער מיר האָבן עס גאָך דערנסטמאָל נישט פאַרשטאַנען, כאָטש מיר פלעגן רעדן און דערציילן איינע די אַנדערע וועמען מיר מאַכן נאָך.

גרויסע שוועריקייטן האָט אַנ־סקי געהאַט מיט די פאַרשידענע דיאַ־לעקטן, אַן אָדעסער מיידל האָט געזאָגט טאַטע און מאַמע, אַ פוילישער בחור האָט אַלע ווערטער ארויסגעזאָגט עפּעס מיט „חיריקס", אַ ליטוואַק אַלץ מיט מלופום. הכלל, מען האָט דאָ געהאַט אַלע יידישע דיאַלעקטן.

די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן מיר נישט געקענט גובר זיין און יעדער האָט זיך געשפּילט מיט זיין דיאַלעקט.

די אויפפירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אַן ענטוזיאַסטישע יוגנט האָט זי אויפגענומען מיט פייער און מיט פרייד.

אַנ־סקי פלעגט זיך, ווי געזאָגט, באַווייזן און נעלם ווערן.

איז איינמאָל בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט (איך געדענק נישט גענוי וואָס פאַר אַ קאָמיטעט) און אויף דער ערשטער זיצונג איז באַשטימט געוואָרן צו אויפפירן אַ יידישע פּיעסע.

מיר האָבן אויסגעטרייסלט די גאַנצע בערנער קאָלאָניע און קיין פּיעסע נישט געפונען. מיר האָבן געשריבן אין אַנדערע קאָלאָניעס און אויך דאָרט האָט מען נישט געפונען קיין פּיעסע, עפּעס האָט מען אונדז יאָ צוגעשיקט פון זשענעווע דריי פּיעסן, אָבער זיי זענען אונדז נישט געפעלן געוואָרן. עס האָט זיך אָנגערוקט נעענטער די צייט, אויף וועלכער מיר האָבן געדונגען דעם זאַל און קיין פּיעסע איז אַלץ נישטאָ.

איז געבליבן, אַז איך זאָל זיך אוועקזעצן און אָנשרייבן עפּעס.

און איך האָב אין איין נאַכט פאַרטיק געמאַכט אַ דריי־אַקטיקע קאָמעדיע.

דעם אינהאַלט געדענק איך נישט, איך געדענק בלויז, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די מפּלות פון די צאַרישע חילות אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן.

איך אַליין האָב, פאַרשטייט זיך, געשפּילט אין מיין „פּיעסע" און אַליין רעזשיסירט.

דער דערפֿאָלג איז געווען גרויס. איך בין געווען ממש דער העלד פֿון אָוונט.

די שפּילער און די שפּילערינס אין מיין „פּיעסע" האָבן מיר צו־געגרייט א סורפּריז. זיי האָבן מיר צוגעטראָגן א קאָפּיע אין גיפּס פֿון א גריכישער סטאַטוע פֿון א גאַנץ היבשער גרויס.

האָב איך געהאַט א היבש ביסל צרות פֿון דער סטאַטוע.

מיין שווייצארישע באַלעבאָסטע האָט אין דער פֿרי, ביים צורעכט מאַכן מיין צימער, דערזען די נאַקעטע ווייבס־פּאַרשוין, האָט זי געמאַכט געוואַלדן, זי וועט עפּעס אַזוינס נישט דולדן אין איר הויז.

עס איז אָבער געקומען איר מאַן און האָט געפּסקנט, אַז עס איז נישט געפערלעך, ער האָט עפּעס ענלעכס געזען אין מוזיי אין באַזעל און דאָס איז א סימן, אַז מען מעג עס האַלטן אין הויז.

אָבער מיינע צרות פֿון דעם גיפּסענעם גריכישן מיידל האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. א סטודענט זיצט נישט אויף אַן אָרט, ער בייט זיין וווינונג, זומער פֿאָרט ער אַוועק אין די בערג, אָדער גאָר אַהיים, איז וואָס אַזוינס טוט מען מיט דעם גריכישן נאַקעטן מיידל.

איך האָב זי געמוזט שלעפּן אין יעדער דירה, אָבער אויף דאַטשע און אין רוסלאַנד האָב איך זי נישט געקענט שלעפּן.

צו מאַכן די מעשה קורץ — איך האָב איינגערעדט איינע פֿון מיינע באַלעבאָסטעס, אַז דאָס איז א גרויס קונסט־ווערק און איך גיב עס איר ווי אַן אָנדענק פֿאַר איר פֿריינטשאַפֿט צו מיר.

זי האָט זיך געקווענקלט, אָבער זי האָט די מתנה צוגענומען און אַזוי אַרום בין איך פּטור געוואָרן פֿון דעם נאַקעטן גיפּסענעם מיידל....

* *

מיט אַנ־סקין איז מיר באַשערט געווען צו באַגעגענען זיך אָפֿט אין פּוילן, אין פּרצעס הויז, און אין פּעטערבורג אין דער צייט פֿון דער ערש־טער וועלט־מלחמה.

איך האָב געזען דעם זעלביקן גוטן און האַרציקן אַנ־סקי און אויך דעם טראַגישן און א גאָר געבויגענעם אַנ־סקי.

נאָך דער ערשטער דורכגעפֿאַלענער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 האָט א ביטערע אַנטוישונג אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, די רעוואָלוציאָנערע

פארטייען זענען שטארק אפגעשוואכט געווארן, און ממילא די רעוואלו־ציאנערע טעטיקייט אין לאנד און אין אויסלאנד.

און פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערן האבן געמוזט זוכן א לעגאלע, א כשרע באשעפטיקונג.

אין פעטערבורג זענען געווען אלטע קולטור־חברות, און מיטן ניי פיצל קאנסטיטוציע, וואס דער צאר האט באוויליקט צו געבן זיין געליבט פאלק, זענען אויפגעקומען נייע געזעלשאפטן.

אזוי איז געגרינדעט געווארן אן עטנאגראפישע געזעלשאפט, וואס האט זיך געשטעלט פאר א צוועק צו זאמלען יידישן פאלקלאר, אלטע יידישע חפצים, רעליגיעזע און וועלטלעכע, פאר א יידישן מוזיי, און אנ־סקי איז געשטעלט געווארן בראש פון אן עקספעדיציע, וואס האט זיך ארויסגעלאזן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך צו זאמלען פאלקלאר און יידישע מוזיי־אנטיקן.

ער האט זיך גיך איינגעלעבט אין זיין נייער באשעפטיקונג, ער איז געווארן איינער פון די טיכטיקסטע און דערפאלגרייכסטע זאמלער פון יידישן פאלקלאר.

און א קענער, אדער א זאמלער פון יידישן פאלקלאר, האט געמוזט קומען צו י. ל. פרץ; דעם גרויסן איבערדיכטער פון דער יידישער פאלקס־מעשהלע און דעם גרויסן קענער פון יידישן פאלקלאר; פרץ איז געווען א מין כהן־גדול אויף דעם דאזיקן געביט און אלע קענער און זאמלער פון פאלקלאר זענען געקומען צו אים באקומען זיין ברכה און זיין קאמפע־טענטע עצה.

און אנ־סקי איז געקומען צו פרצן.

און צווישן די צוויי מענטשן האט זיך צעבליט די שענסטע און די נאבלסטע פריינדשאפט.

י. ל. פרץ האט געקענט זיין א פריינד, ער האט געקענט צופאלן צו מענטשן מיט א יוגנטלעכער ווארעמקייט און ענטוזיאזם.

פרץ האט געקענט זיין א פריינד, אבער ער האט אויך געקענט מאכן פריינד, קיינער האט נישט געקענט אויפנעמען קיל אדער גלייכגילטיק פרצעס פריינדשאפט.

אנ־סקי פלעגט ארויסליינגן פאר פרצן זיינע נייע אוצרות פון פאלק־לאר און פרץ פלעגט דא צעפלאמט ווערן פון באגייסטערונג און דא מאכן

א קאלטע מינע — עס איז געווען עפּעס נישט עכט, עס איז געווען א וואריאציע, אָדער עס האָט געהאַט אַן אַנדער פּגימה.

און אַנ־סקי פלעגט שטיין ווי פאַרן העכסטן ריכטער און אויסהערן זיין פּסק־דין.

צו די צוויי לעגענדאַרע פריינד, פּרץ און דינעזאָן, איז צוגעקומען א נייער פריינד, און דינעזאָן, וואָס פלעגט זיין אייפערזיכטיק ווי א זעכצן יאָריק מיידל, האָט אויפגענומען אַנסקין מיט דער זעלביקער פריינד־שאַפט וואָס פּרץ.

איז פון צווילינג געוואָרן א דריילינג.

פלעג איך זיך אָפט באַגעגענען מיט אַנ־סקין ביי פּרצן.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אַנ־סקי אַראָפּגעלאָזן צו פּרצן מיט א בליענדיק שיין מיידל, אמת נישט גאָר קיין יונגע, אָבער א לעבע־דיקע, פול מיט ווייבערישע חנדלעך און קאַפּריזן און ווייבערישער באַ־רעדעוודיקייט.

אַנ־סקי איז געווען פאַרליבט.

איר האָט באַדאַרפט בלויז א קוק טון אויפן אַלטן, געבוויגענעם אַנ־סקי און איר האָט געזען ווי ייִנגליש פאַרליבט ער איז אין דער דאָ־זיקער ווייבס־פּאַרשוין.

און פון דעמאָלט אָן האָט איר געזען אין פּרצעס הויז אַנ־סקין און זיין מיידל.

און אין א שיינעם פרימאָרגן גיט מיר אָפּ פּרץ האַלב איראָניש און האַלב־פאַרדראָסיק „מזל־טוב״. אַנ־סקי האָט חתונה געהאַט.

עס איז אויסגעקומען אויסערסט ווילד: דער געבוויגענער און על־טערער אַנ־סקי האָט חתונה געהאַט מיט א יונגער פרוי, וואָס איז בפירוש נישט געווען פאַרליבט אין אים, א פרוי, וועלכער עס איז געפעלן געוואָרן בלויז אַנ־סקיס געזעלשאַפט, די שרייבערישע און קינסטלערישע סביבה, אין וועלכער אַנ־סקי האָט געלעבט.

זי האָט עס מיר אַמאָל האַלב־אָפן און שטיפעריש געזאָגט.

ווען איך האָב באַגעגנט אַנ־סקין מיט דער יונגער פרוי, ווי מאַן און ווייב אין פּרצעס הויז, האָט אַנ־סקי עפּעס אויסגעזען ווי איינער, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביי א זינלאָזער שטיפעריי.

די טראַגעדיע האָט, אַפּנים, נישט געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך, זי איז געקומען באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע האָניק־טעג.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען האָט איינגעשפּאַנט אין איין וואָגן אַ ווינט און אַן אַלטן פּוסגייער . . .

דאָס יונגע ווייבל האָט געוואָלט גיין יעדן אָוונט אין טעאַטער, אויף בעלער, אין געסט. זי האָט געוואָלט געניסן מיטן פולן אַפּעטיט דאָס נייע לעבן, אין וועלכן זי איז אַריינגעפירט געוואָרן, און אויסנוצן אַלע זיינע מעגלעכקייטן.

און אַנ־סקי האָט געוואָלט אַרבעטן בייטאָג און שלאָפן ביינאַכט, כדי ער זאָל זיך קענען האַלטן אויף זיינע פיס.

דאָס יונגע ווייבל איז געווען אַ ביסל אינטעליגענט, אָבער אַ פּיס־קאַטע.

און דער איידעלער און שטילער אַנ־סקי האָט דערהערט אַזעלכע ווערטער און האָט דערזען אַזאַ גראָבן עגאָאיזם, אַז ער האָט זיך ממש דערשראָקן אויף טויט.

אַנ־סקי איז געבויגענער און געבויגענער געוואָרן. ער איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ זקן.

און פּרץ פלעגט קרעכצן קוקנדיק אויף אים.

מיר אַלע האָבן דורכגעלעבט אַנ־סקיס ביטערע דראַמע.

עס איז געווען אַ מיאוסער טעות, אַ לייכטזיניקער שריט אי מצד אַנ־סקין און אי מצד דעם מיידל.

דאָס מיידל האָט געחלומט וועגן שאַפן אַ סאַלאָן פאַר שרייבער און קינסטלער אין איר הויז אויפן שניט פון די פראַנצויזישע און די רוסישע ליטעראַרישע סאַלאָנען, און זי וועט קעניגן.

איז דער חלום צערונען געוואָרן.

צו אַנ־סקין פלעגן קומען אַלטע חברים, חברים פון דער פּאַרטיי, וואָס זענען איצט, אין דער צייט פון רעאַקציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, שרעקלעך אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן. דאָס שטערן־רייפל פון גרויסע און געוואַגטע רעוואָלוציאָנערן אַרום זייערע קעפּ איז אויס־געלאָשן געוואָרן.

קינסטלער און שרייבער, וואָס פלעגן אַמאָל קומען, האָבן זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, זיי זענען געקומען צו אַנ־סקין.

און אַזוי האָט זיך געקנוילט ביטערניש, גראָבע קריגעריי אין אַנ־סקיס הויז.

ער איז אַלץ עלטער און עלטער געוואָרן דער גוטער אַנ־סקי . . .

און אין א שיינעם פרימאָרגן האָט מיר פּרץ פּאַרטרויט, אַז אַנ־סקי און זיין פרוי זענען זיך צעגאַנגען.

און אין א צייט אַרום האָב איך געזען אַנ־סקין אַן אַלטן, צעבראָ־כענעם יידן, אַ זיידע, אַ זקן, וואָס קען נישט איבערציילן זיינע אייניקלעך, אור־אייניקלעך, און אור־אור־אייניקלעך . . . .

אפילו זיין ליבער, האַרציקער שמייכל איז אויסגעלאָשן געוואָרן, און עפּעס קרום. און ביטערלעך פלעגט ער שמייכלען.

ער איז געוואָרן שטיל, אומהיימלעך שטיל.

ער האָט זיך געפילט עפּעס ווי איינער, וואָס האָט אָפּגעטון אַ מיאוסע נאַרישקייט, אַ נאַרישקייט, וואָס פּאַסט נישט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן נעכטן, פאַר זיינע יאָרן, פאַר זיינע גרויסע דערפאַרונגען און פאַר זיין מענטשן־קענטעניש.

פּרץ האָט אים פּרובירט אויפמונטערן, פּרובירט אים אריינציען אין פאַרשידענע טעטיקייטן. ער האָט געלאָזן טאָן אַלץ מיט אים, אָבער פון זיין דערשלאָגנקייט איז ער נישט אַרויס.

און ער איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין פּעטערבורג, צוריקגעקומען קיין וואַרשע.

עס איז שוין מער נישט געווען דער גוטער, האַרציקער אַנ־סקי, עס איז געווען עפּעס אַן אַנטוישטער זקן.

און ער האָט שוין איינמאָל אין זיין לעבן דורכגעלעבט פּונקט אַזאַ טראַגעדיע; ער האָט געלעבט מיט אַ מיידל ווי מאַן און ווייב, אָבער קורץ איז געווען די „גליקלעכע" צייט, דער אַלטער בחור און דאָס יונגע מיידל האָבן נישט געקענט זיין קיין באַשערט פּאָרל (אַזוי דערציילט וויק־טאָר טשערנאָוו).

אָבער דער אַלטער בחור אַנ־סקי איז נאָך דאַן געווען יונג, און ער האָט איבערגעטראָגן לייכט דעם שנעלן חורבן פון זיין קורץ פאַמיליען־לעבן.

ער איז ווידער געוואָרן דער גוטער אָנקל און איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ כאָפּטע מיידלעך.

דעמאָלט האָט ער, אפנים, געוואָלט מאַכן אַ סוף צו זיין איינזאַם־בחוריש לעבן.

דאָ אָבער איז די לעצטע האָפענונג צערונען געוואָרן . . .

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך געזען דעם

געבוירענעם אַנ־סקין אין אַ מיליטערישער הלבשה, וואָס האָט זיך לחלוטין נישט געפּאַסט צו זיין זקנה. ער איז געווען אַנגעשטעלט ביי אַ ציווילער און ליבעראַלער רוסישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע.

ער איז געשיקט געוואָרן ספּעציעל אין גאַליציע, וואָס איז געווען אָקופּירט פון דער רוסישער אַרמיי, און די רוסישע זעלנערלעך האָבן זיך דאָרט געלאָזן ווילגיין.

טאָן עפּעס פאַר די אומגליקלעכע גאַליציאַנער יידן האָט נישט ער און נישט זיין אָרגאַניזאַציע געקענט. דאָס קליין צאַרל פון גרויסן רוס־לאַנד איז נאָך געווען אויפן טראָן און די רעאַקציע האָט געבושעוועט נאָך מער ווי אין די צייטן פון פרידן.

ער האָט בלויז געבראַכט אַ באַריכט, וואָס איז שפּעטער דערשינען אונטערן נאָמען „חורבן גאַליציע", אַ האַרצרייסנדן באַריכט.

* *

אָבער נאָך אַלעמען האָט אַנ־סקי באַקומען פון לעבן מער וויפל ס'איז אים געקומען; ער איז געווען אַ פּאָפּולערער רעוואָלוציאָנער, כאָטש ער איז לויט זיין גאַנצן מהות קיין רעוואָלוציאָנער נישט געווען. ער האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען ווי אַ שרייבער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען בלויז אַ האַלבער, אָדער אפשר גאָר אַ פערטל שרייבער. ער איז געווען אַן אַמאַטאָר פאָלקלאָריסט, ער איז נישט געקומען, למשל, צו די קנעכל פון דעם פאָלקלאָריסט י. ל. כהן, אָבער ער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ מוזיי אין ווילנע אויף זיין נאָמען.

ער האָט, אפנים, פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס אויסער די אַלע אויסגע־רעכנטע האַלבע און פערטל טאַלאַנטן, וואָס האָבן אים געמאַכט פּאָפּולער איבער זיינע פאַרדינסטן.

אַזוי, למשל, האָט זיין דראַמע „דער דיבוק" באַקומען אַזאַ פּירסום ווי קיין יידישע דראַמע אויף דער וועלט.

עס איז געווען זיין גוטער מזל, וואָס אַ גרופּע טעאַטער־ענטוזיאַסטן מיטן נאָמען „הבימה" האָט אויסגעזוכט דעם געבענטשטן רעזשיסאָר, וואַכטאַנגאָוו, פאַר דער אויפפירונג פון זיין אָרעמלעכער דראַמע.

די אויפפירונג האָט אויפגעהויבן די דראַמע צו אַזאַ הויך, אַז די גאַנצע וועלט האָט זי אויפגענומען מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם.

נישטאָ קיין טעאַטער אויף דער וועלט, וואָס איז עד־היום נישט באַ־איינפלוסט פון דער דאָזיקער אויפפירונג. יאָ, מזל . . .

14

דר. חיים זשיטלאָווסקי

צו די נישט־סטודענטישע מיטגלידער פון דער סטודענטישער קאָלאָניע אין בערן האָט אויך געהערט דר. חיים זשיטלאָווסקי.

ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ער פלעגט בלויז דאָ און דאָרט באַהילפיק זיין דער רוסישער פאָלקספּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן טעאָרעטיש.

ער איז שוין לאַנג געווען אויס סטודענט. ער האָט שוין לאַנג געהאַט אַ דאָקטאָר־טיטל, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערן.

וואָס האָט ער געטון? מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט?

עס איז שווער צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

עס וועט זיין נישט ווייט פון אמת אויב מען וועט זאָגן — ער האָט געלערנט.

אָט ווי די אַמאָליקע לומדישע איידעמס אויף קעסט, אָדער ווי לומדישע מענער, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון זייערע בריהשע פרויען.

זיין קריסטלעכע פרוי האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן פאַר סטודענטן און פּאָליטישע עמיגראַנטן, און פון דעם האָט זיך די פאַמיליע, פון מאַן, פרוי און פינף קינדער דערנערט . .

דאָ און דאָרט פלעגט אַריינפאַלן דר. חיים זשיטלאָווסקין האָנאָראַר פאַר אַ בראָשור, פאַר אַן אַרטיקל, אָבער פון דעם האָט ער אפילו קיין וואַסער אויף קאַשע נישט געקאָנט האָבן.

הכלל — ער איז געווען אויף קעסט ביי זיין פרוי, די אשת־חיל.

און דאָ האָט איר געזען ווי אַ יידישער מענטש מאַכט זיין קריסט־

לעבע פרוי פאַר אַ טיפּישע אַמאָליקע יידישע פרוי, פאַר אַ פרוי וואָס טוט און אַרבעט שווער און ביטער און האַלט אויס דעם מאַן, דעם למדן און שיינעם יידן . . .

און זיין גאַנץ לעבן כמעט האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי נישט גע־לאָזט זיך איינשפּאַנען אין דעם עול פון פּרנסה, אָדער אַ פרוי האָט אים אײַנגאַנצן, אָדער טיילווייז אויסגעהאַלטן, אָדער קהל האָט אים אויסגע־האַלטן בכבוד און מיט אַ ברייטער האַנט.

ער איז געווען אַ למדן, דער שיינער ייד, וואָס אַנדערע זענען מחויב פאַר אים צו זאָרגן. ער דאַרף לערנען תורה, שרייבן ספרים און האַלטן וווּנדערלעך־שיינע און וווּנדערלעך לאָגישע רעפעראַטן, אָדער לעקציעס.

בלויז די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַ ביסעלע איינגעשפּאַנט אין דעם עול פּרנסה. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „טאָג" און האָט געמוזט צושטעלן פּינקטלעך זיינע אַרטיקלען.

און דער דאָזיקער למדן און שיינער ייד, וואָס האָט זיך נישט גע־לאָזט איינשפּאַנען אין דעם עול פון פּרנסה, האָט דווקא ליב געהאַט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, די בעסטע מלבושים, די בעסטע דירה, אָדער אַ „סוויט" אין האָטעל, די פיינסטע וועש און סתם דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

אָט דער דענקער, קענער, וווּנדערלעכער רעדנער און אידעאַליסט האָט געקענט זיך וואַרפן מיט געלט, ווען עס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט, ווי אַן אויפגעקומענער אַלראַיטניק.

ער האָט געקענט אַוועקפאָרן קיין קאַן, אין איינעם פון די רייכסטע פראַנצויזישע רעזאָרט־פּלעצער אויף דער ריוויערא, ווו די רייכסטע לייַ־דיקגייער פאַרברענגען זייערע ווינטערס און אַ טייל פון די זומערס און פאַרטאַכלעווען אין אַ קאַרגן יאָר קאַרגע צוויי צענדליק טויזנט דאָלאַר, וואָס זיינע איבערגעגעבענע פריינד האָבן צונויפגעזאַמלט צו איינעם פון זיינע יובֿילייִם.

ער האָט געהאַט שיטערע פינגער און פּריצישע השגות.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערן, איז ער געווען פאַר מיר ממש אַן איבעררראַשונג מיט זיין אויסערלעכן אויסזען.

איך בין געווען ממש איבעררראַשט צו זען פאַר זיך אַזאַ צופרידענעם, אַזאַ זאַטן און אַזאַ זאָרגלאָזן רעוואָלוציאָנער, געלערנטן און שרייבער.

ער האָט ממש געבליט; דאָס געזיכט ווי ביי אַ יונג מיידל ווייס מיט

א פרישער רויטלעכקייט, די אויגן ליכטיקע און שמייכלענדיקע, דאָס בלאָנדע בערדל און דער ערנסט געמישט עפּעס מיט א שטיפערישקייט, האָבן צוגעגעבן צופרידנקייט און זאַרגלאָזיקייט זיין גאַנצן אויסזען.

זיין קוים קאָנטיקע באַבייכלטקייט האָט פאַרענדיקט דאָס בילד פון גליק און צופרידנקייט.

ער איז נישט געווען ענלעך נישט אויף די סטודענטן און נישט אויף די פּאָליטישע עמיגראַנטן: סיי די סטודענטן און סיי די פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן אויסגעזען מוראדיק ערנסט, פאַרזאָרגט און ביז גאָר נערוועז. רוסלאַנד איז געווען ערב א רעוואָלוציע, אָט־אָט קומט די גע־גאַרטע רעוואָלוציע, יעדער טאָג ברענגט גרויסע נייעס, שטרייקן צעגיסן זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד, רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען קומען פאָר אומעטום, אפילו אין די דערפער טרעטן אַרויס די פּויערים קעגן דער צאַרישער פינצטערער הערשאַפט און קעגן די פּריצים.

געשפּאַנטקייט איז געלעגן אויף איטלעכס פּנים אין דער סטודענ־טישער קאָלאָניע. סטודענטן פלעגן קיין נעכט נישט שלאָפן, זיי פלעגן אַרומגיין ווי שאָטנס אין די גאַסן, די סטודענטקעס זענען אַרומגעגאַנגען ממש ווי אין היטער־פּלעט, אָפּגעלאָזענע, נישט צוגעקעמטע, נערוועזע און געמאַטערטע פון געוויסן־בייסעריי — פאַרוואָס זיי זיצן דאָ אין דער שווייץ און פאָרן נישט העלפן די קעמפער פאַר רוסישער פרייהייט.

מען האָט געלעבט ממש אין א פיבער. מען האָט געלעבט מיט די אָרעמע שטיקלעך נייעס, וואָס פלעגן זיך דורכרייסן אין די קליינע שווייצערישע צייטונגען, אָדער פון די ביולעטינס וואָס די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פלעגן אַרויסלאָזן פון צייט צו צייט.

צווישן אָט דער צערודערטער מאַסע האָב איך באַגעגנט דר. זשיט־לאָווסקין א רואיקן, א שמייכלענדיקן, אַן אויסגעפּוצטן און ביז גאָר אַן אויפגעלייגטן.

די גרויסע אומרואיקייט פון דער סטודענטישער קאָלאָניע איז עפּעס נישט צוגעשטאַנען אויף אים, זיין רואיק, זאַטלעך און זאָרגלאָז לעבן האָט זיך אויף א האָר נישט געענדערט.

ער האָט שפּאַצירט מיט זיינע געמאָסטענע טריט. ער האָט געענט־פערט מיט גרויסער פריינדלעכקייט אויף די אייליקע און נערוועזע באַ־גריסונגען פון די סטודענטן און פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן.

זיין איינגעשטעלט לעבן איז געבליבן איינגעשטעלט ווי פריער, און ער האָט זיך נישט געענדערט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

און מערקווירדיק — די פריצהטע איז געווען גאָר זיין ערשטע פרוי. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ רוסישן פּריץ. ער איז געקומען פון אַ געוועזענלעכער יידישער באַלעבאַטישער פאַמיליע.

אָבער ער איז געוואָרן דער פריץ און זיין פרוי, די אמתע פריצהטע, איז געוואָרן די הארעפּאַשנע פרוי, וואָס טוט און זאָרגט פאַר איר מאַן און אירע קינדער.

* *

דער ערשטער רעפעראַט דר. זשיטלאָווסקיס וואָס איך האָב געהערט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם, און איך האָב זיך קיין מאָל נישט געקענט באַפרייען פון דעם גרויסן צויבער פון זיינע רעפעראַטן אָדער לעקציעס.

איך בין געוווינט געווען אין יענער צייט צו רעוואָלוציאָנערע רעדנער, איך בין געוווינט געוואָרן הערן רעדעס, אין וועלכע פּאַטאָס און טעמפּעראַמענט זענען געווען די הויפּט־עלעמענטן.

און דאָ איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט גערעדט לאָגיש, אָבער אַזוי שיין, אַזוי איבערציינגנדיק און אַזוי רירנדיק. זיין לאָגיק איז געווען פול מיט פּאַטאָס און זיין פּאַטאָס פול מיט לאָגיק.

היינט די וווּנדערלעכע קאָנסטרוקציע פון זיינעם אַ רעפעראַט.

ממש אַ ווּנדערלעכער אַרכיטעקטאָר בויט פאַר אייערע אויגן אויף אַ ווּנדערלעכע געביידע פון ווערטער און געדאַנקען.

און איר זעט ווי די געביידע ווערט געשאַפן פאַר אייערע אויגן.

איר זעט ווי עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פון דעם רעפעראַט, ווי עס הויבן זיך אויף גראַציעז די ווענט, ווי עלעגאַנטע פענצטער צעפינטלען די ווענט, ווי עס וואַקסן אויס טורעמלעך איבער די פענצטער, שיינע, עלעגאַנטע טורעמלעך און ווי דער קאַפּריז־גראַציעזער דאַך באַדעקט די געביידע ווי מיט אַ זיידענעם דעקטוך . . .

און אָט שטייט די געביידע אַ פאַרטיקע . . .

דו כאַפּסט זיך אויף ווי פון אַ שיינעם חלום . . .

עס שטייט פאַר דיר אַ שמייכלענדיקער, רואיקער און צירלעכער מענטש, וואָס קוקט אויף דיר ווי אַ זיגער.

ער האָט דיך באַזיגט מיט זיינע ווערטער און מיט זיין לאָגיק, מיט דער גראַציע און מיט פאַרביקייט פון זיין רעדן. און ער ווייסט עס גענוי און לאָזט עס דיר וויסן.

נאָכן רעפעראַט איז מען מיטן רעדנער אַוועק אין אַ קאַפע.

אַלע נאָך אונטער דעם איינדרוק פון זיין רעדע.

מיידלעך קוקן נאָך פאַרחלומטע און קענען נאָך ביים קעלנער גאָר־נישט באַשטעלן. ווער קען איצט רעדן וועגן קאַווע־און קוכן, וועגן ביר א. א. וו.

אָבער דר. זשיטלאָווסקי באַטראַכט דעם „מעניו" (שפּייז־קאַרטע) ווי אַ געניטער עסער און אמתער געניסער פון עסן און טרינקען.

און דער קעלנער פאַרלאָזט די סטודענטן און די סטודענטקעס און ער שטייט מיט אַ גרויסן דרך־ארץ פאַרן הער דאָקטאָר. דאָ זיצט פאַר אים אַן עסער אַ מבין, צווישן דער כאַפּטע פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן איז ער דער איינציקער, וואָס קען לייענען אַ מעניו און קען זיך נאָכפרעגן אויף עסן און טרינקען ווי אַ פאַריזער „גורמאַן".

דאָס איז אַ קונה, מיט וועלכן עס לוינט זיך און עס איז אַ פאַרגע־ניגן זיך צו פאַרנעמען . . .

אָבער די עקזאַלטירטע מיידלעך זענען עפּעס ווי אַנטטוישט געוואָרן.

און זיין גוטער אַפּעטיט און זיינע גוטע עס־מאַנירן האָבן זיי נאָך מער אַנטטוישט . . .

עפּעס איז דאָס אַלץ געווען אין פולער סתירה מיטן וואונדערלעכן רעפעראַט . . .

איך בין זיך מודה, אַז איך בין אויך אַנטטוישט געוואָרן. איך האָב שטאַרק חרטה געהאַט וואָס איך האָב זיך צוגעזעצט צו זשיטלאָווסקיס טיש.

און שפּעטער האָב איך זיך צוגעזעצט צו אַ טישל פון לויטער סטו־דענטן, און דאָ איז געווען לעבעדיק, פאַר אַלעמען זענען געשטאַנען גלע־זער ביר, אָבער קיינער האָט נישט געטרונקען, מען האָט גערעדט וועגן זשיטלאָווסקיס רעפעראַט.

אייניקע זענען געווען איינגאַנצן קעגן זיינע אויספירונגען. זיי זענען געווען האַרטע מאַרקסיסטן, אייניקע האָבן טיילווייז איינגעשטימט מיט אים, און נאָר אַ קליינער טייל האָט איינגעשטימט אינגאַנצן מיט אים.

אָבער אַלע האָבן באַוואונדערט זיין רעדן, זיין לאָגיק און זיין „טרי־קענעם" פּאַטאָס.

די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אַרויסגעלאָזן שפּאַצירן איבער דער שלאָ־פנדיקער שטאָט. מען האָט שפּאַצירט און דעבאַטירט.

מען האָט פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז די שטאָט שלאָפט שוין, זאַמלט כוחות פאַר דעם מאָרגנדיקן אַרבעטס־טאָג.

ביז אַ שווייצער אין אַ לויז נאַכט־העמד האָט אַ פּראַל־אויף געטון אַ פענצטער און האָט בייז אונדז דערמאַנט, אַז אָנשטענדיקע בירגער שלאָפן איצט און גייען נישט אַרום איבער די גאַסן און מאַכן ליאַרעם.

דאָס האָט אַלעמען דערמאַנט, אַז עס איז נאַכט, טיפע נאַכט. די סטודענטישע כנופיא איז שיטערער און שיטערער געוואָרן. אויף איטלעכם געסל זענען פאַרשוואונדן געוואָרן עטלעכע סטודענטן און סטודענטקעס, ביז איך בין געבליבן אַליין פאַרן הויז, אין וועלכן איך האָב געוווינט.

און לאַנג, לאַנג, איז מיר דער טעם פון ד״ר זשיטלאָווסקיס רעפע־ראַט געלעגן אין מיינע אברים.

* *

איך בין מיט אַ פריינד איינמאָל געגאַנגען אויס נייגעריקייט עסן אַ מיטאָג ביי זשיטלאָווסקים פרוי, איך האָב פשוט געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויף דר. זשיטלאָווסקים פּריוואַט לעבן. אויף זיין לעבן מיט אַ קריסט־לעכער פרוי.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אויסגעמאַטערטע פרוי, אַ גוטמוטיקע, אָבער עפּעס אַן אָפּגענאַרטע און אַנטטוישטע, אָבער עס איז דאָך געווען עפּעס שיינס און עפּעס גאָר ליבס אין איר גאַנצער האַלטונג און באַ־נעמונג.

די וווינונג איז געווען אַ שווייצאַר־צימער, סאָליד־בירגערלעך מעבּ־לירט. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ טומל, סטודענטן זענען בכלל באַרע־דעוודיק, בפרט נאָך רוסישע און יידישע און בפרט נאָך אין אַ צייט פון גרויסע אומרוען דאָרט ווייט, ווייט אין פּאָטערלאַנד.

דורך אַ שפּעלטל פון אַ ביסעלע אַ געעפנטער טיר האָב איך דערזען אַ צימער אַ פּעדאַנטיש אויסגעפּוצטן און פול ביז דער סטעליע מיט ביכער צעשטעלט אין אַ שטרענגער אָרדענונג.

דאָס איז דר. זשיטלאָווסקים אַרבעט־צימער, האָט מיר מיין פריינד אַריינגעשושקעט אין אויער מיט יראת הכבוד.

דער דאָזיקער צימער איז עפּעס געווען א דיסאָנאַנס מיט דער גאַנ־צער דירה און מיט אַלע גרויע חדרים.

—יאָ, דר. זשיטלאָווסקי האָט געהאַט זיין פּרינצלעכן קאַבינעט פול מיט באַקוועמע שטולן און מיט אַלע אַנדערע באַקוועמלעכקייטן.

דאָס אַלץ איז געווען ממש אין שרייענדיקער סתירה מיט דער אויס־געמאַטערטער פרוי, מיטן רעסטאָראַן און מיטן טומל פון די סטודענטן.

שפּעטער האָב איך געהערט וועגן א טראַגעדיע, וואָס איז פּאָרגעקו־מען אין דעם דאָזיקן הויז. א יונגער מענטש, א תּלמיד און פאַרערער פון זשיטלאָווסקי, האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט זשיטלאָווסקיס ליבער און הארציקער, אָבער אומגליקלעכער פרוי, די פריינטשאַפט איז אַריבער אין ליבע, און פון דער ליבע האָט געדאַרפט צוקומען א זעקסטער מיט־גליד פון דער זשיטלאָווסקי־פאַמיליע . . .

דער יונגערמאַן האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך אַליין נישט גע־קענט מוחל זיין זיין לייכטזין און ער האָט זיך אַריינגעשאָסן א קויל אין קאָפּ אַריין.

צום ערשטן מאָל איז זשיטלאָווסקי צעטרייסלט געוואָרן פון א טראַ־געדיע, אויף וועלכער ער האָט זיך נישט גערעכנט און לחלוטין נישט חושד געווען. ער, זשיטלאָווסקי, זאָל אויסגעביטן ווערן אויף . . .

ער איז אַוועק פון זיין פרוי. ער האָט זי איבערגעלאָזן מיט זעקס קינדער, און אַליין האָט ער זיך געלאָזן איבער דער גרויסער וועלט.

ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד, פּרובירט „לויפן" אין דער צווייטער נאַסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ ווי א דעפּוטאַט פון זיין געבורט־שטאָט ווי־טעבסק. די צאַרישע רעגירונג האָט אים געפּסלט ווי א רעוואָלוציאָנער און ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד און האָט געמאַכט אַמעריקע פאַר זיין פאָטערלאַנד.

אין אַמעריקע שפּילט ער א גרויסע ראָליע. ער איז ממש מגייר די סאָציאַליסטישע האַלבע אינטעליגענטן. ער דעקט אויף מיט זיין גרויסן אַראַטאָרישן טאַלאַנט און מיט זיין וויסן די ראַדיקאַלע עם־הארצות, די וווּלגאַריטעט פון דעם סאָציאַליזם, געפּרעדיקט פון עמי־הארצים און פון דעם גראָב־יונגישן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס חוזקט פון אַלץ, וואָס הייסט פאָלק, נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און האָפענונגען.

זיין ראָליע אין אַמעריקע דאַרף ערשט געשריבן ווערן. דאָס איז אַן ערנסטער קאַפּיטל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע.

צום ערשטן מאָל האָט דאָס יידישע אַמעריקע פאַר זיך דערזען אַ מענטשן מיט גרויס וויסן, מיט אַ קלאָרן קאָפּ, מיט אַ וואונדערלעך רייכער יידישער שפּראַך, אַ גרויסן רעדנער און שרייבער מיט אַ סטיל און מיט אייראָפּעאישע מאַנירן.

ער קריגט אָנהענגער, פאַרברענטע חסידים, יידישע אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן, וואָס ער האָט געעפנט די אויגן ממש, פאַלן צו צו אים. ער האָט זיי מתיר געמאַכט נאַציאָנאַליזם, ער האָט זיי אפילו מתיר געמאַכט דעם ציוניזם, דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, פאַרשטייט זיך.

ווען איך בין געקומען אין יאָר 1923 אין אַמעריקע איז נאָך די פּאָפּולאַריטעט פון זשיטלאָווסקין געווען געוואַלדיק גרויס.

אין אַ קורצער צייט בין איך צוגעצויגן געוואָרן צו אַ קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פייערונג פון זיין 60־יאָריקן יובילײ.

בראש איז געשטאַנען זיין געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער פריינד זשיטלאָווסקיס, דר. עלסבערג.

און, פאַרשטייט זיך, איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם נייעם זשיטלאָווסקין, מיט דעם אַמעריקאַנער זשיטלאָווסקי.

ער איז געווען דער זעלביקער זשיטלאָווסקי, וואָס איך האָב געקענט אין דער שווייץ.

אַ ציכטיקער, אַן אָפּגעהיטער, אַ געפּרעסטער און אַ געצערטלטער פון אַלעמען און דער עיקרשט פון זיך אַליין.

די יובילײ־פייערונגען זענען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין אַלע גרעסערע שטעט אין אַמעריקע.

מען האָט אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט געמאַכט דעם סך־הכל, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קאָמיטעט האָט נאָך אַלע הוצאות 17־18 טויזנט דאָלאַר ריינעם „פּראָפיט".

אויף אַזאַ דערפאָלג האָט זיך קיינער אין קאָמיטעט נישט גערעכט.

און דאָ האָט דר. עלסבערג אויפגעהויבן אַ טשיקאַווע ביז גאָר פראַגע און געמלעך: זאָל מען דאָס גאַנצע געלט איבערגעבן זשיטלאָווסקין, יעדער מען זאָל אים אַרויסגעבן יערלעך אַ באַשטימטן טייל פון דער סומע?

און דערביי האָט ער געמאַכט די אָפּנהאַרציקע דערקלערונג, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט שיטערע פינגער. ווען מען גיט אים איבער דאָס גאַנצע געלט, וועט ער עס פאַרטאַבלעווען אין איין יאָר.

אזא מענטש איז ער.

ער האָט שטאַרק ליב לוקסוס. א ברייט לעבן און ווען ער האָט געלט אין קעשענע צערינט עס ממש אויף אלעמענס אויגן, ווי שניי.

דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען דר. עלסבערגס רעקאָמענדאַציע, אַז מען זאָל אים געבן דאָס געלט אין ראַטעס, אַ באַשטימטע סומע יערלעך.

אַלע האָבן געוווּסט און געזען די גרויסע איבערגעגעבנקייט פון דר. עלסבערג צו דר. זשיטלאָווסקי, דאָס געלט האָט צום גרעסטן טייל איינגע־לעך דר. עלסבערג געקראָגן, איז ווי הערט מען זיך נישט צו צו די רייד פון אזא איבערגעגעבענעם פריינד פון דר. זשיטלאָווסקי?

אין אכט טעג ווערט צונויפגערופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון קאָמי־טעט, און דר. עלסבערג דערקלערט, אַז אונדזער באַשלוס איז, לויט דר. זשיטלאָווסקי, נישט געזעצלעך.

ער טענהט, אַז דאָס געלט איז זיינס, דאָס האָט דאָס פאָלק אים אונטערגעטראָגן די סומע ווי אַ מתנה, און קיינער, קיינער האָט נישט קיין רעכט צו אויסטיילן אים באַשטימטע חלקים פון זיין געלט.

און, דערקלערט דר. עלסבערג, דאָס איז דר. זשיטלאָווסקיס פּעס־טער באַשלוס און ער וועט נישט אָפּטרעטן פון אים אויף אַ האָר.

עס איז זיין געלט און דער קאָמיטעט האָט קיין שום דעה נישט אויף דעם געלט, ער באַדאַרף באַקומען די גאַנצע סומע פון 17־18 טויזנט דאָלאַר.

דער קאָמיטעט האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט פון אזא האַר־בער שטעלונג מצד דר. זשיטלאָווסקי. אייגנטלעך האָט דער קאָמיטעט אַ קאַרג יאָר אָפּגעגעבן דער זאַמלונג־אַרבעט. זשיטלאָווסקי האָט ממש אַ פינגער אָן אַ פינגער נישט אַ קלאַפּ געטאָן. איז ער אַרויסגעפאָרן אויף אַ פאַרלעזונג האָט ער באַקומען ספּעציעל באַצאָלט און דערצו אַ פיינעם „סוויט" אין דעם פיינסטן האָטעל.

אָבער פאַרפאַלן.

בכן האָט דר. זשיטלאָווסקין אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע.

און אָן שהיות האָט זשיטלאָווסקי פאַרנומען די פאַמיליע זיינע און איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַן, אַ פראַנצויזישע רעזאָרט־שטאָט אויף דער ריוויעראַ, אַ רעזאָרט־שטאָט אויף וועלכער עס קומען זיך צוזאַמען די רייכסטע לײדיקגייער פון דער וועלט.

מען האָט דערציילט, אַז ער האָט געדונגען אַ ווילע, אָנגעשטעלט

א באַטלער, צוויי דינסטן, א גערטנער און האָט געלעבט ווי א רייכער באַנ־קיר, אָדער פאַבריקאַנט. עס האָט בלויז געפעלט צום רומל א לינקע גע־ליבטע און א דועל . . .

פאַר דער אמתדיקייט פון דער מעשה בין איך נישט ערב.

אין א יאָר אַרום איז דר. זשיטלאָווסקי געקומען צוריק. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער „באָן וויוואַן" (לעב־יונג), וועלכן מען באַ־געגנט אויף שריט און טריט אויף דער ריוויערא.

פאַרברוינט, זאַט, עלעגאַנט געקליידט און ממש מיט גרויס־וועל־טישע מאַנירן.

איך האָב באַגעגנט אין יענער צייט דעם גוטן דר. עלסבערג און איך האָב אים פאַרבייגייענדיק א פרעג געטאָן וואָס מאַכט זשיטלאָווסקי און ווי שטייט עס מיט זיינע פינאַנסן ?

דר. עלסבערג האָט גאָרנישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. ער איז געווען גליקלעך וואָס זיין פריינד איז שוין דאָ.

* *

דאָ, אין אַמעריקע, האָב איך געזען ווי זיין שטערן האָט זיך אָנ־געהויבן אויסצולעשן ביסלעכווייז.

א סך פון זיינע פריינד זענען איינע נאָך די אַנדערע אויסגעשטאָרבן. עס איז געשטאָרבן דער גוטער, געטרייער דר. עלסבערג. נאָך עלסבערגן זענען אַנדערע אַוועק אויפן עולם האמת.

זיין 70סטער און 75סטער יובילייַ זענען אַריבער אָן גלאַנץ, און דער עיקרשט די מאַטעריעלע רעזולטאַטן זענען געווען ביז גאָר מאָגערע.

עס איז אויך געוואָרן קלענער די פאָדערונג אויף זיינע גלענצנדיקע רעפעראַטן.

עס איז געוואָרן ליידיקלעך און פוסטלעך אַרום אים.

אגב איז ער געוואָרן עלטער. אין מיטן פון זיינער א לעקציע פלעגט ער זיך צעהוסטן, ער פלעגט זיך צעשמייכלען און א זאָג טון ווי נאָר ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם — יאָ „סטאַראָסט ניע ראַדאָסט" (אַלטקייט איז נישט קיין פרייד).

דר. זשיטלאָווסקי איז געווען א רבי, א סאָציאַליסטישער, א ראַדי־קאַל־נאַציאָנאַליסטישער רבי, ער האָט געמוזט האָבן אַרום זיך חסידים און חסידים וואָס קענען געבן רייכע פדיונות . . .

ער האָט געפירט אַ טיש ווי אַ רבי.

יאָ, ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג", אָבער דער געהאַלט וואָס אַ יידישע רעדאַקציע האָט געקענט צאָלן, איז פאַר אים געווען גענוג בלויז פאַר קינוח־סעודה (פאַר דעזערט נאָכן עסן, אָבער נישט פאַרן עסן גופא)

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אים דערזען אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער.

די קאָמוניסטן קענען זיין חסידים.

אָבער קיין גרויסע פדיונות קענען זיי נישט און ווילן נישט געבן...

און ווידער באַגעגן איך זיך מיט זשיטלאָווסקין ביי זיצונגען פון „איקוף".

אַן אַנדערער זשיטלאָווסקי. אין אַלע אונדזערע סיכסוכים מיט די קאָמוניסטן האָבן מיר אים שטענדיק געפונען אויף דער קאָמוניסטישער זייט.

דאָ אין אַמעריקע האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צוצוהערן זיך אָפטער צו זיינע רעפעראַטן און לעקציעס, און איך האָב אַנטדעקט עפּעס ביז גאָר טשיקאַוועס. ער איז נעמלעך געווען אַ פאַנטאַזיאָר מיט אַ קאַלטער לאָגיק און מיט אַ קאַלטן פאַרשטאַנד.

אָט די דאָזיקע שניידנדיקע קאָנטראַסטן האָבן זיך איינגעלעבט אין אים וווּנדערלעך.

אונטער יעדער פאַנטאַזיע האָט ער אונטערגעפירט אַ לאָגישן פונדאַמענט.

ער האָט געביטן זיינע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס, אָבער ער איז געבליבן אומעטום דער קאַלטער, לאָגישער פאַנטאַזיאָר.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַזאַ פאַל:

מען האָט געפייערט איינעם פון ש. ניגערס יובילייִם. ער האָט באַדאַרפט האַלטן דעם הויפּט־רעפעראַט. אָבער דער אָוונט איז געווען אַן אומגליקלעכער פאַר אַ פייערונג. עס האָט גערעגנט און געשנייט. עס איז געווען קאַלט און נאַס.

און דער זאַל איז געווען בוכשטעבלעך כמעט ליידיק.

די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און עפּעס אַ יאושדיקע.

און אָט קומט אַרויס דר. זשיטלאָווסקי און האַלט אַ רעפעראַט וועגן

דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק איז מחויב צו טאָן, כדי צו אָפּצאָלן דעם יוביליאַר ש. ניגערן דעם גרייסן חוב, וואָס עס איז אים שולדיק.

דאָס „יידישע פאָלק" איז באַשטאַנען פון צוויי־דריי צענדליק ניסנ־דיקע און הונדערט הוסטנדיקע צוהערער.

אָבער זשיטלאָווסקי האָט געהאַט פּאַרטיק אַ רעפעראַט און ער לאָזט זיך נישט שטערן פון קיין זאַך.

דער רעפעראַט איז געווען לאָגיש, ווונדערלעך, אָבער ער איז געווען גראָטעסק־פאַנטאַסטיש אין אַ ליידיקן זאַל מיט צוויי־דריי צענדליק הוסטנ־דיקע צוהערער.

יאָ, די יידישע קאָמוניסטן האָבן געמאַכט אַ שטיקל טומל אַרום אים, אָבער דאָס האָט נאָך מער דערוויטערט די געבליבענע פריינד אַרום אים.

און ער איז געבליבן אַליין.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן מאָדנע אַרטיקלען, אַרטיקלען, וואָס האָבן לחלוטין נישט האַרמאָנירט נישט מיט דער שטימונג פון יידן און נישט מיט דער גרויליקער לאַגע פון יידן אין אייראָפּע.

און פאַרנדיק אויף אַ רעפעראַט אין אַ קלענערער שטאָט איז ער דאָרט געשטאָרבן.

געשטאָרבן אַ גרויסער, אָבער עפּעס אַן אומלאָגישער מענטש, וואָס איז אין דערזעלביקער צייט געווען כולו לאָגיק . . .

אומפאַרשטענדלעך איז דאָס פאַרפּלאָנטערטע קניילעכל, וואָס הייסט מענטש.

15

אייביקע סטודענטן

אין די סטודענטישע קאָלאָניעס אין דער שווייץ און אין אַנדערע לענדער זענען געווען אַ היבש ביסל אייביקע סטודענטן, וואָס האָבן קיינ־מאָל נישט געלערנט, אָדער אייביק געלערנט אָן אַ צוועק און אָן וועלכן עס איז תכלית, אָט אַזוי ווי עס האָבן געלערנט אונדזערע זיידעס די רע־

ליגיעזע ליטעראַטור אונדזערע. דאָס לערנען גופא האָט זיי פאַרבאַפּט און באַפרידיקט.

צווישן די אייביקע סטודענטן זענען געווען מענטשן מיט גרויסע פעאיקייטן, וואָס האָבן געשפּילט עפּעס אַ צור־להכעיס מיט זיך אַליין, און אומפעאיקע, וואָס זענען פון לערנען קיינמאָל קיין געלערנטע נישט געוואָרן.

אַן אייביקער סטודענט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט און קיינמאָל נישט געענדיקט איז געווען צבי אבערסאָן.

צבי אבערסאָן האָט זיך גאָר שטאַרק קונה שם געווען אין די ציוניסטישע קרייזן אין אויסלאַנד; ער האָט אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער דעמאָקראַטישער פראַקציע, פון וועלכער דער דאַן יונגער דר. חיים ווייצמאַן איז געווען דער פירער, געליענט דעם ערשטן רעפעראַט וועגן „בונד".

דער „בונד" איז געקומען אויף דער וועלט אין דעם זעלביקן יאָר וואָס דער ציוניזם (אין יאָר 1897). דאָס זענען געווען דער יעקב און דער עשו, אַ פּאָליטישער צווילינג, וואָס איינער האָט באַקעמפט דעם אַנדערן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געבוירן. דער „בונד" האָט באַקעמפט דעם ציוניזם, דאָס האָט מען נישט בלויז געוווּסט, נאָר שטאַרק געפילט אין רוסלאַנד.

אָבער דער „בונד" איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, און ווי יעדע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אין צאַרישן רוסלאַנד איז ער געווען פאַרבאָטן און דעריבער שטאַרק קאָנספּיראַטיוו.

מען האָט געפילט שטאַרק די טעטיקייט פון „בונד" אויף שריט און טריט, ציוניסטן האָבן געהאַט קינדער בונדיסטן, קרובים־לעך בונדיסטן, אָבער ווער און וואָס עס איז געווען דער „בונד" האָט דער ציוניסט, דער מיטל־קלאַס מענטש אָדער קאַפּיטאַליסט, נישט געוווּסט און נישט געקענט וויסן.

נאָך ווייניקער האָט מען געוווּסט וועגן דער טעאָריע פון „בונד". קיין בונדישע ליטעראַטור איז כמעט נישט געווען בנמצא, און דאָס ביסעלע בונדישע ליטעראַטור פלעגט איבערגיין פון האַנט צו האַנט בלויז צווישן די בונדיסטן.

דער ציוניזם האָט זיין טויטלעכן פיינט נישט געקענט.

עס האָט באַדאַרפט קומען איינער, וואָס איז נעבעכן אַליין געווען

א בונדיסט, אַן אינעווייניקסטער בונדישער מענטש, א מענטש, וואָס קען דעם „בונד" אי טעאָרעטיש, אי פּראַקטיש.

און אַזאַ איינער איז געווען צבי אַבערסאָן.

ער איז געווען א סטודענט אין גענף (זשענעווע), אָבער איר פלעגט אים זען אין ציריך, אין בערן און אין אַנדערע שטעט.

ער איז געווען אַ סטודענט אין גענף. אַוועקגייענדיק פון „בונד", האָט ער מיטגענומען איינע פון די בעסטע, פּעאיקסטע און איבערגעגעבנסטע צום „בונד" מיידלעך, ראָזע גרינבלאַט, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט.

דאָס דאָזיקע פּאָרל האָט געקענט דעם „בונד" דורך און דורך.

דערצו איז אַבערסאָן געווען א גלענצנדיקער רעדנער, אַ מענטש מיט א בייסיקן סאַרקאַזם, אַ מענטש מיט אַן אויסערסט שאַרפן בליק און מיט א תהום פון שאַרפע ווערטער.

און ער האָט אויף איינעם פון די ערשטע קאָנפערענצן פון דער ציוניסטישער דעמאָקראַטישער פראַקציע געלייענט א רעפעראַט וועגן „בונד", וועגן דעם ביטערן און פאַרביסענעם קעגנער פון ציוניזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט ממש די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן און א היבשן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

דער ציוניזם האָט זיך צום ערשטן מאָל אויספירלעך באַקענט מיט זיין טויטלעכן שונא דורך צ. אַבערסאָנען.

צ. אַבערסאָן האָט באַקאַנט די פּראַקציע פון דער ציוניסטישער יוגנט אי מיט דער טעאָריע און אי מיט דער פּראַקטיק פון „בונד".

אָבער דער עיקר איז געווען זיין קריטיק פון „בונד". דער נעכטיקער בונדיסט איז געווען דער שאַרפסטער קריטיקער פון „בונד".

די קאָנפערענץ האָט געהערט אַבערסאָנס רעפעראַט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם ממש.

און ווען ער האָט געענדיקט, איז די אָוואַציע און די באַגייסטערונג געווען אַזוי גרויס, אַז די קאָנפערענץ האָט אויפן אָרט באַשטימט אַרויסצוגעבן אַבערסאָנס רעפעראַט אין א בראָשור, אָדער בוך.

דער „בונד" האָט רעאַגירט, פאַרשטייט זיך, אויף אַבערסאָנס רעפעראַט, אָבער מיט א קורצער נאָטיץ אין דעם ערשטן בונדישן זשורנאַל „יידישער אַרבעטער", אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן:

„עס האָט זיך באַוויזן אויפן ציוניסטישן הימל א נייער, ליכטיקער,

גלענצנדיקער שטערן, מיטן נאָמען הער אבערסאָן; ער האָט געקווילעט די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בכלל און דעם „ייד. אַרב. בונד" בפרט. זיין קריטיק פון „בונדס" פּראָגראַם און טאַקטיק האָט מען אָנגענומען (אויפגענומען) מיט אַ באַגייסטערונג, מען האָט באַשלאָסן איר אַרויס־צוגעבן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן...

„אין זיין קריטיק מאַכט הער אבערסאָן אַ גרויסע אַנטדעקונג! דער „בונד" איז נישט אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, די אמתע סאָציאַ־ליסטן זענען גאָר די ציוניסטן. ער רופט אַלע ציוניסטן צו אַ „בלוטיקן" „היימן" קאַמף — מיטן אַנטיסעמיטיזם? מיטן רוסישן אַבסאָלוטיזם, וואָס דריקט די יידן? ניין, ניין, דאָס איז אפילו אַ שעדלעכע זאַך. ער רופט צום קאַמף מיטן „יידישן אַרבעטער בונד"...„ (דער „יידישער אַרבייטער", נומער 13, 1902.)

(מיין פריינט דזשאָהן מילל, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם ערשטן בונדישן אָרגאַן, איז געווען אַזוי גוט און מיר געגעבן די מעג־לעכקייט צו בלעטערן די דאָזיקע אַלטע אויסגאַבע, וואָס איז איצט אַ גאָר גרויסע יקר־המציאות.)

גליקלעך איז געווען די ציוניסטישע יוגנט, די דעמאָקראַטישע פראַק־ציע, אָנגעפירט פון דעם יונגן פּריוואַט־דאָצענט אין דעם זשענעווער אוני־ווערזיטעט דר. חיים וויצמאַן.

דר. חיים וויצמאַן האָט מער פון אַלע ציוניסטן געפילט שטאַרק דעם „בונד" און זיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם; ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איר ווען ער פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין פּינסק צו זיינע עלטערן.

דער „בונד" איז געווען אַ קעגנער, וועלכן מען האָט געפילט אויף טריט און שריט, אָבער מען האָט אים נישט געקאָנט באַקעמפן, ווייל ער איז געווען קאָנספּיראַטיוו. ער איז געווען אַ מין רואה ואינו נראה, אַ מין בייזער גייסט, וואָס דו פילסט זיין בייזקייט, אָבער זען זעסטו אים נישט.

דער „בונד" איז סוף כל סוף געווען דער גורם צו דער באַשאַפונג פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

עס איז קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען, מען האָט געמוזט באַ־קעמפן דעם „בונד" אויף זיין טעריטאָריע, אַזוי צו זאָגן, אויף דעם באָדן פון סאָציאַליזם. מען האָט געמוזט אָפּרייסן, אָדער ריכטיקער — אָפּצופּן ביים „בונד" שטיקער יידישע מאַסן דורך דעם לעקעכל פון סאָציאַליזם.

אגב, איז געווען א צייט פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוס־לאַנד און דער יידישער אַרבעטער און דער יידישער אינטעליגענט איז געווען פאַרכאַפּט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער צאַריזם האָט געדריקט און גערודפט יידן, נגישות, רדיפות און פּאָגראָמען זענען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען, און די יידישע מאַסן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מיט א גוואַלדיקן ברען.

מען האָט יידן געזען אין אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אָבער דער עיקרשט אין „בונד".

דער „בונד" האָט גערעדט יידיש צו די יידישע מאַסן, דער „בונד" האָט געהאַט געטרייע און איבערגעגעבענע פירער.

דער „בונד" האָט באַוויזן דער וועלט וואָס פאַר א ווונדערלעכער רעוואָלוציאָנערער מאַטעריאַל דער פּשוטער יידישער אַרבעטער איז.

דער יידישער אַרבעטער האָט שנעל צעקייט די שווערע און פרעמדע טעאָריע פון מאַרקס און האָט גיך באַהערשט דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן לעקסיקאָן הכלל — אין א קורצער צייט איז דער יידישער אַרבעטער גע־וואָרן דער אמתער רעוואָלוציאָנער.

און דער יונגער ציוניסטישער פליגל האָט געמוזט אָננעמען דעם סאָציאַליזם, ווערן א שותף צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוס־לאַנד און אַזוי אַרום באַקעמפן דעם „בונד" אויף זיין אייגענער טע־ריטאָריע.

* *

אָבערסאָן האָט געלייענט זיין רעפעראַט פון קליינע נאָטיצן, געשריבן אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר.

ער האָט דעם רעפעראַט באַדאַרפט ערשט אָנשרייבן, כדי מען זאָל אים קענען דרוקן.

אָבער דאָס איז געווען די שווערסטע, אוממעגלעכסטע זאַך פאַר אָבערסאָנען.

טאָן א שטיקל סיסטעמאַטישע אַרבעט האָט ער נישט געקענט, דאָס איז געווען קעגן זיין גאַנצן מהות.

מעג און נעכט פלעגט ער אָפּזיצן אין די זשענעווער, ציריכער און

בערנער קאפעס. ער פלעגט טרינקען איין טעפל קאווע נאך דעם אנדערן, און צווישן איין קאווע און דער אנדערער שמועסן וויציק, שארפזיניק און גוטמוטיק.

ער איז געווען אין דער יידישער קולטור, סיי אין דער אלטער און סיי אין דער נייער, כמעט אן עם־הארץ, כמעט אומוויסנדיק.

שפעטער זאל ער האבן זיך גענומען לערנען און איז גיך געווארן א שטיקל וויסער אין דער יידישער קולטור.

ער איז געווען בטבע א פריינדלעכער און גוטמוטיקער מענטש, ער איז שטענדיק געווען גרייט צו גיין ממש אין פייער און אין וואסער פאר א פריינט, אדער סתם פאר א סטודענט.

אבער ער האט נישט געוווּסט פון ארבעט, פון א צוועק און פון א תכלית.

זיין היים איז געווען די קאפע, דארט האט איר אים געפונען, דארט האט איר געקענט זיך אוועקזעצן נעבן אים און שמועסן, שמועסן טאג און נעכט, ער איז קיינמאל נישט מיד געווארן.

צווישן איין שמועס און דעם אנדערן פלעגט ער איבערקוקן די צייטונגען. צייטונגען זענען געווען זיין לײדנשאפט.

ער איז געווען ממש אומהיימלעך זארגלאז.

נעבן אים פלעגט איר אפט זען זיין פרוי, א שיינע פרוי, א קלוגע און אן אידעאליסטקע. זי האט אנגענומען זיין באהעמיש לעבן גוטמוטיק.

פון וואנען האט דאס דאזיקע פארפאלק געלעבט, איז געווען א רעטעניש. קיינער האט עס נישט געוווּסט.

און זיי זענען געווען זארגלאז. די פרוי זיינע, פארשטייט זיך, ווייניקער, אבער ער, אבערסאן, איז באמת געווען זארגלאז ווי א פויגל. ער האט קיין זארג ממש נישט צוגעלאזן צו זיך.

פאר זיין אוועקפאר פון בערן בין איך מיט עטלעכע פריינד אריין אין קאפע בוכענבערג, אין בערן.

אין א ווינקל, אין דער האלב ליידיקער קאפע, איז געזעסן אבערסאן און זיין פרוי, וועלכע ער האט אוועקגעגזלט ביים „בונד". זיין גלאטראזירט, ניט־שיין, גלחיש פנים איז געווען ארייגעגראבן אין בארג צייטונגען.

ער האט געגעסן די צייטונגען מיט די אויגן מיט א גוואלדיקער שנעלקייט.

יאָ, ער האָט דעם באַוווּסטן רעפּעראַט זײַנעם וועגן „בונד" נאָך אַלץ נישט אָנגעשריבן.

קיינער האָט שוין דעם רעפּעראַט ביי אים נישט געמאָנט. מען האָט זיך שוין לאַנג, לאַנג מיאש געווען פון אים.

מען האָט געטון אַלץ: דער יידישער נאַפט־מאַגנאַט שרירא פון באַקו האָט זיך אונטערגענומען צו אויסהאַלטן צבי אַבערסאָנען מיט כּל־טוב פאַר דער צייט, וואָס ער וועט אַרבעטן אויף דער בּראַשור וועגן „בונד".

צבי אַבערסאָן האָט זיך אונטערגענומען צו שרייבן דאָס בוך, אַ גאַנץ בוך וועגן „בונד", אָבער פאַר דעם צוועק דאַרף ער פאָרן קיין פּאַריז און דאָרט אַרבעטן אַ געוויסע צייט אין דער „ביבליאָטעק נאַסיאָנאַל".

שרירא, דער רייכער נאַפט־הענדלער פון באַקו, האָט גערן מסכּים געווען אויף דעם.

ער האָט באַשטימט אַבערסאָנען אַ געהאַלט פון 50 פראַנק אַ וואָך. דאָס איז די סומע, וואָס איז געווען ממש אַ לעגענדאַרע פאַר אַ „בעטל־סטודענט", ווי מאַקס נאָרדוי האָט געשטעמפּלט אויף איינעם פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן די יידישע סטודענטן אין אַלע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטן, וואָס הונגערן און שלאָגן אָפּ די טירן פון די יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

אגב, איז עס אין יענער צייט טאַקע געווען אַ גרויסע סומע פאַר אַ סטודענט. דער פראַנק איז געווען פעסט און מיט 50 פראַנק אַ וואָך האָט מען געקענט לעבן.

אַבערסאָן און זיין פרוי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן קיין פּאַריז.

עס איז אַוועק אַ מאָנאַט, צוויי, דריי, ער באַקומט זיין געהאַלט, אָבער הערן הערט מען פון אים נישט.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן — ער איז דאָ צוריק אין זשענעווע.

ער איז וויציק, פּיקאַנט, ער האָט געבראַכט פון פּאַריז אַ תהום פון פּיקאַנטע מעשהלעך, אַנעקדאָטן און, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיקע פּאָליטישע באַאָבאַכטונגען.

מען גיט אַ פרעג ביי אים:

— וואָס איז מכּוח דעם בוך וועגן „בונד"?

— וואָס פאַר אַ בוך, ווען בוך! עס איז מיר אפילו אין דער לינקער פּאה נישט געלעגן די גאַנצע מעשה.

די אַנטטוישונג אין דער דעמאָקראַטישער פּראַקציע און פון שרירא, דעם נאַפט־מאַגנאַט פון באַקו, איז געווען גרויס, פאַרשטייט זיך.

אָבער אבערסאָן האָט זיך אויסגעלאַכט.

ער האָט צוריק פאַרנומען זיין אָרט אין זיין קאַפע און וועגן בוך קיין וואָרט נישט, ער טראַכט גאָרנישט וועגן דעם.

נאָך לאַנגע באַראַטונגען בלייבט, אַז דר. חיים ווייצמאַן נעמט אריין צבי אבערסאָנען צו זיך אין ווינונג, און ער וועט שוין זען, אַז אבערסאָן זאָל אַרבעטן און אָנשרייבן דאָס בוך.

אבערסאָן איז געוואָרן איינגעגאַנגען אויף דעם דאָזיקן פּלאַן.

וועגן דעם רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן פּלאַן דערציילט דער פּרעזידענט פון דער ישראל רעפּובליק, פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן אין זיינע זכרונות:

אבערסאָן האָט זיך געפילט ביז גאָר גוט ביי דעם דאָן יונגן דאָצענט, דר. חיים ווייצמאַן, אין הויז. ער האָט דאָ געהאַט פריי ווייצמאַנס העמדער, קראַוואַטן און אַנדערע זאַכן פון דער מענערשער גאַרדעראָב און ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט פריי, ווי מיט זיינע אייגענע.

אָבער קיין שורה פון דעם געפּלאַנטן בוך האָט ער נישט אָנגעשריבן.

ביז אַלע האָבן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אים געלאָזן צורו. אבערסאָן איז ווידער אַדיין אין זיין פריערדיקן שטייגער פון לעבן: ער פלעגט זיצן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אין קאַפע, אָפט אין אָוונט פלעגט אַריינקומען איינער פון זיינע באַקאַנטע און פלעגט אים „אויסלייזן״. דאָס הייסט, ער פלעגט באַצאָלן פאַר אים אַלץ, וואָס ער האָט פאַרן טאָג געגומען פאַר זיך און זיין פרוי אין דער קאַפע.

אַ סך פלעגן אויסמיידן די קאַפע, אין וועלכער אבערסאָן איז געווען דער שטאַם־גאַסט און דאָרט געפירט זיין טיש, אָבער אַ סך פלעגן אַריינקומען אין דער דאָזיקער קאַפע טאַקע כדי צו מקיים זיין די מצווה פון „פדיון שבויים״, צו אויסלייזן דעם פאַרמשכונטן צבי אבערסאָנען.

אבערסאָן פלעגט אָננעמען אָט די דאָזיקע פיינקייט מצד זיינע פריינד ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו דעם.

און אָט דער דאָזיקער מענטש איז געווען אויסערסט באַגאַבט, ער איז געווען אויסערסט שאַרפזיניק. ער איז געווען אַ ווונדערלעכער רעדנער, אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, אַ ווונדערבאַרער שמועסער.

און ער האָט געוווּסט די וועלט־פּאָליטיק ממש ווי זיינע צען פינגער.

און זיינע פּאָליטישע מיינונגען און באַאָבאַכטונגען זענען געווען געזונטע, לאָגישע און ביז גאָר ניכטערע.

ער האָט געוווסט פון אַלע אייראָפּעאישע פּאָליטישע אינטריגעס אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען פאַרמישט אין זיי.

און אינגאַנצן לײדיק איז ער אין קאַפע נישט געזעסן. ער האָט געטאָן דאָ פּאָליטישע אַרבעט אויך.

אין זשענעווע האָט עס אין יענע יאָרן ממש געשוויבלט און געגריבלט פון פּאָליטישע עמיגראַנטן פון אַלע לענדער, אפילו בעניטאָ מוסאָליני איז געווען אַ צייט אַ פּאָליטישער עמיגראַנט אין זשענעווע.

די דאָזיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן זענען געווען קאַפע־זיצערס, זיי זענען קיין סטודענטן נישט געווען, קיין באַשעפטיקונגען האָבן זיי נישט געהאַט, געלעבט האָבן זיי פון די אָרעמע סובסידיעס, וואָס די פאַרשידענע הילפס־קאָמיטעטן פלעגן זיי געבן.

די דאָזיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן זיך באַפריינדעט מיט צבי אבערסאָן און ער איז געווען זייער פּאָליטישער בעל־עצה.

איך פלעגט כסדר זען ווי צבי אבערסאָן זיצט אין קאַפע אַרומגערינגלט מיט פּאָליטישע עמיגראַנטן פון בולגאַריע, פון סערביע, פון איטאַליע, פון רומעניע און פון אַנדערע לענדער.

ער פלעגט ערנסט אין זיי עפּעס אַריינרעדן און זיי פלעגן זיך צוהערן צו אים, ווי צו דעם גרעסטן אויטאָריטעט.

אָט אַזוי האָט ער געלעבט. דער אייביקער סטודענט, דער טיפּישסטער באָהעמיער.

זאָרגלאָז ווי אַ פויגל, וויציק און שאַרף ווי מעפיסטאָ.

און נעבן אים האָט איר געזען זיין שיינע פרוי.

אָבער גאָר אָפט פלעגט איר זען ביי זיין טיש אַנדערע פרויען, יינגערע, שענערע און לייכטזיניקערע, אָבער קיין איינע איז נישט ווערט געווען דעם מינדסטן נאָגל פון זיין בראַווער פרוי.

* *

פאַר דער צייט איז דער „בונד" שוין געוואָרן אויס סוד.

דער „בונד" האָט געהאַט אין זשענעווע זיין ביוראָ, און גאָר אָפט פלעגן קומען פירער פון „בונד" אין דער שווייץ. אָן אָפטער גאַסט איז

געווען וולאדימיר מעדעם און אנדערע בונדיסטישע פירער. פלעגן האלטן רעפעראטן וועגן „בונד" און דעבאטירן מיט די ציוניסטן.

דער אמאליקער רעפעראט האט שוין לאנג פארלוירן זיין רייץ, זיין נייקייט און פיקאנטקייט.

אבער אבערסאן איז נאך אלץ געווען אינטערעסאנט און אפילו פריש.

ער איז געווען דר. חיים ווייצמאנס נאענטסטער פריינד.

אבער דענסטמאל איז נאך ווייצמאן געווען בלויז א יונגער פריוואט־דאצענט.

איך האב איבערגעלאזן אבערסאנען אין דער שווייץ, שפעטער האבן אנדערע פארלאזן די שווייץ און אויך איבערגעלאזן אבערסאנען.

מיט יארן שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז סוף כל סוף האט אבערסאן א שטיקל שטעלע.

ער איז אנגעשטעלט געווארן אין דער ציוניסטישער פאליטישער ביורא אין דער שווייץ. דאס איז זיכער געווען א רחמנות־שטעלע.

אזוי האט געלעבט א באגאבטער מענטש. ער האט געלעבט פריי ווי א פויגל. ער האט נישט געארבעט, נישט געלערנט און איז געווען **איינער** פון די אינטערעסאנטסטע מענטשן.

* *

און נאך אן אייביקן סטודענט וויל איך דא קורץ דערמאנען, אבער אן אייביקער סטודענט, וואס האט דווקא אייביק געלערנט, ער האט נישט ארויסגענומען די אויגן פון בוך, און האט כמעט גארנישט אויסגעלערנט.

זיין נאמען איז דר. ר. זעליגמאן.

ווען איך בין געקומען קיין בערן, איז ער שוין געווען פון די גאר עלטערע סטודענטן.

ער איז געווען דער איינזאמסטער סטודענט, ער האט עפעס אליין אויסגעמיטן מענטשן, דער יונגער סטודענטישער טומל איז אים געפאלן שווער און ער פלעגט זיך אויסבאהאלטן פון אים.

א טונקעלער, מיט א געבויגענער פלייצע, מיט אויגן וואס קוקן עפעס אין א זייט, פלעגט איר אים זען כסדר מיט א פעקל ביכער אונטער דעם ארעם.

ער האט געמאכט זיין עקזאמען עפעס ווי איינער פטרט זיך פון א זאך,

וואָס מען מוז טאָן, און האָט זיך ווידער פאַרקליבן אין זיין בווידעם־שטיבל און ווידער געלערנט.

ער האָט קיינמאָל, אפשר אין זיין גאַנץ לעבן, קיין שמייכל נישט געטאָן. וויפל מאָל איך האָב פּרובירט א שפּאַס טאָן מיט אים, האָב איך זיך כסדר אָנגעשטויסן אויף אַן ערנסט פּנים און א פּאָר אויגן, וואָס קוקן אויף דיר פאַרוווּנדערט, ווי איינער רעדט:

— וואָס בטלט איר? ביבליאָטעקן מיט ביכער וואַרטן אויף אונדז און איר פאַרנעמט זיך מיט נארישקייטן...

איך בין אוועק פון בערן.

און פאָרנדיק קיין אַמעריקע אין יאָר 1923 האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף א שטיקל צייט אין בערלין.

און אין א קאַפע, אין א זייטיקער גאַס, בין איך אריין לייענען ציי־טונגען און טרינקען א קאַווע.

קיינער איז אין קאַפע נישט געווען אויסער די קעלנער, וואָס זענען אויך עפּעס נעלם געוואָרן.

פּלוצלינג קומט אריין א מענטש, מיט א געבויגענער פּלייצע און שטאַרק א פאַרטראַכטער. דער מענטש איז געווען זייער אָרעם געקליידט און ער האָט געטראָגן צוויי פּעקלעך.

ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט האָב איך דערקענט דר. ר. זעליגמאַן, דעם אייביקן סטודענט.

איך האָב זיך צוגעזעצט צו אים, און ציענדיק ביי אים ווערטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער לעבט ווייט פון שטאָט, ער קומט בלויז איינמאָל א וואָך אין שטאָט איינקויפן שפּייז אויף א וואָך און נעמען ביכער אין ביבליאָטעק אויף א וואָך.

ער האָט א בווידעם־שטיבל עפּעס אין אַן איינזאַם און פאַרלאָזן הייזל, אין הייזל לעבט נאָך אַן אַלטער דייטש איינינקער אַליין.

דער זעלביקער דר. ל. זעליגמאַן.

ווען היטלער האָט אָנגעהויבן בושעווען האָב איך א טראַכט געטון:

— וואָס טוט איצט מיין אַלטער פריינט דר. זעליגמאַן אין דייטש־לאַנד?

און איינמאָל בלעטערנדיק דעם „הארץ", וואָס דערשיינט אין ארץ־ישראל, דערזע איך אַן אַרטיקל פון דר. ר. זעליגמאַן.

דער אַרטיקל איז געווען קענן יידיש... לאַכט אויס דאָס לשון פֿון די איטשע־מייערס.

שאַרף, ביטער און פלאַך . . .

הפנים פון אייביק לערנען ווערט מען נישט קליגער און אויך נישט געלערנטער.

דר. ר. זעליגמאַן האָט זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל.

16

פּאָליטישע עמיגראַנטן

אין דער שווייץ, אין זשענעווע, ציריך און בערן זענען אַ חוץ סטודענטן אויך געווען אַ היבש ביסל פּאָליטישע עמיגראַנטן, דאָס הייסט, רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, אָדער „אָכראַנקע", אַ מין געהיימע פּאָליציי, וואָס האָט זיך פאַרנומען ספּעציעל מיטן נעיעג אויף רעוואָלוציאָנערן.

זיי זענען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, אָבער זיי זענען נישט געוואָרן אויס רעוואָלוציאָנערן, פאַרקערט — ערשט אין אויסלאַנד האָבן זיי אַנטוויקלט אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

דאָ זענען זיי געווען אין די רעוואָלוציאָנערע צענטראַל־קאָמיטעטן, דאָ האָבן זיי אַרויסגעגעבן רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וועלכע מען פלעגט אַריבערפירן אויף פאַרשידענע וועגן קיין רוסלאַנד.

דאָ האָט מען דערצויגן פון דער סטודענטישער יוגנט נייע רעוואָלוציאָנערן.

דאָ פלעגט מען אָפּהאַלטן רעוואָלוציאָנערע קאָנגרעסן, אויף וועלכע עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק און סטראַטעגיק.

דאָ זענען געווען די אבות פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; דאָ זענען געווען לענין, פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד; דאָ איז געווען דער אויסלענדישער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"; דאָ איז געווען אין שטאַרקער געהיימניש דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטן רעוואָ־

לוציאָנערן, די, וואָס פלעגן פּלאַנעווען און דורכפירן אַטענטאַטן אויף די הויכע צאַרישע טשינאָווניקעס.

די רוסישע רעגירונג האָט כסדר געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער קליינער שווייצאַרישער רעפּובליק וועגן אַרויסגעבן די פּאָליטישע „פאַרברעכער", וואָס וווינען אין דער שווייץ, אָבער דאַן איז נאָך געווען אַ צייט פון הומאַניטאַרע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, און „אַזיל־רעכט", דאָס הייסט, דאָס רעכט צו געבן אַ היים אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פּאָליטישן פּליט, איז געווען איינע פון די הייליקסטע געבאָטן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט.

פיל פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין דער שווייץ, אַ טייל זענען אפילו געוואָרן שווייצאַרישע בירגער און געלעבט אין דער שווייץ פון זייער יגיע־כפּים, אָדער פון רעוואָלוציאָנער־ליטעראַרישער טעטיקייט, אַ טייל זענען פאַרבירגערלעכט געוואָרן אין דער שווייץ, געוואָרן פּראָפעסאָרן, פאַרמער און סתם זיך פאַרנומען מיט וועלכער עס איז בירגערלעכער באַשעפטיקונג.

מיין פּראָפעסאָר, ביי וועלכן איך האָב געשריבן מיין דאָקטאָר־אַרבעט וועגן אַרבעטער־געזעצגעבונג, פּראָפעסאָר רייכסבערג, איז געווען אַ געוועזענער פּאָליטישער עמיגראַנט, וואָס האָט אָנגענומען די שווייצאַרישע בירגערשאַפט, און האָט זיך גאָר ערנסט פאַרנומען מיט די שווייצאַרישע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

ער האָט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אַ גרויס צוויי־בענדיק האַנטבוך וועגן דער שווייצאַרישער עקאָנאָמיק, אָדער ווירטשאַפט.

ער איז געווען אין גאָר גרויסער אַכטונג ביי די שווייצער, כאָטש קיין גאָר גרויסער קאָפּ איז ער נישט געווען. ער איז געווען בלויז אַן ערלעכער, געוויסנהאַפטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעטער.

פון זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט איז אים געבליבן בלויז די מאַרקסיסטישע באָרד, די לאַנגע האָר (געהאַלטן אין בעסטער אָרדענונג) און זיין רוסיש, מיט די רוסישע סטודענטן פלעגט ער רעדן רוסיש.

צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערן זענען געווען צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן — דזשאָרדזש פּלעכאַנאָוו און ניקאָלאַי לענין.

פּלעכאַנאָוו איז געווען דער פאָטער און דער טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

ער האָט געשטאַמט פון אַ פּריצישער פאַמיליע אין רוסלאַנד און איז געווען אַן אָפיצער אין דער רוסישער אַרמיי.

ער איז געבליבן אַ שטיקל פּריץ אויך אין גלות, ווי אַ פּאָלי־טישער עמיגראַנט. ער האָט זיך גוט געקליידט, גערעדט פראַנצויזיש, זיין הויז איז געווען אַ פראַנצויזיש הויז און די רוסישע פּאָליטישע עמי־גראַנטן און די סטודענטן פלעגן מורמלען אויף אים, אַט ווי מיר מורמלען אויף אַסימילאַטאָרן.

פּלעכאַנאָוו האָט געהאַט אַ יידישע פרוי, אַ שוועסטער פון דעם יידיש־רוסישן שרייבער טאַן־באָגאַראַז, זי איז געווען אַ מעדיצינערין און האָט אויסגעהאַלטן איר פּריציש־רעוואָלוציאָנערן מאַן אין עושר און אין כבוד. זי האָט עס געקענט, ווייל זי איז געווען אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר אין זשענעווע.

פּלעכאַנאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ שאַרפן קאָפּ, ער איז געווען אַ פיינער שריפטשטעלער, אַ שאַרפער און בייסיקער פּאָלעמיקער און אַ גלענצנדיקער רעדנער.

צווישן אים און לענינען איז געווען אַן אייביקע פיינטשאַפט, ממש אַ שנאת־מות.

די דאָזיקע צוויי רעוואָלוציאָנערן זענען אפילו אויסערלעך געווען פאַרשידן. פּלעכאַנאָוו אַ הויכער, אַ פיין געקליידטער מיט אַ פראַנצויזיש בערדל און מיט גוטע פּריצישע מאַנירן. ער איז אַגב געווען מער שריי־בער און געבילדעטער פאַר לענינען.

לענין איז געווען עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן געוווקס, מיט אַ מאָנגאָליש פּנים, אָפּגעלאָזן אין זיין קליידונג און סתם נישט קיין קאָנטי־קער מענטש אויסערלעך.

פריער האָבן זיי געהערט צו איין פּאַרטיי און זיי האָבן זיך געמוזט באַגעגענען און אַרבעטן צוזאַמען, כאָטש זיי האָבן נישט סובל געווען איינער דעם אַנדערן; שפּעטער אָבער, ווען די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געשפּאַלטן אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, זענען זיי ערשט געוואָרן די אמתע שונאים.

אין דער צייט פון דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע איז פּלעכאַ־נאָוו געקומען קיין רוסלאַנד, ער האָט אָבער קיין שום ראָליע נישט גע־שפּילט.

שוין אַלט און קראַנק און נישט באַמערקט פון קיינעם האָבן זיך

אין זיין הויז איינמאָל אַריינגעריסן באָלשעוויסטישע מאַטראָסן און איז־דיעקעוועט זיך איבער אים, דעם פּאָטער פון רוסישן סאָציאַליזם, ווי איבער א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ווי א לאַקעי פון דער בורזשואַזיע.

פּלעכאַנאָוו איז געווען דער אמתער פּאָטער פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס דער באָלשעוויזם האָט איבערגענומען ווי זי גייט און שטייט, און דערמאָנט כמעט נישט דעם נאָמען פון דעם פּאָטער פון דער דאָזיקער קריטיק.

פאַרביטערט און אַרומגערינגלט מיט שנאה אין דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור איז ער געשטאָרבן אין איינזאַמקייט און פאַרגעסנקייט.

* *

לענין האָט נישט געהאַט קיין איין איינציקע מעלה פּלעכאַנאָווס.

ער האָט אָבער פאַרמאָגט פאַנאַטיזם און עקשנות, און... ער איז געווען א פּאָליטיקער, דורך און דורך א פּאָליטיקער, א פּאָליטיקער אָן ווייסע הענטשקעס, א רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיקער.

נישט קיין רעדנער, נישט קיין גרויסער שרייבער, האָט ער אָבער, ווי יעדער פאַנאַטיקער, געוווסט גענוי וואָס ער וויל און גענוי וואָס מען דאַרף טאָן.

ער איז געווען ממש א קאָפּיע פון דעם פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ראָבעספּיער; ער איז געווען אַזוי אסקעטיש, אַזוי קאַלט, אַזוי איינגעגלויבט אין די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע, אָדער אין מאַרקסיזם, לויט זיין פּירוש, אָדער לויט זיינע הגהות, פאַרבעסערונגען און צופּאַסונגען צו דער רוסישער פּויערישער עקאָנאָמיק.

ער האָט פון דער רעוואָלוציע גאָרנישט פאַרלאַנגט פאַר זיך, ער איז, ווי דער אומבאַשרענקטער דיקטאַטאָר, נאָך דער רעוואָלוציע אַרומגעגאַנגען אין אַן אָפּגעריבענעם רעקל, מיט אַן אַלטער קעפּקע און געלעבט אָרעם און איינפאַך ווי אין זיינע עמיגראַנטישע צייטן.

ער איז געווען קינדערלאָז. זיין פרוי איז געווען אַזוי פרום רעוואָלוציאָנער ווי ער.

זיין גרויסער אויפטו איז — דער אויפבוי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי א מין פּאָליטיש־יעזואיטישן אָרדען, וווּ יעדער איז געהאָרכזאַם. פרעגט קיין קשיות נישט. טאָר קיין קשיות נישט פרעגן, ער מוז פאָלגן.

אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט: היט די פּאַרטיי, היט איר אָר־גאַניזאַציע, איר דיסציפּלין און זי וועט אייך אַרויסטראָגן פון אַלע געפאַרן און אומגליקן.

דערלאָזט נישט צו קיין שפּאַלטונגען.

היט אָפּ איר גאַנצקייט!

און אויב דער באָלשעוויזם האָט אויסגעהאַלטן אַזוי פיל יאָרן, איז עס בלויז אַ דאַנק דער לעניניסטישער, פּאָליטיש־יעזואיטישער פּאַרטיי.

זיין צוואה וועגן דער פּאַרטיי ווערט אָפּגעהיט פון סטאַלינען מיט דעם גרעסטן פאַנאַטיזם און האַרטקייט.

יעדער שפּאַלטער; יעדער, וואָס איז עובר אויף דער פּאַרטיי־דיס־ציפּלין, איז אחת דתו להמית.

און דאָס איז אפשר דער גאַנצער סוד פון דער שטאַרקייט פון דעם באָלשעוויזם.

ער האָט געזען די פיל באַרטיאַישקייט פון דער רוסישער פּאָליטי־שער עמיגראַציע, ער האָט געזען דעם רוסישן אינדיווידואַליסט און זיין הנאה פון שפּאַלטן, זיך אָפּשפּאַלטן און בויען קליינלעך און פּאַרטייעלעך לויט זיינע אינדיווידואַליסטישע השגות.

ער האָט נישט ליב געהאַט קיין רעדנער, קיין גראַגערס, וואָס שרייען אַרויס פוסטע פראַזן.

ער האָט געוואָלט היילן אַלע וויסטע קראַנקהייטן פון דעם רוסישן אינדיווידואַליזם, פון דער רוסישער סעקטאַנסטוואָ, פון בונטאַרישקייט קעגן אַלץ און אַלעמען.

און ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ פּאָליטיש־יעזואיטישער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע.

נאָך אין דער עמיגראַציע האָט ער אָנגעהויבן צו בויען די פּאַרטיי אויף די דערמאַנטע יסודות.

אַ קעגנער אין דער פּאַרטיי און סתם אַ קעגנער האָט ער באַהאַנדלט ווי אַן אַפּאָסטאַט, ווי אַן אפיקורס, ווי אַ שעדיקער פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

ער האָט געשפּאָלטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אויף באָל־שעוויקעס און מענשעוויקעס, כדי צו אויפבויען אַ באַזונדער פּאַרטיי מיט אַ בייזער, האַרטער דיסציפּלין.

ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט נעטרייע מענטשן, מיט פאַנאַטיקער און עקשנים.

די אַלע וואַקלדיקע, די אַלע שפּאַלטערס, די אַלע ברעקלערס האָט ער פאַרטריבן אין אַ באַזונדער פּאַרטיי און דאָרט האָבן זיי געפּראַוועט זייערע אינדיווידואַליסטישע שטיק.

פאַקטיש איז דער מענשעוויזם געבליבן נישט קיין פעסטע, דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע, דאָרט זענען געווען פאַרשידענע פראַקציעס, יעדער פּאַרטיי־טעאָרעטיקער האָט געהאַט זיין גרופּע, מאַרטאָוו האָט געהאַט זיין שיטה און זיינע אָנהענגער אין דעם מענשעוויזם, און אַנדערע האָבן גע־האַט זייערע טעאָריעס און מיינונגען.

דער באָלשעוויזם איז געבליבן די מאָנאָליטישע, די איינהייטלעכע, די דיסציפּלינירטע פּאַרטיי אין דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פלעגט לענין אנשטאט גרויסע רעדעס אַרויסלאָזן סלאָגאַנס, קורצע רעוואָלוציאָנערע ווערטלעך, וואָס זענען געווען קורץ, שאַרף און דער עיקר־שט קלאָר, ווי, למשל, „רויב דאָס גערויבטע", דאָס הייסט: נעם צו ביי דער בורזשואַזיע און ביי די פּריצים דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט.

דאָס האָט פאַרשטאַנען אפילו דער פינצטערער פּויער אין דעם פאַר־וואָרפענעם דאָרף.

איך האָב אים נאָר אַ סך מאָל געהערט רעדנדיק און פּאָלעמיזירנ־דיק אין דער שווייץ; איך פלעג אים אָפט זען אין די קאַפעס, כאָטש ער איז לחלוטין נישט געווען קיין קאַפע־זיצער, אין קאַפע פלעגט ער האָבן קורצע זיצונגען מיט דער רעדאַקציע פון „איסקרא", באַגעגענישן מיט געסט פון רוסלאַנד.

ער איז געווען אַ שווערער און ערנסטער אַרבעטער, אַ לערנער און אַ טוער.

אין דער פּאָלעמיק איז ער נישט געווען אַזוי שאַרפזיניק ווי פּלע־כאַנאָוו, דערפאַר אָבער אַזוי גאַליק, אַזוי בייסיק און אַזוי בייז ווי פּלע־כאַנאָוו.

פּלעכאַנאָוו פלעגט זיינעם אַ קעגנער ממש פאַרניכטן, ער פלעגט עס טון מיט אַ שמייכעלע, די אוידיטאָריע פלעגט לאַכן און דער קרבן פלעגט זיך צאַפּלען.

לענין האָט פּשוט געשלאָגן מיט שווערע ווערטער, מיט ווערטער ווי־שטיינער, זיין קעגנער; ער פלעגט עס טאָן אָן רחמנות און אָן איינזעעניש.

* *

פון די פּאָליטישע עמיגראנטן, וואָס זענען געבליבן זייער גאנץ לעבן אין דער שווייץ, איז געווען דער זייער געאַכטער און זייער באַליבטער פּאַוועל אַקסעלראָד.

ער איז געווען א שטילער און ביז גאָר ערנסטער מענטש.

א געבוירענער ערגעץ אין פּאָדאָליער גובערניע, האָט ער אויסגעזען ווי א יידישער רב אין א פּאָדאָליער שטעטל.

געלעבט האָט ער אָרעם און געשפּייזט האָט ער זיך פון מאַכן „קעפיר", א מין זויער־מילך, וואָס דאַרף זיין גוט פאַר טובערקולאָז.

זיין הויז אין ציריך איז געווען דאָס הויז פון ערנסטע סאָציאַליסטן, דאָרט פלעגט מען קומען הערן סאָציאַליסטישע תורה ביים פּוסק אחרון אַקסעלראָד.

גאָר קיין רעדנער נישט, נישט קיין פּאָלעמיקער און אפילו א קליינער שרייבער האָט אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געשריבן, געהאַט וואָג.

ער איז אין זיין יוגנט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, האָט זיך באַזעצט אין ציריך און אָפּגעלעבט זיין לעבן אין דער זעלביקער דירה.

ער האָט געלעבט אָרעם, אָבער צופרידן.

סאָציאַליזם איז געווען זיין קאָראַן, מאַרקס דער מאַכמעד און ער דער לערנער, דער אַלטער לערנער מיט דער צעפּאַטלטער באָרד.

פון אַלעמען געאַכט, האָט אָבער לענין אים מבטל געווען, ער האָט נישט אַנערקענט קיין קעגנער, איז איינער נישט מסכים געווען מיט אים, איז ער ערגער ווי א וואָרעם, זיין וואָרט האָט קיין האַפט נישט, זיין וויסן קיין זינען נישט, זיין ערלעכקייט איז שוואַכזיניקייט און זיין לעבן קיין גראָשן נישט ווערט.

איך פלעג אָפט זען טראָצקין.

ער איז געווען דער איינזאַמסטער רעוואָלוציאָנער; ער האָט געוואָלט זיין דווקא א רבי און פירער, אָבער קיינער האָט זיין תורה נישט געוואָלט הערן און קיינער האָט נישט געוואָלט געפירט ווערן פון אים, אויף דעם זענען געווען בילכערע און קאָמפּעטענטערע.

ער איז געווען בעסער געקליידט פון אלע פאליטישע עמיגראנטן, נישט בעסער פאר פלעכאנאוון, פארשטייט זיך, אבער רייכער.

ער איז נישט געווען קיין שטענדיקער תושב אין אויסלאנד, ער פלעגט פלוצלינג נעלם ווערן און ווידער זיך באווייזן.

און ווידער פלעגט איר אים זען כמעט אליין, דא און דארט פלעגט זיך צוזעצן צו אים נאך אן איינזאמער סאציאליסט, איינער וואס איז נישט איינשטימיק נישט מיט פלעכאנאוון און נישט מיט לענינען.

קיין גאר קאנטיקע פיגור איז ער אין די עמיגראנטישע און סטודענטישע קאלאניעס נישט געווען.

איינער פון די טשעקאווסטע כאראקטערן צווישן די רוסישע רעוואלוציאנערן אין אויסלאנד איז געווען ל. מארטאוו, אן אייניקל פון אלעקסאנדער צעדערבוים, דעם רעדאקטאר פון דער העברעאישער ציימונג „המליץ".

א שטשופלער, ממש הויט און ביינער, אייביק אין ברילן, אן אפגעלאזענער, כסדר מיט אש פון סיגארעטלעך אויף זיין רעקל און הויזן, כסדר מיט זיין שניפס אויף א זייט און כסדר א צעטראגענער, פלעגט ער אפזיצן טעג און נעכט אין די אייראפעאישע קאפעס.

אבער דער קאפע איז נישט געווען פאר אים בלויז אן ארט צו בטלענען, ניין, אין די קאפעס האט ער געשריבן זיינע שארפזיניקע רעוואלוציאנערע ארטיקלען און בראשורן; אין קאפע פלעגט ער דיסקוטירן אלע פראגן און פראבלעמען פון סאציאליזם און אין קאפע פלעגט ער לעבן; דער קאפע איז געווען זיין אמתע היים.

ער פלעגט זיצן אין קאפע ביז א פריינט פלעגט זיך דערמאנען און נעמען אים ארויס, אין זיין צימער שלאפן.

א מענטש מיט א גוטן קאפ, א מענטש אן ערלעכער און א געטרייער רעוואלוציאנער, האט אים אבער געפעלט פראקטישקייט און א טאלאנט צו ארגאניזאציע.

האט ער קיין פארטיי נישט אויפגעבויט, ער פלעגט זיך כסדר צוטוליען צו א פארטיי, אבער באלד פלעגט ער האבן זיין טעאריע, אדער פשטל, און עס פלעגט זיך בילדן ארום אים א גרופע, וואס האט געטראגן דעם נאמען „מארטאווצעס", אדער אן אנדער נאמען.

ער האט קיינמאל נישט מסכים געווען מיט דער אפיציעלער פארטיי,

אָבער אומעטום האָט ער אריינגעטראָגן עפּעס זיינס, עפּעס שאַרפס און לאַגיש.

ער האָט אפילו דעם יידישן סאָציאַליסטישן „בונד" אויך עפּעס געגעבן.

ער איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון דער צאַרישער פּאָליציי פון פּע־טערבורג קיין ווילנע, איז זייענדיק אין ווילנע, האָט ער אָנגעשריבן א בראָשור, וואָס האָט געלייגט דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט פון דעם בונד.

ער, דער דורכאויס אסימילירטער רוסישער ייד, האָט געראַטן די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין ווילנע צו רעדן און בילדן די יידישע אַרבע־טער אין יידיש, אין דער שפּראַך, וואָס זיי רעדן.

ער אַליין איז אָבער קיינמאָל קיין בונדיסט נישט געווען.

לענין האָט שטאַרק געהאַלטן פון מאַרטאָוון, ער האָט געהאַלטן פון זיין שאַרפן קאָפּ פון זיין וויסן און זיין ערלעכקייט.

אָבער ער האָט אים נישט געקענט דיסציפּלינירן.

אין דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער געהאַט זיין גירסא, זיין שיטה.

ער האָט געהאַט זיין גרופּע רעוואָלוציאָנערן, זיי האָבן געהייסן „אינ־טערנאַציאָנאַליסטן".

און ווען ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן רוסלאַנד נאָך דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע, האָט אים לענין מיט פריינטשאַפט און מיט צער ארויסגעלאָזן.

און ער האָט פאַרבראַכט זיינע יאָרן, חדשים און טעג אין די אויס־לענדישע קאַפעס ביז ער איז געשטאָרבן.

אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער, אָדער מאַרקסיסטישער ליטע־ראַטור, זענען געבליבן זיינע בליציקע, ערנסטע בייסטייערונגען.

פאַר זיך האָט ער קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט, נישט קיין כבוד, נישט קיין מאַכט און נישט עפּעס אַנדערש.

ער איז געווען א טיפּישער יידישער עלוי פון בעסערן און ערנסטערן מין, דאָס לערנען און דאָס מחדש זיין עפּעס איז פאַר אים געווען די הויפּטזאַך.

די אַלע אַנדערע זאַכן זענען פאַר אים נישט געווען וויכטיק.

ער איז געווען דער ערלעכער און צנועהדיקסטער רעוואָלוציאָנער;

ער איז געווען 24 שעה אין מעת־לעת א רעוואָלוציאָנער, ער האָט קיין אַנדערע אינטערעסן אין לעבן ממש נישט געהאַט.

ער האָט נישט געהאַט קיין פרוי, קיין קינדער און קיין אַנדערע פאַרבינדונגען און התחיבותן אין לעבן.

ער איז געווען א רעוואָלוציאָנער און א רעוואָלוציאָנער א שרייבער.

ער איז נישט געווען קיין פירער אָפיציעל, אָבער זיין איינפלוס איז געווען גרויס; ער איז געווען גוטמוטיק און נאָכגעביק, אָבער ער האָט כסדר געוווּסט וואָס ער וויל. ער איז נישט געווען בייז און קריגעריש, אָבער ער האָט כסדר געהאַט זיין מיינונג און זיין קוק.

זיינע אַרויסטרעטונגען אויף סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן זענען געווען ערנסטע און וואָגיקע.

ער איז נישט געווען קיין סאָציאַליסטישער פּאָליטיקער.

און דאָס איז געווען כמעט יעדער קאָנטיקער סאָציאַליסט.

ווי אומעטום האָבן זיך געשטופּט צו דער מזרח־וואַנט דאָס רוב די, וואָס האָבן שטאַרקע עלנבויגנס, די וואָס האָבן געקענט אָרגאַניזירן אַרום זיך א גרופּע און די, וואָס האָבן אינטריגירט.

פּאָליטיק איז אומעטום פּאָליטיק.

אַנדערש איז עס געווען בלויז אין „בונד", דאָ איז די פירערשאַפט געווען די סאַמע אידעאַליסטישע, דאָ האָט מען געהאַט צוטרוי איינער צום אַנדערן, דאָ האָט זיך קיינער נישט געשטופּט צו דער מזרח־וואַנט, דאָ האָט מען אַנערקענט טאַלאַנט, וויסן און כאַראַקטער.

בכלל אָבער איז אין דער סאָציאַליסטיש־עמיגראַנטישער וועלט געווען ריכטיק ווי אין דער גאַנצער זינדיקער וועלט — אינטריגעס, שטופּעניש צום אויבנאָן, יאָגעניש נאָך פירערשאַפט, קנאה, שנאה און ביטערע קריגערייען, און נישט כסדר לשמה . . .

* *

אָבער עס זענען אויך געווען סאָציאַליסטישע צדיקים, נישט גרויס איז געווען זייער צאָל, אָבער זיי זענען געווען.

אָבער צום גרעסטן טייל זענען די סאָציאַליסטן געווען ביטערע און פאַרביטערטע מענטשן; גאָר פיל איז געווען שולדיק דאָס שווערע און ביטערע לעבן פון א רעוואָלוציאָנער אין דעם צאַרישן רוסלאַנד.

ער איז בסדר געיאָגט געוואָרן פון דער אָכראַנקע, ער האָט קיין היים נישט געהאַט, ווי ער האָט געטאָגט דאָרט האָט ער נישט גענעכטיקט.

און פלעגט ער אַריינפאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי, זענען זיינעליידן געווען גרויס.

זענען א סך געלייטערט געוואָרן פון אָט די יסורים און געוואָרן אמתע מאַרטירער, ריינע פּערזענלעכקייטן און וואונדערלעך־כשרע מענטשן.

אָבער דער גרעסטער טייל איז פאַרביטערט געוואָרן, פאַרגאַלט געוואָרן און זיין געמיט איז פינצטער געוואָרן.

מען וועט נישט פאַרשטיין די רוסישע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע מיט איר האַרטקייט, מיט איר בייזקייט און מיט איר גרויליקן טעראָר קעגן אייגענע און נאָענטע אפילו, ווען מען וועט נישט נעמען אין באַטראַכט וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן דורכגעמאַכט אין זייערע לעבנס.

און אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, שוין אין זיכערקייט, אין עמיגראַציע, זענען זייערע ליידן נישט געלינדערט געוואָרן.

זיי האָבן געלעבט מאַטעריעל אָרעם.

זיי האָבן געלעבט אָפּגעריסן פון זייערע היימען, פון זייער לאַנד, פון זייערע נאָענטע און ליבלעכע.

זיי האָבן געלעבט אין דער פרעמד, אין א פרעמדער וועלט.

און דעם רוסישן מענטשן איז שווער, זייער שווער צו אַסימילירן זיך.

יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך שנעלער אַסימילירט מיט דעם פרעמדן שטייגער לעבן.

רוסן האָבן אָפּגעלעבט אין דער עמיגראַציע צענדליקער יאָרן און האָבן די שפּראַך פון לאַנד, ווו דער גורל האָט זיי פאַרטראָגן, נישט געקענט רעדן.

אָבער, ווי געזאָגט, די שווערע און גרויסע ליידן האָבן געלייטערט פיל, און פון זיי זענען אויסגעוואַקסן גרויסע רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן.

17

שלעק און נודניקעס צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגן נישט ארויסוואַרפן קיין אויסלאַנד ווי פּאָליטישע עמיגראַנטן דווקא לויטער פּי־רער און לויטער גרויסע פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן.

די גרויסע רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן פאַרכאַפּט פיל שוואַ־כינקע, פיל טעמפּע און פיל צופעליקע מענטשעלעך און זיי האָבן אָפּט ארויסגעוואָרפן אויף די ברעגן פון אויסלאַנד פיל שלעק, נודניקעס און מענטשן, וואָס זענען על פּי טעות אריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

אין די סטודענטישע און אין די פּאָליטיש־עמיגראַנטישע קאָלאָניעס האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שיכות נישט צו דער רעוואָלוציאָנערער פּירערשאַפט און נישט צום אוניווערזיטעט, נישט זיי האָבן געלערנט און נישט זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעט; זיי האָבן נישט געהאַט די פעאיקייטן פאַר ביידע זאַכן.

אַמאָל פלעגן די כוואַליעס צוטראָגן צו אונדזערע ברעגן איינעם, וואָס האָט בלויז צופעליק געשפּילט א גרויסע ראָליע אין א רעוואָלוציאָ־נערן אויפברויז.

ער איז מייסטנס געווען א פשוט מענטשל, א פּויערל, א פּינצטערער אַרבעטער און א האַלב אינטעליגענטל.

איינמאָל האָבן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס צוגעוואָרפן צו אונ־דזערע ברעגעס א מאַטראָס פון דער קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין", וואָס האָט רעבעלירט קעגן צאַר אויפן שוואַרצן ים, ביי אָדעס.

די קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין" איז געוואָרן א לעגענדאַרע רעוואָלוציאָ־נערע קריגס־שיף און יעדער מאַטראָס אויף דער דאָזיקער שיף איז געוואָרן א העלד.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער רוסי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס א רוסישע מיליטער־אָפּטיילונג זאָל זיך צעבונטעווען בכלל קעגן דעם צאַר און בפרט נאָך א קריגס־שיף.

„פּאָטיאָמקין" און אירע מענטשן זענען געוואָרן די העלדן פון דער רעוואָלוציע.

און אָט איז איינער פון די לעגענדאַרע העלדן צוגעטראָגן געוואָרן צו אונדזערע אויסלענדישע ברעגן.

דער רעוואָלוציאָנערער מאַטראָס האָט גאָרנישט אויסגעזען לעגענדאַר; אַ קורצער, אָבער אַ זייער פעסטער, ממש אַ גיבורדיקער מענטשל איז געווען דער מאַטראָס.

אויגן האָט ער געהאַט קלייניקע און וואַסערדיקע, הענט שווערע, פּויערישע, מיט קורצע קלעצלדיקע פינגער.

דאָס פּנים איז ביי אים געווען געדיכט געשטופּלט פון אַן אַמאָליקער פּאָקן־קראַנקהייט.

ער איז געשטאַנען אויף צוויי קורצע, גראָבע פיס, אויף די פיס פון עפּעס אַן אַלטן אָפּגאָט.

ער האָט אין זיין לעבן זיך נישט געפונען אין אַזאַ געזעלשאַפט, אין אַ געזעלשאַפט פון סטודענטן און רעוואָלוציאָנערע פירער.

מען האָט אים קוים אויסגעלערנט צו האַלטן אַ צוואַנציק־ווערטער־דיקע, אָבער שטאַרק רעוואָלוציאָנערע רעדע.

ער פלעגט ממש אַרויסשיסן זיין רעדע אומגעלומפּערט, אָבער מיט פייער, אומבאַהאָלפן, אָבער זי האָט געהאַט טויזנט חנען.

דאָס פאָלק, דאָס פּשוטע פאָלק האָט אַרויסגעשריען פון זיין קורצן, מעכטיקן האַלדז.

אַלמעכטיקער גאָט, מיט וואָס פאַר אַ ליבע אָט דאָס דאָזיקע פּויערל איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון די אויסלענדישע קאָלאָניעס.

צאַרטע, איידעלע, פּריצישע און אויסגעצאַליעטע יידישע סטודענט־קעס פלעגן אים האַלדזן, גלעטן און זיך נישט קענען אָנקוקן צו זאַט אויף אים.

און די ערנסטע פּאָליטישע פירער האָבן אים כסדר געהאַלטן נאָענט צו זיך.

אין וואָס פאַר אַ שטאָט אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך און אין שטעט פון אַנדערע לענדער, וווּ מיר איז אויסגעקומען צו זיין, האָט מען געפייערט דעם מאַטראָס.

דער מאַטראָס האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס איז דאָ מיט אים געשען. ער, אַ וויאַטקער פּויערל, אַ געפּעס־וואַשער אויף דעם „פּאָטיאָמקין",

ווערט אויפגענומען מיט גרויסער ליבע פון אזעלכע געבילדעטע „באריש־ניעס" (מיידלעך), פון אזעלכע געלערנטע סטודענטן און פון אזעלכע גרויסע רעוואָלוציאָנערער פירער.

עס האָט זיך פשוט אים נישט פּאַטופּעט אין זיין פּויערישן קאָפּ.

אָבער צו אַלץ געוווינט זיך צו אַ מענטש, און ווען ער געוווינט זיך צו צו עפּעס, ווערט עס ביי אים נאַטירלעך און וואָכעדיק.

און דאָס האָט פּאַסירט גיך מיט ביידע צדדים — אי מיטן מאַטראָס און אי מיט זיינע פאַרערער און באַוווּנדערער.

ער האָט זיך צוגעוווינט, אַז מען זאָל אים כסדר קעכלען, אָבער ביי די סטודענטן און פּאָליטישע פירער איז ער גיך געוואָרן וואָכעדיק.

פלעג איך שפּעטער זען דעם מאַטראָז אַן איינזאַמען, אַ פינצטערן, ער האָט דערפילט, אַז ער איז אריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער וועלט.

נישט ער פאַרשטייט וואָס זיי רעדן און נישט ער ווייסט וואָס צו טון.

זיינע געזונטע הענט האָבן געבענקט נאָך ארבעט, דער פויער האָט געבענקט נאָך די זייניקע מענטשן, נאָך די דאָרפישע שקצים און די געזונטע פשוטע שיקסעס.

און דאָ איז ער גיך געוואָרן וואָכעדיק און קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט אים.

האָט ער אויסגעזען ממש ווי אַ ווולקאַן פאַר אַן ערופּציע.

און איך האָב בייגעוווינט די דאָזיקע ערופּציע.

דאָס פויערל האָט זיך אמאָל גוט אָנגעטרונקען, שוין גאָרנישט רעוואָלוציאָנעריש, און איז געקומען אויף איינער פון די הייסע דעבאַטן צווישן די רעוואָלוציאָנערן־פאָלקיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די מאַרקסיסטן.

די דעבאַטע איז געווען אַ לאַנגע און אַ זייער ערנסטע און אַ זייער היציקע. בייזע און שטעכעדיקע.

דער שיכורער מאַטראָז האָט מיט זיין שיכורן קאָפּ געוואָלט פאַרשטיין פאַרוואָס קריגן זיך דאָ אַזוי היציק אָט די וויל־געלערנטע פלוידער־זעק, די ווערטער־קייער און פראַזן־שיסער. אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

פּלוצים האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף אַ שטול און האָט גענומען שרייען ווי אַ באַנומענער :

„איר לײדיק־גײער, איר פּלױדער־זעק, איר װערטער־קײער, איר פּראַזן־שיסער, װאָס שטײט איר דאָ און פּאַטשט מיט דער צונג אין מױל און שטעכט אײנע די אַנדערע מיט אױסלענדישע װערטער?

„קײן רוסלאַנד פּאַרט, שטעלט אײַן אײַער גאַרנישט־װערטיק לעבן פאַרן פאָלק, פּאַרט קײן רוסלאַנד און שלאָגט זיך, װי איך און מײנע חברים האָבן זיך געשלאָגן.

„איר פּוסטעפּאַסניקעס, איר טױגעניכטסן, איר...

„הערט אױף צו בעבען! װאָרום איך װאַרף אײַך א שטול.

„נידער מיט די פּלױדער־זעק, נידער מיט די װאָס פאַררעדן די צײַן דער רעװאָלוציע!"

און ער האָט געכאַפּט א שטול און האָט זיך פאַרמאָסטן מיט רציחה אױף דער פּלאַטפאָרם.

אין זאַל איז געװאָרן א פּאַניק.

עס זענען צוגעלאָפן צום שיכורן מאַטראָס א כאַפּטע געזונטע סטודענטן, האָבן אַרױסגעריסן די שטול פון זײַנע הענט און אים אַלײן האָבן זײ אװעקגעזעצט אין א װינקל און געהאַלטן װאַך איבער אים.

היסטערישע רעװאָלוציאָנערע סטודענטקעס האָבן געבראָכן מיט זײערע װײַסע הענט און געװײנט ממש װי קינדער.

דאָס גרױסע רוסישע פאָלק האָט זיך אַלײן פאַרשװעכט, זיך אַלײן געלעסטערט...

עס זענען צוגעלאָפן חברטעס צו די היסטעריש־װײנענדיקע סטודענטקעס און זײ גענומען אונטער די הענט און זײ אװעקגעפירט אהײם.

די דעבאַטע האָט פאַרלױרן איר אינטערעס, און פאַרשעמטע, באַלײדיקטע און עפּעס באַשפּיגענע זענען אַלע זיך צעגאַנגען שטיל אין זײערע שטילע הײמען...

דער העלד פון „פּאָטיאָמקין" איז געװאָרן אױס העלד.

און מען האָט נישט געװוּסט װאָס צו טאָן מיט אים, שיקן אים צוריק קײן רוסלאַנד הײסט שיקן אים צו דער תליה; לאָזן אים דאָ, װעט ער רואַנירט װערן און װעט אָנטאָן חרפּות און בושות דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג.

האָט מען אים אײַנגעאָרדנט אױף א פאַרם ערגעץ.

און ווען עס איז געקומען פּאָליטישע אַמנעסטיע פאַר דער דערעפּע־נונג פון דער דומע האָט מען אים אוועקגעשיקט אַהיים, קיין וויאַטקאַ, ווו ער האָט געהערט פּיזיש און גייסטיק.

* *

פּונקט דער היפּוך פון דעם צעבושעוועטן מאַטראָס איז געווען אַן אַנדערער פּאָליטישער עמיגראַנט, אַ יידיש שניידערל, אַ יונג בחורל, אַ שע־מעוודיק, אַ טרויעריק שמייכלענדיקער און עפּעס פאַרלוירענער.

אים האָט אויך געוואַרט אַ בייזע צאַרישע שטראָף פאַר אַ רעוואָלוציאָ־נערן אַקט, וואָס דאָס דאָזיקע יידישע שניידערל איז באַגאַנגען.

אָבער די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע האָט אים אַריבערגעשמוגלט די גרע־נעץ און ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער הויפּט־שטאָט פון דער שווייץ — צו בערן.

פון אָנהויב האָט די פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט געהערט, זיך אינ־טערעסירט מיט אים, אָבער שפּעטער זענען געקומען אַנדערע בילכערע און קאָנטיקערע און מען האָט עפּעס פאַרגעסן אין דעם יונגן שניידערל.

אגב האָט מען טאַקע נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אים: אַרבעטן האָט ער נישט געוואָלט, דאָס ליידיקגיין איז ביי אים געוואָרן אַ צווייטע נאַטור.

וועגן לערנען האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין, ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט און ער האָט נישט געוווּסט מיט וואָס מען עסט עס.

איז ער אַרומגעגאַנגען שטיל איבער די גאַסן פון בערן, אין וועלכע די רוסישע סטודענטן און סטודענטקעס האָבן געוועגלעך געוווינט, און האָט שטיל געשמייכלט, עפּעס טרויעריק האָט ער געשמייכלט.

יאָרן פלעג איך אים באַגעגענען אויף די גאַסן, ער איז געוואָרן עלטער, אָפּגעלאָזענער און עפּעס אומגליקלעכער.

עסן פלעגט מען אים געבן אין דער רוסישער סטודענטישער קיך.

קליידן פלעגן אים די גוטע, האַרציקע סטודענטקעס און דאָס נעכ־טלעכע איז געווען מיט דירה־געלט.

איך האָב זיך אַמאָל צערעדט מיט אים און געפרעגט אים:

— וואָס איז דער תכלית?

האָט ער מיר געענטפערט טרויעריק:
— און זיין א שניידערל אין מיין שטעטל איז א תכלית?
און אַזוי יאָר איין יאָר אויס.

פּלוצלינג באַגעגן איך דאָס שניידערל אין איינעם פון די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט. ער זעט אויס גאַנץ פריש, ער איז אין א נייעם קאָס־טיום, אין נייע שיך און זיין גאַנץ אויסזען איז עפּעס ניי און זיין האַלטונג זיכערער.

איך דערוויס זיך פון אים, אַז ער הערט ווי א פּריוואַליקער סטו־דענט עטלעכע לעקציעס א טאָג, לעקציעס וועגן געשיכטע און וועגן עקאָ־נאָמיק.

און שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז איינע פון די סטודענטקעס, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף אים, האָט זיך מישב געווען און באַשטימט מאַכן פון אים א מענטש, און שוין נישט אויס רחמים, נישט אויס גוט־האַרציקייט, נאָר זי קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אים.

די סטודענטקע איז געווען א גאָר וווּל מיידל, אין די יאָרן, נישט קיין שיינע און נישט קיין איבעריק קלוגע, אָבער ביז גאָר א האַרציקער מענטש.

מיטלייד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ליבע, זאָרג פאַרן אומבאַהאָל־פענעם שניידערל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין צוגעבונדנקייט.
אָבער איינמאָל האָט פּאַסירט מיט אים ממש אן אומגליק.

נאָך א לעקציע איז ער צוגעקומען צום פּראָפעסאָר און אים עפּעס געפרעגט. דער פּראָפעסאָר האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט וואָס ער רעדט — דאָס שניידערל האָט גערעדט פּשוט יידיש, ער האָט נישט בא־הערשט אויף אַזוי פיל דייטש צו קענען זאָגן אין דער דאָזיקער שפּראַך עטלעכע מענטשלעכע ווערטער.

דאָס אָרעמע שניידערל האָט אויסגעזען אַזוי אומגליקלעך, אַז עט־לעכע סטודענטן, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט.
און פון דענסטמאָל אָן איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן.
און נאָך אים, די גוטע, האַרציקע חברטע זיינע.
ממש ווי אין וואַסער אַריין.

און וויפל איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, קיינער האָט גאָרנישט גע־
ווּוסט וואָס צו זאָגן...

* *

אין אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך צווישן
דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט שטאַרק פאַרשפּרייט די תורה פון א דייַ־
טשישן געשמדטן יידן מיטן נאָמען קאַרל מאַרקס און זיין קריסטלעכן
דייטשן פריינד, אַן אַלטן בחור און פאַרמעגלעכער מענטש — פרידריך
ענגעלס.

ממש ווי א פייער בשעת א שטורעם האָט זיך זייער תורה פאַר־
שפּרייט צווישן דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

די דאָזיקע טעאָריע פון סאָציאַליזם האָט געהייסן „וויסנשאַפטלע־
כער סאָציאַליזם"; זי איז א טעאָריע ווי אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס,
אָבער זי איז געבויט וויסנשאַפטלעך.

אַלע טעאָריעס זענען געווען ווונטשן, שטרעבונגען, די באַוועגלעכע
קראַפט זייערע איז געווען אידעאַליזם, זענען געווען אוטאָפּיעס, דער
מאַרקסיזם האָט באַוויזן, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג גופא פירט עוואָ־
לוציאָניסטיש צום סאָציאַליזם; קאַפּיטאַל טוט און קאָנצענטרירט זיך אין
די הענט פון גרויסע קאַפּיטאַליסטן, דער קלענערער קאַפּיטאַליסט ווערט
דורך דער קאָנקורענץ פון גרויס־קאַפּיטאַל אַרויסגעשטויסן, דער קליינער
הענדלער און דער קליינער פאַבריקאַנט האָט קיין ברירה, ער מוז ווערן
א פּראָלעטאַריער, און אזוי אַרום ווערט דער פּראָלעטאַריאַט אַלץ גרע־
סער און גרעסער אין צאָל און די קאַפּיטאַליסטן אַלץ קלענער און קלע־
נער אין צאָל, ביז עס וועט קומען א צייט, ווען עס וועלן זיין מיליאָנען
און מיליאָנען פּראָלעטאַריער און עטלעכע גוואַלדיקע מאַגנאַטן־קאַפּי־
טאַליסטן.

דאַן וועט די רעוואָלוציע קומען פון זיך אַליין:

דער פּראָלעטאַריאַט וועט פשוט צונעמען ביי די עטלעכע קאַפּי־
טאַליסטן אַלע זייערע פאַבריקן און אַליין ווערן דער באַלעבאָס.

די דאָזיקע טעאָריע האָט זיך געלייגט גוט אויפן שכל, מען האָט

זי גיך צעקייט און גיך באַנומען. צו דער דאָזיקער ריין עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערער טעאָריע איז צוגעקומען אַ מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, וואָס זאָגט נעמלעך — אַלץ אויף דער וועלט, דער עיקרשט די מענטשלעכע געשיכטע, דרייט זיך אַרום עקאָנאָמישע אינטערעסן, די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז די געשיכטע פון געראַנגלס צווישן די פאַרמעגלעכע קלאַסן און די אָרעמע קלאַסן, אַמאָל צווישן פּויערים און פּריצים, אַמאָל צווישן סתם רייכע און אָרעמע.

די דאָזיקע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, וואָס איז דער באַזיס פון מאַרקסיזם, איז געווען נישט פרעמד דעם רוסישן אינטעליגענט, אין אַן אַנדער פאָרם איז זי שוין געווען גוט באַקאַנט פון רוסישע דענקער און האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער.

הכלל — דער מאַרקסיזם האָט געפונען דעם סאַמע פּרוכטבאַרן באָדן אין רוסלאַנד, ווו עס זענען אָפט פאָרגעקומען בונטן פון פּויערים קעגן די פּריצים און בונטן פון אַרבעטער קעגן זייערע באַלעבאַטים.

איז אין יענער צייט יעדער אינטעליגענט געווען אַ גרויסער בקי אין קאַרל מאַרקסעס תורה.

ווער רעדט נאָך, ווען איינער האָט נאָך צעקייט דאָס בייכיקע בוך פון קאַרל מאַרקס, וואָס הייסט „קאַפּיטאַל”, אין וועלכן עס רעדט זיך אַרום ברייטלעך און גרינטלעך דער כאַראַקטער פון קאַפּיטאַל און פון זיין קאָנצענטראַציע, איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט ממש געהאַט די וועלט מיט איר גאַנצן אינגעווייד אויף זיין דלאָניע.

און יעדער אינטעליגענטער בחור האָט געקענט רעדן שעהען און שעהען וועגן מאַרקסיזם, און נישט סתם רעדן, נאָר קלוג רעדן, טיפזיניק רעדן, שאַרפזיניק רעדן.

און אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר, אַזוי פאַרשטענדלעך...

פלעגט זיך באַגעגענען אַן אינטעליגענטער בחור מיט אַן אינטערעסאַנט מיידל, פלעגט דער בחור נישט רעדן מיטן מיידל וועגן ליבע, חלילה, ער פלעגט רעדן וועגן מאַרקסיזם, אָדער ער פלעגט זיך דערקלערן דעם מיידל אין מאַרקסיזם, און דאָס איז געווען דאָס נעמלעכע ווי דערקלערן זיך אין ליבע...

מאַרקסיזם איז געווען אין יענע ציַיטן דער דערפאָלגרייכסטער שדכן.

מיידלעך פלעגן נישט קענען ביַישטיין דער געוואַלדיקער לאָגיק און דער געוואַלדיקער שאַרפקייט פון מאַרקסיזם, ווען, פאַרשטייט זיך, א יונגער מענטש פלעגט מיט ברען און מיט חכמה רעדן וועגן מאַרקסיזם.

* *

זענען די סטודענטן און די פּאָליטיש־עמיגראַנטישע קאָלאָניעס געווען פול ממש מיט מאַרקסיסטישע נודניקעס.

פלעגט זיך צוזעצן צו אייך, אָדער צו א מיידל, אזא מאַרקסיסטישער נודניק, זייט איר געווען אַן אַרעסטירטער ממש אויף א שעה זעקס־זיבן.

די דאָזיקע נודניקעס פלעגן אויסוויילן זייערע קרבנות דערעיקרשט צווישן דעם שיינעם געשלעכט, צווישן די סטודענטקעס.

דער וויַיבערישער עלעמענט, וואָס לעבט צום גרעסטן טייל עמאָציאָנעל, האָט דעם מאַרקסיזם נישט גוט צעקייט, פלעגן די סטודענטקעס גערן הערן אזא נודניק. אגב, זענען געווען צווישן זיי טאַקע גוטע און שאַרפע קענער פון מאַרקסיזם, און דערצו נאָך פלעגן זיי זיין גוטע אגיטאַטאָרן, דאָס הייסט, גוטע רעדנער.

פלעגט קומען אזא נודניק צו גאַסט צו א סטודענטקע, לאָמיר זאָגן זונטיק עלף אין דער פרי, פלעגט ער נישט פאַרטיק ווערן פריער ווי עלף אין אָוונט.

די גרעסטע נודניקעס זענען געווען די יונגינקע פּאָליטישע עמיגראַנטן, זיי פלעגן זיך ראַטעווען פון דער רוסישער אכראַנקע קיין אויסלאַנד, זיי זענען געווען א ציַיט שטיקלעך העלדן, מען פלעגט זיי גערן הערן, איז עס זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי פלעגן כאַפּן א קרבן, פלעגן זיי אים נישט אָפּלאָזן ביז יענער פלעגט פשוט חלשן אין זייערע הענט . . .

אָט וואָס א סטודענט, א פריַינט מיַינער, האָט מיר אַמאָל דערציילט:

אין א הויז, אין וועלכן איך וווין, וווינט אויך א סטודענטקע, א צאַרט מיידל, א שוואַכינקע, אָבער א גוטהאַרציקע, א ליבע און א געטריַיע נשמה

איז אמאָל געקומען צו איר א יונגער מענטש, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געראַטעוועט פון רוסלאַנד, און האָט געהאַט צו איר גרוסן פון פריינט און אייגענע.

איז ער געקומען צו איר עלף אין דער פרי זונטיק.

זי האָט אים אויפגענומען מיט פרייד און מיט גרויסער גאַסטפריינט־לעכקייט.

ער האָט צוגעבויסן, דערציילט וועגן די פריינד פון דעם מיידל, אָבער באַלד איז ער אריבער צום מאַרקסיזם.

דאָס גוטע מיידל האָט צוגעגרייט מיטאָג, ער האָט געגעסן און גע־רעדט וועגן מאַרקסיזם, שפּעטער האָט זי געמאַכט טיי, דער יונגער מענטש האָט געטרונקען טיי און גערעדט וועגן מאַרקסיזם, האָט זי ווייטער געמאַכט טיי און דערלאַנגט פרוכט, און ער האָט געטרונקען טיי, געגעסן פרוכט און גערעדט וועגן מאַרקסיזם.

עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן פינצטערלעך, האָט דאָס מיידל צוגע־גרייט אָוונט־ברויט, ער האָט געגעסן אָוונט־ברויט און גערעדט וועגן מאַרקסיזם.

עס איז געוואָרן ניין אזייגער און זי האָט געמאַכט ווידער טיי, האָט ער געטרונקען טיי און גערעדט וועגן מאַרקסיזם.

אזייגער עלף, ווען איך בין געקומען פון גאַס, קלאַפּט די באַלעבאָס־טע, א ווילע שווייצאַרישע פרוי, אין מיין טיר עפּעס נערוועז און שטאַר־קער ווי געוויינלעך.

איך עפן די טיר, איך זע, די באַלעבאָסטע איז בלייך און קוים וואָס זי קען ארויסרעדן א וואָרט.

——— מיט דער פרײלין מ. איז עפּעס געשען, קומט אריין שנעל...

איך בין אריין, די פרײלין מ. ליגט א געחלשטע.

איך פרעג דעם בחור, וואָס איז אויך געווען שטאַרק צעטומלט, וואָס אזוינס איז געשען ?

קוועטשט ער מיט די פּלייצעס :

— איך ווייס נישט, מיר זענען געזעסן און גערעדט, מיטאַמאָל איז איר געוואָרן נישט גוט.

הכלל — מיר האָבן באַלד געהאַט א דאָקטאָר, ער האָט זי אָפּגע־

מינטערט און איז אוועק און געלאָזן דאָס מיידל בלייך און מיט אויס־געלאָשענע אויגן.

*   *

אויף מאָרגן איז זי אַפּגעלעגן דעם גאַנצן טאָג אין בעט.

פּאַרנאַכט־צייט בין איך אריין זען וואָס זי מאַכט, זי איז שוין גע־קומען איינגאַנצן צו זיך.

האָב איך אָנגעהויבן צו פונאַנדערפרעגן וואָס אזוינס איז געשען.

דערציילט דאָס מיידל מיט דער גרעסטער תמימות:

דער יונגערמאַן האָט מיר געבראַכט א גרוס פון מיינע פריינד אין רוסלאַנד, מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, ער איז א זייער אינטערעסאַנ־טער בחור, ווייסט א סך, האָט א גוטן קאָפּ, קען רעדן טאָג און נעכט וועגן מאַרקסיזם, ער האָט דעם מאַרקסיזם אויף זיינע צען פינגער, ענדיקט זי מיט גרויסער באַוואונדערונג.

— ווי לאַנג איז ער געזעסן ביי אייך ?

— א ביסעלע צופיל — זאָגט די סטודענטקע מיט א פרומען שמייכל.

— וויפל אַן ערך איז ער געזעסן — פרעג איך ווייטער.

— צוועלף שעה.

— צוועלף שעה ?

— אָבער עס איז געווען אינטערעסאַנט.

פאַר מיין אוועקגיין זאָגט זי מיר:

— איך וועל אייך בעטן א טובה, זוכט אים אָפּ, ער הייסט ק. ער וווינט ביי א חבר אויף דער גאַס ג. און זאָגט אים, אז איך אנטשולדיק זיך פאַר אים און איך בעט אים זייער און זייער קומען צו מיר און מיר וועלן גיין עסן אָוונט־ברויט צוזאַמען. ער איז זייער און זייער אַן אינ־טערעסאַנטער מענטש...

איך האָב זיי אָנגעהויבן צו זען אַלץ אָפטער און אָפטער.

און אין א קורצער צייט אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט . . .

18

מיין קורצע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט

אין א שיינעם פרימאָרגן, ווען דער סעמעסטער האָט זיך פאַרענ־דיקט, איז ממש קיין סטודענט און קיין סטודענטין נישט געבליבן אין בערן; כמעט אַלע זענען אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, יעדער סטודענט און יעדע סטודענטין זענען עפּעס פון א געהיימער האַנט מאָביליזירט געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

עס איז געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַרמעסט פון רוסישן פאָלק מיטן אַלטן, צעפוילטן צאַריזם.

דער צאַריזם האָט געליטן א שענדלעכע מפּלה אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, מיט א מלוכה, וואָס איז געווען קוים א צענטל גרויס פון רוסלאַנד, און די באַפעלקערונג קוים א דריטל פון דער רוסישער באַפעל־קערונג.

דער גרויסער גולם, דאָס צאַרישע רוסלאַנד, האָט פאַרלוירן די מלחמה מיט א קליין, אַזיאַטיש פאָלק.

און אַלע זענען געווען זיכער, אַז עס איז דער סוף פון צאַריזם.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד, און אָט־אָט שווענקען זיי אַראָפּ דעם צאַריזם און די גאַנצע רוסישע פינצ־טערניש, רוסלאַנד ווערט פריי, דאָס מאַמעלע רוסלאַנד ווערט פריי און זי נעמט אין איר גרויסן שויס אַלע קינדער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און קושט זיי און האַלדזט זיי און דריקט זיי צו צו איר גרויס און וואַרעם האַרץ.

דאָס איז געווען אַזוי זיכער, אַז כמעט די גאַנצע סטודענטישע קאָ־לאָניע איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון „רוסישע" סטודענטן, אַלע האָבן זיך א לאָז געטאָן קיין רוסלאַנד צוצוטראָגן זייער צושטייער צו דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד.

איך האָב זיך אויך א לאָז געטון מיטן שטראָם קיין רוסלאַנד.

איך בין נישט געווען קיין טעטיקער רעוואָלוציאָנער, מיינע פּאָו־

בינדונגען מיט דער פּאַרטיי פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן זענען געווען ביז גאָר לויזע, וווייטער פון סימפּאַטיעס זענען זיי נישט געגאַנגען.

איך האָב עפּעס נישט געקענט זיין קיין פּאַרטיי־מענטש, אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

אויף דער רוסישער גרענעץ בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ פּאָר שעה; די רוסישע אָכראַנקע האָט הפּנים באַמערקט דעם האַסטיקן צוריקקער פון די רוסישע סטודענטן פון אויסלאַנד אַהיים.

קיין פאַרדעכטיקס האָט מען ביי מיר נישט געפונען און מען האָט מיך נאָך אַ לאַנגער און נודנער חקירה־ודרישה געלאָזן פאָרן.

ממש אויף מאָרגן נאָך מיין קומען האָב איך שוין געהאַלטן אַ רעדע אין וואַלד ביי מיין שטעטל, און באַלד האָט מען מיך גענומען אַרויספאָדערן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

מיין צווייטער אויפטריט, ווידער אין אַ וואַלד, איז געווען אין אַ דיסקוסיע מיטן „בונד"; היות ווי מיינע אָפּאָנענטן זענען געווען לאָקאַלע קרעפטן בין איך, לויט דער מיינונג פון אַלעמען, אפילו פון די בונדיסטן גופא, אַרויס דער זיגער.

און די נאָכפראַגע אויף מיר איז געוואָרן גרעסער.

איך האָב אָבער געפילט, אַז אַגיטאַציע איז נישט מיין באַרוף און אַז איך בין בטבע נישט קיין פּאַרטיי־מענטש.

און בכדי צו זיין אַ גוטער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַטאָר און דעבאַטאַנט האָט מען געמוזט זיין אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ פאַנאַטישער פּאַרטיי־מענטש, און דאָס בין איך נישט געווען.

איך האָב עס איינגעזען גאָר באַשיינפּערלעך אויף דער פּראַקטיק און מיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז געווען אַ קורצע ביז גאָר.

עס איז כמעט נישט געבליבן קיין שפּורן פון מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

בלויז אין איין אַלמאַנאַך פון דער שטאָט פּרוזשאַני, אין גראָדנער גובערניע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמות, איז דערמאָנט מיין באַזוך אין פּרוזשאַני ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַטאָר, און דאָס נישט אין זכות פון מיין רעוואָ־

לוציאָנערער טעטיקייט, נאָר גיכער אין זכות פון מיין שפּעטערדיקער שרייבערישער טעטיקייט.

זענען מיר געבליבן אין זכרון בלויז עטלעכע ביז גאָר טשיקאַווע עפּיזאָדן פון מיין קורצער טעטיקייט ווי א פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער.

איך בין געקומען אין א שטעטל, איך בין פאַרפאָרן צו דעם שטילן ביבליאָטעקאַר, אַ ווילער הארציקער יידישער אינטעליגענט, פאַרשטייט זיך, אַ פרומער סאָציאַליסט, כאָטש ווייט נישט קיין ציוניסט־סאָציאַליסט.

איך האָב געהאַט די ערשטע באַגעגעניש מיט דער יוגנט אין וואַלד און אין א טאָג צוויי־דריי האָט באַדאַרפט זיין א גאָר גרויסע פאַרזאַמלונג. און איך האָב זיך צו איר געגרייט ערנסט, ווייל עס האָבן זיך געגרייט מיך מקבל פּנים זיין אַ בונדיסט, אַ פּראָפעסיאָנאַל, אַן „איסקראַוועץ" און א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, הכלל — איך האָב זיך באַדאַרפט גוט אונטערגאַרטלען.

זיץ איך מיר איבער ביכער לעגאַלע און נישט־לעגאַלע און מאַך מיר נאָטיצן.

פלוצלינג קומט אַריין די באַלעבאָסטע אַ דערשראָקענע :

— דער פּריסטאַוו איז דאָ, ער וויל אייך זען.

איך בין געווען זיכער, אַז ער איז געקומען מיך אַרעסטירן, ווי אַנדערש? אָבער אַנטלויפן קען איך נישט, מען מוז אַרויס צום פּריסטאַוו.

איך זע פאַר מיר דעם פּריסטאַוו א שמייכלענדיקן, ער גיט מיר די האַנט און פרעגט צי קען ער האָבן מיט מיר א שמועס אויף פיר אויגן.

— אדרבא !

איך האָב אים אַריינגענומען אין מיין צימער, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַרלעגן געשמייכלט און נישט געוווּסט ווי אָנצוהויבן דעם שמועס מיט מיר, ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט מיר געזאָגט :

— איך בין געקומען אייך בעטן, אַז איר זאָלט אַוועקפאָרן פון שטאָט. אַרעסטירן אייך וויל איך נישט, מיין לעבן איז מיר טייער, איך בין אַ יונגער מענטש, איך האָב אַ פרוי און קינדער, און אין דער איצטיקער

צייט לייגט מען אוועק אַן אונדזעריקן, אויב ער איז נישט גענוג קלוג און גישט פּאָרזיכטיק, איינס־צוויי . . .

אָבער היות ווי די העכערע גאַטשאַלסטוואָ ווייסט אויך פון אייער באַזוך ביי אונדז און וועגן דער גרויסער פּאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף פאָר־קומען מאָרגן אין וואַלד, מוז איך עפּעס טאָן, אַרעסטירן אייך וויל איך נישט, איך וויל נישט איינשטעלן מיין לעבן, מיט אַ טאָג דריי צוריק האָט מען דערשאָסן אַ פּריסטאַוו אין מיטן גאַס, אין דערבייאיקער שטאָט, איך האָב נישט קיין חשק דערשאָסן ווערן, בעט איך אייך מיט גוטן, פאָרט אוועק, לאָזט אונדז צורו . . .

דערהערט אַזעלכע דיבורים בין איך געוואָרן זיכערער ביי מיר, ווי־באַלד עס האַלט שוין ביים בעטן, מעג איך זיך לאָזן בעטן.

— ניין, זאָג איך דעם פּריסטאַוו, די מאָרגנדיקע פאַרזאַמלונג מוז פּאָרקומען, אָבער איך זאָג אייך צו, אַז נאָך דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמ־לונג פאָר איך אוועק (איך האָב סיי־ווי באַדאַרפט אוועקפאָרן נאָך דער מאָרגנדיקער פּאַרזאַמלונג).

דער פּריסטאַוו האָט פּרובירט איינטענהען מיט מיר, אָבער צום סוף איז ער איינגעגאַנגען אויף מיין פּשרה, און מיר האָבן זיך צעשיידט פריינדלעך.

דאָס איז געווען די לאַגע אין גאַנץ רוסלאַנד כמעט, רעוואָלוציאָנערן זענען באַהאַנדלט געוואָרן מיט גרויסער פּאָרזיכטיקייט.

* *

און נאָך אַ טשעקאַווע מעשהלע, וואָס באַווייזט ווי די באַפעלקע־רונג האָט זיך באַצויגן צו די רעוואָלוציאָנערן:

דאָס האָט פּאַסירט טאַקע, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין דער אויבנדערמאַנטער שטאָט פּרוזשאַני.

איך זיץ איינינקער אַליין אין מיין צימערל אין דער אכסניא, און וועלכער מען האָט מיך באַשטאָט.

ארויסגיין אין גאַס איז געפערלעך, אַ נייער מענטש, וועט מען באַלד באַמערקן און פּאָליציי וועט זיין אויף דיין שפּור.

און באַמערקן האָט מען געקענט לייכט אַ רעוואָלוציאָנער, אַ רע־וואָלוציאָנער האָט אויסגעזען מוראדיק רעוואָלוציאָנעריש, ער האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן; ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר, געגאַנגען אין אַ שוואַרץ העמדל איבער די הויזן, און, פאַרשטייט זיך, ברילן האָבן געריטן אויף זיין נאָז מיט אַ מוראדיקן ערנסט.

עס איז געווען ביז גאָר טשעקאַווע — אַלע רעוואָלוציאָנערן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען קאָנספּיראַטיוו, זיי האָבן געטראָגן פרעמדע נעמען. זיי האָבן געהאַט פאַלשע פּאַספּאָרטן, זיי האָבן זיך, הייסט עס, געהיט, אַז מען זאָל זיי נישט דערקענען, אָבער די קליידונג און די גאַנצע באַנע־מונג זייערע האָט ממש געשריען:

— אָט גייט אַ רעוואָלוציאָנער!

— דאָס געהערט צו קוריאָזן פון דער רעוואָלוציע.

זיץ איך מיר קאָנספּיראַטיוו אין מיין צימערל.

פּלוצלינג עפנט זיך האַסטיק די טיר פון מיין צימער און אַ מאַן און אַ פרוי שיטן זיך ממש אריין אין מיין צימער.

און גלייך קומען זיי פּינקט:

— פריער איר און דערנאָך גאָט, איר מוזט אונדז ראַטעווען.

און די פרוי קומט ארויס מיט איר מענה־לשון:

— מיין מאַן האָט אַ געשעפט מיט אַ שותף, האָט אונדז דער שותף באַגנבעט און האָט אונדז געלאָזן ווי איר זעט אונדז — אָן סחורה און אָן אַ גראָשן געלט.

ראַטעוועט אונדז!

איך האָב געקוקט אויף דעם יידן און אויף דער פרוי און איך בין געווען זיכער, אַז זיי האָבן דאָ עפּעס פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ נישט־ריכטיקן אַדרעס.

זאָג איך צו זיי:

— איר זענט נישט אויפן ריכטיקן אַדרעס, איך בין נישט דער, וואָס קען און דאַרף אויסגלייכן אַזעלכע סכסוכים.

שמייכלט די פרוי און זאָגט:

— מיר זענען שוין אויפן ריכטיקן אַדרעס, מיר ווייסן שוין גוט וועמען זיך צו ווענדן . . .

שלאָג איך איבער די פרוי און זאָג איר — איר נעמט דעם שותף צום רב, צום ריכטער, איך האָב גאָרנישט צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן.

— הארעלע, — שמייכלט ברייט די פרוי, — נישטאָ איצט קיין רב, קיין ריכטער, אייערע זענען איצט די רבנים און די ריכטער, איר זאָגט א וואָרט איז עס געזאָגט, כען האָט מורא פאַר אייער'ן א וואָרט, מען הערט איצט קיינעם נישט אויסער אייערע מענטשן.

אָט איז מיט צוויי וואָכן געווען דאָ אַן אייעריקער, האָט ער אַזאַ גנב ווי אונדזער שותף געהייסן אָפּשטעקן דאָס געגנבעטע געלט און ער האָט עס באַלד אָפּגעשטעקט.

איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם פּרעמדן סכסוך, אָבער עס האָט מיר געקאָסט מי און עקשנות צו פּטור ווערן פון דעם ייד און זיין פרוי.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען מעשים בכל יום.

רוסלאַנד האָט אין דער צייט פון ערב דער רעוואָלוציע ממש נישט געהאַט קיין שום אויטאָריטעט, פאַרלוירן די אויטאָריטעט האָט דער רב, די באַלעבאַטים און אַנדערע דעה־זאָגער.

האָט דאָס פאָלק זיך אָ לאָז געטאָן צו די רעוואָלוציאָנערע פירער ווען עס איז געקריוודעט געוואָרן, ווען עס איז באַוועלהט געוואָרן.

און די רעוואָלוציאָנערן האָבן קיין ברירה נישט געהאַט, זיי האָבן געמוזט איבערנעמען נישט־אָפיציעל, פאַרשטייט זיך, די אויטאָריטעט.

איך האָב זיך באַגעגנט אין אַן אַנדער שטאָט מיט אַ צווייטן רעוואָ־לוציאָנערן אַגיטאַטאָר, מיר האָבן ביידע באַדאַרפט אַרויסטרעטן אין אַ שטאָט.

האָבן זיך צו אונדז אַ שאָט געטון יידן און יידענעס מיט דין־תורות.

מיין חבר האָט זיך ערנסט און מיט שטאַרקן חשק פאַרנומען מיט די אַלע קלאַגעס און סכסוכים.

און ווען איך האָב אים געפרעגט:

— עס איז דאָך נישט אונדזער עסק, וואָס פאַרנעמט איר זיך מיט דעם?

— עס איז שוין גאָר אונדזער עסק, מיר נעמען איבער די מאַכט,

מיר טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון דער מאַכט, ווען דאָס פאָלק טראָגט זי אונדז אונטער . . .

עס איז אויטאָריטעט. נישט פאַר אונדז. נאָר פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט מיין חבר פּייערלעך דערקלערט.

און וואָס ווייטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין חבר איז גערעכט; דאָס פאָלק האָט געזוכט אַן אויטאָריטעט פאַר אויסגלייכן זייגע טאָג־טעגלעכע סכסוכים און אויסהערן קריוודעס און קלאָגעס.

* *

און נאָך אַ פּאַסירונג, וואָס גיט אַ קלאָר בילד פון דער רעוואָלוציאָנערער ברוּיזיקייט אין די צייטן פון ערב דער ערשטער רעוואָלוציע.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין אַגיטאַציע־רייזע אין סלאָנים, פון סלאָנים האָב איך באַדאַרפט פאָרן מיט דער באַן צוויי־דריי שעה און דערנאָך מיט אַ פור צוויי שעה.

אויף דער באַן האָט מיך באַגעגנט אַ הויכער שוואַרצער בחור, מיט אַ גוואַלדיק געדיכטער, שוואַרצער טשופּרינע.

ער האָט אויסגעזען ממש ווי אַ וואַלד־גזלן.

ער האָט זיך ווי אומבאַמערקט אַ ריב געטון אין מיר און האָט מיר אַריינגעשושקעט דעם נאָמען פון דער אכסניא, וווּהין איך דאַרף פאַרפאָרן.

אין אכסניא האָט מען מיך הפנים דערוואַרט און דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע האָבן דערשראָקענע און צעטומלטע מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער און באַלד נעלם געוואָרן.

שפּעטער איז אַריינגעקומען שטיל, ווי אין זאָקן, אַ יונגער אינטעליגענטער מענטש, האָט מיך באַגריסט און זיך פאָרגעשטעלט ווי דער פירער פון דער גרופּע ס. ס.

און ער איז מוראַדיק קאָנספּיראַטיוו, ער רעדט שטיל, מיט האַלבע ווערטער און קוקט זיך כסדר אַרום.

פרעג איך אים — וואָס איז דער מער ?

— ביי אונדז איז די זשאַנדאַרמעריע ממש צערייצט, זי שלאָגט,

זי ארעסטירט, זי האָט אומעטום שפּיאָנען, הכלל — מען מוז זיין פאָר־זיכטיק.

פרעג איך אים וואָס איז די סיבה?

— מיר האָבן דאָ א היבש ביסל אנאַרכיסטן און זיי האָבן אוועק־געלייגט דאָ א פּריסטאַוו און עטלעכע פּאָליציאַנטן, קומט דאָ פאָר ממש א מלחמה. איך ראָט אייך זיין פאָרזיכטיק, אגב, אונדזערע גיבן אכטונג אויף אייך, און מיר האָבן יאָטן איינע און איינע, איר האָט דאָך געזען דעם, וואָס האָט אייך באגעגנט אויפן וואָקזאָל, אזעלכע חברים האָבן מיר א היבש ביסל. אָבער פאָרזיכטיקייט שאַדט נישט.

פאַרנאַכט, ווען איך בין שוין געזעסן אין וואַגאָן, האָב איך באַ־מערקט אויף אַן אנדער באַנק צוויי גרויסע געזונטע שוואַרצע בחורים מיט געוואַלדיקע שוואַרצע טשופּרינעס, זיי האָבן אויסגעזען ווי א צווילינג.

איינעם האָב איך דערקענט, ער איז געווען דער, וואָס האָט מיך באגעגנט אויפן וואָקזאַל אין כּלאָנים.

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די צוויי גיבורים באַגלייטן מיך, זיי זענען מיינע שומרים, איך האָב זיך דערפילט זיכערער און היימישער.

אין עטלעכע סטאַנציעס אַרום שטייג איך אויס פון באַן, איך גיי אַרויס פון וואָקזאַל לויפט מיר אַנטקעגן א בעל־עגלה, נעמט מיין פּעקל און זאָגט מיר — איר זענט מיין פּאַסאַזשיר.

פאָרן מיר.

באמערק איך, אַז מיר פאָרן זייער לאַנגזאַם.

קלער איך מיר — מילא, לאַנגזאַם איז לאַנגזאַם. אָבער ווי מיר זענען אַרויס אין פעלד זענען אַרויסגעשפּרונגען ווי פון אונטער דער ערד מיינע צוויי באַגלייטער, זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און געזעצט פון מיינע ביידע זייטן.

פאָרן מיר.

איך זוך צו פאַרבינדן א שמועס מיט מיינע צוויי וועכטער.

דאָס איז געווען זייער לייכט, אַלע זענען געווען גוואַלדיקע באַרע־דעוודיק אין יענער צייט, יעדער האָט פיל איבערגעלעבט, יעדער איז געווען עפּעס אויפגעלייגט און האָט גערן געשמועסט.

פרעג איך ביי מיינע צוויי באַגלייטער, די צוויי גיבורים מימיני ומשמאלי:

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

ענטפערן ביידע מיט אַמאָל:

— מיר זענען סופרים, מיר שרייבן ספרי־תורהס און תפילין.

— סופרים! האָב איך זיך פאַרוואונדערט.

— יאָ, שמייכלען די בחורים.

און איינער נעמט אַרויס פון פאַזוכע א רעוואָלווער און שפּילט זיך מיט אים:

— וואָס זאָגט איר אויפן „שפּייערל" (א שפּייער האָט געהייסן א רעוואָלווער אויף דעם יידיש־רעוואָלוציאָנערן לשון).

קיין גרויסער מבין אויף „שפּייערס" בין איך נישט געווען, אָבער דער „שפּייער" איז געווען א נייער און איך האָב געזען, אז דער בחור, דער סופר, איז פאַרליבט אין זיין שפּייער, אזוי פאַרליבט, אז ער רופט אים ווי א געליבט קינד — „שפּייערל".

מיך האָט אָבער אינטערעסירט נישט דער „שפּייער", מיך האָבן האָבן אינטערעסירט די צוויי מאָדנע סופרים, וואָס שרייבן ספרי־תורהס און תפילין.

הויב איך אָן ווייטער א שמועס מיט זיי וועגן זייער סופרעריי:

— זענען יידן צופרידן מיט אייערע ספרי־תורהס און תפילין?

— מיר שרייבן ספרי־תורהס און תפילין פאַר אמעריקע, פאַר די אונדזעריקע האָבן מיר פרומע סופרים.

— וויפל סופרים אזעלכע ווי איר זענען דאָ אין סלאָנים?

— עס זענען דאָ ביי א פופציק־זעכציק סופרים אזעלכע ווי מיר.

— זענען אַלע רעוואָלוציאָנערן?

— אהא, ענטפערן ביידע צוזאמען, מיר האָבן יאַטן, וואָס האָבן שוין אוועקגעלייגט נישט איין פאָליציאַנט, מיר האָבן אנאַרכיסטן, גע־פערלעכע יונגען, זיי זענען די בעסטע שיסער.

איך קוק אויף די בחורים און איך מיין, אז זיי שפּאַסן, אָבער איך קוק אויף מיינע באַגלייטער און אויף דעם רעוואָלווער, מיט וועלכן איי־

נער פון זיי שפילט זיך, און כ'זע באשיינפערלעך, אז איטלעכס ווארט איז אמת ויציב.

מיר פארן שטיל, פון וויטן וואקסט אוים מיטאמאל א שטעטל, מיינע צוויי באגלייטער שפרינגען אראפ פון דער פור און ווערן נעלם.

דער בעל עגלה פארפירט מיך אין א פריוואט הויז.

איך געפין זיך אין הויז פון דעם ציין־דאקטאר פון שטעטל.

איך בין זיין און זיין ליבער פרוים גאסט.

קיין פארזאמלונג איז נישט פארגעקומען: די פאליציי איז געפאלן אויפן שפור פון דער פארזאמלונג, וואס האט געזאלט פארקומען.

ווען איך האב געווארט ביים ציין־דאקטאר, אז מ'זאל מיך מיטנעמען אויף דער פארזאמלונג, זענען די צוויי רעוואלוציאנערע סופרים אריינגעפאלן אן אן אטעם צום ציין־דאקטאר און מיר געזאגט:

— קומט שנעל . . . .

אלע האבן מיר פארשטאנען, אז מיר דארפן קיין קשיות נישט פרעגן, איך האב געכאפט מיין קליין פעקל און ווי א רוח געלאזן זיך מיט די צוויי באגלייטער מיינע.

ווייט־ווייט הינטערן שטעטל האט געווארט אויף אונדז א פור.

זי האט אונדז געבראכט אויף אן אנדער באן־סטאנציע, די באן איז אנגעקומען, איך בין אריינגעשטיגן.

אין מיין קעשענע האב איך געפונען א בילעט קיין בריסק.

געקומען קיין בריסק האב איך גענומען א באן צו מיין שטעטל.

איך האב איבערגעריסן מיין רייזע און אראפגעפארן אהיים צו זען מיין פאטער, מוטער, ברידער און שוועסטער.

און דא האט מיך ממש ווי א דונער געטראפן א שרעקלעכע נייעס, וועגן וועלכער דאס שטעטל מיינס האט גערעדט בסוד.

א בחור, א בונדיסט האט דערשטאכן אויף טויט א יונגן ציוניסט־סאציאליסט אין א ביטערער דעבאטע.

מיין שוועסטערל, רחל, א ציוניסטין־סאציאליסטין, איז געווען שרעקלעך באטריבט; און מיין מוטער האט מיר פארטרויט, אז דער דערשטאכענער יונגער ציוניסט־סאציאליסט איז געווען מיין שוועסטערלס חתן.

די דאָזיקע פינצטערע געשעעניש האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעק־לעכן איינדרוק.

אַלע האָבן געגלויבט דעם דערשטאָכענעם יונגן מענטשן; ער איז געווען, לויט אַלעמענס רייד אַ פיינער, אַ שטילער און ביז גאָר איבער־געגעבענער און באַוווּסטזיניקער פּאַרטיי־מענטש.

צום גרויסן שבח פון מיין שטעטל דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז מען האָט דעם יונגן מערדער נישט איבערגעגעבן דער פּאָליציי.

דער יונגער מערדער איז אַנטלאָפן ערגעץ און קיינער האָט אים נישט געזוכט.

איך האָב זיך דערוווּסט נאָך פאַלן פון הריגות צווישן די צעהיצטע יונגע פּאַרטיי־מענטשן, אָבער צו קיין מאָרד איז עס נישט געקומען.

איך גלויב, אַז דער מאָרד אין מיין שטעטל איז געווען דער איינ־ציקער פאַל.

שולדיק אין דער דאָזיקער בעכיקער שנאה צווישן די פאַרשידענע פּאַרטייען זענען געווען, פאַרשטייט זיך, די קלענערע פּאַרטיי־אַגיטאַטאָרס, אַנשטאַט לערנען, אויפקלערן; האָבן זיי גערייצט קעגן די קעגנערישע פּאַרטייען.

אָבער אויך אין די טאָמע שפּיצן פון די פירערשאַפטן איז אויך פאַרגעקומען כמעט דאָס נעמלעכע, די פראַקציאָנעלע שנאה האָט גע־ברענט ווי דער גיהנום.

איך האָב עס געזען אין די עמיגראַנטישע קאָלאָניעס אין בערן, אין ציריך, אין זשענעווע, אין בערלין און אין פּאַריז.

און ווען איין פּאַרטיי האָט באַקומען די מאַכט אין רוסלאַנד, האָט זי נישט געשאַנעוועט אירע אידעאָלאָגישע קעגנער, און האָט זיי מיט אַ לייכטן געוויסן דערשאָסן, אָדער פאַרשפּאַרט אין תפיסות.

דער מאָרד־פאַל אין מיין שטעטל האָט אייגנטלעך אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם פּאַרטיי־קאַמף צווישן די רוסישע רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

מיין קליין, שטיל שטעטל האָט געגעבן דעם ערשטן ביישפּיל, אָדער די ערשטע וואָרענונג וועגן דעם ווי די קומענדיקע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טיי, וואָס וועט באַקומען די מאַכט איבער רוסלאַנד וועט זיך באַנעמען אָדער אויפפירן.

די וואָרענונג פון מיין קליין שטעטל איז געווען א ריכטיקע, איך האָב עס געזען מיט מיינע אויגן, ווען די באָלשעוויקעס זענען געקומען צו דער מאַכט.

איך האָב מער קיין איינלאַדונגען צו ארויסטרעטן נישט אָנגענו־מען.

אגב האָט זיך דערגענטערט די צייט, ווען מיין אוניווערזיטעט האָט זיך געעפנט נאָך דער וואקאַציע.

איך בין אי אַ באַטריבטער און אי אַ גליקלעכער צוריקגעפאָרן קיין בערן.

און מיט דעם האָט זיך געענדיקט מיין רעוואָלוציאָנערע טעטי־קייט און מיין לויזע אנגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי.

אויף מיין גאַנץ לעבן איז ביי מיר געבליבן אַ שרעק פאַר אַ פּאַרטיי; זיין אַ פּאַרטיי־מענטש הייסט נעמען אויף זיך אַ דעה־זאָגער נישט צוליב גרויסן אינטעלעקט, נישט צוליב גזירישער איבערגעגעבנקייט צו די אי־דעאַלן פון דער פּאַרטיי, נאָר פשוט ווייל ער איז מער חצוף, וויניקער אויסקלייבעריש אין מיטלען און וויניקער מאָראַליש.

און באַשיינפּערלעך זעט איר עס אין אַמעריקע.

אין אַמעריקע איז עס קיין סוד נישט, מען רעדט וועגן דעם אָפן; דאָ איז דאָס קליין מענטשעלע דער פירער אין פּאָליטיק, אזוי אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק און אַזוי אין דער יידישע פּאָליטיק.

19

דער שווייצער

מיר האָבן געלעבט צווישן די שווייצער, אָבער מיר האָבן מיט זיי כמעט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט.

קיינער האָט אפילו נישט געמאַכט קיין פּראָבע צו דערנענטערן זיך איינער צום אַנדערן.

אונדז איז דער שווייצער געווען אי פרעמד, אי אומפארשטענדלעך.

אַט האָט אַ פֿאָלק די פֿולסטע פֿרייהייט.

עס קען רעדן פֿריי, אָבער עס שווייגט.

עס קען שרייבן פֿריי, אָבער עס שרייבט עפּעס אַזוי וואָכעדיק, אַזוי גלייכגילטיק און אַזוי קאַלט.

עס קען טאָן וואָס עס וויל, אָבער עס טוט גאָרנישט.

און דאָס לעבן פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק איז עפּעס אַזוי שטיל, אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי וואָכעדיק און אַזוי גרוי.

10 אין אָוונט שלאָפֿט די גאַנצע שווייץ, צווישן 12 און 2 בייטאָג עסן אַלע מיטאָג, 6 אַזייגער גייען אַלע אַהיים, די שווייץ עסט וועטשערע.

נאָך וועטשערע גייט מען אַרום הויז אָן רעקלעך.

זונטיק שערט מען דאָס גראָז אַרום הויז, מען באַגיסט דאָס גערטנדל, מען שמועסט שפּאַרעוודיק מיט די שכנים.

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן.

און מער רעדט מען גישט, נישטאָ וואָס צו רעדן, אַלץ איז שוין אָפּגערעדט.

און רעדן רעדט מען אין דעם בערנער קאַנטאָן עפּעס אַ מאָדנעם דייטשישן דיאַלעקט.

מען איז נישט גליקלעך און נישט אומגליקלעך.

מען איז נישט פֿריילעך און נישט טרויעריק.

מען איז נישט צופֿרידן און מען איז נישט־צופֿרידן.

אַלץ איז עפּעס אַזוי איינגעשטעלט, אַזוי נאָרמאַליזירט און אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אַלץ איז צו דער האַנט, אַלץ שטייט אויף אָן אָרט פֿון ששת ימי בראשית, און אַלץ וועט בלייבן שטיין עד סוף כל הדורות.

אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. אָדער סתם אין אָרדענונג, אַזוי אין הויז, אין גערטנדל, אין קיך, אין געשעפֿט און אין די פּראָפֿעסיעס.

די רעוואָלוציאָנערע רעדעס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, פֿון דעמאָלט אָן איז פּאָליטיש שטיל.

אַלע פֿרייהייטן זענען דאָ.

נישטאָ פאַר וואָס צו קעמפן, אַלץ האָבן די עלטער־זיידעס אויס־געקעמפט.

האָט אַ דאָרף, וואָס הייסט נערזאו, נישט געוואָלט צושטיין צו דער פעדעראַציע פון די שווייצאַרישע קאַנטאָנען, איז עס געבליבן עד היום אַ באַזונדערע רעפּובליק מיט צוויי פּאָליציי־לייט, מיט אייגענע שטייערן און מיט אַן אייגענעם בירגערמייסטער, וואָס איז אויך דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, וואָס באַשטייט פון אַ טוץ גאַסן. און קיינער קימערט זיך נישט וועגן דער דאָזיקער רעפּובליק, קיינער וויל זי נישט פאַרכאַפּן, קיינער וויל זי נישט קלענער מאַכן, ווי זי איז, און קיינער וויל זי נישט מאַכן שענער ווי זי איז.

מען לעבט באַקוועם, מען לעבט רואיק, מען לעבט באַשיידן, מען איז שטיל און ערלעך.

דאַרפסט נישט פאַרשליסן די טירן פון דיין הויז.

דאַרפסט זיך נישט היטן פאַר גנבים, פאַר רויבער און אַנדערע שלעק.

די מענער זענען עפּעס נישט מענעריש און די פרויען זענען נישט פרויאיש.

די מענער זענען מיטלגעוויקסיק.

די פרויען מאָגער מיט פלאַכע ברוסטקאַסטנס.

און ווען מען דאַרף זויגן קינדער קומט נישט אַרויס קיין מילך פון די פלאַכע ברוסטקאַסטנס.

איז עס אַ פּראָבלעם, אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

און מיט פּראָבלעמען לעבט מען זיך איין ווי מיט כראָנישע קראַנק־הייטן, אָדער ווי מיט פרויען, מעגן זיי זיין שיינע, אָדער מיאוסע.

אַלע גייען גלייך צו דער אַרבעט, דער באַנקיר אין באַנק, דער לערער אין שולע, דער אַרבעטער צו דער אַרבעט.

און אין די גאַסן איז שטיל, נישטאָ קיין מענטשן.

אַלע זענען ביי דער אַרבעט.

בלויז די פרויען און די „רוסן" זעט איר אין גאַס.

די „רוסן" האָבן בכלל נישט קיין איינגעשטעלטע צייט, די פרויען גייען איינקויפן פלייש, גרינס, אַ קלייד, שיך.

שטיל.

טייבעלעך און פייגעלעך שפּאַצירן אויף די גאַסן.
צוועלף אַזייגער שיטן זיך אַלע אַרויס אין די גאַסן.
עס איז מיטאָג־צייט.
נאָכן מיטאָג רוט מען.

פאַר צוויי — ווידער באַוועגונג אין די גאַסן, מען גייט צוריק צו דער אַרבעט, אין א פּערטל, אָדער האַלבער שעה אַרום איז ווידער טויט אין די גאַסן.

און אַזוי טאָג איין טאָג אויס, יאָר איין יאָר אויס.

* *

אפילו די שווייצאַרישע סטודענטן, די יוגנט איז אויך אַזוי.

זיי זעען אויס פּראָווינציעל, כמעט דאָרפיש, טעמפּלעכע פּנימער, שווערע, נישט־גראַציעזע באַוועגונגען, זיי זעען אויס ווי פאַרמער־בחורים, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין שטאָט.

אָבער זיי לערנען זיך בעסער ווי מיר, מיר כאַפּן די שפּיצן פון די לימודים, מיר זענען שאַרפער, אָבער זיי זענען גרינטלעכער, זיי זענען בעסער צוגעגרייט און פאַרמאָגן די נויטיקע טעכניק פון לערנען און שטודירן.

באַרגט איר אויס ביי אַ שווייצאַרישן סטודענט אַ פאַרשריבענע לעקציע, וואָס איר האָט דורכגעלאָזן, קוועלט איר ממש אָן; אַלץ איז אויסערסט פּינקטלעך פאַרשריבן, וואָס איז מליצה, שיין - רעדעריי איז דורכגעלאָזן, דער תוך, דער עיקר איז דאָ, און דער כתב איז פּערלדיק, און דער העפט איז ריין, און איר וועט נישט פאַרבלאָנדזשען זוכנדיק די לעקציע וואָס איר האָט נויטיק ווייל איבער יעדער לעקציע איז אָנגעגעבן גענוי דער טאָג, דער מאָנאַט, דאָס יאָר און אפילו די שעה ווען די לעקציע ווערט געוועהנלעך געהאַלטן.

זיי זענען נישט קיין עלויים, די שווייצאַרישע סטודענטן, אָבער וואָס זיי לערנען, האָבן זיי עס ווי אין קעשענע.

זיי זענען יונג, אָבער מוראדיק סאָליד.

עס איז דאָ אַ צייט פאַר שטיפעריי, אין דער צייט שטיפט דער שוויי־

צארישער סטודענט, ער קען אַלע שפּילערייען, ער ווייסט אַ סך לידער, דערהויפּט סטודענטישע, ער דערציילט גוטע וויצן און לאַכט האַרציק.

אָבער דאָס איז זונטיק.

דאָס איז ווען זיין סטודענטישע קאָרפּאָראַציע האָט אַ יום־טובֿל.

ער פילט זיך עפּעס נישט באַקוועם אין דער געזעלשאַפט פון די „רוסישע" מיידלעך, ער רויטלט זיך, ווען ער באַגעגנט זיך מיט די רוסישע סישע סטודענטקעס, מיט די דאָזיקע פרייע און קאָכיקע מיידלעך.

ער האָט זיין מיידל אַ שווייצאַריש מיידל, איז זי ווי ער, ער דאַרף נישט וויסן ווי צו רעדן מיט איר און ווי צו פלירטעווען מיט איר.

מיט זיין מיידל איז ער היימיש און פריי.

דער רוסישער סטודענט איז פאַר אים אַ רעטעניש, אַ טשעקאַווע באַשעפעניש, אַ מענטש פון מאַרס, ער איז נייגעריק צו שמועסן מיט אים, אָבער קיין הברשאַפט קען ער מיט אים נישט פירן.

אַ שווייצאַרישער סטודענט האָט מיך אַמאָל געפרעגט:

פאַרוואָס האָבן די רוסישע סטודענטן אַזוי ליב צו דיסקוטירן?

דערקלער איך אים:

— זיי האָבן פיל פראַגן און פּראָבלעמען צו לייזן, זיי שטייען פאַר אַ רעוואָלוציע, און ערב אַ רעוואָלוציע איז מען מוראדיק באַרע־דעוודיק.

דער שווייצאַרישער סטודענט האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער ווי איי־נער פאַרשטייט אַ ענין, וואָס איז אים ווייט און פרעמד.

איך געדענק נישט קיין פיל פאַלן פון ליבע צווישן אַ שווייצאַרישן יונגן סטודענט און אַ רוסישער סטודענטקע.

ווענגן חתונות איז אָפּגערעדט: דער פאַל פון דר. יעקב קלאַצקין איז איינער פון די זעלטענע.

אַזאַ פרעמדקייט און אַזאַ ווייטקייט איז געשטאַנען צווישן די שווייצערס און די רוסישע סטודענטן.

עס איז געווען אַרום און אַרום איין רוסישער ייד אַ פּראָפעסאָר אין דעם בערנער אוניווערזיטעט, זיין נאָמען איז געווען פּראָפ. רייכעסבערג.

געווען אַ דאָקטאָר נאָך, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ פּראָפעסאָר, זיין נאָמען איז געווען פייטל ליפשיץ, ער איז געווען אַ סלוצקער, ער איז

געווען א גוטער העברעער און פלעגט אמאל שרייבן אין העברעאיש אר־טיקלען אויף עקאנאמישע טעמעס.

אבער אפילו די דאזיקע געלערנטע האבן זיך נישט אינגאנצן אסי־מילירט מיט די שווייצער, זיי האבן געלעבט אין דער שווייץ מיט רוסישע און יידישע אינטערעסן.

געווען אזעלכע פאליטישע עמיגראנטן, וואס זענען געבליבן אין דער שווייץ אויף זייער גאנץ לעבן, אבער זייער שפראך איז געווען רוסיש און זייער שטייגער פון לעבן א רוסישער.

דעם באוווסטן ציוניסט העשל פארבשטיינס א ברודער איז געבליבן אין דער שווייץ אויף זיין גאנץ לעבן, ער איז געווען א מיטגליד פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און האט זיך אפילו געמישט אין דעם אינערלעכן פאליטישן לעבן פון דער שווייץ, אבער אסימילירט האט ער זיך נישט.

מיר דאכט זיך, אז סוף כל סוף איז ער געווארן א ציוניסט.

עס האט הפנים געפעלט דער פארמיטלער פון אסימילאציע, דער שדכן פון אסימילאציע, די העכערע קולטור, וואס ציט צו יידן און פאר־שדכנט זיי מיט א פרעמדער קולטור.

די קולטור פון דער שווייץ איז אן ארעמע.

די שווייץ איז די טיפישסטע קליינע דעמאקראטישע מלוכה, זי ווייסט נישט פון קיין שטורעמס, נישט קיין קולטורעלע, נישט קיין פאליטישע און נישט קיין רעליגיעזע.

אין דער סטודענטישער קאלאניע איז געווען בלויז פאפולער איין איינציקער שווייצארישער קינסטלער, דער בארימטער מאלער ארנאלד בעקלין.

עס איז נישט געווען קיין סטודענטין אין דער קאלאניע, וואס זאל נישט האבן אויף די ווענט פון איר צימערל אן אפדרוק פון בעקלינס א בילד, אדער עטלעכע בילדער.

בעקלינס ראמאנטישע בילדער האבן שטארק אפעלירט צו סטודענ־טינס, זיין „טויטן־אינדזל" און „דער שפיל פון די כוואליעס" זענען געווען ביז גאר פאפולער, פאפולער זענען אויך געווען אנדערע בילדער בעקלינס. האדלער, דער צווייטער בארימטער שווייצארישער מאלער, איז שוין

נישט געווען אזוי פּאָפּולער. ער איז געווען ווייניקער ראָמאַנטיש און א ביסל צו מאָדערן אין יענער צייט.

* *

האָבן מיר ממש געלעבט אין א פרעמד לאַנד.

אפילו די באַלעבאַטים און די באַלעבאָסטעס, ביי וועלכע מיר האָבן האָבן געלעבט, זענען אונדז געבליבן פרעמד און ווייט.

זיי פלעגן נאָכקומען די פליכטן זייערע מיט דער גרעסטער פּינקטלעכ־קייט, און אויב עס זענען פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן דער באַלעבאָס־טע און דעם סטודענט, אָדער סטודענטין, איז עס געווען אין דעם גרעסטן טייל פאַלן די שולד פון דעם רוסישן סטודענט, אָדער סטודענטקע.

די קאָנפליקטן פלעגן פּאָרקומען דערהויפּט אויף דעם באָדן פון ריינקייט.

דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אונטער איין דאַך פּעדאַנטישע ריינ־קייט און באָהעמישע אָפּגעלאָזנקייט.

יעדע שווייצאַרישע באַלעבאָסטע האָט געהאַט א פול הויז מיט אַנ־טיקן; די אַנטיקן זענען קיין גראָשן נישט ווערט געווען, אָבער פאַר דער באַלעבאָסטע זענען זיי געווען געוואַלדיקע אַנטיקן.

אַן אַלט טעפּיכל ביים בעט איז געווען אַן אַנטיק, ווייל די באַלע־באָסטע האָט עס באַקומען א ירושה פון איר באָבע (גראָסמוטער), און איז עפּעס געשען מיט דער דאָזיקער טראַנטע, איז געווען הימל עפן זיך.

די באַלעבאָסטע פלעגט לויפן אין געריכט, פלעגט „קינדיקן" דעם קוואַרטיראַנט, דאָס הייסט פשוט — געהייסן אים גיין פון איר הויז.

דאָס נעמלעכע איז מיט אַן אַלטער שטול, פון וועלכער עס האָט זיך געהערט אַלטקייט, אָבער די אַלטקייט איז געווען גראָד דאָס ווערט־פולע אין דער שטול.

און היות ווי די שטול איז געווען אַלט, איז זי געווען שלימזלדיק, ווי אַלץ, וואָס איז אַלט. זי פלעגט צוציען צו זיך ממש אַלע צרות.

און יעדע אַלטע שטול האָט געהאַט הינטער זיך א געשיכטע, ווי אַלץ וואָס איז אַלט, און אָט די דאָזיקע געשיכטע איז עס געווען מוראדיק טייער דער באַלעבאָסטע און דעם באַלעבאָס.

איז זאָג אַ רוסישן סטודענט, אָדער סטודענטקע, זיי זאָלן ווערן די שומרים פון דער געשיכטע פון אַ שטול . . .

פלעגן אָפט פאַרקומען קריגערייען אויף דעם דאַזיקן באָדן, מען פלעגט אָפט מוזן בייטן די וווינונגען צוליב דעם.

אַ שווייצאַרישע באַלעבאָסטע פלעגט אויסזען געוואַלדיק ערנסט און געוואַלדיק קריגעריש, ווען זי פלעגט אין דערפרי אַריין צוקלייבן דאָס צימער פון אַ סטודענט; זי איז געווען אַרומגעבונדן מיט טוצן ריינע־קונגס מכשירים און געהאַט אויף זיך אַ טוץ פאַרטוכער.

אָבער די סאַמע שאַרפסטע קאָנפליקטן פלעגן אַרויסקומען צוליב מענער־באַזוך, אַז אַ סטודענט זאָל באַזוכן אַ סטודענטקע, אַ פרײלין, אין איר צימערל, איז געווען פאַר אַ שווייצאַרישער באַלעבאָסטע עפּעס אַזוינס, וואָס איר מאָראַל, איר פּרוויאַישקייט און אירע גוטע מאַנירן האָבן זיך געבונטעוועט.

פלעגן די באַלעבאָסטעס בפירוש אויסנעמען אַ תנאי — אָן מענער־באַזוך.

אָבער די סטודענטקעס פלעגן כסדר ברעכן דעם פייערלעכן אָפּמאַך.

זיי פלעגן פּראָבירן איינברעכן די באַלעבאָסטע מיט פאַרשידענע מיטלען. ווען די אָפטע באַזוכער פלעגט די סטודענטקע דערקלערן דער באַלעבאָסטע :

— עס איז מיין חתן, מיר וועלן גאָר אינגיכן חתונה האָבן.

דאָ האָט שוין די באַלעבאָסטע גאַרנישט געקאָנט האָבן קעגן, זי פלעגט אויפנעמען דעם אָפטן באַזוכער אפילו פריינדלעך, אַ חתן, אַ קלייניקייט.

אָבער אָפט פלעגט אַנשטאָט דעם חתן קומען אַן אַנדערער, פלעגט שוין די באַלעבאָסטע גאָר מבולבל ווערן.

און ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אַ צווייטער און דריטער, פלעגט שוין נישט סטייען ביי איר קיין קריסטלעך געדולד און טאָלעראַנץ, און זי פלעגט מאַכן אַ סקאַנדאַל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט „קינדיקונג", מיט דער פאָדערונג צו באַפרייען דאָס צימער.

אָבער ביסלעכווייז פלעגן זיך די באַלעבאָסטעס צוגעוווינען צו דעם שטייגער פון לעבן פון די סטודענטקעס, זיי פלעגן זען, אַז זיי האָבן דאָ צו טון מיט פיינע, צאַרטע, ערלעכע און ביז גאָר מאָראַלישע מיידלעך.

זיי פלעגן זיך באפריינדן מיט די סטודענטקעס און אויפנעמען זייערע מענער־באזוכער מיט א ווארעמען שמייכל.

מיט דער צייט איז די פראגע פון מענער־באזוך אינגאנצן ארויס־געפאלן ווי א באדינג ביים ארויסגעבן א צימער צו א סטודענטין.

אבער מיט שעדיקן און אלטן חפץ, אדער מיט נישט־ריינקייט האבן זיי קיין שלום נישט געקענט מאכן.

אמאל האט א סטודענט פארשלעפט פון סאמע רוסלאנד א וואנץ, א פשוטע וואנץ, אן אלטע, באקאנטע פון דער יידישער ארעמשאפט.

איז געווארן א טומל ממש אין שטאט, פון דעם געזונטהייטס־דעפארטאמענט איז מען געקומען צו לויפן, מען האט די וואנץ פארפאקט אין א קעסטל און זי אוועקגעפירט מיט גרויסן פאראד פאר אן אונ־טערזוכונג . . .

די באלעבאסטע האט זיך פון איין זייט געפילט ווי א העלדין, זי האט אנטדעקט די וואנץ און מיט דעם פארהיט דאס פאטערלאנד פון א גרויסער געפאר, פון דער אנדער זייט איז זי געווען אזוי דערשראקן, ווי אלע העלדן, זי איז געווען בלייך, צעטומלט און אפילו היסטעריש, ביז עס איז געקומען דער מאן פון דער ארבעט און האט גענומען קלינגען דעם געזונטהייטס־דעפארטאמענט.

און ווען פון דער אנדערער זייט פון דעם דראט איז געקומען א מונטערער ענטפער — א וואנץ און ווייטער גארנישט, האט זיך די בראַ־ווע באלעבאסטע בארואיקט און געקוקט אויף איר מאן מיט שטאלץ — וואס וואלט זי געטון אן אים ?

דער אלמעכטיקער האט גוט געטאן, וואס ער האט געבן יעדער פרוי אוועקגעשטעלט א מאן...

אבער געטומלט מיט דער וואנץ האט זיך א היבשע צייט.

א גאר גרויסער שטער צו דעם צוזאמענלעבן פון די „רוסישע" סטו־דענטן און די שווייצער איז געווען די גרויסע טומלדיקייט און צו גרויסע לעבעדיקייט פון דער רוסישער סטודענטישער קאלאניע.

דא האבן די שווייצער נישט געוואלט און נישט געקענט גיין אויף קיין פשרה.

* *

דער יידיש־רוסישער סטודענט און סטודענטקע זענען נישט געווען בלויז קריטיקער פון דעם לעבנס־שטייגער פון די שווייצער, זיי פלעגן אפט באוואונדערן אט די וואכעדיקע שווייצער פאר זייער צוטרוי צו מענטשן.

סטודענטן האבן אויסגעפונען, אז די שווייצער גיבן אלץ אויף בארג, אויף קרעדיט, נישט פרעגנדיק ווער איר זענט און נישט שטעלנדיק אייך קיין שום באדינגונגען.

איר קענט אריינקומען אין א שפייז־קראם און נעמען ממש אלץ וואס אייער הארץ גלוסט, איר דארפט בלויז אנגעבן אייער נאמען און אייער וווינארט.

פלעגן סטודענטן און סטודענטקעס ברייט אויסנוצן אט דעם דאזיקן צוטרוי, אבער גאר אפט פלעגן זיי זיך נישט רעכענען מיט זייער בארג.

די שווייצער זענען געווען זיכער, אז זיי וועלן באקומען באצאלט פאר זייער סחורה אין א געוויסער צייט ארום, אבער די סטודענטן, לייכטזיניק, ווי יונגע מענטשן פון אלע אנדערע פעלקער, פלעגן זיך שטארק פארפלאנטערן אין חובות און פלעגן פשוט נישט קענען זיי אפצאלן.

האבן זיך די קרעמער סוף כל סוף געכאפט און דער צוטרוי צו די „רוסן" איז געשטארבן, פשוט געשטארבן ווי יעדע לעבעדיקע באשעפעניש שטארבט פון א קרענק.

צוטרוי איז א שטילער מאראלישער אפמאך צווישן צוויי צדדים, קומט נישט נאך איין צד דעם אפמאך, ווערט דער צוטרוי, אדער אפמאך בטל פון זיך אליין.

מען האט קיינעם נישט געשלעפט אין געריכט, מען האט קיין טענות און מענות נישט געמאכט, מען האט בלויז אפגעשטעלט דעם קרעדיט.

די סטודענטן האט עס שטארק באנג געטון, זיי האבן זיך געפילט שלעכט, זיי זענען אליין שולדיק געווען, זיי האבן אליין אונטערגעגראבן דעם צוטרוי.

דא און דארט פלעגן פארקומען אויף דעם באדן פון מיסברויך פון דעם צוטרוי פון דעם שווייצער ערנסטע קאנפליקטן.

אבער זיי פלעגן אויסגעפרעסט ווערן שטיל.

די פרעמדקייט אבער איז געווארן טיפער און ברייטער.

אין תוך האט מען דא קיינעם נישט געקענט באשולדיקן, עס זענען זיך צוזאמענגעקומען צוויי מינים בירגער, פון פארשידענע מינים לענדער: פרייע בירגער מיט אן אלטער טראדיציע פון צוטרוי צו מענטשן, פון אכ־

טונג צו מענטשן און מיט אן ערלעכער באציאונג איינער צום אנדערן, און בירגער, וואס לעבן אונטער אן אזיאטישער דעספאטיע, אונטער וועל־כער איינער געטרויט נישט דעם אנדערן, איינער זוכט צו איבערשעלמע־ווען דעם אנדערן און צו אפטון אים אויף טערקיש.

ווען איך בין אריבער פון דעם פילאזאפישן פאקולטעט אויף דעם יורידישן האבן מיר, סטודענטן, באזוכט מיט א פראפעסאר עטלעכע תפיסות, וווּ עס זענען געווען פארשפארט קרימינעלע פארברעכער.

זענען די תפיסות געווען כמעט ליידיקע, דא און דארט בלויז א פארברעכער.

פון די שווייצער זענען געווען אין דריי תפיסות בלויז צוויי פארברעכער, די אלע פארברעכער זענען געווען אויסלענדער, מייסטנס איטאליענער.

די פארברעכנס פון די פארברעכער זענען געווען קליינע קרימינעלע פארברעכנס, קליינע גנבות, קליינע שווינדלערייען און פעלשונגען.

— און ווו זענען די פאליטישע פארברעכער? — האט א רוסישער סטודענט מיטאמאל א פרעג געטון.

דער פראפעסאר און די שווייצארישע סטודענטן האבן דעם פרע־גער אנגעקוקט און נישט פארשטאנען זיין פראגע, ביז דער סטודענט האט זיך געכאפט און האט דערקלערט, אז די פראגע זיינע איז אין דער שווייץ קיין פראגע נישט.

איך האב א פאר מאל באזוכט דעם שווייצארישן פארלאמענט. איז דארט שטיל, אפאטיש און לאנגווייליק.

די דעפוטאטן רעדן מוראדיק צו דער זאך, זיי רעדן אויסערסט קורץ און זאכלעך.

איינמאל איז ארויסגעטראטן א סאציאל־דעמאקראט: האט ער גע־רעדט ווי אלע דעפוטאטן, אבער עפעס א ביסעלע העכער און מיט א ביסעלע טעמפעראמענט.

האט איינער א לאך געטון.

א צווייטער האט אריינגעווארפן א צווישן־רוף.

און א דריטער האט זיך געמאלדן צום ווארט.

ער איז געווען פון דער פראווינץ און האט אויסגעזען ביז גאר פויעריש, ער האט גערעדט אין דעם בערנער דיאלעקט, געמאכט עטלעכע

וויצן, גראַבלעכע, פאָלקסטימלעכע וויצן און דער עולם דעפּוטאַטן האָבן סטאַטעטשנע געלאַכט און אפילו אַפּלאָדירט.

שפּעטער, ווען איך האָב פאַר אַן ארבעט געבלעטערט די סטענאָ־גראַפישע באַריכטן פון פאַרלאַמענט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער זיצונג, וועלכע איך האָב בייגעוווינט.

האָב איך געפונען און דורכגעלייענט די רעדע און דעם וויץ, וואָס דער דעפּוטאַט, וועלכער האָט אויסגעזען פּויעריש, האָט געמאַכט אויפן חשבון פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט.

דער וויץ איז געווען אַ האַמעטנער, אַזוי האַמעטנע, אַז איך קען אים נישט איבערגעבן אויפן פּאַפּיר.

אָבער עס איז געווען פיל גוטמוטיקייט אין דער רעדע און אין דעם וויץ, אָדער ריכטיקער — היימישקייט, עס האָט זיך לחלוטין נישט געפילט קיין פּאַרלאַמענטאַרישקייט נישט אין דער רעדע און נישט אין דעם וויץ.

גערעדט האָט מען אויף דריי שפּראַכן אין פּאַרלאַמענט.

און אין דער שווייץ איז קיינמאָל נישט אויפגעהויבן געוואָרן די שפּראַכן־פראַגע: זי איז קיין פראַגע גאָרנישט געווען.

איך האָב אַ געוויסע צייט געוווינט ביי אַ שווייצער, וואָס איז געווען אַ מין פּאָלקאָווניק פון דער פּאָליציי, וואָס הייסן פעלד־יעגער.

פעלד־יעגער זענען אייגנטלעך זשאַנדאַרמען, אַ מין פּאָליטישע פּאָ־ליציי, וואָס איז שטאַרק געהאַסט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערן און פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. איינמאָל האָב איך אין דער פרי געעפנט די טיר פון מיין צימער צו נעמען די שיך, וואָס פלעגן שטיין אויסגעפּוצט ביי מיין טיר.

דאָס איז אַריין אין דער „באַדינונג", וואָס מיר קומט צוזאַמען מיט דעם צימער, און אַ שווייצער האָט אָפּגעהיט מיט דער גרעסטער פּינקט־לעכקייט די „באַדינונג".

זע איך מיינע שיך זענען נישטאָ, בין איך אַ בעלן צו זען וואָס אָזיינס האָט פּאַסירט מיט מיינע פּינקטלעכע באַלעבאַטים.

און איך זע ווי מיין באַלעבאָס אין זיין פעלד־יעגער אוניפאָרם פּוצט מיינע שיך מיט אַ געוואַלדיקן ערנסט; צו אויספּוצן מיינע שיך ווי גע־העריק און געוויסנהאַפטיק איז הפנים געווען נישט קיין גאָר לייכטע אויפ־גאַבע.

האָב איך פאַרמאַכט די טיר און געוואַרט אויף מיינע שיך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך געפונען מיינע שיך אַזוי אויס־געפּוצט ווי קיינמאָל ביי מיין טיר.

איך האָב אין אוניווערזיטעט געטראָפן מיינע חברים, ווייז איך זיי ווי גוט מיינע שיך זענען היינט אויסגעפּוצט, און זאָג דערביַי — ווייסט איר ווער עס האָט היינט געפּוצט מיינע שיך?

און ענטפער אַליין.

אַ הויכער זשאַנדאַרם־אָפיציר, שיעור נישט אַ פּאָלקאָווניק...

האָט זיך עס צעטראָגן אין דער סטודענטישער קאָלאָניע: קאַפּעלס (מיין פאַמיליע־נאָמען) שיך פּוצט אַ זשאַנדאַר־אָפיציר...

אָט דאָס איז דעמאָקראַטיע..

20

יידישקייט און אַסימילאַציע אין די סטודענטישע קאָלאָניעס

דער גרעסטער טייל פון די סטודענטישע קאָלאָניעס אין אויסלאַנד איז באַשטאַנען פון אַסימילירטע יונגעליַיט און מיידלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז די מיידלעך האָבן געגעבן אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פון אַסימילירטע ווי די מענער.

די סיבה איז געווען אַ׳ן איז נאָך עד־היום די אָריענטאַלישע באַ־ציאונג, וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון אָריענט, צו די פרויען.

אַ פרוי דאַרף נישט לערנען, אפילו יידישקייט דאַרף זי נישט לער־נען, דאָס אַלץ איז די פּריווילעגיע פון דעם האַר און געביטער — פון דעם מאַן.

און ווען יידישע פרויען האָבן אָנגעהויבן לערנען אין די אַלגעמיינע שולעס און אפילו שטודירן אין אוניווערזיטעטן, האָט זיך די אַלטע באַ־ציאונג צו לערנען אַ פרוי יידישקייט כמעט אויף אַ האָר נישט געענדערט.

אין פּוילן, למשל, האָט מען אַ מיידל געוועגלעך געגעבן לערנען אין די בעסטע און די אַריסטאָקראַטישסטע פּוילישע שולעס, אָבער אין אַ יידישער שולע האָט מען זי נישט געשיקט.

דער מאנספארשוין האט באזוכט בלויז רעליגיעזע שולעס, דאס מיידל האט באזוכט בלויז וועלטלעכע שולעס.

א פויליש־יידיש פארל איז געווען ממש דער ווילדסטער שידוך אויף דער וועלט — דאס ווייבל א פוילישע פאניענקע און דער מאן א בית־המדרשניק.

איז דאס פויליש־יידישע פאמיליען־לעבן געווען פול מיט טרא־געדיעס.

הכלל — די סטודענטקעס האבן געגעבן דעם גרעסטן פראצענט פון אסימילירטע.

א חוץ די דערציאונג האט דא נאך געשפילט א גאר גרויסע ראלע די נייע סאציאליסטישע אידעאלאגיעס.

דער מארקסיזם, למשל, אנערקענט נישט קיין פאלק, ער אנערקענט בלויז קלאסן, און מארקסיזם איז געווען די נייע רעליגיע פון דער רע־ווּאלוציאנערער יוגנט אין רוסלאנד.

עס זענען אויך געווען סאציאליסטן, וואס האבן דווקא אנערקענט דאס פאלק, בכלל דאס ארבעטנדיקע דאס געקריוודעטע מאטעריעל אין סאציאל פאלק.

זיי זענען געווען פאלקס־סאציאליסטן, אדער, ווי מען האט זיי גע־רופן — סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן.

האט איר באגעגנט יידישע סטודענטקעס, וואס זענען געווען פרומע סאציאל־רעוואלוציאנערקעס. דאס רוסישע פאלק, דאס פאלק, וואס ארבעט אויף די פעלדער, אין פאבריקן און אין ווארשטאטן איז געווען זייער פאלק, אבער דאס יידישע פאלק האבן זיי נישט אנערקענט.

זיי זענען געווען הייסע רוסישע נאציאנאליסטקעס.

אבער פון יידישן נאציאנאליזם האבן זיי נישט געוווסט און נישט געוואלט וויסן.

דער „בונד" האט געהאט א קליינע צאל סטודענטקעס אין זיינע דייען; זשיטלאווסקי האט, ווי א רוסישער סאציאליסט־רעוואלוציאנער, ד. ה. ווי א פאלקיסט, תמיד געמאכט דעם יידישן נאציאנאליזם צוגלייך מיטן רוסישן נאציאנאליזם, אבער ער האט אויך געהאט וויניק דערפאלג ביי די יידישע סטודענטקעס.

דא און דארט האט איר באגעגנט א סטודענטין א ציוניסטקע, א סטודענטין א בונדיסטקע, אבער דאס איז געקומען מער אויס סימפא־

טיע צום סטודענטישן פריינט. אָדער חתן, וואָס איז געווען א ציוניסט, אָדער א בונדיסט, ווי פון אייגענער איבערצייגונג.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אויסנאַמען, געווען סטודענט־קעס פאַרברענטע ציוניסטקעס און פאַרקאַכטע בונדיסטקעס, אָבער זייער צאָל איז געווען קליין, זייער קליין.

איז „קריסטמעס" געווען א יום־טוב אין דער סטודענטישער קאָלאָ־ניע, א יום־טוב מיט אַלע קריסטלעכע הידורים, מיט א יאָלקע (קריסט־מעס־בוים) און מיט אַלע אַנדערע זאַכן.

פלעגט אויף דעם דאָזיקן באַדן פאַרקומען קליינע סקאַנדאַלעכלעך: א סטודענט א נאַציאָנאַליסט פלעגט נאָך דער ערשטער כוסה ליקער, אָדער נאָך א גרויס גלאָז ביר, זיך צעשרייען קעגן די אַסימילאַטאָרן.

אַזאַ סקאַנדאַל האָט איינמאָל געמאַכט דער וואָגלענדיקער שרייבער תּלוש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אויף אַזאַ קריסטמעס באַל.

אָבער סטודענטישע סקאַנדאַלן זענען געווען זייער און זייער מילדע און פלעגן קיין טיפן רושם נישט איבערלאָזן, אָדער דער סקאַנדאַל־מאַכער פלעגט באַלד זיך באַרואיקן, אָדער דער סטודענטישער עולם פלעגט עס אויפנעמען פילאָזאָפיש.

* *

די יידישע סטודענטן זענען אייגנטלעך געווען עלנט.

זיי האָבן זיך דערפילט עלנט און אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט, דערהויפּט אין די טעג פון יידישע יום־טובים.

מיט די אָרטיקע יידן האָבן מיר כמעט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט, זיי זענען געווען אַסימילירט און דערצו ביז גאָר פראָסטע מענטשן.

די בערנער שווייצאַרישע יידן זענען דאָס רוב געווען אָקסן־הענד־לער, יידן מיט רויטע קאַרקן, יידן שטאַק רייכע, וואָס האָבן געלעבט עפּעס אין אַן אַקסישער וועלט.

פלעגט קומען א יום־טוב, דערהויפּט דער יום־טוב פּסח, פלעגן מיר יידישע סטודענטן עפּעס זיך פילן אומגליקלעך ממש.

און איינמאָל ערב פּסח האָבן מיר שוין מער נישט געקענט אויס־האַלטן און מיר האָבן באַשטימט צו אָרגאַניזירן א סטודענטישן סדר.

געזאָגט און געטאָן.

מיר האָבן געדונגען אַ זאַל, געקויפט וויין, אָבער דער עיקר האָט געפעלט — עס האָט געפעלט געפילטע פיש.

האָבן מיר זיך אַרויסגעזלאָזן איבער דער סטודענטישער קאָלאָניע זוכן אַ סטודענטקע, וואָס קען קאָכן געפילטע פיש.

און איך בין געווען דער מזלדיקער, מיר האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַ סטודענטקע, וואָס האָט געזאָגט, אַז זי קען קאָכן געפילטע פיש.

— אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז דאָ דאַרף מען קאָכן פאַר וועלכע 75 מענטשן, וואָרן איך די סטודענטקע.

אָבער זי שרעקט זיך נישט אָפּ.

אַ שטילע, אַ באַשיידענע, אַ מיניאַטורישע שמייכלט זי און ענטפערט:

— איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

און מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף איר, מיר האָבן געהאַט וואונדערלעכע געפילטע פיש.

די דאָזיקע מיניאַטורישע סטודענטקע האָט פאַרמאָגט אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע.

זי איז געוואָרן מיין כלה שפּעטער, דערנאָך מיין פרוי און איך האָב געזען מיין גאַנץ לעבן, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף איר.

נישט בלויז האָב איך זיך געקענט פאַרלאָזן אויף איר, נאָר שפּעטער, ווי אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר, האָבן אירע פּאַציענטן זיך געקענט פאַרלאָזן אויף איר, פריער אין רוסלאַנד און דערנאָך אין אַמעריקע.

און ווען זי האָט זיך דאָ נישט לאַנג צוריקגעצויגן פון דער מעדיצינישער פּראַקטיק האָבן אירע פּאַציענטקעס ממש געוויינט.

זיי האָבן פאַרלוירן אַ געטרייען ערלעכן דאָקטאָר, אַן איבערגעגעבענעם פריינד און אַן אויפריכטיקן מענטשן.

יאָ, מען קען זיך פאַרלאָזן אויף איר.

און עס איז געווען אַ סדר כיד המלך.

און די געפילטע פיש זענען געווען, ווי אַלע האָבן פאַרזיכערט אין זייערע טאָסטן, ממש דער מאַמעס געפילטע פיש, די געפילטע פיש מיט אַלע יידישע טעמען.

איך האָב אַ חוץ די גוטע געפילטע פיש באַקומען די אידעאַלסטע לעבנס באַגלייטערין.

דער סדר האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג.

מען האָט געזאָגט די הגדה, געפרעגט די פיר קשיות, מען האָט געזונגען יידישע פאָלקס־לידער און די עטלעכע יידישע סטודענטקעס זענען געווען גליקלעך, זיי האָבן זיך געפילט ווי אין דער היים ביים טאַטנס און מאַמעס סדר.

די טיפע בענקשאַפט נאָך אַן אייגן שטיקל שטייגער, נאָך אַ יידישן יום טוב האָט צוגעגעבן אַ שאַרפן טעם איטלעכס ברעקל יידישקייט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל.

פאַרשטייט זיך, אַז די גאָר פרומע סטודענטן האָבן געלעבט און זיך אויפגעפירט יידישלעך נישט נאָר יום־טוב, נאָר אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

מיר, די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן, זענען מיינסטנס אָפּגעקומען מיט בענקעניש און מיט וואַרעמע דעראינערונגען וועגן דעם פולן יידישן לעבן ווייט, ווייט אין דער היים . . .

* *

איך האָב געקענט סטודענטקעס ביז גאָר יידישלעכע.

איינע פלעגט אפילו אַלע פרייטיק־צו־נאַכט בענטשן ליכט. זי פלעגט אָנטון אַ טיכל אויפן קאָפּ און בענטשן פרום ליכט.

זי פלעגט אָפט איינלאַדן באַקאַנטע סטודענטן פרייטיק־צו־נאַכט און מכבד זיין אונדז מיט שבתדיקע מאכלים, און דערביי פלעגט זי שיינען, ווי איר מאַמע, פון פרייד און גליק.

זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ גליקלעכער יידישער פאַמיליע, די פאַמיליע איז געווען רייך, טאַטע און מאַמע האָבן געלעבט גליקלעך, דריי קינדערלעך, זענען זיי אַלע געווען געראָטענע, גוטינקע, שטילינקע און פאַרליבטע פון קינדהייט אָן אין טאַטן און אין דער מאַמען, אין דעם שיינעם זיידן און דער מאַיעסטעטישער באָבע.

זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— ביי אונדז אין הויז איז די יידישקייט געווען אַזוי שיין, אַזוי האַרמאָניש און אַזוי שטראַלנדיק, אַז אונדזערע קינדישע נשמות האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט איר און זי איז אונדז געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן.

זינט איך געדענק זיך פלעג איך מיט פריידיקער האַרץ־קלאַפּעניש

ווארטן אויפֿן טאַטענס קומען פֿון שול פּרייטיק־צו־נאַכטס; ער פֿלעגט שיינען פֿון פֿרייד, און אין הויז פֿלעגט אים באַגעגענען די מאַמע אונ־דזערע א ליכטיקע, א פֿרײדיקע מיט א ווארעמען „גוט שבת, מרדכי", און מיר, דריי קינדערלעך, פֿלעגן ארומכאַפּן דעם טאַטן, דעם הויכן, אויסגעפּוצטן און שמייכלענדיקן טאַטן מיט אזוי פֿיל גליק און שטאָלץ.

איך בין נאָך עד־היום זיכער, אַז איך האָב דעם שענסטן טאַטן און די שענסטע מאַמע אין דער וועלט.

מנוחה און ברכה איז געווען אין אונדזער הויז.

און שבת און יום טוב איז די מנוחה און ברכה געווען נאָך גרעסער.

זי האָט מיר אַמאָל געלייענט אירע עלטערנס בריוו, געשריבן אין א מחיהדיקן, האַרציקן יידיש, און לייענענדיק האָט זי זיך צעוויינט אויס בענקשאַפֿט און ליבע.

זי איז נישט געווען שיין, די דאָזיקע סטודענטקע, אָבער עפּעס א מאַמישע ווייכקייט און האַרציקייט האָט זי פֿאַרמאָגט.

איך האָב איר אַמאָל צוגעזאָגט צו קומען צו געסט צו איר טאַטן, מאַמען און צו איר, ווען זי און איך וועלן זיין אין רוסלאַנד.

איך האָב מיין וואָרט נישט געהאַלטן.

יוגנט איז האַוועניש און טומלעניש, זי האָט עפּעס קיינמאָל קיין צייט נישט.

און עד־היום פֿאַרדריסט עס מיך.

ווו איז איצט די דאָזיקע סטודענטקע, וואָס איז געוואָרן א דאָק־טאָר? ווו זענען אירע וווּנדערלעכע עלטערן, וואָס האָבן זייער יידישקייט געמאַכט אזוי שיין, אַז זי איז אריין ממש אין בלוט פֿון זייערע קינדער?

ווער ווייסט, אפשר האָט די האַנט פֿון דעם מערדער היטלער זיי דערגרייכט ערגעץ און זיי פֿאַרלענדט...

פֿון דער אַנדערער זייט האָב איך באַגעגנט סטודענטן און סטו־דענטקעס, וואָס האָבן עפּעס געפֿילט א האַס צו זייער היים, צו זייערע עלטערן און צו יידישקייט.

טאַטע־מאַמע פֿלעגן זיך זידלען מיט די מיאוסטע ווערטער, דער טאַטע פֿלעגט פֿאַרפֿאַלן ווערן אַלע אָוונט, פֿלעגט שפּילן אין קאָרטן, און די מאַמע פֿלעגט ארומלויפֿן איבער דער שטוב ווי א צעהײצטע טיגעריז, אָדער די מאַמע פֿלעגט שפּילן אין קאָרטן און דער טאַטע פֿלעגט ארומ־גיין אין הויז ווי א צערייצטער טיגער.

און די קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס דער אומ־גליקלעכער מאַמען, אָדער טאַטן.

און אַ קלה איז ווי אַ בלויע געהאַנגען אין שטוב איבער אַלעמענס קעפּ . . .

יאָ, דאָס הויז פון עלטערן איז די לאַבאָראַטאָריע, וווּ דער מענטש ווערט געשאַפן.

עס איז אַ קאָמפּליצירטע לאַבאָראַטאָריע.

אָבער יעדער פּורצע, יעדער טויגעניכטס נעמט זיך אונטער צו אָנפירן מיט אַזאַ לאַבאָראַטאָריע.

איז קיין וווּנדער נישט וואָס די וועלט האָט אַזאַ וויסט און אומ־גליקלעך אויסזען.

* *

איך האָב באַגעגנט סטודענטקעס, וואָס האָבן ממש אויסגעמיטן אַ יידן; דער קריסט איז געווען זייער אידעאַל. ער איז געווען נאָבל, ער איז ריטערלעך, ער איז העלדיש, און דער ייד איז שלעכט קליינלעך, פּחדנותדיק און געמיין.

יאָ, איר האָט געזען טויזנטער און טויזנטער יונגע יידישע מענטשן אָקאָרשט פון זייערע היימען און פון זייער פּנים ממש האָט איר אָראָפּגע־לייענט פון וואָס פאַר אַ היימען זיי קומען.

געווען סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס פלעגן מיט אומגעדולד וואַרטן אויפן דעם סוף פון סעמעסטער און זיך איילן אַהיים.

„היים״ איז געווען דאָס מאַגישע וואָרט פאַר זיי.

און געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך דערשרעקן ממש ווען דער סע־מעסטער פלעגט זיך דערנענטערן צום סוף.

„היים״ איז געווען עפּעס אַ קללהדיק וואָרט...

איך האָב געקענט סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס זענען נישט געפאָרן אַהיים פאַר דער צייט פון זייער גאַנצן שטודיום.

איך האָב אַמאָל געפרעגט אַזאַ סטודענטקע :

— פאַרוואָס פאָרט איר נישט אַהיים ?

— וואָס וועל איך טאָן אין דער היים? ביי אונדז אין שטוב הערט מען נאָר איין וואָרט „רובל״, טויזנט רובל, הונדערט טויזנט רובל, יענער דאַרף מיר געבן צען טויזנט רובל, איך דאַרף געבן יענעם צוואַנציק טויזנט רובל;

ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט האָט מיך באַגעגנט דאָס וואָרט „רובל‟, און עס קלינגט מיר כסדר אין די אויערן דאָס וואָרט „רובל‟.

דאָ הער איך נישט דאָס דאָזיקע העסלעכע וואָרט.

דאָ מסחרט מען נישט, דאָ מקח־וממכרט מען נישט, דאָ רעדט מען, דאָ לאַכט מען, דאָ דיסקוטירט מען ערנסטע פראַגן און פּראָבלעמען, דאָ איז מען אידעאַליסטיש, דאָ איז מען גרייט צו אָפּפערן דאָס לעבן פאַר אַן אידעאַל.

דאָ איז אַזוי שיין, אַזוי וווּנדערלעך...

איך וואָלט דאָ אָפּגעלעבט מיין גאַנץ לעבן, מיין גאַנץ לעבן צווישן די קלוגע וויציקע אידעאַליסטישע סטודענטן.

אָבער . . .

עס איז דאָ ערגעץ אַ היים און סוף כל סוף מוז אַ מענטש קומען צוריק צו זיין היים, אָט אַזוי ווי דער מענטש מוז צוריקקומען צו דער ערד, פון וועלכער ער איז געקומען . . .

איך האָב באַגעגנט סטודענטן און סטודענטקעס פון סוחרישע היימען, זענען זיי געוועזן סוחרים און סוחרטעס.

זיי פּלעגן עפּעס האַנדלען מיט זייער שטודיום, זיי זענען געקומען איינהאַנדלען אַ פּראָפעסיע און איינהאַנדלען זי ביליק, באַקומען אַ מציאה.

זיי האָבן געהאַט אַ סוחרישן קוק אויף זייער שטודיום, זיי האָבן גע־האַט פּאַרטיקע פּלענער ווי צו אַרויסבאַקומען שפּעטער פון זייער פּראָפע־סיע דאָס מאַקסימאַלסטע — די גרעסטע פּראָפיטן.

זיי פּלעגן פירן ממש אַ בוכהאַלטעריע וויפל עס קאָסט זיי דער שטו־דיום און וויפל מאָל אַזוי פיל איז ער מחויב צו ברענגען זיי.

זיי זענען געוועזן דווקא גוטע סטודענטן — עס קאָסט געלט, דאַרף מען לערנען און אַרויסבאַקומען דאָס גרעסטע און בעסטע פאַרן געלט.

פּלעגן זיי פאַרנודיען די פּראָפעסאָרן; זיי האָבן זיך נישט געלאָזט נאַרן, האָבן נישט געקענט אַוועקגיין פון אַ לעקציע ווען עס האָט זיי גע־פעלט אַ וואָרט, אָדער אַ פּיצל געדאַנק.

אַ לעקציע קאָסט געלט.

זיי האָבן געוווּסט גענוי וועלכער פּראָפעסאָר נאַרט נישט אָפּ און וועל־כער שווינדלט צו אַ ביסל. אָבער בוי זיי גייט עס נישט, זיי שווינדלט מען נישט אָפּ.

ממש מיאוס זענען געווען די סטודענטקעס סוחרטעס, זיי האָבן אַריינגעבראַכט דער מאַמעס קיך־קליינלעכקייט אין אוניווערזיטעט.

און קאַלט און אויסגערעכנט זענען זיי געווען אין פריינדשאַפט און אפילו אין ליבע, זיי פלעגן זיך אַפילו פאַרליבן מיט אַ חשבון, מיט אַ טאַלק און מיט אַ תכלית.

אַ סטודענטקע אַ סוחרטע פלעגט חתונה האָבן, אָבער זיך כלהנען און אָפּלייגן די חתונה אויף נאָך דעם שטודיום, מיט אַ סטודענט אַ סוחר.

קליין איז געווען די צאָל פון אַזעלכע סטודענטן, אָבער זיי זענען געווען.

זיי פלעגן זיך האַלטן אין אַ זייט, פלעגן נישט אנטיילנעמען אין די סטודענטישע שטיפעריייען, אין די סטודענטישע בעלער, קיכן און אַנדערע סטודענטישע אינסטיטוציעס.

זיי זענען געקומען האַנדלען, און נישט פאַרנעמען זיך מיט קינדישע שבּילערייען.

אַזאַ סטודענט, אָדער סטודענטקע, פלעגט וואַרפן אַן אויג אויף אַ רייכן סטודענט, אָדער סטודענטקע און זיי פלעגן אָנהויבן אַרבעטן מיט אַ סיסטעם און מיט אַ פּלאַן.

און יעדער פלעגט פאַרכאַפּן אין זיין נעץ דעם געווינטשטן אָדער די געווונטשענע.

בכלל זענען די מיידלעך סטודענטן געווען מיושבדיקער, ערנסטער, פּראַקטישער, פלייסיקער און פאַרמאָגט מער אויסדויער ווי די מענער סטו־דענטן.

די גרעסטע צאָל מיידלעך האָבן שטודירט מעדיצין, כעמיע, אַלץ תכליתדיקע פּראָפעסיעס.

אויפן פילאָזאָפישן און יורידישן פאַקולטעט זענען געווען בלויז גע־ציילטע פרויען, זיי האָבן זיך דוקא אינטערעסירט שטאַרק מיט פילאָזאָ־פישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אָבער אַ פּראָפעסיע האָבן זיי שטו־דירט אַ פּראַקטישע.

די סטודענטקעס זענען געווען אויך אויסגערעכנטער, שפּאָרעוודיקער פון די סטודענטן; געווען סטודענטקעס, וואָס האָבן געלעבט אויף פופצן רובל (זיבן מיט אַ האַלבן דאָלאַר) אַ חודש.

זיי פלעגן אַליין נייען זייערע קליידלעך און אַליין קאָכן זייערע אָרע־מע מאָלצייטן.

ווינטער אין דער פרי, ווען עס איז נאָך געווען פינצטערלעך, פלעגט איר זען ווי מחנות מיידלעך לויפן אויף די לעקציעס, אין די לאַבאָראַטאָ־ריעס, אין די קליניקס.

בלויז שבת אין אָוונט און זונטיק פלעגן זיי זיך דערלויבן צו שפּאַ־צירן, צו גיין אין געסט, אָדער אויף אַ פאַרזאַמלונג און אַ דעבאַטע.

ווי אין יעדן קיבוץ פון יונגע מענטשן פלעגט מען זיך פאַרליבן, זיך אַנטטוישן, זיך ווידער פאַרליבן און ווידער זיך אַנטטוישן.

עס זענען אָבער געווען „אָדנאָליובקעס", יונגע מענטשן, וואָס קענען ליבן בלויז איינמאָל און איינעם, אָדער איינע אין זייער לעבן.

די דאָזיקע פלעגן זיין די אומגליקלעכסטע.

איז געקומען אַן אַנטטוישונג, איז כלו כל הקיצין, אַ סוף צו ליבע אויף דעם גאַנצן לעבן.

און איר האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער סטודענטישער קאָלאָניע אויף סטודענטקעס איינגעדאַרטע און איינגעקוואַרטע פון אַן אומגליקלע־כער ליבע.

זיי פלעגן ממש פאַרוויאַנעט ווערן אויף אייערע אויגן.

און אַלע פלעגן וויסן ווער איז דער שולדיקער אין דער טויטלעכער אַנטטוישונג.

אַזוי איז אַרומגעגאַנגען אין דער סטודענטישער קאָלאָניע אין בערן ווי אַ שאָטן אַ מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ באַרימטן ציוניסט, יענער האָט עס הפנים נישט גענומען ערנסט, אָבער איר האָט עס געקאָסט ממש איר יונג לעבן.

זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צום לעבן און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

זי האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און איז אַ צייט גע־בליבן אין בערן אָן אַ ציל.

זי איז געווען שיין, אָבער פון איר שיינקייט איז קיין זכר נישט גע־בליבן, זי איז געווען אַ לעבעדיקע, אַ לוסטיקע און אַ וויציקע, פון דעם אַלעם איז קיין זכר נישט געבליבן.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז זי נעלם געוואָרן.

נישטאָ זי . . .

און איך האָב נישט געהערט פון איר ביז היינטיקן טאָג.

און זי איז געווען אַ פּעאיקער מענטש, אַ גוטע מעדיצינערין, אָבער

אלץ איז געגאנגען צו גרונט, אט אזוי זענען זיי די „אדנאליובקעס", די וואס ליבן איינמאל אין לעבן איינעם.

יא, א יונגע וועלט, א יונגע יידישע וועלט איז צוליב דעם צארישן אנטיסעמיטיזם מאסנווייז געלאפן פון רוסלאנד, פון פוילן און פון אנ־דערע לענדער, ווו דער אנטיסעמיטיזם האט געבושעוועט, קיין אויסלאנד.

עס זענען געווען פול מיט זיי אלע אוניווערזיטעט־שטעט אין איי־ראפע.

יא, פלוצלינג איז עס געקומען :

אונדזער געשיכטע גייט נישט בהדרגה, עוואלוציאניסטיש, זי מאכט עפעס האסטיקע שפרונגען, סאלטא־מארטאלעס.

אט האט די צארישע רעגירונג פארגעלייגט די יידן וועלטלעכע שולן דורך ליליענטאלן. האבן יידן געענטפערט — שקאלעם ניע זשעלאיעם! מיר ווילן נישט קיין וועלטלעכע שולן, מיר ווילן אונדזערע רעליגיעזע שולן.

מיט אמאל אבער איז געווארן א שטופעניש, א לויפעניש און א יאָ־געניש אין די וועלטלעכע רוסישע שולן און אין די אוניווערזיטעטן, און די צארישע רעגירונג האט חרטה געהאט, זי האט פאדהאקט און פארריגלט אלע אירע שולן פאר יידן.

האט זיך די יידישע יוגנט א לאז געטון קיין אויסלאנד.

האבן מיר נישט געוואלט קיין שולן האט מען אונדז דווקא געוואלט זיי געבן, און אפילו אונדז צוגעזאגט אלע פריווילעגיעס, האבן מיר יא געוואלט גיין אין די רוסישע שולן האט מען פארשלאסן די טירן פאר אונדז.

הפנים, אז די אנטיסעמיטן זענען גרייט צו געבן אונדז דאס וואס מיר ווילן נישט, און ווילן אונדז נישט געבן דאס וואס מיר ווילן יא.

אבער יידן זענען געווינט צו נגישות מצד די בארעמהערציקע קריסטן, און זיי זוכן און געפינען אן אויסוועג.

דאס באנייטע יידישע לעבן האט נויטיק געהאט נייע פירער, נייע לערער, נייע שרייבער, נייע רעדנער און נייע פאליטיקער, און יידישע קינדער האבן אנגעפילט די אוניווערזיטעטן אין אייראפעאישע שטעט, און צוגעשטעלט דעם יידישן פאלק די נייע אינטעליגענץ אין וועלכער עס האט זיך גענויטיקט.

21

די צוויי שוועסטער

כאראקטעריסטיש פאר די סטודענטקעס, אדער פאר דעם ווייבערישן טייל פון דער בערנער קאלאניע איז די פאלגנדיקע דערשיינונג:

מיידלעך וואס זענען געקומען פון שטאק־אסימילירטע הייזער, אדער פון עכט רוסישע שטעט, פלעגן פארייִדישט ווערן אין דער קאלאניע, זיי פלעגן אפילו ווערן גוטע ציוניסטקעס, פלעגן מיט גרויסער נייגעריקייט זיך צוהערן ווי מען רעדט יידיש און העברעאיש און זייערע אויגן פלעגן פינקלען מיט נייגעריקייט און באגייסטערונג.

אבער די יידישע מיידלעך גראד, די מיידלעך וואס זענען געקומען פון יידישע פאמיליעס, פון יידישע שטעט און פון אן אנגעלאדענער מיט יידישקייט יידישער סביבה, פלעגן זיין די סאמע פארברענטע אסימילאטארקעס.

עס איז געווען ביי זיי עפעס א מין שארפער זעלבסט־האס, זיי האבן פיינט געהאט זיך אליין ווי יידישקייט, זיי פלעגן אויסווייכן יידישע סטודענטן און פלעגן זיך טוליען צו די עטלעכע רוסישע סטודענטן, אדער פאליטישע אימיגראנטן.

זיי פלעגן ארויסווייזן באגייסטערונג פאר אלץ, וואס עס איז רוסיש, זיי האבן גערעדט בלויז רוסיש, קיין יידיש ווארט האט איר פון זיי נישט געהערט, זיי קענען נישט קיין יידיש, זיי האבן קיינמאל נישט געהערט רעדנדיק די דאזיקע שפראך.

און זיי האבן גערעדט רוסיש דוקא מיט א שארפן יידישן אקצענט. זייער רוסיש איז פאקטיש געווען יידיש.

זיי האבן אויסגעזען, טיפיש יידיש, איינע איז געווען יידישלעך נערוועז און קאכיק, און די צווייטע יידיש בייז און פארשלאסן.

אפשר טאקע דערפאר האבן זיי פיינט געהאט אלץ וואס עס איז יידיש.

איך האב אזעלכע געקענט צוויי יידישע מיידלעך, צוויי שוועסטער.

זיי זענען געווען שוין עלטערע מיידלעך, ביידע שווארצע, ביידע מיט גאר טיפּישע יידישע נעזער, ביידע נערוועזע און ביידע זייער פּעאיקע.

זיי האָבן שוין ביידע לאַנג פאַרענדיקט זייער שטודיום, ביידע האָבן שטודירט פילאָזאָפיע, איינע איז אפילו געוואָרן א פּריוואַט־דאָצענטין פון פילאָזאָפיע אין בערנער אוניווערזיטעט. זי האָט געגעבן א קורס וועגן לאָגיק; די אַנדערע איז געווען א פאַרברענטע סאָציאַליסטקע און האָט געשריבן גוטע טעאָרעטישע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען אין רוסיש און אין דייטש.

ביידע מיאוסע, אָבער ביידע מיט גוטע קעפּ און מיט אַן אמתער ישיבה־בחורישער התמדה. איינע, די עלטערע, איז געווען א לאַנגע און א מאָגערע מיט א פּנים פון אַן אסקעטישן ישיבה־בחור, די צווייטע איז געווען א קורצע, א רידעוודיקע, א קאָכיקע און א טומלדיקע.

און ביידע זענען געווען פאַרביסן אַסימילאַטאָריש.

ביידע האָבן געהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם פאַר א גרויס פערזענלעך אומגליק און זיי פלעגן אויסמיידן צו רעדן וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם, אָט אַזוי ווי איינער האָט פיינט צו רעדן וועגן זיין הויקער, וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פּלייצע און מוז אים טראָגן אויף זיין פּלייצע זיין גאַנץ לעבן.

איך האָב פיל מאָל פּרובירט צו פאַרפירן א שמועס מיט דער יינגערער, מיט דער סאָציאַליסטקע, וועגן יידן און יידישקייט, פלעגט זי ממש בלייך ווערן, אָדער ריכטיקער גרין ווערן, ווי יעדע שטאַרק טונקעלע ווייבס־פּאַרשוין ווען זי ווערט בלייך.

און פלעגט איבעררייסן דעם שמועס און אַנטלויפן.

בלויז איינמאָל האָט זי מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט האַסטיק:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס ווילט איר כסדר רעדן מיט מיר דווקא וועגן יידן און יידישקייט, אַלע רעדן מיט מיר וועגן סאָציאַליזם, ווייל איך ווייס און קען דעם סאָציאַליזם, און אייך ווילט זיך רעדן מיט מיר וועגן יידן און יידישקייט, פון וועלכער איך האָב א גאָר קליינע אַנונג.

אפּנים איר ווילט אַרויסשטעלן אייער סופּעריאָריטעט אין דעם קעגנשטאַנד.

איך וויל אָבער רעדן מיט אייך וועגן סאָציאַליזם, ווייל איך וויל אַרויסווייזן מיין סופּעריאָריטעט.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט א רעד צו טון מיט איר וועגן אירע און איר שוועסטערס פאַרביסענער אסימילאַטאָרישקייט.

אָבער זי איז געווען קלוג און ביז גאָר פלינק אין איר שמועס, אָדער אין א דעבאַטע, און זי האָט נישט דערלאָזט אונדזער שמועס צו אנטוויקלען זיך אין דער ריכטונג אין וועלכער איך האָב געוואָלט זי פירן.

איר איז געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער שפּיל, אָדער דער דאָזיקער ווערטער געפעכט, און זי פלעגט גאָר אָפט מיט מיר פאַרפירן אַ שמועס און באַווייזן מיר באַשיינפּערלעך, אַז איר קען מען נישט פירן אויף אַ שטריקל.

און איך מוז מודה זיין —

ניין, מען קען זי נישט פאַרפירן, זי גליטשט זיך ארוים ווי א נאַס צאַפּלדיק פישל פון די הענט.

אָבער איינמאָל האָט זי דאָך נאָכגעגעבן, בלויז איינמאָל.

זי האָט מסתמא אַליין געוואָלט אַראָפּרעדן זיך פון הארצן, באַ־פרייען זיך פון עפּעס, וואָס האָט זי געמאַטערט.

גערעדט האָט זי רוסיש, אַ זייער גוטן רוסיש, די אינטעליגענטסטע רוסן רעדן נישט אַזאַ גוטן רוסיש, אָבער, ווי געזאָגט, זי האָט גערעדט רוסיש מיט אַ יידישן אַקצענט, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי רעדט יידיש.

* *

און אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט:

— עס איז אמת, זי קומט פון אַ יידיש הויז, פון אַ הויז אין וועלכן מען האָט קיין רוסיש וואָרט נישט גערעדט און נישט פאַרשטאַנען.

אָבער דער שטומער אין רוסיש טאַטע און מאַמע מאַכן דווקא אַ לעבן פון רוסן: זיי האָבן אַ קראָם, אַ קראָם פון וויין און פון אַלע נאַשע־רייען, אַ רייכע קראָם; דער טאַטע איז רייך, קאַרג און גאָטספאַרכטיק.

די מאַמע איז כלומרשט די גרויסע בריה, זי איז דער קאָפּ פון קראָם, אָבער דער פאָטער זיצט אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט, ער האַנדלט מיט די אָרעמע רוסישע פּריצים, וואָס קומען אין קראָם אריין קויפן קאָסטנם משקה.

און וואָס דער טאַטע מאַכט געלט אין אַ האַלבע שעה ביי אַ געשעפטל מיט אַ פּריץ, מאַכט עס די מאַמע נישט אין צען יאָר.

ווען מיר, איך און מיין שוועסטער, זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר

זיך דערוווּסט, אַז די קראַם פירט די מאַמע, כדי דער טאַטע זאָל קענען מאַכן זייטיקע געשעפטן מיט די קונים פון משקה.

אונדז האָט געוווּנדערט ווי אַזוי אונדזער פאָטער רעדט זיך צוזאַמען מיט די רוסישע פּריצים נישט קענענדיק קיין וואָרט רוסיש.

מיר זענען געווען גימנאַזיסטקעס און מיר האָבן שוין געקענט גוט רוסיש.

הכלל — איך און מיין שוועסטער באַשטימען זיך אונטערצוהערן א געשפּרעך צווישן טאַטן און א פּריץ.

מיין טאַטנס רעדן רוסיש איז געווען שרעקלעך, קיין איין גאַנץ וואָרט, איטלעכס וואָרט איז צעדריט, צעקאַליעטשעט און צעהויקערט, אָבער דעם פּריץ געפעלט עס, ער לאַכט פון מיין טאַטנס רוסיש און מאַכט מיט אים געשעפטן, און כסדר גוטע פאַרן טאַטן.

דער פּריץ לאַכט און קלאַפּט דעם טאַטן איבער דער פּלייצע:

— ניט דו קענסט א וואָרט רוסיש, ניט דו פאַרשטייסט א וואָרט רוסיש, אָבער געשעפט פאַרשטייסטו טויזנט מאָל בעסער ווי איך, כסדר קומסטו ארויס דער געווינער און איך דער פאַרלירער. זאָג מיר, מאָווּשאַ, וואָס פאַר א טייוול זיצט אין דיר?

— א טייוול? — האָט זיך מיין פאָטער צעלאַכט, — ניין, מיר האַלטן נישט פון קיין טייוואָלאָנים, איך האָב א קאָפּ אויף די פּלייצעס, בלויז א קאָפּ.

— און איך וועל דיר אַמאָל פאַרדרייען דיין יידיש קעפּל, — זאָגט דער פּריץ האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט.

— דאַן וועלן מיר זען, — זאָגט מיין טאַטע אין א שרעקלעכן רוסיש . . .

מיר זענען געווען נאָך קליינע מיידלעך, און מיר האָבן אויך אָנגע־הויבן צו גלויבן אַז א טייוול זיצט אין מיין טאַטן און אין מיין מוטער.

מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מאַכט מיין פאָטער זיינע גע־שעפטן, יענער איז גאָר פאַרנומען מיט לערנען און מיט דאַווענען, יענער פירט זיך אַרום מיט פרומאַקעס, ער ברענגט אַלע פרייטיק־צו־נאַכט אַן אורח א פרומאַק און זיי זינגען און זיי רעדן און מיר פאַרשטייען קיין וואָרט נישט.

ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט דערגרייכט אונדזער שטאָט,

בין איך און מיין שוועסטער און מיט אנדערע גימנאזיסטקעס אריינגעצויגן געוואָרן אין איר.

מיר זענען געווען א גרופּע, און א רוסישער יונגער מענטש מיט זייער א גלאַט צינגל, אָבער מיט אויבערפלעכלעכע ידיעות אין סאָציאַליזם, איז געווען אונדזער פירער און לערער.

איינמאָל קומט ער צו צו מיין שוועסטער און מיר און פרעגט אונדז:

— ווי איז אייער פאַמיליען־נאָמען? מיר דאַכט זיך, אז אַק..

— יאָ, — ענטפערן מיר פאַרוווּנדערט, — צו וואָס פרעגט איר עס?

— אַזוי, עפּעס האָבן מיר א שייכות מיט אייך.

און מער האָט ער נישט גערעדט.

אָבער מיין שוועסטער און איך האָבן נישט געקענט פאַרגעסן זיין פראַגע, דערהויפּט — זיין שייכות מיט אונדז. ער איז א קריסט, דאָס האָבן מיר געזען און געוווּסט, און מיר זענען יידישע מיידלעך.

—הכלל, מיר האָבן זיך באַפריינדעט מיט אים און מיר האָבן אַרויסבאַקומען פון אים: וועגן זיין שייכות צו אונדז:

— א טייל פון אונדזער פאַרמעגן איז אַריבער צו אייער פאָטער, אַזוי האָט מיר מיין מוטער געזאָגט, — האָט אונדז איינמאָל דערקלערט אונדזער חבר און לערער.

— ווי אַזוי איז עס געשען? — פרעגן מיר ביידע פאַרוווּנדערטע.

— פּשוט, מיין פאָטער האָט אים פאַרקויפט שטיקער פון אינדזער וואַלד, און אייער פאָטער האָט עס פאַרקויפט צו אַנדערע.

— פאַרוואָס האָט עס אייער פאָטער פאַרקויפט? — לאָזן מיר נישט אָפּ אונדזער חבר.

— מיין פאָטער איז א לייכטזיניקער, צעבאַלעוועטער מענטש. ער דאַרף כסדר האָבן געלט.

— האָט אונדזער פאָטער אים אָפּגענאַרט, באַשווינדלט? — פרעגן מיר מיט שרעק.

— ניין, ווען נישט אייער פאָטער וואָלט געווען אַן אַנדערער, מיין פאָטער וואָלט שוין געפונען א קונה. פאַרגעסט נישט, עס איז א קאַפּיטאַליסטישע באַפעניש און פאַרדרייעניש, דאָס איז קאַפּיטאַליזם.

— און וואָס ווייטער? — פרעג איך געשפּאַנט.

— גאָרנישט, אים האָט מען אַרעסטירט אין אַן אַנדער שטאָט. מיך האָט מען אויך אַרעסטירט.

אונדזערע עלטערן האָבן איינגעליינגט וועלטן און מען האָט מיך באַפרייט און אין עטלעכע וואָכן ארום בין איך שוין געווען אין אויסלאַנד ביי מיין שוועסטער, וואָס איז עלטער און האָט פריער פון מיר געענדיקט גימנאַזיע.

און אָט אַזוי זענען מיר דאָ, טאַטע־מאַמע שיקן אונדז געלט, זיי זענען פאַרמעגלעך, זיי קענען אונדז שיקן.

איך בין געווען עפּעס אַנטטוישט פון סוף. מיר האָט זיך געוואָלט געפינען דעם שליסל צו זייער פאַרביטערטער אסימילאַציע, איך האָב עס פון איר קורצער און טרוקענער דערציילונג נישט אַרויסבאַקומען.

צי האָט זי עפּעס באַהאַלטן, צי האָט זי געשפּילט, דאָס ווייס איך נישט.

אויס נייגעריקייט בין איך געגאַנגען הערן אַ לעקציע פון איר שוועסטער. אָבער אויף דער קאַטעדרע איז געשטאַנען אַן אויסערסט מיאוס עלטער מיידל און האָט גערעדט טרוקן וועגן דעם טרוקענעם קעגנשטאַנד, אין פילאָזאָפיע, וועגן לאָגיק.

די עלטערע שוועסטער פלעג איך זעלטן זען, אָבער די יינגערע פלעג איך אָפט באַגעגענען. זי איז שטענדיק געווען אין איילעניש, עפּעס ווי זי וואָלט כסדר מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

איך פלעג לייענען אירע אַרטיקלען אין דער רעוואָלוציאָנערער אומלעגאַלע פּרעסע. זיי זענען געווען שאַרף און עפּעס טערפּקע.

דאָ און דאָרט פלעגט זי נעמען אַנטייל אין אַ דעבאַטע.

אָבער איר יידישער אַקצענט אין רוסיש האָט עפּעס געמאַכט לעכערלעך דאָס סאַמע וואָגיקע און דאָס סאַמע ערנסטע וואָס זי האָט געזאָגט.

זיי האָבן נישט געהאַט קיין מזל און נישט קיין דערפאָלג.

און אַזוי האָבן זיי זיך ביידע געעלטערט אין דער שווייץ.

אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווען עס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אַ מין קיבוץ גליות פון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אין ווייטן סיביר, האָב איך געזוכט די נעמען פון די צוויי שוועסטער.

עפּעס בין איך געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיין אין דעם צעטל פון די צוריקגעקערטע אהיים, קיין רוסלאַנד.

אָבער ניין, איך האָב זייערע נעמען נישט באַגעגנט אינערגעץ.

איך האָב נאָכגעפרעגט ביי פיל בערנער וואָס האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן אין מאָסקווע אין די צענדליקער, אפשר אין די הונדערטער, זיי האָבן אָנגעפילט א סך קאָמיסאַריאַטן, דערהויפּט דעם קאָמיסאַריאַט פון אויסערלענדער פּאָליטיק, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט, זיי אַליין האָבן זיך געוווּנדערט וואָס מען הערט נישט פון זיי.

זיי זענען אפנים געבליבן אין דער שווייץ לעולם ועד.

פון יענעם שמועס אָן האָט מיך די יינגערע, די פאַרברענטע סאָציאַליסטקע, אויסגעמיטן, זי פלעגט אריבערגיין אויף דעם אַנדערן טראָטואר ווען זי פלעגט מיך דערזען פון ווייטן.

זי האָט אפנים זיך אַליין נישט געקענט מוחל זיין איר ווייבערישע סענטימענטאַליטעט און איר אָפנהאַרציקייט פאַר א פרעמדן מאַנספּאַרשוין.

מען האָט זיי נישט ליב געהאַט אין דער קאָלאָניע.

מ׳פלעגט רעדן וועגן זיי מיט א שמייכל.

און נישט בלויז די נאַציאָנאַליסטיש געשטימטע סטודענטן און סטודענטקעס, נאָר אפילו זייערע פּאַרטיי־חברים און פּאַרטיי־חברות.

עס איז געווען עפּעס אומהיימלעכס און עפּעס אָפּשטויסנדיקס אין די צוויי שוועסטער.

יאָ, די וועלט האָט נישט ליב קיין אַלטע מוידן און אַלטע מוידן צאָלן דער וועלט מיט דערזעלבער מטבע.

* *

איך פלעג זען טאָג־טעגלעך הונדערטער יידישע מיידלעך לויפן אויף די לעקציעס, לויפן אויף רעפעראַטן, אויף דעבאַטן און אויף סטודענטישע בעלער.

און מיך פלעגט כסדר עפּעס אינטריגירן צו טרעפן אָדער דערוויסן זיך פון וועלכע היימען קומען אָט די מיידלעך, ווער זענען זייערע עלטערן.

פון וועלכע שטעט און שטעטלעך קומען זיי און וואָס איז זייער קורצע יונגע פאַרגאַנגענהייט ?

און דאָס פלעגט גאָרנישט זיין שווער אַרויסצובאַקומען ביי זיי. פאַרקערט, זיי פלעגן ווערן ביז גאָר באַרעדעוודיק. זיי האָבן אפנים כמעט אַלע געליטן פון היים־ווײ. זיי זענען כמעט אַלע געווען קינדער פון א היים, קינדער פון איבערגעגעבענע עלטערן און זיי פלעגן רעדן וועגן זייערע עלטערן און זייערע היימען.

איינציקע בלויז פלעגן עפעס טראָגן אַ שלאָס אויף זייער מויל.

איינמאָל קומט צו מיר אַ סטודענטקע מיט אַן אָפן ליב פּנים און זאָגט פּשוט:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ שרייבער און איר זאַמלט מאַטעריאַל וועגן דער יוגנט וואָס לערנט אין אויסלאַנד און וועגן זייערע היימען וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך.

איך קען אייך אויך דערציילן עפּעס וועגן זיך.

איך האָב פאַרזיכערט דער סטודענטקע, אַז איך טו עס אויס ריינער נייגעריקייט, איך וויל פּשוט זיך באַקאַנען נעענטער מיט דער יוגנט, וואָס לערנט אין אויסלאַנד; איר אַליין האָט נישט אַזאַ פאַרלאַנג? אָט גייט איר אין גאַס און איר באַגעגנט מענטשן, ווילט זיך אייך וויסן ווער די מענטשן זענען, ווי לעבן זיי, און אַזוי ווייטער.

— יאָ, ריכטיק. אָבער מיין קורצע ביאָגראַפיע איז אַן אינטערעסאַנטע. איך בין אַ קריסטין, אָבער מיין מאַמע איז אַ יידישע. זי האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט מיין פאָטער, אַ קריסט. מיין פאָטער איז אַ גאַנץ ווילער מענטש, ער איז אָבער זאָרגלאָז, ער האָט ליב שפּילן אין קאָרטן, דאָ און דאָרט אַ טרונק טון, ער איז נישט קיין שיכור, חלילה, ניין. אָבער ער וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון מאַכן אַ כוסה מיט אַ פריינד און אַ באַקאַנטן, און ווי עס פּאַסירט ביי אַזעלכע מענטשן קומט ער אַמאָל אַהיים שיכורלעך.

איז דאָס די גרעסטע טראַגעדיע ביי מיין מוטער. דערזעט זי אים אין אַ שיכורלעכן צושטאַנד — באַפאַלט איר אַ פּחד, זי פאַרשליסט זיך אין איר צימער און באַווייזט זיך נישט אַ פּאָר טעג.

האָב איך געמיינט אַז יידן טאָרן נישט טרינקען, אָבער דאָ זע איך, אַז יידישע יונגע מענטשן טרינקען אָפט און עס איז ביי קיינעם נישט קיין טראַגעדיע.

יאָ, מיין מוטער איז אומגליקלעך, זי איז ביז גאָר אינטעליגענט, זי שפּילט גוט פּיאַנאָ, אָבער אין דעם פאַמיליען־קרייז פון מיין פאָטער און צווישן זיינע פריינד און באַקאַנטע איז זי אַ פרעמדע עפּעס.

מיין מוטער איז שיין, זי איז שיין ווי אַ יידישע פּרינצעסין, אירע אויגן אַליין פאַרמאָגן אַזאַ שיינקייט און אַזאַ מאַגיק, אַז איך ווער צעמישט קוקנדיק אין זיי.

איך האָב זייער ליב מיין מוטער. מיין מוטער מער ווי דעם פאָטער. אין דער פאַמיליע ווייזט מען זיך, אז איך בין דער מוטערס א טאָכטער.

און אָנגעהויבן פילן עס אַליין האָב איך דאָ געפינענדיק זיך צווישן אזוי פיל יונגע, אינטעליגענטע, קלוגע און אידעאַליסטישע יונגע יידן.

דאָ זענען מיר יידן געוואָרן עפּעס אזוי נאָענט, אזוי אייגן, אז איך פיל זיך ווי א יידישע, מיט יידן איז מיר היימיש, איך פאַרשטיי זיי און איך ליב זיי.

הערנדיק איר דערציילונג און קוקנדיק אויף איר איז מיר איינגעפאַלן א פראַגע צו טון איר:

— האָט איר דאָ באַגעגנט, אָדער געהערט וולאַדימיר מעדעמען ?

זי האָט זיך פאַרוויילט און געענטפערט:

— זיכער, איך לאָז נישט דורך קיין איין פאַרזאַמלונג אויף וועלכער ער טרעט אַרויס, איך קען זיך נישט געגוג אָנהערן אים און אָנקוקן אים. ער איז דאָך וווּנדערלעך. ער איז שיין אי פיזיש און אי גייסטיק.

און ווי וווּנדערלעך איז זיין לעבנס-געשיכטע, א קריסט, א געשמדטער אין דער יוגנט, קערט ער זיך צוריק, מיט זיין אייגענעם ווילן, צו יידן, איז עס נישט וווּנדערלעך. דאָס קען טאָן א אידעאַליסט, א שיינער מענטש.

איך שרייב אָפט מיין מאַמען וועגן אים. זי איז זייער פאַראינטערעסירט אין אים. איך האָב זיך מיט אים באַקענט.

איך האָב מיט אים נישט גערעדט, כסדר זענען דאָ אַרום אים מענטשן, כסדר איז ער פאַרנומען...

און דאָס מיידל רוימלט זיך:

איך וואָלט אויך וועלן ווערן א יידישע, אָבער איך בין נישט גע־נוג שטאַרק, איך ווייס, איך וועל קומען אַהיים און מיין גוטמוטיקער פאָ־טער וועט מיך אַרומנעמען און קושן מיט אַזא ליבע, איך וועל קיין זאַך נישט קענען טאָן עפּעס אַזוינס וואָס וועט אים פאַרשאַפן צער.

אָבער איך בין שוין כמעט א יידישע, מיינע פריינדינס און פריינד זענען יידישע, און מיט זיי איז מיר אזוי גוט, אזוי גוט...

...און איך וועל רעדן מיט מעדעמען, איך וועל אים בעטן צו געבן מיר א האַלבע שעה, איך האָב אים אזוי פיל צו פרעגן, אזוי פיל...

איך האָב אויפן אָרט נישט געקענט באַשטימען, צי האָב איך דאָ פאַר זיך א סטודענטקע, וואָס איז פשוט פאַרליבט אין מעדעמען, צי האָב

איך דאָ פאַר זיך באמת איינע וואָס וויל ווערן אַ יידישע, ווי מעדעם איז געוואָרן.

איך האָב זיך דערוווּסט פון איר, אַז איר פאָטער און מוטער לעבן אין אַ מיטעלער שטאָט אין צענטראַל רוסלאַנד, אַז דאָס לעבן אין שטאָט איז פּראָווינציעל, און אַז זי זאָל פאָרן אין אויסלאַנד איז באַשטאַנען איר מוטער, דער פאָטער איז שוין גאָרנישט געווען באַגייסטערט פאַר דעם.

מיין מוטער האָט אַמאָל אויך געחלומט צו פאָרן אין אויסלאַנד און שטודירן, אָבער אירע עלטערן זענען געווען קעגן דעם. זי איז זייער איין־איינציקע טאָכטער.

— יאָ, מעדעם, האָט דאָס מיידל גערעדט ווי צו זיך, ער רעדט אַזוי שיין, זיין רוסיש איז זאַפטיק, אַזוי געשמאַק און עפּעס דופטיק. זיין רו־סיש האָט אַ וווּנדערלעכן אַראָמאַט.

און פּאָעטיש רעדט ער, אַזוי פּאָעטיש...

און דאָס מיידל האָט פּלוצלינג מיר געגעבן די האַנט און איז גע־שווינד אַוועק.

איך האָב זי איינמאָל געזען אויף מעדעמס אַ רעפעראַט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ אָפענער באַגייסטערונג און פאַרגעטערונג, אַז איך האָב זיך געשראָקן, אַז דער עולם וועט עס באַמערקן און וועט זיך צעלאַכן.

אָבער זי איז נישט געווען די איינציקע. נאָך מיידלעך האָבן גע־קוקט אויף דעם שיינעם עלעגאַנטן מעדעם און זיך צוגעהערט צו זיין מעלאָדישן רוסיש און צו זיינע פּאָעטישע רייד.

יאָ, זי איז נישט געווען די איינציקע...

דערנאָך איז זי עפּעס פאַרשווּנדן, איך האָב זי מער נישט געזען.

אין דער סטודענטישער קאָלאָניע האָט עס אָפט פּאַסירט. אָט זעסטו אַ מיידל, אָדער אַ יונגן סטודענט אָפט, און אָט קומט אַ צווייטער סעמעס־טער און ער אָדער זי איז נישטאָ . . .

אויף אַזעלכע קאָנטראַסטן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין בערן: אויף די צוויי יידישע שוועסטער וואָס האָבן פיינט אַלץ וואָס עס איז יידיש, און אויף אַ האַלב־רוסיש מיידל, וואָס איז פאַרליבט אין יידן . . .

22

אין פּאַריז

עס איז געקומען די צייט צו שרייבן מיין דאָקטאָר־אַרבעט און גרייטן זיך צו די דאָקטאָר־עקזאַמענס.

איך האָב געקענט שרייבן אויף דריי טעמעס — אויף אַ פילאָזאָפישער, אויף אַ היסטאָרישער און אויף אַן עקאָנאָמישער, אָבער נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט די דריי פּראָפעסאָרן פון די דריי קעגנשטאַנדן איז ביי מיר געבליבן צו נעמען אַן עקאָנאָמישע טעמע, ווייל איז די דאָזיקע טעמע נענטער צום לעבן, אגב איז עקאָנאָמיק אין יענער צייט געווען דער פּאָפּולערסטער קעגנשטאַנד ביי דער רוסישער און יידישער יוגנט.

מיין אַלטער פּראָפעסאָר אָנקען, אַ מענטש מיט גאַנץ מיטלמעסיקע פעאיקייטן און מיט אַ גאַנץ שמאָלן קוק אויף דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, נישט קוקנדיק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ מין געשיכטע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָט מיר פאָרגעלייגט צו שרייבן וועגן אַ פראַנצויזישן עקאָנאָמיסט, וואָס האָט געלעבט פאַר דעם ענגלישן עקאָנאָמיסט דזשאָן סטיוארט מיל, און האָט אַרויסגעזאָגט גאָר פילע מיינונגען, וואָס שפּעטער האָט זיי דער דערמאָנטער ענגלישער עקאָנאָמיסט אויך אַרויסגעזאָגט.

פּראָפעסאָר אָנקען האָט אַנטדעקט דעם דאָזיקן אַלטן פראַנצויזישן עקאָנאָמיסט און ער איז ממש געווען פערזענלעך פאַראינטערעסירט, אַז איינער פון זיינע סטודענטן זאָל שרייבן אַן אַרבעט וועגן אים, דער עיקרשט — ער זאָל באַווייזן, אַז דזשאָן סטיוארט מיל איז לחלוטין נישט אָריגינעל, און עס איז אפילו אַ סברא, אַז מיל האָט פּשוט פיל געלקחנט ביי דעם דאָזיקן אַלטן פראַנצויזישן עקאָנאָמיסט.

צו דעם צוועק דאַרף איך אָבער פאָרן קיין פּאַריז און אַרבעטן אין דער „ביבליאָטעק נאַסיאָנאַל" אַ פיר־פינף חדשים.

דאָס וועט זיין אַן אַרבעט און אַ סענסאַציע.

פאַרן אין פּאריז דאָס איז געווען דאָס צוקערקעלע, די נאַשעריי, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן צו דער־טעמע, איך האָב באַלד מסכים געווען.

מיט פראַנקרייך בין איך שוין געווען א ביסל באַקאַנט; איך אין מיין פרוי זענען געפאָרן מיט א יאָר פריער קיין דיזשאָן אויף פראַנצויזישע קורסן, וואָס דער דיזשאָנער אוניווערזיטעט האָט געגעבן ממש אומזיסט, בלויז כדי צו פאַרשפּרייטן די פראַנצויזישע קולטור, קולטור, האָט מען נאָך דאַן געהאַלטן, איז מאַכט...

די קורסן זענען געגעבן געוואָרן בלויז פאַר סטודענטן פון אויסלענדישע אוניווערזיטעטן.

זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין דיזשאָן סטודענטן פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטן, פון דייטשלאַנד, נאָרוועגיע, שוועדן, האָלאַנד און פון די באַלקאַנישע לענדער, הכלל — א מין סטודענטישער אינטערנאַציאָנאַל.

מען האָט זיך מיט אונדז געצאַצקעט, מען האָט איינגעאָרדנט פאַר אונדז באַנקעטן, מען האָט אונדז געפירט איבער גאַנץ בורגונדיע, דיזשאָן געפינט זיך אין בורגונדיע, וווּ דער בעסטער וויין און שאַמפּאַניער ווערן געמאַכט.

מעיאָרס פון די שטעט, וועלכע מיר האָבן באַזוכט, האָבן געמאַכט פאַר אונדז אויפנאַמעס, און שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

אויף די קורצע רייזעס האָבן מיר אפשר געלערנט מער פראַנצויזיש און באַקאַנט זיך מער מיט דער פראַנצויזישער קולטור ווי פון די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרן.

איך בין געקומען קיין דיזשאָן מיט א ביסעלע בוך־פראַנצויזיש, און דעם ערשטן טאָג האָט א פראַנצויזישער פּאָליציאַנט, וועלכן איך האָב עפּעס געפרעגט, אָנגענומען מיין פראַנצויזיש פאַר דייטש, און ער האָט מיר געזאָגט מיט פאַראַכטונג:

— איך פאַרשטיי נישט דעם דייטשן לשון...

ווען איך בין אַוועק אין א יאָר אַרום נאָך די קורסן אין דיזשאָן קיין פּאַריז איז מיין פראַנצויזיש געווען נאָך אַלץ שלעכט, אָבער ער איז שוין נישט געווען קיין דייטש...

בין איך געפאָרן אין פּאַריז נישט קיין שטומער, איך האָב זיך געקענט גוט צונויפמענרעדן מיט פראַנצויזן, ווענן לייענען איז אָפּגערעדט.

פארפארן בין איך אין א סטודענטישן האָטעל אין דעם לאטיינישן קווארטאל, ווו אלע אוניווערזיטעטן געפינען זיך.

און אין א פאר טעג ארום בין איך שוין געזעסן אין דער ביבליאָטעק נאסיאָנאל און לעבן מיר איז געלעגן א בארג מיט ביכער.

אין א קורצער צייט ארום האָב איך געזען ווי פאלש עס איז די מיינונג, וואָס די וועלט האָט וועגן פאריז; די וועלט ווייסט, אז פאריז איז א שטאָט פון קאָקאָטעס, דעמי־מאָנד־פרויען און סתם פון לייכטזין.

פאריז איז דאָס אויך, אָבער עס איז דאָ א פאריז אַן ערנסטע, א גוואלדיק געלערנטע, א זייער מאָראלישע און א ביז גאָר קליינבירגערלעכע מיט אלע טוגנטן און מיט אלע פאָראורטיילן פון קליינבירגער.

איך האָב אין קיין ביבליאָטעק נישט געזען אזוי פיל מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט אזוי פיל ערנסט ווי אין „ביבליאָטעק נאסיאָנאל".

איך האָב זיך שנעל באפריינדעט מיט אייניקע פראָנצויזישע באַזוכער פון דער ביבליאָטעק און מיר זענען געוואָרן ממש נאָענטע פריינט.

אין די אָוונטן פלעג איך גיין אין א טעאַטער.

* *

טעאַטער איז געוואָרן מיין ליידנשאפט ממש.

פאר פופציק סאַנטים פלעג איך קריגן א פלאץ ערגעץ אונטערן דאך, אויף דער העכסטער גאַליאַרקע, און פון דאָרט פלעג איך זען און הערן מיט גרויס שוועריקייטן דאָס שפילן.

מען האָט שוין מיך געקענט אויף די גאַליאַרקעס פון א טוץ פראַנצויזישע גוטע טעאַטערס, און מען פלעגט מיך באַגריסן ווארעם:

— אַט איז אונדזער רוס . . .

און אפטער באַזוכער בין איך געווען אין סאַראַ בערנאַרדס טעאַטער, אזא אָפטער באַזוכער, אז דער אָנפירער פון דער „קלאַק" (פון געדונגענע בראַוואָ־פאַטשערס) האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערן א מיטגליד פון דער קלאַק און דערפאַר וועל איך באַקומען אומזיסטע פלעצער און בעסערע ווי די וועלכע איך קויף.

איך דאַרף בלויז צען־פופצן מאָל פאַטשן בראַוואָ שטאַרק ווען ער וועט אונדז, חברה־פאַטשערס, געבן א צייכן.

איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, אָפגעזאָגט, און מיין פראַנצויזיש איז געווען זייער און זייער אַנטוישט.

לויט זיין מיינונג וואָלט איך געוואָרן מיט דער צייט אַ גאָר גוטער בראַוואָ־פּאַטשער.

איך בין עס, לײדער, נישט געוואָרן מיין גאַנץ לעבן.

איך האָב געפּאַטשט בראַוואָ נאָר אָפט אין פאַרשידענע טעאַטערס, אָבער אָן שכר.

מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געלערנט מער ווענן טעאַטער ווי ווענן דעם אַלטן פראַנצויזישן עקאָנאָמיסט.

איך האָב געקענט גוט אין זייערע בעסטע ראָלן סאַראַ בערנאַרד, קאָקלען, מאַדאַם רעזשאַן און אַ סך אַנדערע.

ליב באַקומען האָב איך קאָקלען און מאַדאַם רעזשאַן; קאָקלען איז געווען דער באַגאַבטסטער קאָמיקער און אַזוי איז געווען מאַדאַם רעזשאַן; קאָקלען פלעגט זיך אויסצייכענען אין דער קלאַסישער קאָמעדיע, אין די קאָמעדיעס פון מאָליער, באָמאַרשע א. אַ. מאַדאַם רעזשאַן פלעגט שפּילן אין די נייערע קאָמעדיעס, שפּילן פלעגט זי פאָלקס־פרויען מיט אַזאַ טעמ־פּעראַמענט, מיט אַזוי פיל פאַרביקייט און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי פלעגט ממש פאַרכאַפּן די אוידיטאָריע.

קאָקלען איז געווען אַ קילער, געלאַסענער, אָבער אויסערסט טיפער קאָמיקער.

ער האָט זיך גערעכנט אין יענער צייט פאַרן גרעסטן פראַנצויזישן שוישפּילער. און אַזוי אויך מאַדאַם רעזשאַן.

סאַראַ בערנאַרד האָט מען באַוווּנדערט, אָבער מען איז נישט געווען פאַרליבט אין איר, זי איז געווען אַ דורכגעטריבענע סוחרטע און פּאָלי־טיקערין.

„די געטלעכע סאַראַ" האָבן זי גערופן אויסלענדער, פראַנצויזן האָבן עס בלויז איבערזעצט.

די „געטלעכע סאַראַ" איז שוין גאָרנישט געווען געטלעך, אָבער זי איז אָן אַ ספק געווען אַ גרויסע שוישפּילערין, זי וואָלט אפשר געווען נאָך גרעסער ווען זי וואָלט נישט געווען אַזוי קלוג...

אַ קינסטלער, ווי אַ קינד, מוז האָבן דעם וווּנדערלעכן געווירץ, וואָס הייסט תמימות, תמימות וואָס איז, אגב, טיפע חכמה.

אָט די דאָזיקע וווּנדערלעכע תמימות האָט זי נישט פאַרמאָגט.

אירע ראָלן האָט זי געשפּילט ווי אַ שאָך־מייסטער שפּילט שאָך,

דער גרויסער שאך־מייסטער פארמאגט זיכער אויך אינטואיציע, אבער עס איז די אינטואיציע פון חשבון, פון קאפ...

איך האב זי געזען אין א ראלע, וואס האט געהייסן „לא־בופאן”. דער ליץ, דער הויף־נאר, האט זי געשפילט א הויקערל, א מאנסבארשוין, וואס האט זיך שטערבלעך פארליבט אין א פרינצעסין.

איז ווי קען ער זיך דערשלאגן צו זען די פרינצעסין ?

פארדינגט ער זיך פאר א הויף־נאר, און אין א לבנהדיקן אוונט, ווען די פרינצעסין פארקלייבט זיך אויף איינעם פון די טורעמס פון איר פאלאץ, קומט דאס הויקערל ארויף זי אמוזירן, און ער דערקלערט זיך איר אין ליבע . . .

דער טעאטער איז געזעסן מיט א פארכאפטן אטעם, אזוי היים, אזוי רירנדיק און אזוי שטארק איז געווען די ליבע־דערקלערונג.

אבער עס איז דאך געווען מלאכה, ווונדערלעכע שניצעריי, אן על־טערע פרוי קען נישט שפילן א יונגן אומגליקלעך־פארליבטן, דאס פייער איז נישט עכט, די ליידן זענען נישט עכט און די ליבע צו דער פרינצעסין איז נישט עכט.

און אזוי איז געווען איר מענער־ראלע אין „דעם אדלער”.

מיך האט פארכאפט מער מאדאם רעזשאן, זי האט דענסטמאל גע־שפילט א באקאנטע קאמעדיע אין וועלכער א וועשערין שפילט די הויפט־ראלע. דער גרויסער נאפאלעאן, ווען ער איז געווען אן ארעמער טייוול, פלעגט זי וואשן זיינע וועש, און ער איז איר געבליבן שולדיק פאר וואשן זיינע וועש היבשע עטלעכע פראנק.

קומט זי נישט מאנען דעם חוב, חלילה, זי קומט מאנען א שטעלע פאר איר מאן.

דער מאן באקומט די שטעלע און זי, די וועשערין, ווערט די פאר־פולערסטע הויף דאמע, אבער זי איז נאך אלץ פאלקסטימלעך און די גאנצע הויף עטיקעטע איז איר לעכערלעך און טשעקאווע.

דא שפילט זי די פאלקסמיטלעכע פרוי און די הויף־דאמע, איינס איז ארייגעוועבט אין דאס אנדערע, דער קאמיזם איז אי דין און אי גראבלעך, אבער זיי מישן זיך אוים אין א פיקאנטן קאמיזם.

אן אפטער באזוכער בין איך געווען אין די קליינע קאבארעס, ער־גנעץ אין קעלערס. די דאזיקע קאבארעס האבן נישט געהאט קיין שטענדיקע, באצאלטע פארוויילערס, די געכט, די צופעליקע געסט זענען געווען די

פארוויילער, אבער צווישן די צופעליקע געסט פלעגט כמעט יעדן אוגוסט זיין א באריממער שוישפילער, זינגער, אדער טענצער.

און צוזאמען מיט זיי פלעגן טאקע צופעליקע געסט אויך ווייזן, וואס זיי קענען, פלעגט אפט אויך זינגען הייזעריקלעך, אבער ריהנדיק א גאסן־מיידל, וואס איז אריין אנצוווארעמען זיך בלויז...

א גאר אפטער באזוכער בין איך געווען אין דעם טעאטער פון אנ־טואן, דער דאן נייער קינסטלערישער טעאטער פון פאריז. אנטואן איז געווען דער פראנצויזישער סטאניסלאווסקי, אבער זיין טעאטער האט נאך געהאלטן פאר דער גרעסטער קינסטלערישער דערגרייכונג רעאליזם, אדער ריכטיקער — נאטוראליזם.

פארשטייט זיך, אז איך האב באזוכט די „קאמעדיע פראנסעז״, די אפערע און „אפערא קאמיק״.

איך האב געלעבט און געשוועבט, געלערנט, שטודירט און זיך גוט פארוויילט.

* *

פראנקרייך איז דאן געווען א גליקלעך לאנד, זי איז געווען די לייר־און־שפאר קאסע פון דער וועלט; נישט געווען קיין מלוכה, וואס האט נישט געליען קיין געלט ביי פראנקרייך.

א פראנצויז פלעגט אפארבעטן שווער און פלייסיק ביז 45־50 יאר, פלעגט קויפן פאר זיין אפגעשפארט געלט הלוואה־פאפירן פון פארשי־דענע מלוכות און פלעגט שניידן קופאנעס און לעבן זארגלאז און פריי.

ער פלעגט שפיזן טויבן אויף די פאריזער שיינע סקווערן און פלעגט זוכן אן אויסלענדער, א גאסט, מיט וועמען צו פארברענגען א פאר שעה אין שמועסן וועגן פאליטיק און וועגן אנדערע זאכן.

דענסטמאל איז געווען דער האניק־חודש פון דער רוסיש־פראנצוי־זישער אליאנס, איז יעדער רוס געווען יעדן פראנצויזס א גאסט.

פלעג איך בלויז פרעגן ביי אזא „ראנטיע״ (איינער וואס לעבט פון פראצענט־פאפירן), ווו איז די, אדער יענע גאס, פלעגט ער שוין מיך ניט אפלאזן, ער פלעגט גיין מיט מיר צו דער גאס, וועלכע איך האב באדארפט, אויפן וועג פלעגן מיר זיך ארייננכאפן אין א גוטן שענקל און ביי דעם דריטן גלעזל וויין פלעגט דער פראנצויז מיר קלאפן איבער דער פלייצע און זאגן :

— עס לעבע רוסלאַנד, איך בין אויך אַן אַנאַרכיסט... (יעדער רוס איז געווען פאַר זיי אַן אַנאַרכיסט).

יאָ, פּאַריז איז געווען אַ פרייליכע און אַ פריינדלעכע שטאָט.

איך האָב זיך פאַרשטייט זיך, באַקאַנט מיטן „פּלעצל", דאָס אָרט וווּ יידן וווינען, און אָפּגעשפּאָרט אפילו צייט צו פאַרנעמען זיך מיט יידישער קולטור־אַרבעט.

איך האָב זיך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט צוויי יידישע מאָלערס און מיט אַ יידישן סקולפּטאָר, איך האָב זיך באַקאַנט מיט פּעפּערמאַן, שפּעטער באַקאַנט מיטן נאָמען אבעל פאַן, שולמאַן און אברהם אייזענבערג, איצט אין ניו יאָרק, פּעפּערמאַן האָט נאָר וואָס געהאַט אַ נאָר גרויסן טריומף; זיינס אַ בילד „לאָ ווי", דאָס לעבן, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דער קריטיק, דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ גרופּע מענטשן שלעפּן מיט אַלע כוחות עפּעס אַ גרויסע און שווערע מאַסע, זיי זענען צוגעבונדן צו דער משא, די גרויסע און שווערע מאַסע — דאָס איז דאָס לעבן.

די גרופּע פאַרזאָרגטע און גוואַלדיק אָנגעשטרענגטע מענטשן איז געווען באמת דראַמאַטיש און שיין.

שולמאַן איז געווען אַ פּייזאַזשיסט מיט אַ גוטן נאָמען.

אָבער ביידע גוטע, לעבעדיקע יידישע בחורים.

אייזענבערג האָט געקלעפּט פון לייס בילדער פון יידישן לעבן.

האָבן מיר צוזאַמען אויפגעפירט לכבוד פּורים שלום עליכמס „משלוח־מנות".

די צוויי מאָלערס האָבן אויסגעמאָלט אויף אַ גרויסן פּאַפּיר אַ וווּנדערלעך יידיש שטעטל מיט קליינע, שטילע געסלעך, האָט איר געהאַט די אילוזיע ווי אַ יידיש יינגל טראָגט משלוח־מנות פּורים אין אַ יידיש שטעטל.

די איבעריקע אַרבעט אין דער אויפפירונג האָב איך געטאָן.

מיט טאַלאַנטים ממש, אָבער דערפאַר מיט גרויסן ענטוזיאַזם, האָבן מיר געשאַפן דעם ליבן פּורים ספּעקטאַקל, און אַז ענטוזיאַזם איז מער ווי געלט אין אַזעלכע אונטערנעמונגען איז איבעריק צו זאָגן.

* *

יאָ, ווי שרייבט מען וועגן פּאַריז, נישט דערמאָנענדיק די פּאַריזער מיידלעך, די גרעסטע אַטראַקציע פון פּאַריז ?

מיר קוקן אויף פראַנצויזישע פּרויען פון אונדזער יידישן שטאַנד־פּונקט, און דעריבער איז אונדז זייער אויפפירונג אַ היבש ביסל פּריקרע; די פראַנצויזן און, פאַרשטייט זיך, בתוכם די פרויען, באַטראַכטן ליבע פאַר נאַטירלעך און פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך.

אַ פּאַטער ברענגט זיין יונגן זון אין פּאַריז אין אוניווערזיטעט אַריין, באַזאָרגט ער אים מיט אַ מעטרעסע, מיט אַ מיידל, אַ פריינדין, כדי ער זאָל לעבן נאָרמאַל און אָפּגעבן זיך מיט זיין שטודיום.

דאָס מיידל גייט מיט אים אויף די לעקציעס, און אויב זי איז גענוג אינטעליגענט פאַרשרייבט זי פאַר אים סטענאָגראַפיש די לעקציע פון פּראָפעסאָר.

אין דעם האָטעל, ווו איך האָב געוווינט, האָבן געלעבט מייסטנס סטודענטן, האָט יעדער געהאַט זיין מיידל, געוועזן אין דעם האָטעל אַ רוסישער סטודענט, אָן אָרעמער טייוול, וואָס האָט זיך אַליין נישט געקענט אויסהאַלטן, אָבער דאָס מיידל זיינס האָט זיין אָרעמקייט אָנגענומען ווי איר אייגענע אָרעמקייט.

זי פלעגט אָנקלאַפּן אין די טירן פון אַנדערע סטודענטן און בעטן אויסבאָרגן איר פריינד אַ פּאָר פראַנק, זי פלעגט עס טון אַזוי איינפאַך און מיט אַזוי פיל גראַציע, אַז קיינער האָט איר נישט אָפּגעזאָגט.

זי האָט שטענדיק געשמייכלט, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אין רוסיש און יידיש. זי איז מיט אַלעמען געווען חבר, אָבער געטריי איז זי געווען איר פריינד, געטריי און איבערגעגעבן, און זי האָט אים פאַרלייכטערט דאָס לעבן.

און ווען דער פריינט אירער האָט אין אַ מינוט פון אויפברויז איר געהייסן גיין האָט זי געוויינט אַזוי ביטער, אַז זי האָט צעבראָכן אַלע־מענס הערצער, און אַלע האָבן זיך אַריינגעלייגט אין אַ שלום.

מאַריע, געדעק איך, האָט זי געהייסן, אַ בריה, אַ פלינקע, אַ לאַבנ־דיקע און ביז גאָר אַ גוטמוטיקע. זי איז נישט געווען גאָר שיין, אָבער אויסערסט גראַציעז און דירעוודיק ווי קוועקזילבער.

איר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז זי דאַרף זיך שעמען מיט איר לאַגע פון אַ מעטרעסע פון אַן אָרעמען טייוול, פון אַ סטודענט אַ ברוגזלעכן און אַ שוויינגדיקן; זי איז געבוירן געוואָרן אין אָרעמקייט און אָרעמקייט האָט איר נישט געשראָקן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל דאָ נישט זאָגן, אַז אַלע פראַנצויזישע פרויען זענען אַזעלכע, ניין, אָבער די מאַריע האָט געהאַט זיכער געמיינ־זאַמעס מיט אַלע פראַנצויזישע פרויען.

אין פראַנקרייך זענען דאָ אַ סך ווינציקער ליבע־טראַגעדיעס ווי אין אַנדערע לענדער, מאָרדן און זעלבסטמאָרדן צוליב ליבע זענען גאָר נישט דער ערך ווינציקער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער.

דאָס פראַנצויזישע מיידל קען זיין געטריי ביז גאָר און קען אוועק־ניין און פאַרגעסן איר נעכטיקן געליבטן, אָדער מאַן אפילו.

*　*

אין פּאַריז האָב איך ווי אַ פריער צוהערער געהערט פאַרשידענע לעקציעס אין סאָרבאָן, דער עיקרשט וועגן קונסט און ליטעראַטור.

וועגן ליטעראַטור האָב איך געהערט אַ סעריע לעקציעס פון דעם ליטעראַטור היסטאָריקער און קריטיקער עמיל פאַגע.

און דאָ האָב איך ערשט געזען וואָס פאַר אַ ראָלע ליטעראַטור שפּילט אין דעם פראַנצויזישן לעבן, עס איז נישט קיין אַבסטראַקטע קונסט פאַר אַ היפּעלע קונסט געניסער, עס איז אויך נישט קיין קונסט פאַר נייגע־ריקע „בעסט סעלערס" קויפערס, ליטעראַטור איז אַן ערנסטער, גאָר ערנס־טער ענין.

און עס איז מיר קלאָר געוואָרן נאָך עפּעס און נעמלעך — דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער איז דער סאַמע ערנסטער מענטש, דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער איז אַ דענקער, אַ מענטש פון פּרינציפּן און אַ קעמפער.

עמיל זאָלאַ האָט אויסגעקעמפט גערעכטיקייט פאַר דרייפוסן און פאַר פראַנקרייך, אַנאַטאָל פראַנס איז געווען אַ קעמפנדיקער ליבעראַל און אַזוי פיל אַנדערע אָנגעזעענע שריפטשטעלער, און וועגן די עטלעכע שריפט־שטעלער איז דאָך אָפּגערעדט.

דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער פאַרשליסט זיך נישט אין אַ טורעם פון העלפאַנט־ביין, ער איז אין סאַמע קאָך פון לעבן און זאָגט זיין קעמפעריש וואָרט ווען עס איז נויטיק.

די לעקציעס פון עמיל פאַגע זענען געווען פול מיט שאַרפן הומאָר, מיט טיפער ליטעראַרישער פילאָזאָפיע און מיט פּאַטאָס.

געליייענט האָט ער וועגן דער היינטצייטיקער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור, וועגן לעבעדיקע שריפטשטעלער און עס איז געווען אַקטועלישקייט אין זיינע לעקציעס, נישט געווען קיין פּראָפעסאָרישע מאָנאָטאָנישקייט און אָפּגעריסנקייט פון דעם לעבעדיקן לעבן.

איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, צוגעקוקט צום פראַנצויזישן סטו־דענט; ער זעט אויס ייִנגליש דער פראַנצויזישער סטודענט, ער נעמט דאָס שטודיום לייכט, כמעט שטיפעריש, אָבער אין תוך איז ער ערנסט און ביז גאָר סיסטעמאַטיש, זיין צייט ווערט אויסגענוצט קלוג און ביז גאָר עקאָנאָמיש, ער פאַרטאַכלעוועט נישט קיין צייט, ווייל צייט פאַרן יונגן סטו־דענט גייט נישט באַרוועס, ער דאַרף לערנען און דאַרף אויך לעבן, שטיפן און נעמען פון לעבן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך.

ער איז פלינק, ער איז שאַרף, מען דאַרף אים נישט צופיל צעקייען אַן ענין, ער כאַפּט אים אויף שנעל.

ער איז וויציק, שאַרפזיניק, ער איז בטבע נישט קיין פּרינציפּן־רייטער, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס ערנסטעס איז ער דאָ און קען איינשטעלן זיין לעבן אפילו.

הכלל — דער סטודענט איז א יונגער פראַנצויז.

איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, באַקאַנט מיט די יידן אויפן „פּלעצל״, זיי האָבן גערעדט יידיש ריכטיק ווי דער יידישער פאָלקס־מענטש רעדט יידיש אין אַמעריקע, א וואָרט פראַנצויזיש און צוויי ווערטער יידיש, א זאַץ אין יידיש און א זאַץ אין פראַנצויזיש.

בכלל זענען זיי געווען ווייט פון דעם פראַנצויזישן לעבן.

און דער פראַנצויז האָט געקוקט אויף די יידן פון „פּלעצל״ אַן חידוש, אָן בייזקייט און אָן פאָראורטיילן.

מענטשן, ווי אַלע מענטשן, מענטשן ווי ער און די אַנדערע.

איך האָב נישט באַמערקט קיין שום פיינטשאַפט אָדער סנאָבישקייט מצד דעם פראַנצויז צו די יידן פון „פּלעצל״.

* *

אין פּאַריז האָב איך אין א שיינעם פרימאָרגן באַקומען א דעפּעשע פון ביאַליסטאָק, אַז איך בין געוואָרן א פאָטער פון א זון.

איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, דערוואַרט, עס איז פאַר מיר נישט געווען קיין איבערראַשונג, אָבער עפּעס האָט זיך אַן ענדער געטאָן אין מיר.

איך האָב פּלוצלינג דערפילט, אַז איך בין אַ מענטש מיט מער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, אַז איך האָב איצט גרעסערע התחייבותן און אַז איך דאַרף גאָר ערנסט אַ טראַכט טון וועגן אַ תכלית...

און זיצנדיק איבער אַ באַרג ביכער אין ביבליאָטעק נאַסיאָנאַל, האָב איך זיך ארומגעזען, אַז דער אַלטער פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר מיין אַלטן פּראָפעסאָר אַנקען, איז פאַר מיר לחלוטין נישט וויכטיק, ער וועט מיר אין לעבן גאָרנישט געבן.

איך האָב דורכגעבלעטערט אין קאָפּ מיין וויסן און דערזען, אַז דאָס איז וויסן פאַר אַן אוידעם אויף אייביקע קעסט, אָבער נישט פאַר אַ מענטשן, וואָס וויל און מוז שטיין אויף זיינע אייגענע פיס אין לעבן.

און אַזוי זיצנדיק האָב איך באַשטימט — איך פאָר צוריק קיין בערן און גיי אַריבער אויף דעם יורידישן פאַקולטעט, דאָס איז דאָך אַ פּראַקטישער וויסנשאַפטלעכער צווייג, ווער ווייסט — אפשר וועט זיך ענדערן די לאַגע אין רוסלאַנד און איך וועל קענען זיין אַ יוריסט.

אין אַ פּאָר טעג האָב איך זיך געטראָגן אין אַ באַן צוריק קיין בערן.

און אויפן דריטן טאָג האָב איך געהאַט אַ שמועס מיטן דעקאַן פון יורידישן פאַקולטעט וועגן מיין איבערגיין פון פילאָזאָפיע צו יוריספּרו־דענץ.

ער האָט זיך אַ ביסל געוווּנדערט — איינער האַלט ביים עקזאַמען פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, וויל ער פּלוצלינג איבערגיין אויפן יורידישן פאַקולטעט.

מיך האָט אינטערעסירט אין וואָס פאַר אַ מינימום צייט קען איך מאַכן דעם יורידישן פאַקולטעט.

און דער דעקאַן האָט מיר געזאָגט:

מיט פלייס און מיט גוטע פעאיקייטן קען מען עס מאַכן אין צוויי יאָר.

און איך האָב באַשטימט — איך וועל עס מאַכן!

און האָב עס געמאַכט.

23

מיין ליטעראַרישע טעטיקייט

ווענן מיין ליטעראַרישער טעטיקייט אין די סטודענטישע יאָרן מיינע איז נישטאָ פיל צו דערציילן.

מיין ערשטע דערציילונג איז געדרוקט געוואָרן אין „יוד", וואָס איז געווען דאָס ערשטע מאָדערנע יידישע וואָכנבלאַט ביי יידן.

דער רעדאַקטאָר איז געווען דר. לוריע, א ציוניסט לויט זיינע איי־בערצייגונגען און אַ פּובליציסט, דווקא נישט פון ערשטן ראַנג, לויט זיין שרייבערישן באַרוף.

ער איז שפּעטער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „פריינד", און ער איז געווען אין אַ טעגלעכער צייטונג מער אויפן ריכטיקן פּלאַץ ווי א רע־דאַקטאָר פון א ליטעראַריש וואָכנבלאַט, שפּעטער איז ער אוועק קיין אַרץ ישראל.

צוליב די צאַרישע שטרענגע צענזור־געזעצן האָט זיך דער „יוד" געדרוקט א צייט אין עסטרייך, אָדער גאַליציע, און פלעגט איבערגעשיקט ווערן קיין רוסלאַנד.

שפּעטער האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען א דערלויבעניש צו דרוקן אים אין וואַרשע.

עס איז געווען אַן ערלעך, פאַרנעם און טאַקע א גוט יידיש ליטע־ראַריש וואָכנבלאַט, הלוואי האָבן מיר היינט אַזאַ וואָכנבלאַט.

ווען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געלייענט מיין ערשטע דערציי־לונג אין „יוד" האָב איך זיך שטאַרק פאַרשעמט; זי איז געווען א נאָכמאַ־כונג פון שלום־עליכםס קורצע הומאָריסטישע דערציילונגען.

ווי אַזוי די רעדאַקציע האָט עס נישט באַמערקט איז מיר עד־היום א ווונדער.

יאָ, הפּנים אין יענער צייט (1903) איז נאָך ליטעראַרישע מבינות, אָדער קריטיק געווען ביי אונדז אין ווינקעלעך.

און ווי אין יעדן בראשית איז געווען דאַן אין דער יידישער ליטע־

ראַטור אַ תוהו ובוהו, אפילו ביים בעסטן יידישן רעדאַקטאָר און בעסטן מבין פון ליטעראַטור, ביי י. ל. פּרצעס „יום־טוב בלעטלעך" איז נאָך געווען אַ תוהו ובוהו.

מיין ערשטע העברעאישע דערציילונג איז געווען געדרוקט (אין 1904) אין דער נייער און „אולטראַ מאָדערנער" העברעאישער צייטונג „הצופה".

דער רעדאַקטאָר פון „הצופה" איז געווען מ. לודוויפּאַל, ער האָט געלעבט און שטודירט אין פראַנקרייך, און ער האָט איבערגעבראַכט די גוטע פראַנצויזישע צייטונגס־מאַנירן אין העברעאיש.

די פראַנצויזישע צייטונגס־מאַנירן האָבן זיך נישט איבעריק צוגע־פּאַסט פאַר אַ העברעאישער צייטונג און דער עיקרשט פאַר די העברעאישע לייענער: דער מוסטער פון אַ העברעאישער צייטונג איז געווען די „הצפירה" און דער „המליץ", זיי זענען געווען עכטער, די „הצפירה" איז געווען דורכ־אויס פּויליש־יידישלעך, און דער „המליץ" איז געווען רוסיש־יידישלעך, אָדער אדעסיטיש־יידישלעך.

זיי זענען געווען עכט, זיי זענען געבוירן אין צוויי יידיש סביבות און האָבן געהאַט די שרייבערישע מאַנירן און השגות פון די דאָזיקע צוויי סביבות.

לודוויפּאַל האָט אָבער באַוויזן צו קאָנצענטרירן ארום דעם „הצופה" די יינגערע העברעאישע שרייבער; ה. ד. נאָמבערג, למשל, איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, און מיט דעם אליין האָט די צייטונג אויסגעזען לעבעדיקער, פרישער און טאַקע גרוים־וועלטישער.

די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט לודוויפּאַל געשענקט דעם פעליע־טאָן, וואָס האָט זיך געדרוקט אונטן, אָבער פעליעטאָן האָבן אויך געהייסן דערציילונגען און אנדערע מינים ליטעראַטור, זיי האָבן זיך געדרוקט אונטן און זענען אריין אונטערן נאָמען פעליעטאָן.

מיין ערשטע דערציילונג אין העברעאיש איז אויך געדרוקט געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון פעליעטאָן.

לודוויפּאַל האָט געהאַלטן דעם פעליעטאָן פאַר אַזוי וויכטיק, אַז יעדן טאָג פלעגט אָנגעגעבן ווערן קורץ וואָס עס וועט געדרוקט ווערן מאָרגן אין

דער פעליעטאָן־אָפּטיילונג, עס פלעגט הייסן קורץ און שאַרף „מחר בפליטון"
דאָס און דאָס.

דער שרייבערישער עולם פלעגט מאַכן וויצן אויף דער דאָזיקער שורהלע, אויף דעם „מחר בפליטון".

א יונגער סטודענטל האָב איך זיך אַמאָל צוגעלאַנשטשעט צו אַ גרופּע עלטערע בערנער סטודענטן, אין וועלכע עס זענען געווען א. מ. באָרוכאָוו, מאַסענזאָן, מעטמאַן־כהן א. א.

ניט א. מ. באָרוכאָוו, אָן איידעלער בן־הרב מיט אַ זיידן בערדל, אַ זאָג:

— בין איך היינטיקע נאַכט געשלאָפן, ממש ווי אַ געהרגעטער.

פרעגט אים איינער:

— מה יום מימים, וואָס פאַרא שלאָפעריי איז דיך באַפאַלן?

ענטפערט ער מיט אַ שטילן שמייכל:

— איך האָב היינט באַקומען דעם „הצופה" און דאָרט לאָזט לודוויפּאָל וויסן וואָס עס וועט זיין מאָרגן אין דער פעליעטאָן־אָפּטיילונג, ווען, חלילה, ער לאָזט עס מיר נישט וויסן וואָלט איך נישט געקענט איינשלאָפן.

דער עולם האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

לודוויפּאָל אַליין איז נישט געווען קיין גאָר קאָנטיקער שרייבער אויף וועלכן עס איז געביט, אָדער אין וועלכן עס איז ליטעראַרישן צווייג; ער איז געווען פריער אַ קאָרעספּאָנדענט פון פראַנקרייך אין „המליץ" און אויך אין „הצפירה", ער האָט ווי אַ קאָרעספּאָנדענט אויך נישט געכאַפּט קיין שטערן פון הימל, עס איז אָבער יאָ קאָנטיק געווען אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס איראָפּעאישקייט און נייערע שרייבערישע מאַנירן.

מיט אַלע פעלערן איז דער „הצופה" געווען אַ מאָדערנע העברעאישע צייטונג.

נ. סאָקאָלאָוו איז דווקא געווען אַ וועלטלעכער מענטש, אין זיין הויז איז כמעט קיין זכר נישט געווען פון העברעאיש און פון סתם יידישקייט, די קינדער זענען געווען אסימילירט, ער אַליין איז אויך געווען אַ היבש ביסל אסימילירט, אַ פּוילישער ייד ווען ער גייט אוועק פון בית־המדרש און פון זיין רבין איז ער דורכאויס וועלטלעך.

אָבער אין „הצפירה" איז סאָקאָלאָוו געווען דורכאויס יידישלעך און זיינע לייענער זענען געווען דווקא לערנער און פֿרומע יידן.

נ. סאָקאָלאָוו האָט געפירט אַזוי אַרום אַ טאָפּלט לעבן, אַ ייד מיט אַלע קנייטשלעך אין „הצפירה" און אַ פּאָליאַק אינדערהיים.

נ. סאָקאָלאָוו איז סתם געווען אַ צווייענדיקער, אין העברעאיש איז ער אָפּט געווען אַ בטלן, אַ קלוגער, אַ שאַרפזיניקער בטלן, און אין הויז און אין זיין גאַנץ טאָג־טעגלעך לעבן איז ער געווען אַן אַסימילירטער וועלטלעכער ייד.

דער „הצופה" איז, אַזוי אַרום, געווען די ערשטע מאָדערנע יידישע ציַיטונג.

* *

איך האָב געדרוקט דערציילונגען אין דעם „וועג", וואָס איז דערשי־נען אַ קורצע ציַיט אונטער דער רעדאַקציע פֿון צבי פּרילוצקי אין דעם אָרגאַן פֿון די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), אין נ. יאַרקער „פֿאָרווערטס", אין אברהם רייזענס „קונסט און לעבן", אין „אונדזער לעבן" און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן.

מיין ערשטע רעצענזיע אויף אַ דראַמע איז געווען געדרוקט אין דעם דערמאָנטן „דער וועג".

עס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע, אַז לעאָניד אַנדרייעוו, דער באַרימטער און מאָדערנסטער רוסישער שריפט־שטעלער, וועט פֿאַרלייענען אין לאָזאַן זיינע אַ שפּאָגל־נייע דראַמע „צו דער זון".

מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז אַנדרייעוו געפינט זיך אין דער שווייץ, ערגעץ נישט וויַיט פֿון לאָזאַן, דאָרט געפינט זיך אויך גאָרקי, אָבער מיט גאָרקין האָבן זיך סטודענטן באַגעגנט אויף אַ זייער פּשוטן אופֿן, מען האָט אים אָפּגעשטעלט און געשמועסט מיט אים, ער האָט ליב געהאַט שמועסן, ער האָט ליב געהאַט סטודענטן, ער איז געווען אַ גרויסער פֿריינט פֿון סטודענטן, ער האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע סטודענטן מיט אַלץ, אָבער מיט אַנדרייעוון האָט זיך קיינער כמעט נישט באַגעגנט, אַנדרייעוו איז געווען אַן אָנגעכמורעטער, אַ ברוגזער און אַ זייטיקער.

מען פלעגט רעדן, אז ער איז די גרעסטע צייט פון טאָג טויט־שיכור און מען לאָזט פשוט נישט צו צו אים, צי עס איז געווען אמת צי אַן אויס־טראַכטעניש ווייס איך נישט.

שפּאַצירן, ווי גאָרקי, וואָס איז, אגב, אויך געווען נישט קיין קליי־נער טרינקער, זעט מען אים נישט.

איז מיר געווען טשיקאַווע צו זען מיט מיינע אויגן און הערן מיט מיינע אויערן דעם דאָזיקן זייער פּאָפּולערן שריפטשטעלער.

אנדרייעוו איז געווען דער מאָדערנער רוסישער שריפטשטעלער, ער האָט טאַקע באמת געשריבן אַנדערש און טאַקע אויף גאָר נייע טעמעס.

גראַף לעוו טאָלסטאָי האָט אפילו געזאָגט וועגן אַנדרייעוון — ער שרעקט מיך בסדר, אָבער איך האָב קיין מורא נישט . . .

דאָס האָט געהייסן לערך אַזוי — אַנדרייעוו וויל איבעררעשן טאָל־סטאָיען און די רוסישע לייענער מיט נייע פאָרמען און מיט נייע טעמעס, אָבער ער, טאָלסטאָי, ווערט נישט איבערראַשט.

באַלד האָבן מיר געהאַט א גאַנצע כאַפּטע פון סטודענטן און סטו־דענטקעס, וואָס זענען מיטגעפאָרן קיין לאָזאַן הערן און זען אַנדרייעוון, מיר האָבן פאַרכאַפּט א גאַנצן וואַגאָן, און מיר האָבן געהאַט א זייער פריי־לעכע רייזע, די רייזע איז אפשר געווען אינטערעסאַנטער און לעבעדיקער פון אַנדרייעווס דראַמע און פון זיין לייענען.

דער וואַגאָן אונדזערער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין זאַל פון די ערשטע, מיר האָבן פאַרכאַפּט די ערשטע פלעצער און געזעצט זיך וואַרטן אויף אַנדרייעוון.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער פּלאַטפאָרם האָט זיך באַוויזן א זייער טונקעלער פאַרשוין מיט פעך־שוואַרצע האָר און מיט א מוראדיק ברוגזן פּנים.

מען האָט אים אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נישט זעענדיק, ער האָט ארויסגענומען א העפט און אָן קיין שום הקדמות זיך גענומען לייענען.

עס איז געווען אַן אולטרא־מאָדערנע דראַמע: מענטשן האָבן נישט גערעדט, נאָר דעקלאַמירט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, אָבער עפּעס מיט א פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט.

זיי האָבן גערעדט ווי פון שלאָף, זיי האָבן געחלומט אויף דער וואָר.
און אַלע פּערזאָנען אין דער דראַמע האָבן זיך געצויגן צו דער זון, צו ליכט, צו פרייד, צו ברידערלעכקייט און צו שיינקייט.

דאָס איז געווען אַנדרייעווס שרייבערישער ליטעראַרישער צווייער און רייז.

ער איז געווען אויסערסט פאַרכאַפּנדיק און אינטערעסאַנט ווען איר האָט אים אַפילו נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען.

דאָס ביסעלע נישט־פאַרשטאַנענע אין זיינע ווערק האָט געהאַט מער רייז ווי דאָס פאַרשטאַנענע.

און וועגן אָט דער געהערטער דראַמע האָב איך אָנגעשריבן מיין רעצענזיע.

איך בין נישט געווען קיין ליטעראַריש וווּנדערקינד, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שוועריקייטן מיט רעדאַקטאָרן; אין וועלכער רעדאַקציע איך האָב געשיקט מיינע דערציילונגען זענען זיי געדרוקט געוואָרן און פון עטלעכע האָב איך אַפילו באַקומען האָנאָראַר.

* *

איך בין אין מיינע סטודענטישע יאָרן נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, ווייל מיין הויפּט־אינטערעס איז געווען — לערנען.

פון קינדווייז אויף אַ לערער האָב איך אין מיינע סטודענטישע יאָרן מער אַליין געלערנט ווי געלערנט אַנדערע דורך שרייבן.

און וויסן דאַרפט איר, אַז די בערנער סטודענטישע קאָלאָניע האָט געהאַט אַ גאַנצע מחנה פון שוין באַרימטע שרייבער, שרייבער, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער העברעאישער ליטעראַטור; די יידישע ליטעראַטור האָט ערשט אָנגעהויבן זיך צו פונאַנדערבליען.

אַ סך פון די העברעער זענען געווען גוטע לערנער, סטודענטן מיט גוטע קעפּ, מיט גאָר ברייטע ידיעות אין פילאָזאָפיע און אין געשיכטע, אָבער אַ טייל האָבן זיך פאַרנומען מער מיטן שרייבן ווי מיט לערנען.

די דאָזיקע זענען געווען מייסטנס דיכטער און דערציילער; סתם העברעאישע שרייבער האָבן געלערנט פיליסיק און אוועקגעפאָרן פון בערן אַנגעלאָדן און אַפילו איבערגעלאָדן מיט וויסן.

קיין יידישע שרייבער זענען נאָך דאַן נישט געווען אין דער סטו־דענטישער קאָלאָניע, דערפאַר זענען כמעט אַלע העברעאישע שרייבער, שוין פאַרטיקע און צוקונפטיקע, געווען אין א היבשער צאָל.

און עס איז נישט געווען קיין סעמעסטער, וואָס זאָל נישט האָבן געבראַכט קיין נייע סטודענטן העברעער, וואָס יעדער פון זיי איז געווען ממש א נולד מהול, א געבוירענער און א פאַרטיקער גרויסער שריפט־שטעלער.

איך געדענק אַז איין אָן אָנהויב פון א סעמעסטער האָט זיך אראָפּ־געלאָזן א גרויסער העברעאישער קריטיקער קיין בערן; א פאַרטיקער גרוי־סער ליטעראַטור־קריטיקער האָט זיך אראָפּגעלאָזן ערשט לערנען.

און דער גרויסער קריטיקער האָט סך־הכל אָנגעשריבן איין רעצענזיע אין לוח־אחיאסף.

דער גרויסער קריטיקער איז, אגב, געווען א קליינגעוויקסיקער, מיט לויפנדיקע שווארצע אויגן און מיט א זייער סאָלידן הילוך.

אויסגעלאָזן האָט זיך פון דעם דאָזיקן גרויסן ליטעראַטור־קריטי־קער א טייך ממש, ער איז געבליבן ביי זיין ערשטער רעצענזיע אין לוח־אחיאסף, איך וויים נישט צי ער האָט אָנגעשריבן אין זיין לעבן נאָך א האַלבן טוץ רעצענזיעס.

דער סוף איז געווען א גאַנץ טרויעריקער און נעמלעך — ער איז אַרומגעגאַנגען מיט א קרוין אויפן קאָפּ, אָבער קיין ברעקל מלוכה אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט ער נישט געהאַט און האָט זיך ניט געקענט צו איר צושלאָגן.

ער האָט געטאָן פאַרשידענע מלאכות ביי דער העברעאישער ליטעראַ־טור, אָבער אין דער ליטעראַטור גופא האָט ער נישט געקענט אריינדרינגען.

ער איז געווען א שותף צו א געאָגראַפישן בוך ארץ ישראל, ער האָט פּרובירט זיין א פּעדאַגאָג; מען האָט אים אפילו אויף א קורצער צייט אויס־געשריבן אין באָסטאָן פאַר א פאַרוואַלטער פון דעם העברעאישן לערער־סעמינאַר, ער האָט זיך דאָ אויך נישט לאַנג געהאַלטן, הפנים אַז ווי א פּעדאַגאָג האָט ער זיך אויך נישט אויסגעצייכנט.

ווען איך בין געווען אין 1932 אין ארץ ישראל האָב איך זיך נאָכגע־

פרעגט אויף אים און וועגן זיין אַרט וואָס ער פאַרנעמט אין דער ליטעראַ־טור, האָט מען מיר, ווי דער שטייגער פון העברעער, געזאָגט ערנסט:

— אה, דער, יאָ, ער איז אַ מסגנן, אַ גרויסער מסגנן, אַ גאָר גרויסער.

און אַ מסגנן איז איינער, וואָס זיצט אין אַ רעדאַקציע, אָדער אין אַ פאַרלאַג און בעסערט אויס דעם סטיל און פאַרריכט טעותן און גרייזן פון פרעמדע ווערק.

די העברעאישע ליטעראַטור האָט אַ היבש ביסל קרבנות אַזעלכע.

די העברעער האָבן געוואָלט שאַפן אַ ליטעראַטור קינסטלעך. האָבן זיי יעדן בעל־דיקדוק, יעדן העברעאיש־קענער געקרוינט פאַר אַ גאון אין אַ באַשטימטן צווייג פון דער ליטעראַטור.

די העברעאישע קריטיק האָט מיט איר כסדרדיקער התפעלות אין קרוינען טאַלאַנטן געטאָן אַ בערישע טובה דער העברעאישער ליטעראַ־טור, און זי טוט עס נאָך עד היום.

האַלבע און פערטל טאַלאַנטן גייען אַרום מיט דער גאווה און מיט די תביעות פון ליטעראַרישע וועלט־גאונים.

קיין ליטעראַטור האָט נישט אַזוי פיל ליטעראַרישע מיטלמעסיקייטן, אַזוי פיל איינגעשמועסטע און מאַניאַקישע ליטעראַטן ווי די העברעאישע ליטעראַטור.

און ווען מען פּרובירט איצט איינעם אַ העברעאישן דיקדוק־קענע־נישט קרוינען ווי דעם גרעסטן שריפטשטעלער טוט ער עס אַליין, ער קרוינט זיך אַליין.

איך האָב אַ היבש ביסל ביכער און ביכלעך העברעאישע, געשריבן פון האַלבע און גאַנצע גראַפאָמאַנען, געשריבן מיט אַזאַ ווײַסטער ליטע־ראַרישער גאווה, אַז עס שווידערט ממש.

אַזעלכע האַלבע גראַפאָמאַנען האָבן אפילו אַן אייגענעם פּען־קלוב עברי „עולמי״.

און עס וועט נעמען אַ גאָר היבשע צייט ביז, רעדנדיק מיט העברע־אישער מליצה, דער ליטעראַרישער העברעאישער גאָרטן וועט באַפרייט ווערן פון די פיל שרייבערישע דערנער . . .

די עטלעכע הונדערט יידישע סטודענטן אין בערן זענען געווען יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געקענט גוט העברעאיש, און ממילא האָבן אַלע אָדער

געווען שוין פאַרטיקע שרייבערס, אָדער זיי האָבן זיך געגרייט צו זיין העב־ברעאישע שרייבערס, א חוץ, פאַרשטייט זיך, די פּאַררוסישטע, וואָס זייער צאָל איז געווען, אגב, קליין צווישן די מענער און גאָר גרויס צווישן די פרויען.

איך האָב אַ סך פון זיי שפּעטער באַגעגנט אין לעבן. יעדער האָט, פאַרשטייט זיך עפּעס געטאָן אין לעבן, אָבער אַלע האָבן געשריבן העברעאיש און געדרוקט אַרטיקלען, אָדער ביכער אין העברעאיש.

אין יאָר 1937 בין איך געווען אין פּאַריז, האָט מיך אָפּגעזוכט אַן אַמאָליקער בערנער סטודענט און האָט מיך גענומען אין זיין היים.

באַגעגנט האָט מיך אַ זייער פיינע פאַרנעמע דאַמע, די פרוי פון מיין אַמאָליקן באַקאַנטן, די דירה איז געווען אַ גאַנץ רייכע, אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער, אַלטע, ווערטפולע בילדער און מאָדערנע.

דער פריינט מיינער פירט מיך צו צו אַ בילד און דערקלערט מיר, אַז עס איז אַ בילד פון אַ האָלענדישן מאָלער, אַ באַרימטער מאָלער, וואָס איז געווען רעמבראַנדטס לערער.

וואָס טוט ער? ווי קומט ער צו אַזעלכע בילדער?

ער איז אַ סוחר, ער האָט געלעבט אין דייטשלאַנד, געמאַכט געלט, איצט, ווען היטלער האָט אָנגעהויבן צו בושעווען, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין פראַנקרייך, און ער האָט דאָ אויך געשעפטן.

אָבער ער שרייבט, ער שרייבט וועגן אַלטע מאָלער, ער איז אַ גרויסער קענער און ווייסער פון אַלטער מאָלעריי.

מיין אַלטער באַקאַנטער האָט זיך כמעט נישט געענדערט, ער רעדט אַ סך, מישט פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט און קיין ריכטיקן טאַלק קענט איר ביי אים נישט דערגיין, איך בין אָפּגעזעסן אַן אָוונט ביי אים, אויס־געהערט אַ ים מיט רייד פון אים און ניט געקענט תופס זיין דעם מענטשן, איך בין אַוועק נישט וויסנדיק ווער ער איז און וואָס ער איז.

איינמאָל באַקום איך פון אים אַ צעטעלע, דאָס איז געשריבן אויף מאָרגאַנס באַנק סטיישאַנערי אין פּאַריז, אין צעטעלע איז כמעט גאָרנישט געזאָגט געוואָרן; הפּנים אַז דער ציל איז געווען צו באַווייזן, אַז ער איז אַ איינגענער מענטש אין מאָרגאַנס באַנק...

יאָ, האָט ער מיר באַוויזן עטלעכע אַרטיקלען אין העברעאיש און אין דייטש.

ער שרייבט.

— איז דאָ אַן אַמאָליקער בערנער סטודענט וואָס שרייבט נישט?

פאַרטראַכט ער זיך און זאָגט:

— ניין, נישטאָ אַזאַ, על כל פנים נישט פון אונדזער אַלומני...

אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער געווען אין ניו יאָרק, אָבער מיר האָבן זיך נישט געטראָפן.

אָבער ערגעץ־ווו האָב איך געליענט, אַז עס איז אַרויס אַ בוך זיינס וועגן אַ געוויסן, אָדער געוויסע מאָלערס.

אין אַ פּראַכט אויסגאַבע איז עס...

איך האָב דאָס בוך זיינס אויך נישט געזען.

ער איז, לויט אַלע סימנים אַ פאַרמעגלעכער סוחר, מיט וואָס ער האַנדלט, ווי ער האַנדלט ווייס איך נישט.

אָבער ער שרייבט...

און קיין שרייבער איז ער בפירוש נישט...

אָט אַזוי זענען געווען גאַנצע 90 פּראָצענט פון די יידישע סטו־דענטן־העברעער אין דער בערנער קאָלאָניע אין מיין צייט.

געווען בלויז איינער, וואָס האָט דווקא באַדאַרפט שרייבן און ער האָט נישט געשריבן, ער איז געווען דער איינציקער אויסנאַם.

ער איז געווען אַ נידעריקער און מיט אַ הויקער. ער האָט, דאַכט זיך, געהייסן הורוויטש, ער האָט פאַרשטאַנען ליטעראַטור, ער האָט גע־קענט די העברעאישע ליטעראַטור, ער האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור ממש ווי דער שאַרפסטער און גרינטלעכסטער ליטעראַטור־קענער און קריטיקער.

איך פלעג זיך כסדר צוהערן צו זיינע רייד; ער איז געווען קלוג, שאַרף און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָט געהאַט וואָג און מאָס.

ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קלוגע אויגן און אַ קלוגער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַרום זיך אַ באַפּטעלע העברעער, וואָס האָבן ממש געשלונגען זיינע ווערטער.

פלוצלינג, ווי עס פלעגט אפט פאסירן אין די סטודענטישע קאַ־לאָניעס, איז ער נעלם געוואָרן, ער איז נישט געוואָרן.

איך האָב יאָרן און יאָרן זיך נאָכגעפרעגט ביי אמאָליקע בערנער סטודענטן ווענן אָט דעם מענטשן, אָבער קיינער האָט מיר גאָרנישט געקענט זאָגן, מען האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

איך פלעג בלעטערן אַלע העברעאישע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין זוכן זיין נאָמען, אָבער אומזיסט, איך האָב זיך אויף זיין נאָמען ניט אָנגעשטויסן.

און ער איז געווען דער קרוינער פון די העברעאישע טאַלאַנטן אין דער העברעאישער קאָלאָניע, זיין וואָרט איז געווען א ליטעראַריש געזעץ.

אָבער פאר זיך אליין האָט ער קיין שרייבערישע קרוין ניט געוואָלט נעמען . . .

ער איז געווען דער איינציקער העברעאישער למדן־וואָווניק, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

איז זאָלן די עטלעכע ווערטער זיין א מין דענקמאָל פאר דעם דאָזיקן העברעאישן ליטעראַרישן רואה־ואינו־נראה.

ער איז הפּנים געווען אַן עטישע פּערזענלעכקייט, דערצו הפּנים האָט ער געשטעלט גרויסע פאָדערונגען זיך אליין, און האָט הפּנים אויס־געפונען, אז ער קען די פאָדערונגען נישט נאָכקומען.

און זעלטן ווען א שרייבער פועלט ביי זיך צו זיין א רואה־ואינו־נראה און צו שטעלן זיך אליין די מאַקסימאַלסטע פאָדערונגען.

א שרייבער איז א גרויסער רואה און א גרויסער נראה, און פאָדערונ־גען שטעלט ער אנדערע, אָבער נישט זיך אליין...

24

יידישע שרייבער אין די סטודענטישע קאָלאָניעס

דר. י. גאָטליב, ש. י. סטופניצקי און דר. פינעס

יידישע שרייבער, פּאַרטיקע, שוין מער, אָדער ווייניקער באַקאַנטע שרייבער, זענען אין די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס נישט געווען, ממש אויף אַ רפואה.

עס זענען יאָ געווען בלויז עטלעכע, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן יידישע שרייבער.

אָבער כמעט אַלע העברעאישע שרייבער האָבן שטודירט אין אויסלענדישע אוניווערזיטעטן.

וואָס זענען די סיבות?

איך גלויב, אַז די הויפּט־סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע — דער העברעאישער שרייבער האָט געבויט זיין קאַריערע אויף לומדות, אַמאָל אויף לומדות און טאַלאַנט, דער העברעאישער שרייבער איז געווען און איז נאָך עד היום אַ משכיל, אַ גוואַלדיקער אָנהענגער פון בילדונג.

דער יידישער שרייבער האָט געבויט אויף טאַלאַנט און נישט אויף לומדות; האָט איינער געהאַט טאַלאַנט איז ער געוואָרן אַ שרייבער, האָט ער קיין טאַלאַנט נישט געהאַט איז ער קיין שרייבער נישט געוואָרן.

היות אָבער ווי עס איז ניטאָ קיין איין איינציקע סיבה פאַר יעדער דערשיינונג, עס איז כסדר דאָ אַ גאַנץ פּעקל פון סיבות, וויל איך דאָ אָנגעבן נאָך עטלעכע סיבות:

דער העברעער איז געווען אַ לערנער בכלל; העברעאיש דאַרף מען לערנען און לערנען, עס איז אַ בוך־שפּראַך, אַ שפּראַך מיט ספרים: עס איז אַ שפּראַך מיט אַ זייער קאָמפּליצירטער גראַמאַטיק.

און מיט לערנען איז עס אַלעמאָל אַזוי — הויבט מען אָן לערנען לערנט מען און מען לערנט.

יידיש איז א שפראך, וואס מען האט זי נישט געדארפט לערנען, און מען האט זי נישט געלערנט. וואלט איינער אפילו געוואלט לערנען וואלט ער נישט געהאט קיין ביכער, קיין גראמאטיק, קיין געשיכטע פון דער ליטעראטור א. א. וו.

יידיש האט מען דעמאלט געקענט בלויז פון רעדן.

און נאך א דריטע סיבה און נעמלעך — דער העברעאישער שרייבער קומט בסדר פון מיטל־קלאס־פאמיליעס, מער אדער ווייניקער פארמעגלעכע. דער יידישער שרייבער קומט על פי רוב פון פראלעטארישע פאמיליעס.

האב איך זיך אנגעשטויסן כמעט אויף דער גאנצער יונגער העברע־אישער ליטעראטור אין די אויסלענדישע אוניווערזיטעטן; עס איז כמעט נישט געווען קיין אויסלענדישער אוניווערזיטעט, אין וועלכן איך האט נישט געטראפן עטלעכע העברעאישע שריפטשטעלער.

די שווייצארישע אוניווערזיטעטן, דערהויפט בערן, זענען געווען פול מיט העברעאישע שריפטשטעלער.

און אויסער שריפטשטעלער זענען דארט געווען סתם העברעער, העברעער, וואס האבן זיך געגרייט צו א העברעאישער פעדאגאגישער קאריערע.

אין בערן, למשל, האב איך געטראפן כמעט דעם גאנצן קומענדיקן שטאב פון דער קומענדיקער העברעאישער גימנאזיע „הרצליה", ווי מעט־מאן־כהן, באגראטאוו, מאסענזאן, א. א. וו.

דער העברעער איז געווען א לערנער און איז עד־היום א לערנער.

נעמט אפילו די העברעער אין אמעריקע, אלע כמעט זענען מלומדים, א טייל זענען שטודירטע און א טייל סתם פארטאן אין לייענען די העברע־אישע ליטעראטור.

און עס איז איבעריק צו זאגן, אז דאס האט געבראכט מזל־ברכה און הצלחה דער העברעאישער ליטעראטור.

זי פארמאגט ווייניקער עכטע טאלאנטן ווי די יידישע ליטעראטור, אבער קולטור, וויסן און חשק צו לערנען ווייטער און ווייטער, האט די העברעאישע ליטעראטור מער, גארנישט דער ערך מער.

די דאזיקע טיילונג איז נאך גילטיק ביזן היינטיקן טאג.

יאָ, יידישע שרייבער האָט איר אַזוי גוט ווי נישט באַגעגנט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס.

פון דער קליינער צאָל סטודענטן יידישע שרייבער זענען דערנאָך אַרויס גוטע יידישע פּובליציסטן, רעדאַקטאָרן, קריטיקער, אָבער די אַלע סטודענטן, מיט דער אויסנאַם פון ש. ניגער, וואָס האָט אַ קורצע צייט געהערט לעקציעס אין בערנער אוניווערזיטעט, האָבן נישט געלערנט מיטן צוועק להגדיל און להאדיר די יידישע ליטעראַטור, ניין, זיי האָבן סתם געלערנט און ערשט לאַנג, אָדער באַלד נאָכן ענדיקן, זענען זיי אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור.

די סטודענטן העברעער האָבן בפירוש שטודירט להגדיל ולהאדיר די העברעאישע ליטעראַטור און קולטור.

און דער פּועל־יוצא דערפון איז אַ קלאָרער און אַ ביז גאָר קאָנטיקער.

דער מעמד פון דער העברעאישער ליטעראַטור איז אַ סך אַ זיכערער.

און נאָך עפּעס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, אַלע העברעער האָבן געהאַט איין פּאָליטישע אידעאָלאָגיע — ציוניזם, זיי זענען אַלע געווען ציוניסטן, ציוניזם און העברעאיש זענען געגאַנגען צוזאַמען, ווי אַ סיאַמישער צווילינג.

דאָס האָט זיי געגעבן קרעפטיקייט, אויסדויער און אויך אימפּולס.

די יידישע שרייבער זענען געווען אידעאָלאָגיש צעבערעקלט אין אַ האַלב טוץ אידעאָלאָגיעס. אַ טייל זענען געווען בונדיסטן און בונדיסטן האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש בלויז ווי מיט אַ מיטל צוצוקומען צום יידישן אַרבעטער.

די אידעאָלאָגיע פון „בונד" האָט דאַן נאָך נישט געהאַט צו טאָן דירעקט מיט יידיש, מיטן גורל פון יידן א. אַ. וו.

אַנדערע שרייבער זענען געווען האַלבע ציוניסטן און האַלבע סאָציאַליסטן; אַנדערע טעריטאָריאַליסטן, און אַנדערע אינגאַנצן אומפּאַרטייאיש.

האָבן יידישע שרייבער נישט געהאַט קיין שטאַרקע אחיזה אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

און דאָס איז געווען און איז פאַטאַל פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

* *

איינעם, א בערנער סטודענט, וואָס איז געוואָרן שפּעטער אַ יידישער פּובליציסט און אַ פילאָזאָפישער שרייבער, ש. י. סטופּניצקי, האָב איך אָפּט באַגעגנט.

ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, אָבער פעסט געבויט, און דאָס האָט אים געמאַכט אַ ביסל נידעריקער.

אַ טונקעלער מאַנספּאַרשוין מיט אַ פּאָר שווארצע, געדיכטע און אַראָפּהענגענדיקע איבער זיין מויל וואָנצעס.

איר האָט אים כסדר געזען מיט אַ שטיקל ציגאַר אין מויל, אַלעמאָל איז דער ציגאַר געווען דריי־פערטל אָפּגערויכערט, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געזען ווען ער האָט די דריי פערטל אָפּגערויכערט. איך האָב אים כסדר געזען מיט אַ שטיקל ציגאַר אַרויסשטאַרטשענדיק פון אונטער די וואָנצעס.

ער איז געווען אַ גוטמוטיקער, אַ לאַכמאַנער, ווי מען זאָגט אין דעם יידיש פון מיין געגנט. אין סאַמע מיטן פון אַ הייסער און בייזער דעבאַטע פלעגט ער זיך צעשמייכלען גוטמוטיק, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און פלעגט איבערלאָזן זיין צד שכנגד מיט אַן אָפן מויל.

ער איז געווען אַ גוטער סטודענט. ער האָט אַ סך געלערנט און אָנגע־זאַמלט אַ תהום פון וויסן.

ער האָט געקענט גוט שפּינאָזאָן.

אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מתמיד, פאַרקערט — ער האָט גענומען דאָס לערנען עפּעס לייכט, אָבער אַפּנים אין זיין סטודענטישן צימערל איז ער געזעסן נעכט איבער פילאָ־זאָפישע און היסטאָרישע ביכער.

ער האָט אין בערן נישט געהאַט קיין שום שרייבערישע אַספּיראַציעס.

ער איז געווען אַ לערנער, און לערנען איז געווען זיין אַספּיראַציע.

עס איז געווען טשיקאַווע צו זען ווי זיין פינצטער פון טונקלקייט פּנים שמייכלט אַזוי גוטמוטיק, אַז די פינצטערקייט פאַרשווינדט און איר האָט פאַר זיך אַ ליכטיק געזיכט.

ווי אַ סטודענט פלעגט איר אים כסדר זען מיט אַ בוך.

ער האָט זיך נישט געקהלט, נישט געטומלט.

לויט זיין גאַנצן מהות האָט ער געדאַרפט זיין אַ העברעער און אַ ציוניסט, אָבער איך ווייס נישט גענוי צי ער איז עס געווען.

ער האָט זיכער געקענט גוט העברעאיש, ער איז זיכער געווען גאַנץ נאָענט צום ציוניזם, אָבער ביידע זאַכן זענען אים נישט געהאַנגען אויף דער נאָז, ווי ביי די געשוואָרענע העברעער און ציוניסטן.

ער איז עפּעס אומבאַמערקט פאַרשווונדן געוואָרן פון בערן.

און איך בין נישט זיכער, צי ער האָט געמאַכט זיין דאָקטאָר עקזאַמען.

ער איז געווען פון די שטילע, ערנסטע סטודענטן. איר האָט אים נישט געהערט און אפילו נישט געזען אויף די גאַלאַ־דעבאַטן, אויף וועלכע עס זענען אַרויסגעטראָטן, ווי טעאַטער־סטאַרס, די פּאָליטישע שטערנזעער, די טעאָרעטיקער און די פּראַקטישע פּאָליטיקער.

אונטער זיינע גערדיכטע וואָנצן האָט ער געשמייכלט גוטמוטיק פון אַזעלכע פּאָליטישע ספּעקטאַקלען.

ער איז געווען פון די עלטערע סטודענטן, וואָס האָבן זייערע גרינגע־יאָרן שוין דורכגעמאַכט.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך אים באַגעגנט אין וואַרשע. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ציין־דאָקטאָרין (דענטיסטין) און ער אַליין האָט געשריבן דאָ און דאָרט אַן אַרטיקל.

דערנאָך איז ער אַוועק אין לובלין און דאָרט געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער ציטונג. עס איז געווען אַ פּראָווינציעלע ציטונג. ער האָט גוט אויפגעכאַפּט דעם פּראָווינציעלן כאַראַקטער פון אַ פּראָווינציעלער ציטונג.

זי איז געווען אַן ערלעכע און אַ מעסיקע, סיי אין טאָן און סיי אידעאָלאָגיש, ציטונג.

זיינע אַרטיקלען זענען געווען קלאָרע, זאַכלעכע.

איר האָט געפילט אין זיי קולטור, וויסן און אַ מעסיקע פּאָליטישע ליניע.

ער איז נישט געווען קיין טומלער, קיין שרייער, אויך ווי אַ זשורנאַליסט.

מיר פלעגן זיך באַגעגענען ווי אַלטע פריינט, און עס איז געווען גוט צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס. ער איז געווען נישט קיין באַצויבערנדיקער שמועסער, אָבער אַ טיפער און אַן ערנסטער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן א ווארשעווער פּובליציסט.

ווען די דייטשע מערדער האָבן זיך אריינגעריסן קיין פּוילן איז ער געלאָפן מיט אלע שרייבער צוזאמען.

אָבער אין מיטן לויפן האָט ער דערקלערט, אז ער איז צו אלט פאר אזא לויפעניש, און ער האָט זיך געלאָזן צוריק.

און ער איז אומגעבראכט געוואָרן פון די דייטשע בעסטיעס.

*　*

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אין די קאָרידאָרן פון בערנער אוניווערזיטעט באוויזן א הויכער, ברייט־פּלייציקער בלאָנדער יונגער מענטש. זיין פּנים א ביסל מגושמדיק, זיינע באוועגונגען בערישע און רעדן רעדט ער א פּינסקער יידיש.

עפּעס איז ער נישט ענלעך אויף די בערנער יידישע סטודענטן, די קאָביקע, היציקע, האוועגדיקע און אימפּעטיקע. ער זעט ממש אוים ווי א גוי.

א נייער יידישער סטודענט.

קיין נאָווינע איז עס זיכער נישט אין בערנער אוניווערזיטעט, אָבער אזא יידישער סטודענט איז טאקע א נאָווינע.

ער הויבט אָן לערנען. לערנט מיט התמדה, באזוכט פּינקטלעך די לעקציעס, הערט זיך צו צו אלץ, קוקט זיך צו צו אלץ.

ביז ער איז אריין אין דער חברה סטודענטן, געוואָרן אן איינענער און א היימישער מענטש. עס איז נאָך געבליבן די בערישקייט, דער חשדישער און אומצוטרויאישער קוק אין די אויגן איז נאָך דאָ, אָבער מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי.

ס'איז אריבער א יאָר, צוויי דריי — ער ארבעט שוין אויף זיין דאָקטאָר־ארבעט. ער שרייבט א דיסערטאציע וועגן שאָפּענהויער.

אָבער עס איז נישט סתם א טעמע, עס איז א ליבע פון דער ערש־טער באקאנטשאפט מיט דעם דאָזיקן האלבן פילאָזאָף און גאנצן עסיי־איסט.

ער ווערט א שאָפּענהויעריסט.

עס איז טשעקאווע, ווייל אָט דער דאָזיקער דייטשער פילאָזאָף איז נישט אזוי טיף און נישט אזוי מענטשלעך, אז מען זאָל זיך פארליבן אין אים און אין זיין פילאָזאָפיע.

זיין פעסימיזם שטויסט געוועגלעך אָפּ די יוגנט, סיידן די גאָר גרינע יוגנט, וואָס פעסימיזם איז ביי זיי א פּאָזע, אָדער א קאַפּריז, אָדער א פּועל־יוצא פון די אָפּטע איבערגאַנגען פון איין עלטער אין אַן אַנדערן.

און דער נייער סטודענט, וואָס הייסט יהושע גאָטליב, זעט נישט אויס צו זיין א פעסימיסט, אָבער עס איז שווער צו דערגרונטעווען זיך צו דער סיבה פון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון א מענטשן.

יאָ, ער איז נישט קיין שרייבער, און האָט נישט קיין שום שרייבערישע אַמביציעס. ער האָט קיינמאָל נישט געשריבן און האָט נישט בדעה צו שרייבן.

דאָס איז טשיקאַווע פאַר א סטודענט. יעדער סטודענט איז זיכער, אז ער וועט איבעררייסן די וועלט מיט א גאָר גרויס ווערק.

אויב נישט איז צו וואָס לערנען, שטודירן ?

איך בין אוועקגעפאָרן פריער פאַר אים, און האָב נישט געהערט פון אים. ער האָט זיך נישט געלאָזט הערן.

אָבער איינמאָל פאַלט מיר אריין א יידישע שריפט, עפּעס א זייטיקע, אַן אַמאַטאָרישע און דאָרט איז דאָ אַן אַרטיקל פון דר. י. גאָטליב. דער אַרטיקל איז וועגן שאָפּענהויער.

גיב א לייען — עס איז האַרטלעך, זייער אָרעם סטיליסטיש: אינהאַלטלעך איז ער אָבער סאָליד און קאָמפּעטענט, ער קען שאָפּענהויערן און ווייסט וואָס צו זאָגן וועגן אים.

ס'איז אריבער א צייט און ער איז דאָ אין וואַרשע.

ער באַזוכט די יידישע רעדאַקציעס, אָבער קיין רעזולטאַטן זעט מען נישט.

אין א קורצער צייט אַרום לייען איך א קליינע לאָדזשער צייטונג און זע, אז דר. י. גאָטליב איז דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג. איך כאַפּ א קוק אויף זיינעם אַן אַרטיקל — האַרט ווי א פּאַרעשוויז.

עס איז א קליין ארטיקעלע, אבער איר פילט ממש, אז אין דעם כזית־ארטיקעלע איז אריינגעלייגט געווארן א וועלט מיט הארעוואניע און שוויים ממש.

אין יאר 1913 ווערט די לאדזשער צייטונג, וואס דר. י. גאטליב האט רעדאקטירט, פארגרעסערט, און דער ארויסגעבער ווענדט זיך צו מיר כ'זאל איבערנעמען די רעדאקציע.

מיר האט זיך געוואלט איבערבייטן די סביבה, אנב, בין איך סיי ווי געבליבן א מיטארבעטער פון „פריינד".

דר. י. גאטליב איז געבליבן אין דער פארגרעסערטער צייטונג ווי מיין געהילף.

און דא האב איך דערזען דר. י. גאטליב ביי דער ארבעט — ער פלעגט זיך ממש ארויסשלאגן פון די כוחות, אנשרייבנדיק א קליין ארטיקעלע. אויף אן ארטיקעלע, וואס דארף אנגעשריבן ווערן אין 20־30 מינוט, פלעגט ער ארבעטן פיר־פינף און אמאל זעקס שעה.

עס איז ממש געווען א צער און א פיין צו זען די איבערמענטשלעכע גייסטיקע און פיזישע אנשטרענגונג זיינע.

דאס איז ביי מיר געווען אזא חידוש, אז איך האב ממש נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי נעמט זיך א מענטש צו צייטונגס־שרייבעריי, ווען די געבורט פון א שורה קאסט אים איבערמענטשלעכע אנשטרענגונג און אזוי פיל צייט.

צייטונגס־שרייבעריי מוז זיין אייליק און צו דער מינוט.

שפעטער האב איך זיך אנגעשטויסן אויף בארימטע יידישע שרייבער, וואס זענען מוראדיקע מקשים ללדת, זיי קענען נישט געבוירן קיין ארטיקל, אדער א קאפיטל פון א דערציילונג, כאטש ניי און מאך זיי א קייזער־שניט און נעם ארויס ביי זיי דאס ארטיקל־קינד דורך אן אפעראציע.

איך האב געזען א שרייבער, וואס פלעגט ארבעטן א וואך צייט, ממש טאג און נאכט, אויף אן ארטיקל, וואס דארף נעמען בלויז צוויי־דריי שעה אנצושרייבן.

און ווען ער פלעגט ענדיקן פלעגט ער אויסזען ממש ווי א קימ־פעטארין, וואס איז געגאנגען מסוכנדיק שווער צו קינד.

איך בין נישט לאנג געווען אין לאדזש. לאדזש איז אינגאנצן צוויי־דריי שעה רייזע פון ווארשע, אבער לאדזש איז א פראווינציעלע שטאט און איך האב דארט נישט געוואלט בלייבן.

אבער דר. י. גאטליב האט אויסגעפירט, ער איז דורך ארבעט און עקשנות געווארן א שרייבער, און נישט איינער, וועלכן מען קריגט צען פאר א גראשן, נאר טאקע א שרייבער.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה באזעצט ער זיך אין ווארשע און ווערט איינער פון די אנגעזעענסטע יידישע פובליציסטן.

איך האב זיך אנגעשטויסן אויף אייניקע עסייען זיינע, גלענצנדיק געשריבן.

איך האב אפילו געלייענט עטלעכע זיינע ממש גייסטרייכע פעליע־טאנען, געשריבן מיט אינטעליגענץ און מיט פיינעם הומאר.

ער איז געווארן א פאליטיקער; ער איז אפילו אויסגעוויילט גע־ווארן פאר א דעפוטאט אין פוילישן סיים.

שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז דר. גאטליב איז נישט דער איינציקער, וואס איז דורך זיין עקשנות און פלייס געווארן א שרייבער. כ'האב באגעגנט אפילו דיכטער, וואס זענען דורך א געוואלדיקער עקשנות געווארן דיכטער, אמת נישט קיין גרויסע און נישט קיין אריגינעלע, אבער זיי האבן איינגעביסן די טעכניק בעסער ווי אמתע דיכטער, און זייערע לידער האט מען געקענט לייענען.

דר. י. גאטליב איז אומגעקומען, לויפנדיק פון די נאצים.

* *

נאך איינעם, וואס האט געזאלט ווערן א יידישער שרייבער, אבער ער איז דאס נישט געווארן, האב איך באגעגנט אין די אויסלענדישע קאלאניעס.

ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעשריבן „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור".

און געהייסן האָט ער דר. מ. פינעס.

ער האָט געשטאַמט פון די אַמאָל רייכע און זייער מיוחסדיקע פּי־נעסעס אין פּרוזשאַני.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים איז שוין די פאַמיליע עקאָ־נאָמיש געווען אַרונטער, אָבער די אַרונטערגעקומענע פּינעסעס האָבן נאָך געהאַלטן דעם קאָפּ הויך, דער יחוס איז נאָך געווען גרויס.

איך האָב אים באַגעגנט ווי איינער פון די סטודענטן אין אַן אויס־לענדישן אוניווערזיטעט. ער איז געווען שיין, הויך און שלאַנק, מיט איידעלע און פיינע געזיכט־שטריכן פון אַ יידישן אַריסטאָקראַט.

פּאָליטיש איז ער געווען זייער לויז פאַרבונדן מיט די ציוניסטן־סאַציאַליסטן, אָבער נישט קיין פאַרקאַכטער פּאַרטיי־מענטש און נישט קיין הייסער טוער איז ער געווען.

עס איז געווען אַ צייט ווען יעדער יידישער אינטעליגענט, און ווער רעדט יעדער סטודענט, האָט געמוזט געהערן צו אַ פּאַרטיי.

שטודירט האָט פּינעס אין פּאַריז, און זיין געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט ער אָנגעשריבן ווי אַ טעזע פאַר אַ דאָקטאָר־אַרבעט אין פראַנצויזיש.

עס איז געווען בלויז אַ דיסערטאַציע, ווי אַלע דיסערטאַציעס, אָבער די דיסערטאַציע איז אַ ביסל גרינטלעכער באַאַרבעט געוואָרן און אַ היבש ביסל פאַרגרעסערט געוואָרן אין דער יידישער אויסגאַבע.

קיין סך נחת האָט נישט ער און נישט די יידישע ליטעראַטור געהאַט פון דער דאָזיקער געשיכטע.

נחום שטיף (בעל דמיון) האָט מיט קענטעניש און מיט בייזקייט אַרונטערגעריסן דר. פּינעסעס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם „פנקס", וואָס איז דערשינען אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, אין יאָר 1913.

אָבער די דאָזיקע אָרעמע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז געבליבן די איינציקע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט געשריבן טיילווייזע געשיכטעס, בעסערע און קאָמפּעטענטערע, אָבער קיין גאַנצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר עד היום

נישט, און דר. פינעסעס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור, די שלעב־טע, די דילעטאנטישע, איז געבליבן די איינציקע גאנצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור.

דר. פינעס אליין איז נישט אריין אין דער ליטעראטור.

א חוטר פון דער גזע פון סוחרים און פאבריקאנטן, כאטש שוין פאראַרימטע, האט ער געטאן א גוטן שידוך, דאס הייסט, ער האט גענומען ווי א צוגאב צו דער כלה, א רייכן שווער. דער שווער האט אים אריינ־גענומען אין זיינע געשעפטן און מער האט מען פון אים נישט געהערט.

איך האב אים אמאל באגעגנט אין בערלין נאך דער באלשעוויס־טישער רעוואלוציע: ער האט אויסגעזען ווי א סוחר. ער האט שוין אנ־געלעבט א בייכל, א סאליד סוחריש בייכל. ער איז אליין געווארן גוואלדיק סאליד און שווער, ממש ווי בליי.

אונזער באגעגעניש איז געווען א קורצע. מיר האבן איינע די אנ־דערע גארנישט געהאט וואס צו זאגן. מיר זענען זיך פונאנדערגעגאנגען און ביז היינטיקן טאג וויים איך נישט, וואס מיט אים איז געווארן אין די גרויסע צעטרייסלונגען, וואס מיר האבן איבערגעלעבט.

און דר. פינעס האט דווקא געקענט זיין א שרייבער אן אנשטרענגונג און אן איבעריקער עקשנות, אבער אים האט געצויגן אין סוחרישן וואלד, צו זיין שורש.

יא, עס איז גארנישט אזוי לייכט צו ארויסרייסן זיך פון דער סביבה, אין וועלכער מען איז געבוירן געווארן און אויפגעוואקסן געווארן.

* *

און נאך צוויי שרייבער האב איך באגעגנט אין פאריז, וואס זענען געווען דורכאויס יידישע שרייבער, אמת, נאך דאן נישט זייער באקאנטע, אבער דורכאויס יידישע שרייבער.

און דאס זענען א. איינהארן, דער פאפולערער פובליציסט אין ווארשע און דער ליטעראטור־קריטיקער י. דאברושין אין מאסקווע.

א. איינהארן איז געבליבן אזא ווי איך האב אים באגעגנט אין פאריז, בלויז א מער אנטוויקלטער און א מער רייפערער שרייבער. י. דאב־

דושין, וואָס איז געווען א סענטימענטאַל, א פרום און א כשר לעמעלע, איז געוואָרן א הייסער באָלשעוויק, און איבערגעגעבענער און געטרייער באָלשעוויק און א נאָר גרויסער דעה־זאָגער אין דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור.

א. איינהאָרן איז אומגעקומען דורך די נאַצישע בעסטיעס.

י. דאָברושין לעבט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז א שוואַכער און א פאַרקריפּלטער. ער לעבט, און ער איז ניצול געוואָרן פון אַלע רייניקונגען.

ער, דער שוואַכינקער, דער סענטימענטאַלער און דער פרומער יידישער שרייבער, איז געבליבן אומבארירט אין דער צייט ווען די דעמבעס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט זייערע וואָרצלען און פאַרוואָרפן געוואָרן אין סיביר, אָדער אומגעקומען זיצנדיק אין תפיסות.

עס איז אפנים אמת, אז די קליינע דינגע ביימעלעך זענען זיכערער אין א שטורעם ווי די גרויסע, פעסטע דעמבעס. דאָס קליין ביימעלע בויגט זיך, בויגט זיך. און ווען דער שטורעם גייט אַריבער שטעלט ער זיך צוריק אַוועק און בלייבט שטיין.

אָט דאָס איז דער גאַנצער צעטל פון שרייבער אין יידיש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס.

25

יידן פּראָפעסאָרן אין בערנער אוניווערזיטעט

פּראָפ. לודוויג שטיין

סך הכל דריי אַנגעזעענע יידן־פּראָפעסאָרן זענען געווען אין דעם בערנער אוניווערזיטעט אין מיין צייט.

אפשר האָט איינער באַהאַלטן זיין אָפּשטאַם, מעגלעך, אָבער באַוווּסט זענען געווען בלויז דריי יידן־פּראָפעסאָרן.

דער יידישסטער איז געווען פראָפ׳ לודוויג שטיין.

ער האָט זיך געגרייט צו זיין א ראבאי. מעגלעך, אז ער איז א קורצע צייט שוין געווען א ראבאי, און געוואָרן איז ער א פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין בערן.

ער איז אָבער געבליבן אַ ראבאי; ער האָט געקענט בלויז רעדן, שיין, קלאָר און פארביק, און מיט דעם אייגנטלעך איז ער געוואָרן פּאָפּולער ביי דער אויסלענדישער סטודענטישער קאָלאָניע; די אויסלענדישע קאָלאָניע פלעגט לויפן אויף זיינע לעקציעס צו לערנען זיך דייטש.

און דייטש האָט מען געקענט לערנען פון זיינע לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע, אָבער פילאָזאָפיע גופא ווייניק, גאָר ווייניק.

אין זיינע לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע זענען די ביאָגראפיעס פון פילאָזאָפן געווען ממש מייסטעריש דערציילט; דאָס איז געווען דער עיקר, די פילאָזאָפיעס פון די פילאָזאָפן זענען געווען א טפל, א זייטיקער ניט־וויכטיקער ענין.

ער איז געווען רייך.

זענען געווען אַ סך רייכע מענטשן אפילו אין דער שווייץ.

אָבער ער האָט עפּעס געטראָגן זיין רייכקייט אויף דער נאָז, אַלע זאָלן עס זען, אַלע זאָלן ממש קענען ציילן זיין רייכקייט.

עס איז געלעגן אויף זיין פּנים אן אומאַנגענעמע צופרידנקייט, א זאטקייט און עפּעס א פעטע געזונטקייט.

ער האָט געהאַט אַ סאָליד בייכל, און דעם דאָזיקן סימן פון וווילטאָג האָט איר געמוזט זען.

ער פלעגט קומען צו זיינע לעקציעס אין א קארעטע מיט צוויי זאטע פערד. די צוויי זאטע פערד, דער זאטער באַלעבאָס אין קארעטע און דער זאטער קוטשער, וואָס האָט געטריבן די פערד, האָבן צוזאמען געגעבן א בילד פון גוואלדיק־שרייענדיקער זאטקייט און צופרידנקייט, וואָס בינדט זיך לחלוטין נישט מיט פילאָזאָפיע.

אָבער גאָר באַזונדערס האָט זיך עס נישט געבונדן און נישט האַר־מאָנירט מיט דעם גאַנצן שטאַב פון בערנער פּראָפעסאָרן, וואָס זענען געווען מייסטנס אָרעמע, שטילע און ביז גאָר דעמאָקראטישע מענטשן.

ער האָט געהאַט אַ רייכע ווילאַ אויף איינעם פון די קליינע בערג־לעך, וואָס זענען צעזייט אַרום בערן, אַ פּאַלאַצל, אַן אָפּגעצאַמטער, אַן אָפּ־געזונדערטער איז עס געווען, און האָט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט מיט די אַרומיקע שכנים.

ער איז געווען זייער רייך, זיין רייכטום איז געווען אין בערלין, בלאָקס מיט הייזער האָט ער געהאַט אין בערלין.

דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ ראַבאַי ערגעץ אין אונגאַרן, זיין רייכטום האָט אים געבראַכט זיין פרוי.

דאָס הייסט, ער האָט געטאָן אַ רייכן שידוך.

ווער און וואָס עס איז געווען זיין פרוי האָט קיינער אין בערן נישט געוווּסט: ווען־נישט־ווען פלעגט מען זי זען פאָרנדיק אין דער רייכער קאַרעטע, געשפּאַנט צו די צוויי זאַטע פערד.

ער איז געווען אַ מין שעטנז צווישן די בערנער אָרעמע און ביז גאָר דעמאָקראַטישע פּראָפעסאָרן, אַ שעטנז מיט זיין שרייענדיקער רייכ־קייט און שעטנז מיט זיין אָרעם וויסן און מיט דער טעאַטראַלישקייט פון זיינע לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע.

ער פלעגט אָפּשפּילן אַ לעקציע וועגן פילאָזאָפיע, אָט ווי אַן אַמאָ־ליקער אַקטיאָר פלעגט אָפּדעקלאַמירן אַ קלאַסישע ראָלע.

עס איז געווען אַנגענעם צו הערן אים, אָבער איר זענט אַוועק פון זיינער אַ לעקציע מיט אַ מאָדנער פּוסטקייט אין קאָפּ.

עס פלעגן אייך בלייבן אַ פּאָר וויצן, אַ פּאָר שיינע פראַזן און אַ פּאָר געלונגענע ביאָגראַפישע שטריכן פון דעם, אָדער יענעם פילאָזאָף.

אַ ביסל ערנסטער און אַ ביסל טיפער איז ער געווען אין זיין פי־לאָזאָפישן סעמינאַר, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר סטודענטן, וואָס שטודירן ערנסט פילאָזאָפיע.

דאָ איז ער געווען ווייניקער טעאַטראַליש, ווייניקער רעדנעריש און ווייניקער אַקטיאָר, אָבער לערנען פון אים האָט מען געקענט ווייניק אפילו אין זיין פילאָזאָפישן סעמינאַר.

* *

ער איז געווען אָפּן אַ ייד, דאָס דאַרף געזאָגט ווערן צו זיין שבח.

זיין אוידיטאָריע איז געווען כמעט דורכאויס אַ יידישע, בלויז יידישע סטודענטן פלעגן אים קומען הערן. פלעגט ער זיך אָפּט דערלויבן אריינ־וואַרפן אַ העברעאיש וואָרט, אָבער חס וחלילה — קיין יידיש וואָרט, און ער האָט געקענט גאָר גוט יידיש, ער האָט געקענט יידיש אפשר מער פון העברעאיש.

ער פלעגט זיך חברן מיט יידישע סטודענטן.

ער פלעגט זיי צוריקצאָלן דעם שכר־לימוד, וואָס זיי האָבן אריינגע־טראָגן אין קאַסע פון אוניווערזיטעט פאַר זיין קורס אין פילאָזאָפיע.

ער פלעגט דאָ און דאָרט זיין אַ גאַסט ביי עלטערע און רייכערע סטודענטן. איך האָב זיך איינמאָל באַגעגנט מיט אים ביי אַן עלטערן און רייכן סטודענטישן פאַרפאָלק צו אַ סדר.

די אָקאַזיע איז געווען — שלום עליכם, וואָס איז געווען דאַן אַ גאַסט אין בערן, איז ספּעציעל געווען אויף דעם דאָזיקן סדר, כדי צו באַקענען זיך מיט פּראָפ. שטיין און פּראָפ. שטיין כדי צו באַקענען זיך מיט שלום עליכם, וועלכן ער האָט אַ ביסל געלייענט.

שלום עליכם האָט פאָרגעלייענט זיין ווונדערלעך מעשהלע „וויין פאַר ארבע כוסות".

שלום עליכם האָט אַזוי ווונדערלעך געשפּילט דעם יידן, וואָס פאַר־זוכט אַלע וויינען אַזוי לאַנג ביז ער ווערט בגילופנדיק און דער וויין גיסט זיך אים אוים אויף זיין קאַפּאָטע.

פּראָפ. שטיין, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט זיך דערשראָקן, ער האָט געמיינט באמת, אַז שלום עליכם איז שיכור פון דאָס אָפּטע פאַרזוכן די עטלעכע מינים וויין, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט לעבן אים.

שלום עליכם האָט פון רעאַליזם וועגן טאַקע ממש געלאָזן דעם וויין זיך גיסן אויף זיין רעקל...

— דער מאַן איז יאָ שיכור, זאָגט מיר פּראָפ. שטיין ערנסט און מיט זאָרג.

שלום עליכם האָט געהערט דעם שטילן שמועס און באַמערקט די שרעק פון פּראָפעסאָר און ער האָט זיך מחיהדיק צעלאַכט.

און דער פּראָפעסאָר איז געווען אויסער זיך פון התפעלות.

ער האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון באַוווּנדערונג.

מיר זענען אויך געזעסן געפּלעפטע. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו באַוווּנדערן מער — דעם שריפטשטעלער שלום עליכם, צי דעם שוי־שפּילער שלום עליכם.

ביי די בערנער פּראָפעסאָרן איז פּראָפ. שטיין ממש געווען אַ דאָרן אין אויג, זיי האָבן אים נישט ליב געהאַט און לחלוטין נישט געהאַלטן פון זיינע פילאָזאָפישע קענטעניש.

זיין קאַריערע ווי אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין דעם בערנער אוניווערזיטעט האָט זיך געענדיקט נישט שיין און אפילו טראַגיש.

זיין אייגענע צונג האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, זיין אייגענע גלאַטע צונג האָט אים פאַרראַטן.

און די מעשה איז געווען אַזוי:

ער האָט אין אַ לעקציע גערעדט וועגן די קאָנטראַסטן אין דער נאַטור, האָט ער אין מבול פון מליצה, אָדער שיין־לערנעריי זיך אַ זאָג געטאָן:

אָט האָט איר דעם שאַרפסטן קאָנטראַסט, דעם נאָרד־פּאָל און דעם זיד־פּאָל. אויף דעם נאָרד־פּאָל איז קאַלט און אויף דעם זיד־פּאָל איז היים, צוויי פּאָליוסן און צוויי שאַרפע קאָנטראַסטן.

אין אודיטאָריע איז געוואָרן אַ שושקעריי — סטייטש אויף ביידע פּאָליוסן איז קאַלט, מוראדיק קאַלט...

דער פּראָפעסאָר איז געווען אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט נישט געהערט דאָס שושקעריי.

האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַ טעות וואָס קען פּאַסירן מיט יעדן, וואָס רעדט און פאַררעדט זיך, איז אָבער אַרויס אַ בוך זיינער און אין בוך איז אָפּגעגעבן געוואָרן ווידער דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן נאָרד־פּאָל און זיד־פּאָל.

דאָס איז שוין געווען צופיל.

די פּרעסע האָט עס אויפגעכאַפּט; באַליבט איז ער קיינמאָל נישט געווען, איז עס געווען ממש אַן אבן־טוב פאַר זיינע שונאים, מען האָט עס צעפּויקט און צעטראָגן אויף טעלערלעך.

און ער האָט עוקר געווען פון בערן.

ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין נאָענט צו זיינע בלאָקס מיט הייזער און צו זיינע אַנדערע געשעפטן.

אָבער פּראָפ. שטיין איז נישט פון די מענטשן, וועלכע מען פאַרשאַרט אין א ווינקל, ניין.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער געוואָרן א מיטאַרבעטער פון דער סאַמע בעסטער, סאַמע ערנסטער, און סאַמע סאָלידסטער טעגלעכער צייטונג „די פּאָסישע צייטונג", אָדער ווי די דייטשן פלעגן זי רופן — „די טאַנטע פּאָסע".

ער האָט דאָרט געשריבן פּאָליטישע איבערבליקן.

און די אַרטיקלען זענען געווען גלענצנדיקע, זיי זענען געווען שיין היציק און ביז גאָר קלאָר געשריבן.

און דאָ אפשר האָט ער געפונען זיין אמתן באַרוף.

ער איז געווען א זשורנאַליסט, ממש א געבוירענער זשורנאַליסט.

מיט די בערלינער יידישע סטודענטן האָט ער נישט געפירט קיין פריינדשאַפט. ער איז אַוועק פון אוניווערזיטעט און פון סטודענטן.

לשון הרעניקעס אין בערלין האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אויפגעקויפט א צאָל אַקציעס פון דער „פּאָסישער צייטונג" און אַזוי אַרום געוואָרן דאָרט א מיטאַרבעטער.

אַנדערע האָבן גערעדט וועגן נישט גאָר כשרע פּאָליטישע פאַרבינדונגען.

אָבער מיין געוועזענער פּראָפעסאָר האָט געלעבט און געשוועבט אין בערלין.

איך האָב אים בלויז איינמאָל געזען אין בערלין, גאַנץ צופעליק; ער איז אַרויס פון א פעשענעבעלען רעסטאָראַן און מיט דער אַמאָליקער בערנער גאווה און זאַטקייט זיך אַריינגעזעצט אין א לימוזין. א שאָפער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער אים און דער אויטאָמאָביל איז אַוועקגעשוווּמען אויף דעם אַספאַלט פון די בערלינער גאַסן.

איך האָב געכאַפּט א קוק אויף אים. און דאָס פנים האָט געזאָגט קלאָר און דייטלעך :

—יאָ, עס איז מיין וועלט, זי איז מיר צו דער האַנט, און עס איז גוט צו לעבן אין אַזאַ מחיהדיקער וועלט, אין א וועלט פון כל־טוב...

עס איז אים גוט געווען אין בערלין.

און ער האָט געקענט הנאה האָבן פון לעבן און באַלעקן זיך.

יאָ, איך האָב ווייניק געלערנט ביי דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר, גאָר ווייניק און איך האָב זיך אַרויסגעהאָלפן מיט ביכער פון אמתע קענער פון פילאָזאָפיע, און אַזעלכע ביכער זענען דאָ אין דער דייטשישער ליטעראַטור לרוב.

און איר האָט זיי אין וועלכן גרויס איר ווילט, איר קענט האָבן צען בענדיקע ביכער, איר קענט האָבן צוויי בענדיקע און איר קענט האָבן ממש די גאַנצע פילאָזאָפישע תורה על רגל אחת — אין איין באַנד.

און אַלע ביכער זענען גוטע.

דער אַמעריקאַנער פילאָזאָף סאַנטאַיאַנאַ האַלט, אַז די דייטשן זענען שולמייסטערס, לערערס, אַלע פון געטע ביז דעם נייסטן פילאָזאָף זענען זיי שולמייסטערס.

איך וואָלט געזאָגט, אַז זיי זענען זיצערס.

די דייטשן זענען גוטע זיצערס, זיי קענען זיצן לאַנג, לאַנג און אַרבעטן: דער אַלמעכטיקער האָט זיי נישט געגעבן קיין פלינקע, שאַרפע קעפּ, האָט ער זיי געגעבן גוטע זיצערס...

אָבער פאַר איין זאַך בין איך דאַנקבאַר דעם פּראָפעסאָר לודוויג שטיין — פאַר זיינע געשמאַקע ביאָגראַפיעס פון די פילאָזאָפן.

עד היום שטייט פאַר מיר דער פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט ממש א לעבעדיקער, ווי ער, פּראָפ. שטיין, האָט אים געשילדערט אין די ערשטע צוויי לעקציעס וועגן קאַנט.

אָט גייט ער דער פּראָפעסאָר־פּעדאַנט אין אוניווערזיטעט, און פון אַלע פענצטער קוקט מען אויף אים און פון אַלע קעשענעס שלעפּט מען זייגערס צו זען צי זיי גייען ריכטיק.

וואָרום דער „הער פּראָפעסאָר" איז געווען דער פּינקטלעכסטער זייגער אויף דער וועלט, ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט אפילו נישט אויף א רגע צו זיינער א לעקציע עטלעכע צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד.

עס האָט געמעגט רעגענען, עס האָט געמעגט זיין אַ שטורעם, עס האָט געמעגט שנייען און עס האָבן געמעגט שטיין די גרעסטע פּרעסט, אָדער די גרעסטע היצן, דער מאָגערער, פּעדאַנטישער פילאָזאָף און פּראָפעסאָר איז אויפגעשטאַנען צו דער רגע, געגעסן זיין מאָלצייט צו דער רגע, צוגעגרייט זיין לעקציע צו דער רגע און אַרויס צום אוניווערזיטעט צו דער רגע.

און געגאַנגען איז ער מיט געמאָסטענע טריט, קיין גרעסערן און קיין קלענערן טריט, די זעלביקע טריט צענדליקער יאָר נאָכאַנאַנד.

פּלעגן די קעניגסבערגער בירגער כאַפּן אַ קוק אויף זייערע זייגערס, און זיי האָבן געוווּסט גענוי אויף וויפל רגעס, אָדער מינוטן זייערע זייגערס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, אָדער זיך צוגעאײַלט.

און אָט לייענט ער זיין לעקציע.

די זעלביקע שטים, די זעלביקע אינטאָנאַציע, קיין עמאָציע, קיין הומאָר, און קיין איבעריק וואָרט.

אַ מאַשין, אַ פּרעציזע מאַשין, אַ מאַשין, וואָס מאַכט נישט קיין טעות אויף אַ טויזנטל פון אַ האָר.

דאָס איז געווען דער גרויסער דייטשישער פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט.

די פּרעציזסטע מאַשין אין דענקען און אין אַקציע.

ער אַליין האָט געמאַכט פון זיך אַ מאַשין, אָבער אַ אידעאַלע מאַשין...

דאָס בילד איז מיר געבליבן פון פּראָפ. שטיינס צוויי ביאָגראַפישע לעקציעס, ווי אַן אַריינפיר צו קאַנטס פילאָזאָפיע.

און דאָס זענען לחלוטין נישט געווען קיין נוצלאָזע פּלאַפּלערייען, דאָס האָט מיר פיל געהאָלפן צו פאַרשטיין און באַנעמען קאַנטן...

זיין פילאָזאָפיע איז אַ מאַשין־פילאָזאָפיע, פּרעציז, אומפּערזענלעך, קאַלט און טרוקן...

* *

יאָ, קיינער האָט נישט ליב געהאַט דעם פּראָפ. שטיין, בלויז איינמאָל האָב איך באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ גאָר הויכע מיינונג וועגן אים, ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מענטש.

עס איז געווען אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איך און די מענטשן, וואָס זענען געפאָרן מיט מיר אין וואַגאָן, זענען שוין געפאָרן, דאַכט זיך, דריי־פיר מעת־לעת, אַלע זענען געווען שמוציק, אָפּגעריסן, לייזיק און האַלב הונגעריק, עס האָט אַלעמען געעקלט פון זיך אַליין און נאָך מער פון אַנדערע.

מענטשן זענען געווען עפּעס ברוגז איינער אויפן דעם אַנדערן. מען האָט נישט גערעדט און נישט געקוקט אין דעם אַנדערנס ווינקל.

פּלוצלינג זעצט זיך צו צו מיר אַ מענטש און זאָגט פּשוט:

— איר זענט מיר באַקאַנט, איך האָב אייך, דאַכט זיך, געזען אויף די פאָרלעזונגען פון פּראָפ. שטיין און אין זיין סעמינאַר.

איך האָב מסכים געווען, אַז ער האָט מיך געקענט זען אין בערן אויף פּראָפ. שטיינס לעקציעס און אין זיין סעמינאַר, אָבער איך האָב געזאָגט עפּעס גאָר נישט שמייכלענדיקס וועגן פּראָפ. שטיין.

דער נייער באַקאַנטער מיינער איז געוואָרן ערנסט:

— איך קען קיינער נישט דעם פּראָפ. שטיין, ער איז איינער פון די וואונדערלעכסטע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

איך האָב קיין חשק נישט געהאַט אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח מיטן פרעמדן מענטשן וועגן פּראָפ. לודוויג שטיין, און איך האָב נישט רעאַגירט נישט מיט ווונדער און נישט מיט גרייטקייט צו דיסקוטירן די פראגע, אגב האָט יעדער געהאַט דאַן אַ סך אַנדערע שווערע פּראָבלעמען צו לייזן.

דער נייער באַקאַנטער מיינער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן:

— איך ווייס אַלע חסרונות פון פּראָפ. שטיין. אָבער איך ווייס פון זיינער אַ מעלה, וואָס קיינער ווייסט נישט פון איר, נאָר איך אַליין, ווייל איך בין געווען, אַזוי צו זאָגן, דער אָביעקט אויף וועמען זיין מאָראַלישע גרויסקייט האָט אויסגעשפּרייט איר גנאָד.

און דער באַקאַנטער מיינער דערציילט מיר אַזאַ מעשה:

איך בין אַמאָל געווען אַ זייער לייכטזיניקער בחור, נישט קיין פאַר־דאָרבענער, און נישט קיין שלעכטער, בלויז אַ לייכטזיניקער.

האָב איך זיך אין בערן פאַרפּלאָנטערט אין א מיאוסן און זייער שלעכטן געלט־פּלאָנטער.

איך האָב געקענט אריינפאַלן אין תפיסה, אויסגעשלאָסן ווערן פון אוניווערזיטעט און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אומגליקן עס וואָלטן געהאַנגלט אויף מיר.

איך האָב שוין געהאַלטן ביי זעלבסטמאָרד, איך האָב באַשטימט אראָפּצוּוואַרפן זיך פון הויכן בריק איבער דער אראַ אין וואַסער אריין און א סוף.

אָבער איך האָב אָנגעהויבן זוכן איינעם, וואָס קען מיך ראַטעווען, איך האָב דורכגעבלעטערט אלע פריינט און באַקאַנטע אין מיין קאָפּ — נישטאָ קיין איינער, קיינער פאַרמאָגט גאָרנישט אזא סומע, וואָס זאָל מיך קענען ארויסראַטעווען פון דעם מיאוסן פּלאָנטער, אלע מיינע באַקאַנטע זענען סטודענטן און קיין סטודענט טראָגט מיט זיך נישט אזא סומע, און אויב ער טראָגט יאָ מיט זיך אזא סומע דאַרף ער עס האָבן אויף ברויט, אויף דירה, אויף שכר־לימוד אין אוניווערזיטעט, אויף א בגד און אויף אנדערע נויטיקע זאַכן.

ניטאָ קיינער.

פּלוצלינג פאַלט מיר איין:

— פּראָפעסאָר לודוויג שטיין!

ער האָט מיר צוריקגעגעבן עטלעכע מאָל דאָס געלט, וואָס איך האָב איינגעצאָלט אין אוניווערזיטעט פאַר זיינע לעקציעס, און ער האָט עס מיר צוריקגעגעבן לייכט און אויב איך ווילט אפילו — שיין.

פאַרשטייט זיך, אז איך האָב איבערגעטראַכט און איבערגעוויגן דעם איינפאַל אין א פּאָר שלאָפלאָזע נעכט.

אָבער איך האָב מיר געזאָגט:

— וואָס וועל איך פאַרלירן? איך בין דאָך סיי ווי א פאַרלוירענער, איך גיי, דערצייל אים אלץ אָפן און בעט זיין הילף.

דאָס איז דאָס לעצטע שטרויעלע, וואָס קען מיך ארויסראַטעווען.

איך קום צו דער ווילע, קלינג אָן, און איך טרייסל זיך פון שרעק — טאָמער גיט זיך מיר נישט איין, איז דאַן וואָס?

מען לאָזט מיך אריין, איך פרעג אויף דעם פּראָפעסאָר, זאָגט מען מיר, אַז איך בין געקומען נישט אין די אויפנאַם שטונדן פון פּראָפעסאָר.

דערקלער איך נערוועז דעם מיידל אַז עס איז אַ זייער און וויכ־טיקע אַנגעלעגנהייט, אָבער זי בלייבט ביי דאָס איריקע — דער פּראָפעסאָר נעמט איצט נישט אויף, עס איז נישט זיינע אויפנאַם שטונדן.

פּלוצלינג דערהערט זיך פון אַ צווייטן צימער:

— לאָזט דעם הער אריין.

— וואָס ווערט איר זאָגן גוטס? — פרעגט ער מיך.

אָבער מיך טרייסלט ממש העגט און פיס.

ער האָט עס הפנים באַמערקט און ער האָט מיך אָנגעהויבן צו באַ־רואיקן, און ווען ער האָט געזען, אַז איך בין געגוג באַרואיקט צו קענען רעדן וועגן דער אַנגעלעגנהייט צוליב וועלכער איך בין געקומען, האָט ער געזאָגט קורץ:

— איצט דערציילט:

און איך האָב אים דערציילט, איך האָב קיין זאַך נישט באַהאַלטן.

און איך האָב פאַרענדיקט:

— נאָר איר קענט מיך ראַטעווען.

— ווי גרויס איז די סומע? — האָט ער געפרעגט רואיק און זאַכלעך.

איך האָב אָנגעגעבן די סומע.

קיין מוסקול אויף זיין געזיכט האָט זיך נישט אַ ריר געטון, ער איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש אַרויסגענומען אַ קעסטל, זי אויפגע־שלאָסן, אַרויסגענומען געלט און האָט צוויי מאָל איבערגעציילט און האָט דאָס פּעקל פון שווייצאַרישע אַסיגנאַציעס דערלאַנגט מיר.

איך האָב מיינע אויגן נישט געגלויבט, איך בין געווען זיכער, אַז עס איז אַ חלום, איך האָב געקוקט אויף אים, אויף דעם פּעקל געלט, כדי צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אויף דער וואָר.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט, גענומען ציטערנדיק דאָס פּעקל געלט און אָנגעהויבן דאַנקען און דאַנקען.

— קיין וואָרט, — האָט ער געזאָגט, קאַלט קוקנדיק אויף מיר מיט קאַלטער פאַראַכטונג.

ער איז געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס, אויס מורא הפנים אַז איך וועל אים געבן די האַנט ביים אַוועקגיין.

— קיין וואָרט, גייט און פּלאָנטערט זיך אויס פון אייער אומגליק־לעכער אַפּערע.

איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַרויסגעלאָפן אין גאַס ווי אַ חסר־דעהדיקער.

— איך בין פריי, נישטאָ קיין תפיסה, אַלץ, אַלץ איז גוט...

איך בין געוואָרן אַ ניי־געבוירענער מענטש, איך האָב אָנגעהויבן לערנען בעסער, זיין פּאַרזיכטיקער און אויסגערעכנטער אין געלט, הכלל — אַ נייער מענטש.

אָבער פּראָפ. שטיין האָט מיך מער נישט דערקענט.

איך פלעג באַזוכן זיינע לעקציעס מיט געוואַלדיקער התמדה, איך בין כסדר געזעסן אויף דער ערשטער באַנק, איך פלעג באַזוכן פּינקט־לעך זיינע סעמינאַרס.

ער האָט מיך מער נישט דערקענט.

איך פלעג זיך אים וואַרפן אין די אויגן, אָבער ער האָט מיך נישט געזען...

דאָס הייסט:

ער האָט מיר געהאָלפן, אָבער זיין אַכטונג צו מיר ווי אַ מענטש איז געשטאָרבן, ער האָט מער נישט געוואָלט וויסן און הערן וועגן מיר.

און אַזוי ביזן סוף פון מיין שטודיום.

יאָ, קיינער האָט נישט געקענט דעם פּראָפ. שטיין.

איך בין דער איינציקער, וואָס האָט אים געקענט, האָט פאַרענדיקט מיין נייער באַקאַנטער.

26

טשיקאַווע פּראָפעסאָרן

געווען פּראָפעסאָרן טשעקאַווע, עפּעס לא מעלמא הדא, עפּעס מענטשן פון מארס.

אָבער ביי אייניקע פון זיי האָב איך פיל געלערנט.

אַזאַ איינער איז געווען פּראָפעסאָר מאַרקוזע; ער איז געווען טאָטאַל בלינד. מען האָט אים געבראַכט אויף דער לעקציע און מען האָט אים אוועקגעפירט פון דער לעקציע.

געלייענט האָט ער אַ קעגנשטאַנד וואָס הייסט פּאַנדעקטן: פּאַנדעקטן איז אייגנטלעך אַריינפיר אין יוריספּרודענץ, עס קען אויך הייסן די פילאָזאָפיע פון יוריספּרודענץ, מען קען עס אויך רופן דער מאָראַלישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער באַזיס פון יוריספּרודענץ.

עס איז אויך טיילווייז די געשיכטע פון יוריספּרודענץ, די אַלגעמיינע געשיכטע און די אַנטוויקלונג פון יוריספּרודענץ.

עס איז אַן אינטערעסאַנטער קעגנשטאַנד, איך וועל נישט פילן און זיך נישט קענען פאַרטיפן אין יוריספּרודענץ נישט האָבנדיק דורכגענאָמען אַ קורס פון פּאַנדעקטן.

דער בלינדער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן זיינע לעקציעס קאַלט: אָבער גאַנץ גרינטלעך און טיף.

די בלינדקייט האָט אים געשטערט צו האָבן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די סטודענטן, ער האָט גערעדט עפּעס אין אַ פּוסטן חלל, אָדער צו די ווענט, וועלכע ער האָט אויך נישט געזען.

לעבעדיקער איז ער געוואָרן ווען אַ סטודענט פלעגט אים שטעלן אַ פראַגע נאָך דער לעקציע. ער האָט דערפילט אַ לעבעדיקן צוהערער לעבן זיך און ער האָט זיך גערן צערעדט און געשמועסט.

ער האָט זיין קעגנשטאַנד גוט געקענט. ער האָט אים געקענט מער ווי

ער האָט עס אַרויסגעוויזן אין זיינע לעקציעס. דאָס האָט מען באַשיינפּער־לעך געזען אין די פּריוואַטע שמועסן נאָך דער לעקציע.

זיי זענען געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט.

און ער איז געווען אין קורס פון די אַלע נייע ביכער און נייע אויפ־טואונגען אויף דעם דאָזיקן געביט, און ער פלעגט עס גערן אַרויסווייזן ווען ער האָט דערשפּירט אין פרעגער א מענטש, וואָס איז מער אָדער ווייניקער אַוואַנסירט אין יוריספּרודענץ, אָדער ווען ער האָט געהאַט פּאַר זיך א פרעגער מיט א שאַרפן יורידישן חוש.

צום אָנהויב פלעגט מיר זיין אביסל אומהיימלעך אויף זיינע לעק־ציעס: עס רעדט צו דיר א מענטש און ער זעט דיך נישט, און מערקוויר־דיק — עפּעס זעסטו אים אויך נישט.

זען איז עפּעס א טאָפּלטע אייגנשאַפט — דו זעסט און מען זעט דיך, דאָס איז דער זינען פון זען, ווען דער שותּף זעט נישט, זעסטו עפּעס אויך נישט, א בלינד פּנים איז עפּעס נישט זעעוודיק.

* *

אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט האָב איך פיל געלערנט פון א פּראָפע־סאָר מיטן נאָמען וואַקער.

ער איז געווען א קליינינקער, א דאַרינקער מיט א צעפּאַטלט בערדל און שטענדיק אין אַן אַלט אָפּגעטראָגן סורדוטל.

ער איז געווען א זייער גוטמוטיקער, ממש א מענטש אָן א גאַל.

מען האָט גערעדט וועגן אים, אַז ער האָט קיינמאָל נישט דורכגע־וואָרפן אין זיין לעבן א סטודענט אויף די עקזאַמענס פון זיין קענגשטאַנד — געשיכטע.

די גוטמוטיקייט איז אים געלעגן אויפן פּנים. ער האָט כסדר פריינט־לעך געשמייכלט צו אַלעמען. דער שמייכל זיינער איז געווען א מחיהדיקער. איך באַגעגנט זעלטן אזא קינדיש־האַרציקן שמייכל אויפן פּנים פון א מענטשן איבער די מיטעלע יאָרן.

אָבער דער דאָזיקער שמייבלענדיקער, גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט קיין בייז וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן אין פּריוואַטן לעבן, איז אויף

זיינע לעקציעס געווען אויסערסט שארף, ביטער־קריטיש און גוואלדיק קריגעריש.

ער האָט געהאַלטן זיינע לעקציעס פון געשיכטע אין א ליידנשאפט־לעכן טאָן; ער איז געווען עפּעס א צד, א קעמפער, וואָס קעמפט קעגן אָנ־גענומענע און שאבלאָנע מיינונגען אין דער געשיכטע.

סטודענטן האָבן געוווסט, אַז זיינע לעקציעס וועגן די פּויפּסטן און וועגן נאַפּאָלעאָן זענען געווען אויסערסט אינטערעסאנט און די אוידיטאָ־ריע איז געווען געפּאַקט.

און עס איז באמת געווען אויסערסט אינטערעסאנט צו הערן אַזעל־כע היים־ליידנשאַפטלעכע לעקציעס וועגן א קאַלטן קעגנשטאַנד.

ער איז געווען א נעאָ־קאַטאָליקער, ער האָט, ווי יעדער נעאָ־קאַטאָ־ליקער נישט געהאַלטן פון די פּויפּסטן און זיי באַקעמפט.

אָבער פאַר אונדזער פּראָפעסאָר זענען געווען וויניק די היינטצייטיקע פּויפּסטן, ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע געשיכטע פון די פּויפּסטן און ער האָט ממש געוואַשן די ביינדלעך, אָדער ריכטיקער — די שמוציקע וועש פון אַלע פּויפּסטן.

ער האָט געוווסט פון אַלע זייערע ליבעס, פון אַלע זייערע הוליאַנקעס, פון אַלע זייערע אינטריגעס, פון אַלע זייערע ווילטאַגס, פון אַלע זייערע לוקסוסן, פון אַלע זייערע נישט־געזעצלעכע קינדער און קינדס־קינדער.

און ער האָט גערעדט ליידנשאַפטלעך, דאָ מיט סאַרקאַזם, דאָ מיט א שאַרפן הומאָר, דאָ מיט ענטריסטונג, דאָ מיט כעס און צאָרן און דאָ מיט ביטערער, גאַליקער שנאה.

זיינע לעקציעס וועגן די פּויפּסטן פלעגן פאַרנעמען גוטע עטלעכע חדשים, אָבער זיין אוידיטאָריע איז געווען כסדר געפּאַקט.

און וואָס גרעסער די אוידיטאָריע אַלץ מיט מער ברען האָט ער געהאַלטן זיינע לעקציעס.

דער פרומסטער קאַטאָליק האָט געקענט ווערן אַן אפיקורוס, דער עיקרשט, פאַרשטייט זיך, בנוגע די פּויפּסטן.

נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, דער גרויסער קריגס־פירער פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, איז געווען זיין צווייטער קרבן.

ער איז געווען טיף איבערצייגט אז דער דאָזיקער „קאָרסיקאַנער־קאַרפּאָראַל" האָט זיך פּשוט אַריינגעגנבעט אין דער געשיכטע און זיך אויסגעלייגט דאָרט ווי ביי זיין טאַטן אין ווייגאָרטן.

ער האָט געהאַלטן אַז ער, נאַפּאָלעאָן, איז אין תוך געווען אַן אַוואַנ־טוריסט, אַ ליג, אַ שווינדלער און אַ פּערט־קלאַסיקער אַקטיאָרל.

ער האָט געמאָלט דאָס אויסערלעכע בילד פון נאַפּאָלעאָנען ווי אַ טאַלאַנטפולער קאַריקאַטוריסט. ער האָט אים געשילדערט ווי אַ בייכיק מענטשעלע אויף קורצע פיסעלעך, אַ מענטש מיט אַ קיילעכדיק לבנה־פּנים, מיט אַ טיפּישער געלבלעכער הויט־פאַרב פון אַ קאָרסיקאַנער און מיט אַ פּאָר לויפנדיקע ביטרע אויגן.

גוואַלדיק קאָמיש איז געווען דאָס בילד, וואָס ער האָט געמאָלט פון נאַפּאָלעאָנען זיצנדיק אויף אַ פערד: אויף אַ שלאַנק־פיסיק גראַציעז פערד איז געזעסן אַ בייכיק מענטשל מיט קורצע פיסלעך (קורצע „ביינע") און דאָס מענטשל האָט געשפּילט דעם מעכטיקסטן, דעם שטאַרקסטן, דעם העל־דישסטן מענטשן זיצנדיק אַזוי קאָמיש אויפן פערד.

עס האָט זיך ממש באַקומען אַ פּאָרטרעט פון אַ נבזהניק.

און ער האָט בפירוש געהאַלטן אַז דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָן.

אָבער דעם דאָזיקן קורץ־פיסיקן נבזהניק איז געגאַנגען, ווי עס גייט גוט דעם גרעסטן טייל נבזהניקעס אין אונדזער וועלט.

ער האָט בפירוש געהאַלטן אַז נאַפּאָלעאָן איז נישט געווען דער איינ־ציקער נבזהניק, וואָס האָט כמעט באַהערשט די וועלט, עס זענען געווען אַ סך, גאָר אַ סך אַזעלכע.

און פּונקט אַזאַ מיינונג האָט ער געהאַט וועגן נאַפּאָלעאָנס חכמה, סיי פּאָליטישע און סיי קריגערישע.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, האָט אים, נאַפּאָלעאָנען, צוגעשטעלט וווּנדערלעכע סאָלדאַטן, סאָלדאַטן באַגייסטערטע פאַר אַ גרויסן אידעאַל.

זיי האָבן געקעמפט ווי לייבן, זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך גוטע גענעראַלן, וואָס האָבן געמיינט ערנסט מיט דער רעוואָלוציע.

ווי אַלע אידעאַליסטן זענען זיי געווען נאַאיוו, אין דער ביטערער

(שלויער) קאָרסיקאַנער קאָרפּאָראַל האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זייערע גרויסע פּלייצעס און האָט געקאָמאַנדעוועט.

זיי האָבן געקעמפט און געזיגט און אין זייער באַגייסטערונג און נאַאיוויטעט האָבן זיי געמיינט, אַז דער קאָרסיקאַנער קאָרפּאָראַל זיגט עס.

ביז ער האָט אונטערגעגראָבן די רעוואָלוציע, פאַרכאַפּט די מאַכט און אָנגעהויבן איינגעמען די וועלט.

ביסלעכווייז איז דער רעוואָלוציאָנערער ברען פון דער ארמיי אָפּגעקילט געוואָרן. זיי האָבן דערזען, אַז זייער גרויסע רעוואָלוציע האָט ווידער געבוירן אַ מאָנאַרכיע מיט אַלע אירע פוילע שטיק און מיט אַלע רעאַקציאָנערע אינסטיטוציעס.

הכלל — זיי האָבן דערזען אַז זיי זענען ווידער קנעכט.

אויפן טראָן זיצט אַ מאָנאַרכל, וואָס איז נישט קיין סך בעסער פון דעם מלך־טפּש לודוויג דעם זעכצנטן.

און נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן אוים קריגס־העלד און אוים קריגס־גאון.

די רוסן האָבן אים געשלאָגן מערדערלעך און די ענגלענדער האָבן אים געשלאָגן אָן רחמנות.

דאָס קליינינקע און דארינקע פּראָפּעסאָרל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מלמדל אין אַ קליין יידיש שטעטל, האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעברעכן צוויי גרויסע לעגענדעס, אַ מיליטאַריסטישע און אַ רעליגיעזע.

ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן אָט דער דאָזיקער מיסיע, ער האָט אָנגעזאַמלט אַ וועלט מיט מאַטעריאַלן, ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם אַ וועלט פון ענטוזיאַזם און קעמפערישקייט. און ער האָט געגלויבט. אַז ער זיגט, אַז די צוויי גרויסע לעגענדעס ליגן צעבראָכן אין שערבלעך ממש.

ער האָט אויסגעזען זייער אויסגעשעפּט נאָך יעדער לעקציע, אָבער ער האָט אויך אויסגעזען אַ טריאומפירנדיקער.

און, ווי געזאָגט, אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט ער ממש קיין פליג נישט געקענט טאָן קיין אומרעכט.

ער איז געווען אַ געוויסע צייט דער דיען פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, איז ער געווען פאַרנומען 24 שעה אין מעת לעת צו טאָן טובות סטודענטן.

וואָס עס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות און אין זיין קאָמפּעטענץ

האט ער געטאָן און ער האט עס געטאָן מיט הנאה, מיט פרייד, מיט ווארע־מער מענטשלעכקייט און מיט גרויסער נאטירלעכקייט.

פראָפעסאָרן פון פאקולטעט פלעגן אפט מורמלען, אָבער סוף כל סוף פלעגן זיי זיך צעשמייכלען. עס האט געהייסן — מען קען גארנישט מאכן מיט אונדזער צדיקל...

* *

נאָך א טשעקאוון פראָפעסאָר האָבן מיר געהאט אויף דעם יוריס־טישן פאקולטעט.

ער איז געווען פראָפעסאָר פון פעלקער־רעכט.

ער איז געווען א הויכער און עפּעס אן אויסגעטריקנטער. ער פלעגט קומען אויף די לעקציעס אין א הויכן אַלט־מאָדישן צילינדער, אין א לאנגן סורדוט און אין א פעלערינע, און דאָס האט אים געמאכט משונהדיק לאנג.

ער פלעגט זיצן אויף די לעקציעס זיינע און דערציילן מעשיות, באָבע־מעשיות, קאלטע און עפּעס נישט־וויציקע אנעקדאָטן.

ער פלעגט אונדז געבן באבסקע רפואות קעגן פארשידענע קראנק־הייטן. די אַלע רפואות זאָל ער האָבן אַליין אויספּרובירט אויף זיך און זיי אַרבעטן ממש מאגיש.

אזוי, למשל, האט ער געהאט אן אויספּרובירטע רפואה קעגן שלאָפ־לאָזיקייט.

— ליידט איר פון שלאָפלאָזיקייט, שטייט אויף פון בעט, האָט ער אונדז אמאָל געזאָגט, גייט אריין אין קיך און זוכט אויס א שטיקל אַלט־געבאקן ברויט, לייגט זיך אין בעט צוריק, עסט אויף דאָס שטיקל אַלט־געבאקן ברויט און איר וועט איינשלאָפן ווי א געהרגעטער.

און, פארשטייט זיך, אז דאָס דאָזיקע מיטל קעגן שלאָפלאָזיקייט האָט ער אַליין פיל מאָל אויספּרובירט אויף זיך און עס אַרבעט וווּנדערלעך.

וועגן פעלקער־רעכט גופא האט ער נישט געהאט קיין איבעריקן חשק צו רעדן אין זיינע לעקציעס.

און מען קען אים נישט פארדענקען, ווייל פעלקער־רעכט איז אייגנט־

לעך נישט קיין רעכט; דאָס דאָזיקע רעכט איז געבויט אויף אָפּמאַכן פון פעלקער צווישן זיך, דערהויפּט פון אָפּמאַכן נאָך דער מלחמה.

עס זענען דאָ אין דעם פעלקער־רעכט סך הכל אַ פּאָר טוץ גרויסע פּאָליטישע און האַנדלס אָפּמאַכן, אָט די אָפּמאַכן זענען דער באַזיס פון פעלקער־רעכט.

די אָפּמאַכן דאַרף מען שטודירן.

די אָפּמאַכן זענען, פאַרשטייט זיך, פרייוויליקע אָדער ארויפגעצוואונגענע, ווען איין צד, למשל, האָט געזיגט אין אַ מלחמה, דאַן דיקטירט ער אַ שלום־אָפּמאַך און אנדערע אָפּמאַכן.

נישטאָ קיין וועלט־פּאָליציי, וואָס זאָל אכטונג געבן אַז די אָפּמאַכן זאָלן אָפּגעהיט ווערן. עס איז אפילו נישטאָ קיין געריכט צו וועלכן מען זאָל זיך קענען ווענדן מיט קלאַגעס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז באַשאַפן געוואָרן אַ מין וועלט־געריכט וואָס האָט זיין זיץ עד היום אין האאַג, האָלאַנד.

מען זעט נישט, אַז דאָס דאָזיקע וועלט־געריכט זאָל זיין פאַרוואָרפן מיט ארבעט, און דער עיקר שט, מען זעט נישט אַז ער זאָל עפּעס אויפטון.

דאָ און דאָרט האָט דאָס געריכט אַ זיצונג און באַטראַכט אַ פּאָר אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פאַר אים, אָבער קיין צד איז נישט מחויב צו אונטערוואַרפן זיך די באַשלוסן פון דעם דאָזיקן געריכט.

ווען די אָפּמאַכן, די גרויסע אָפּמאַכן צווישן פעלקער, זענען זיי שוין אַ פּאָר מאָל דערקלערט געוואָרן ווי „שטיקלעך פּאַפּיר" וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט.

ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דייטשלאַנד דערקלערט אירע אָפּמאַכן מיט די לענדער, וועלכע זי האָט אָקופּירט, ווי שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט.

דאָס נעמלעכע האָט געטון היטלער נאָך מיט מער ציניזם, ער האָט אפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערקלערן די אָפּמאַכן פאַר שטיקלעך פּאַפּיר.

אָט האָט היטלער געהאַט אַ „פּאַקט" מיט סאָוועט־רוסלאַנד, אַן אָפּ־

מאַך אויף וועלכן גרויסע יוריסטן און דיפּלאָמאַטן פוןביידע צדדים האָבן געאַרבעט און געשוויצט לאַנג.

און מיט דעם „פּאַקט" איז היטלער באַפאַלן דאָס סאָוויעטישע לאַנד אָן וועלכער עס איז וואָרענונג.

איז אפשר גערעכט געווען מיין אַלטער פּראָפעסאָר פון פעלקער־רעכט, וואָס האָט בעסער גערעדט וועגן רפואות קעגן שלאָפלאָזיקייט איידער וועגן פעלקער־רעכט.

דאָס פעלקער־רעכט איז דאָך אין עצם אויך אַ באַבסקע רפואה קעגן מלחמות...

און אַ באַבסקע רפואה, וואָס ווירקט לחלוטין נישט.

יעדער פּראָפעסאָר וואָס האָט געהאַלטן לעקציעס וועגן אַ וועלכן עס איז קעגנשטאַנד, האָט געמוזט האָבן עפּעס אַן אויטאָריטעט אין דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד.

און פעלקער־רעכט, פאַרשטייט זיך, האָט אויך זיין אויטאָריטעט און זיין נאָמען אין הוגאָ גראָציוס.

פלעגט ער האַלטן היבשע עטלעכע לעקציעס וועגן אָט דעם הוגאָ גראָציוס.

ער האָט אונדז געגעבן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דער דאָזיקער אויטאָריטעט אין פעלקער־רעכט.

די ביאָגראַפיע איז געווען איבערגעלאָדן מיט אַ סך גאָרנישט־זאָגנדיקע איינצלהייטן. אין דער ביאָגראַפיע האָט אפילו פאַרנומען אַ גאָר חשוב אָרט די פרוי פון הוגאָ גראָציוס.

אגב די דאָזיקע פרוי פון הוגאָ גראָציוס, וואָס איז געבליבן אַן אלמנה און האָט געלעבט אין פּאַריז, האָט זיך געשדכנט צו אונדזער אַמעריקאַנער בענדזשאַמין פרענקלין, ווען ער איז געווען דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון דער פרייער אַמעריקע אין פּאַריז.

די ביאָגראַפיע איז געווען דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע אין זיינע פאָרלעזונגען וועגן פעלקער־רעכט.

ער האָט געהאַט אַ שטיקל חוש, דער דאָזיקער אַלטער פּראָפעסאָר,

פאר איינצלהייטן, מיינסטנס זייער כאראקטעריסטישע, א טייל אבער גאר־גישט זאגנדיקע.

ווער אזוינס איז געווען דער הוגא גראציוס און וואס זענען געווען זיינע וויסנשאפטלעכע אויפטואונגען אויף דעם געביט פון פעלקער־רעכט?

אט האט איר עס בקיצור:

הוגא גראציוס, א האלענדער, איז געבוירן געווארן אין סוף פון 16־טן יארהונדערט און געשטארבן אין מיטן פון 17־טן יארהונדערט.

ער איז געווען א יוריסט און א דיפלאמאט, און ביידע פראפעסיעס זענען אין יענע צייטן געווען פארבונדן מיט אוואנטורעס און מיט געפארן.

אזוי איז ער געפאנגען געווארן אין איינער פון די האלענדישע קאלאניעס פון אן אנדער קאלאניאלער קאמפאניע און עס איז אנטשטאנען א יורידישע שקלא וטריא צי האט א פריוואטע געזעלשאפט דאס רעכט צו נעמען געפאנגענע?

ער איז ארויס פריי, אבער איז שפעטער ארייגעפאלן נאך אין א גרעסערער צרה. ער איז אנגעקלאגט געווארן און פארמשפט געווארן צו לעבנסלענגלעכער שטרענגער תפיסה.

אבער דא טרעט אויף זיין פרוי, ווי א בראווער מוטיקער מענטש, און האטעוועט אים ארויס פון דער פעסטונג, אין וועלכער ער איז געווען פאר־שפארט. זי פועלט אויס א דערלויבעניש צו לעבן מיט איר מאן אין תפיסה. זי באזעצט זיך אין תפיסה, און אין א שיינעם פרימארגן בעט זי די צוויי שטרענגע שומרים זיי זאלן ארויסטראגן אירן א קאסטן מיט זאכן, וועלכע זענען אין תפיסה איבעריק.

די סאלדאטן האבן דערפילט, אז דער קאסטן איז עפעס צו שווער. אבער די קלוגע פרוי האט זיי געגעבן א דערקלערונג און זיי האבן זי אנגענומען.

אין קאסטן איז געלעגן הוגא גראציוס, דער קאסטן איז אוועקגעפירט געווארן צו א פריינט און דארט האט מען ארויסגעלאזט דעם אינהאלט פון קאסטן — הוגא גראציוס.

גראציוס האט זיך פארשטעלט פאר אן ארבעטער און איז אריבער־די האלענדישע גרענעץ קיין אנטווערפן און פון אנטווערפן קיין פאריז. באלד

איז געקומען זיין פרוי צו אים, און א דאנק אירע באמיאונגען און פאר־בינדונגען, האט דער קעניג פון פראנקרייך, לואיס דער 13טער, באשטימט גראציוסן א פענסיע, וואס איז אים, אגב, קיינמאל נישט אויסגעצאלט געווארן, אין אזא ארדענונג זענען געווען די קעניגלעכע פינאנסן אין פראנקרייך אין יענע צייטן.

אבער פריינד און פארערער האבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו ארבעטן אין דער בעסטער ביבליאטעק זארגלאז, און דא, אין פראנקרייך, האט ער אנגעשריבן זיינע צוויי ערשטע פעלקער־רעכטלעכע ווערק „דע יורע בעלי", דאס רעכט פון קריג, און „יום פאצים", דאס רעכט פון שלום.

אין די ווערק וויל הוגא גראציוס אונטערפירן א פונדאמענט אונטער דעם רעכט פון קריג און פון פרידן.

דער שטאט האט דאס נאטירלעכע רעכט אויף קריג, אבער דאס רעכט האט זיינע כללים, ד. ה., זיינע גרענעצן. דער שטאט האט דאס רעכט צו שליסן שלום, אבער עס זענען דא געזעצן וואס דארפן אפגעהיט ווערן.

דאס זענען באמת די ערשטע פעלקער־רעכטלעכע ביכער געשריבן פון א זייער קאמפעטענטן דיפלאמאט, שארפן יוריסט און געלערנטן.

די דאזיקע ביכער האבן זיכער געהאט אן איינפלוס אויף די פעלקער־רעכטלעכע באציאונגען צווישן פעלקער.

אבער קיין געזעצן זענען פון דעם נישט געשאפן געווארן, ווייל א געזעץ זעט פאראויס א מאכט, וואס שטייט הינטער דעם געזעץ און פירט עס דורך מיט צוואנג.

אזא מאכט האט נישט דאס פעלקער־רעכט, און עס זענען געבליבן בלויז טעארעטישע הנחות און אפמאכן צווישן לענדער.

הוגא גראציוס איז אבער געווען דער ערשטער, וואס האט טעארעטיש געשאפן אי דעם באגריף פון פעלקער־רעכט און די טעארעטישע הנחות, אויף וועלכע עס דארף געבויט ווערן.

* *

פון צייט צו צייט פלעג איך זיך ארייננכאפן צו הערן א פראפעסאר פון העברעאיש אין בערנער אוניווערזיטעט.

געהייסן האָט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר — מאַרטין.

אויסגעזען האָט ער ווי א גלח, א הויכער, מיט א שטרענגן גלחישן פּנים און כסדר עפּעס אין שווארצן און פארשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך.

זיין אוידיטאָריע, זיינע צוהערער, זענען געווען גאָר אנדערע, די צו־הערער זענען געווען גלחים, יונגע און אויך אַלטע. צווישן די גלחים פלעגט איך אָפּט באַגעגענען א היבש ביסל יידישע סטודענטן העברעער.

דער דאָזיקער פּראָפעסאָר האָט געקענט גאָר גוט העברעאיש. ער האָט געקענט גרינטלעך און טיף העברעאיש.

אָבער איך פלעג גאָר ווייניק הנאה האָבן פון זיין העברעאיש; עס איז געווען עפּעס א פרעמדער נישט־יידישער העברעאיש, עפּעס א העב־רעאיש פאַר גלחים, פאַר קירכן און פאַר קלויסטערס.

ווען איך פלעג זיצן אויף זיינער א לעקציע האָט זיך מיר כסדר אויסגעוויזן, אז איך זיץ דאָ אין א חברה וואָס ווילן עפּעס אויסשפּיאָנירן דורך העברעאיש.

פאַר זיי איז העברעאיש נישט געווען סתם א שפּראַך, נאָר עפּעס א שפּראַך פול מיט מיסטעריעס און סודות.

זיי פלעגן שטעלן דעם פּראָפעסאָר פראַגן פול מיט חשד.

זיי פלעגן נישט זיין צופרידן מיטן פּשוטן טייטש פון וואָרט, זיי האָבן אין וואָרט געזוכט כסדר זייטיקע כוונות.

דערפאַר האָבן די יידישע סטודענטן ממש געשלונגען די ווערטער פון פּראָפעסאָר, דערהויפּט האָט זיי אימפּאָנירט די ספרדישע הברה.

צווישן די סטודענטן זענען געווען די שפּעטערדיקע לערער פון דער העברעאישער גימנאַזיע „הרצליה", אין תל־אביב, די ערשטע העברעאישע גימנאַזיע אין ארץ ישראל.

דער פּראָפעסאָר האָט געקליבן פון זיי נחת, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכע תלמידים, וואָס קאָנען העברעאיש, לכל הפחות, ווי ער און אפשר נאָך בעסער.

געווען צווישן די צוהערער אַן אַלטער קאַטוילישער גלח, ער האָט געקאָנט העברעאיש, לכל הפחות, ווי דער פּראָפעסאָר, אָבער ער האָט הפנים נישט געהאַט מיט וועמען דורכצולופטערן זיינע גרויסע קענטענישן פון העברעאיש, פלעגט ער קומען צו די פאָרלעזונגען, דער עיקרשט צו

געפינען זעלטענע פארשוינען, וועלכע קאָנען אויך העברעאיש.

דער דאָזיקער אַלטיטשקער פלעגט ממש שיינען, ווען א ריכטיק שטיקל דיקדוק פלעגט געפּאַלמעסט ווערן פון פּראָפעסאָר מאַרטין, אָדער פון אַ יידישן סטודענט.

בכלל אָבער איז די אוידיטאָריע געווען א פּוסטע, צען סטודענטן איז געווען די גרעסטע צאָל, און פּראָפעסאָר מאַרטין פלעגט רייבן די הענט מיט פאַרגעניגן און זאָגן אַ גליקלעכער ממש:

— מיר האָבן היינט אַ גרויסן עולם.

און ער פלעגט זיך שטאַרק פלייסן און טאַקע אַרויסווייזן זיינע גרויסע קענטעניישן.

27

פּראָפעסאָר לאַטמאַר, פּראָפעסאָר רייכעסבערג

אויף דעם יורידישן פאַקולטעט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף א פּראָפעסאָר אַ ייד מיט אַן אויסערגעווענלעכן שאַרפן קאָפּ און אַ זייער ערנסטן מענטשן.

פּראָפעסאָר לאַטמאַר האָט ער געהייסן.

ער איז געווען א דייטשישער ייד. צוליב זיין יידישקייט האָט ער אין דייטשלאַנד נישט געקענט דערשלאָגן זיך צו א פּראָפעסור, נישט קוק־קנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געגאָלטן ווי איינער פון די בעסטע יורים־טישע קעפּ אין דייטשלאַנד, און אפילו פון צייט צו צייט געווען דער פאָרזיצער פון דעם יוריסטן־פאַרבאַנד אין דייטשלאַנד, א כבוד און אַן אנערקענונג, וואָס פלעגט נישט צוגעטיילט ווערן אבי וועמען.

ער איז געווען פּראָפעסאָר פון רוימישן רעכט.

און ווען איך פלעג זיצן אויף זיינע לעקציעס, פלעג איך אָפט פאַר־געסן, אז דאָס רעדט א פּראָפעסאָר, אַן אַסימילירטער ייד, אַ ייד, וואָס איז ממש אומהיימלעך ווייט פון יידן און פון יידישקייט, איך פלעג זען פאַר זיך אַ ראש־ישיבה.

ער האָט אפילו אויסגעזען ווי אַ ראש־ישיבה.

א געלער ייד, וואָס זיינע געלע האָר האָבן זיך געוויסלט, די באָרד א לאַנגע, די ברעמען שווערע און געדיכטע, דער שטערן אין גאַנצן אַ רבנישער. קומען צו די לעקציעס פלעגט ער אין אַ סורדוט, האָט אים ממש

געפעלט א יארמולקע אויפן קאָפּ.

אזוי יידיש און אזוי ראש־ישיבהדיק האָט ער אויסגעזען.

און האָט ער אָנגעהויבן רעדן, האָט איר געהערט א שיעור אין רוי־מישן רעכט, א שארפן, א טיפן שיעור.

א שטיקל רוימישעס רעכט איז אייגנטלעך א בלאַט גמרא, א בלאַט גמרא, אָבער אָן א גאָט, אָן א פונק פון מיסטיק און אָן וועלכן עס איז מאָראלישן הינטערגרונט.

עס איז דאָס נאַקעטע רעכט פון אייגנטום, פון מיינע־און־דיינע.

נאַקעט און בייז אייגנטום־רעכט.

און הינטער דעם גאַנצן קאָרפּוס יורים ציווילע, דער קאָדעקס פון דעם רוימישן ציווילן רעכט, שטייט קיינער, עס שטייט בלויז ווי א באַ־באַצאָלטער שומר, דער שטאַט, די מלוכה.

די מלוכה מיט איר מאַכט, מיט איר פיזישער מאַכט, שטייט הינטער די געזעצן און היט און שירעמט דעם אייגנטימער און זיין אייגנטום.

עס איז א קאַלט און א שאַרף רעכט. שאַרף ווי א קאַלטע שטאָלענע שווערד.

דאָס רוימישע רעכט איז נאָך עד־היום גילטיק פאַר דער גאַנצער מאָדערנער וועלט, ווו אייגנטום איז געהייליקט.

אָבער אומהיימלעך שאַרף און לאָגיש איז עס.

עס איז דאָ אין אים א גרויסע אויסגעהאַלטנקייט און גזלנישע קאָנ־סעקווענץ.

און א גוט שטיקל קאָרפּוס יורים ציווילע ארומגערעדט פון א שאַרפן קענער און גוטן יוריסטישן קאָפּ, איז א שטיקל גמרא אין א שיעור פון א שאַרפן למדן.

דער אונטערשייד איז אָבער, ווי געזאָגט, א גרויסער.

די גמרא האָט א גאָט אין הארצן, א גרויסן גאָט, דאָס רוימישע רעכט האָט קיין שום גאָט נישט, די גמרא האָט א מאָראַל, דאָס רוימישע רעכט האָט נישט קיין מאָראַל. זי האָט בלויז נאַקעטע געבאָטן אין קיינעמס נאָמען.

אָבער א גרויסע ענלעכקייט איז דאָ אין דער שאַרפקייט, אין פאַר־אויסזען פון א תהום פון קאָמפּליקאַציעס, פאַלן און מיט די פאַרשידענע

שקלא וטריאס וועגן זיי.

פאר מיר איז דער לימוד פון רוימישן רעכט געווען א המשך פון דעם לימוד פון תלמוד. די זעלביקע שארפקייט, די זעלביקע פילפולים און אפילו די זעלביקע פשטלעך.

די דאזיקע אייגנשאפטן האבן, פארשטייט זיך, אנדערע נעמען.

די אבסאלוטע נאקעטקייט פון דעם רוימישן רעכט דערשרעקט אייך פון אנהויב, נישטא הינטער דעם געזעץ קיינער — קיין גאט און קיין מאראל.

עס איז אזוי ווי אלע אייגנטימער האבן זיך צוזאמענגענומען און מיט דעם שטאט, מיט דער מלוכה צוזאמען, אויסגעארבעט א רייע קאלטע, לאגישע געזעצן, וואס היטן און שירמען זייער אייגנטום פון פרעמדע אטענטאטן.

עס איז אפילו נישטא קיין פילאזאפיע פון אייגנטום אין דעם רוי־מישן רעכט.

פארוואס איז אייגנטום אייגנטום? פארוואס ווערט דער אייגנטימער אזוי געשיצט פון דער מלוכה? פארוואס איז א שטיק עשירות דאס אייגנ־טום פון דעם און נישט פון אן אנדערן? פארוואס ווערט איינער באשטראפט פאר צונעמען אן אנדערנס אייגנטום?

וועגן דעם קיין ווארט נישט.

* *

איך בין געווען א גוטער סטודענט פון רוימישן רעכט, עס איז פאר מיר נישט געווען ניי, פארקערט — עס איז פאר מיר געווען אן אפפרישונג פון אן אלטן לימוד, וועלכן איך האב אוועקגעגעבן א היבשע צאל יארן.

איך פלעג נישט איבערלאזן קיין איין לעקציע פון פראפעסאר לאט־מאר, ווייל זיינע לעקציעס זענען געווען אינטערעסאנט, און פאר מיר אפילו פארכאפנדיק.

און דאס האט געפירט דעם פראפעסאר און מיך צו א נענטערער פערזענלעכער באקאנטשאפט.

און דא האב איך דערזען פאר זיך דעם טיפישסטן אסימילירטן דייר־טשישן ייד; יידן און יידישקייט זענען אים לחלוטין נישט אנגעגאנגען, נישט ער האט עפעס געוווסט וועגן אט די צוויי קענגשטאנדן און נישט ער האט געוואלט וויסן עפעס וועגן זיי.

ער איז געווען א דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָבער מער פאַר־מעל, דאָס איז געווען נישט מער ווי אַפּצאָלן א צינז דער געזעלשאַפטלעכ־קייט און דער פּאָליטיק.

ער פּלעגט אין א באשטימטן טאָג גיין אויף פּאָסט און אייגנהענטיק אַפּשיקן זיין מיטגליד־געלט דער פּאַרטיי.

און מיט דעם האָט ער אָפּגעטאָן זיין בירגערלעכע פליכט און אָפּגע־צאָלט א חוב דער געזעלשאַפטלעכקייט און דער פּאָליטיק.

קיין אינטימערע באַציאונג צו סאָציאַליזם האָט ער נישט געהאַט.

ער איז הפּנים געווען רייך, נישט פון זיין פּראָפעסור, פאַרשטייט זיך, א רייכער ייִדישער טאַטע האָט אים איבערגעלאָזט א רייכע ירושה.

דער טאַטע, דער סוחר, האָט באַזאָרגט דעם זון, דעם לערנער און דעם פּראָפעסאָר.

אַזוי האָט זיך געפירט אין די רייכע ייִדישע פאַמיליעס אין דייטש־לאַנד, איינער פון די זין, אָדער פון די איידעמס, האָט בּאַדאַרפט באַשיינען די פאַמיליע מיט זיין לומדות.

עס איז עפּעס געווען נישט שיין צו האָבן א משפּחה פון לויטער געלט־מאַכער, פון לויטער סוחרים, פון לויטער מקח־וממכרניקעס.

מען האָט באַדאַרפט דינען דעם פאָטערלאַנד נישט בלויז מיט מסחר, נאָך אויך מיט גייסט. און אַזאַ קינד אָדער איידעם איז באַזאָרגט געוואָרן אויף זיין גאַנץ לעבן, כדי ער זאָל קענען זיך עוסק זיין אין לערנען און ברענגען גלאָריע דעם „גלאָררייכן" פאָטערלאַנד.

איך בין היבשע עטלעכע מאָל געווען ביי אים אין הויז.

א רייך הויז, נישט שרייענדיק רייך, נישט גראָב רייך, נאָר אינטע־לעקטועל רייך.

זיין הויז איז געווען א שטיקל מוזיי פון זאַכן, וואָס האָבן א שיכות צום רוימישן רעכט; אַלטע אויסגאַבעס פון קאָרפּוס יורים ציווילע, כסדר לאַטייניש, כסדר אין פּראַכט־איינבאַנדן, שטיקלעך פון גאָר אַלטע „קאָר־פּוסן", קעפּ פון רוימישע גרויסע יוריסטן, וואָס ווערן דאָ און דאָרט אָנגע־רופן מיט זייערע נעמען אין קאָרפּוס יורים ציווילע, ביכער פון געשיכטע פון רוימישן רעכט און פון רוימישן שטאַט.

הכלל — ער האָט נישט בלויז געלערנט רוימישעס רעכט, ער האָט ממש געלעבט מיטן רוימישן רעכט, אַט ווי א למדן לעבט מיטן תלמוד.

איך האָב אַ סך מאָל פּרובירט צו פאַראינטערעסירן אים מיט יידישע פראַגן און פּראָבלעמען, אָבער ער איז געווען אַזוי ווייט פון יידישע פראַגן און פּראָבלעמען, אַז עס איז געווען שווער צו רעדן צו אים ווי צו אַ גלייכן, דאָ האָט מען באַדאַרפט אָנהויבן פון אלף־בית, און דאָ איז געשטאַנען צווישן אונדז די מחיצה פון אַ פּראָפעסאָר און זיין תלמיד.

אגב האָט ער פּשוט עפּעס זיך געשראָקן צו רעדן פון יידישע פראַגן און פּראָבלעמען.

זיינע גרויסע אויגן פלעגן ווערן עפּעס אומרואיק, זיין גרויסער שטערן פלעגט זיך אָנהויבן קנייטשן און זיין שאַרפער, ביז גאָר קלאָרער לשון איז געוואָרן שטאַמלענדיק.

ער איז סתם געווען אַ טיפּישער פּראָפעסאָר, אָדער לערנער, ער איז נישט אַרויס פון די דלת אמות פון דעם רוימישן רעכט און סתם פון טעאָרעטישער יוריספּרודענץ.

ער האָט מיר אַמאָל געוויזן זיינע אַן אָפּהאַנדלונג אין אַ דייטשישן יוריסטישן זשורנאַל וועגן דעם דאַן זייער באַרימטן נייעם קאָדעקס פון דעם דייטשישן בירגערלעכן רעכט.

דעם דאָזיקן קאָדעקס האָבן די דייטשן באַטראַכט ווי אַ צווייטן, פאַרשטייט זיך, פאַרבעסערטן קאָרפּוס יורים ציווילע.

דעם פּראָפעסאָר האָט עס אַ ביסל, מסתמא, געקרענקט, ער האָט געהאַלטן עס הפנים פאַר אַ לעסטערונג פון דעם גרויסן יוריסטישן רוימישן קאָדעקס.

אין דער אָפּהאַנדלונג האָט ער פּרובירט דורכפירן אַ פּאַראַלעל, אַ דיין יוריסטישן פּאַראַלעל צווישן די צוויי קאָדעקסן.

אָבער דער שאַרפער קאָפּ און גרויסער יוריסט האָט דאָ גערעדט האַלבע ווערטער, ער האָט זיכער געוואָלט שעלטן דעם דייטשישן קאָדעקס פון בירגערלעכן רעכט, אָבער ער האָט אים געבענטשט, ער האָט געריסט אין הימל אַריין דעם דייטשישן יוריסטישן געניוס, דעם גוואַלטיקן יוריסטישן אויפטו, בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך שטיל, בגנבהדיק דורכגעגנבעט אַ שוואַך בלעטל פון קריטיק.

אַמאָל האָט ער מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס זענען אַלע רוסישע יידן רעוואָלוציאָנערן ?

— ווייל דער רוסישער צאריזם דריקט און מאטערט זיי — האב איך א פארוואונדערטער געענטפערט, איך בין געווען זיכער, אז דער געערטער פראפעסאר, וואס איז נאך דערצו א סאציאל־דעמאקראט, ווייסט עפעס וועגן דער לאגע פון יידן און וועגן דער פינצטערער רעאקציע אין רוסלאנד.

ער האט מיך אנגעקוקט תמעוואטע און געזאגט שטיל :

רוסלאנד געהערט צו די רוסן, זאלן זיי זיין רעוואלוציאנערן, די יידן זענען געסט, געסט און פרעמדע קומען נישט צו יענעם אין הויז מאכן ארדענונג.

ער האט זיך הפנים אליין דערשראקן פאר זיינע גאר נישט־סאציאליס־טישע רייד און האט מער די פראגע נישט אנגערירט.

איך האב אמאל געטראפן ביי אים א גלח, האט עס מיך א ביסל גע־וואונדערט, אבער באלד האב איך דערזען אין דער פערזאן פון גלח א גאר גרויסן קענער פון רוימישן רעכט.

די צוויי זענען געזעסן און זיך געפלפולט, ציטירט אין לאטייניש אויף אויסנווייניק שטיקער גאנצע פון קארפוס יורים ציווילע, ארויסגעוויזן גרויסע בקיאות און חריפות, עס איז געווען א נענוס צו הערן די צוויי לומדים, די צוויי קענער פון דעם רוימישן רעכט.

אבער מערקווירדיק, דער גלח האט מיט קיין ווארט נישט דערמאנט די געצנדינערישע נאקעטקייט פון דעם רוימישן רעכט.

און ווען איך האב, אין א באשיידענער פארם, ווי א סטודענט, עס ארויסגעבראכט, האט דער גלח אויף מיר א קוק געטאן און א זאג געטאן :

— אייגנטום איז אויך א געהייליקטע פון דער רעליגיע אינסטיטוציע.

מיין ערנסטער פראפעסאר האט א שמייכל געטאן אין די גרויסע וואנצעס...

נאך מיין ענדיקן דעם שטודיום האב איך, ווי עס איז אנגענומען, אים באזוכט און זיך געזעגנט מיט אים.

שוין ביי דער טיר האט ער מיר געזאגט :

— יא, איך האב פארגעסן צו זאגן אייך עפעס; מיך האט באזוכט א פריינט פון דייטשלאנד, האט ער מיט מיר גערעדט פיל וועגן ציוניזם, עס איז עפעס אין דעם, יא, עס איז דא עפעס אין דעם . . .

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון מיין פּראָפעסאָר, פון וועלכן איך האָב פיל געלערנט וועגן יוריספּרודענץ.

* *

אין דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע איז געווען פּאָפּולער איי־נער פּראָפעסאָר רייכעסבערג, ער האָט גערעדט רוסיש, ער איז געווען אַ ייד, אמת, אַ דערווייטערטער פון יידן, אָבער דאָך אַ ייד, ער איז געווען אַ לעבלעכער סאָציאַליסט.

ער איז אויך געווען באַליבט ביי די שווייצער, ווייל ער איז געווען עפּעס זייערע אַ מענטש, אַן ארבעטזאַמער, אַ מענטש, וואָס כאַפּט נישט קיין שטערן פון הימל, אַ מענטש, וואָס טוט זיין אַרבעט בשלימות, און האָט, אגב, געגעבן דער שווייץ אַ גוטע צוויי־בענדיקע ווירטשאַפטלעכע ענציק־לאָפּעדיע, אַ האַנט־בוך, אַן וועלכן מען האָט זיך ממש נישט געקענט באַגיין.

דער דאָזיקער פּראָפעסאָר רייכעסבערג האָט אויסגעזען ווי קאַרל מאַרקס אויף זיינע בילדער, און ער איז אפנים געווען זייער שטאָלץ מיט דעם.

ער איז געווען אַ צוגעפּוצטער קאַרל מאַרקס, טאַקע לאַנגע האָר, אָבער געהאַלטן אין דער בעסטער און פּעדאַנטישסטער אָרדענונג; ער האָט גע־האַט אַ באָרד, אָבער אויך אין דער בעסטער אָרדענונג.

און דאָס ביסעלע צוגעפּוצטקייט און באַרבערישע פּינקטלעכקייט האָט צוגענומען דעם גאַנצן רייץ און דאָס רעבעלישע אויסזען פון קאַרל מאַרקס.

ער איז געווען אַ גוטמוטיקער, ערלעכער און ערנסטער מענטש, אָבער אַ קליינער געלערנטער, ער איז געווען דער דורכשניטלעכער פּראָ־פעסאָר, אַ מיטלמעסיקייט, אַ באַנק־קוועטשער און אַ בוך־וואָרעם. זיינע לעקציעס זענען געווען לאַנגווייליק און טרוקן, אגב, איז דער קעגנשטאַנד, סטאַטיסטיק, בטבע אַ טרוקענער קעגנשטאַנד.

ער איז געווען פּראָפעסאָר פון מיין דאָקטאָר־אַרבעט.

אין יענער צייט איז ביי דער רוסיש־יידישער יוגנט געווען גוואַלדיק גרויס דער אינטערעס צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָב איך געוואָלט

שרייבן אַן אַרבעט וועגן אַרבעטער־געזעצגעבונג, וואָס איז, אגב, געווען ביי אונז נישט געהאַט צו טאָן מיט דער געוועגלעכער אַדוואָקאַטור.

מיין דאָקטאָר־אַרבעט האָט געהייסן „פאַבריק־אינספּעקציע". עס איז אַ טייל פון דער אַרבעטער־געזעצגעבונג, וואָס איז ווייניק באַקאַנט, אָבער איז גראָד ביז גאָר וויכטיק.

אין אַלע לענדער זענען דאָ פאַבריק־אינספּעקטאָרן, געווענלעך גע־ענדיקטע יוריסטן, וואָס פאָרן אַרום און גיבן אַכטונג אויף דער דורכ־פירונג פון די אַרבעטער־געזעצן.

אַט די דאָזיקע אינסטיטוציע איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פון דער יוריספּרודענץ, און פּראָפעסאָר רייכעסבערג האָט מיר געראַטן באַאַרבעטן אַט די דאָזיקע טעמע.

און אַזוי ווי דער דיסערטאַציע־שרייבער און זיין פּראָפעסאָר דאַרפן זיך אָפט מישב זיין, אָפט זוכן צוזאַמען אויסקונפט וועגן זייטיקע פראַגן, וואָס זענען אין תוך עצמדיק, זענען מיר באַפריינדעט געוואָרן.

איך האָב דערזען אַ פּראָפעסאָר אַ באַשיידענעם, אַ מענטש אָן פּרע־טענזיעס און אָן אַ סימן פון גדלות.

דער דאָזיקער יידישער מענטש פון קיעוו איז אין גאַנצן פאַרשוויי־צערעוועט געוואָרן, ער איז געוואָרן פּשוט־דעמאָקראַטיש ווי די שוויי־צער, פאָלקסטימלעך ווי די שווייצער און עפּעס געמיטלעך ווי די שוויי־צער.

ער האָט זיך גוט אַסימילירט מיט די שווייצער, ער האָט איבערגע־נומען זייערע גוטע און שיינע מידות, זייער נאַטירלעכע דעמאָקראַטיש־קייט, זייער גוטע לעבנס־דיסציפּלין, זייער אַרבעטזאַמקייט און זייער גרויסע פּשטות.

ער איז געווען שטענדיק דער מליץ־יושר פאַר די רוסישע סטודענטן, זייער ראַטגעבער, זייער איבערזעצער און דער געשווירענער עדות־זאָגער פון דער אויטענטישקייט פון זייערע רוסישע פּאַפּירן.

ער האָט געהאַט דעם פולן צוטרוי פוןביידע צדדים, אי פון די רוסישע סטודענטן און אי פון די שווייצער.

ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ רייכעסבערג אין דער בערנער קאָלאָניע וואָלט מען אים באַדאַרפט אויסטראַכטן.

ער האָט באמת געזאָרגט פאַר זיינע תלמידים און סתם פאַר די רוסישע סטודענטן.

יאָרן לאַנג שפּעטער פלעג איך באַקומען מאַנוסקריפּטן פון בערנער סטודענטן מיט אַ צעטעלע פון מיין פּראָפעסאָר רייכעסבערג, אין וועלכן ער פלעגט מיך בעטן טאָן עפּעס פאַר דעם שרייבער פון דער דערציילונג, אָדער אַרטיקל. איר וועט טאָן אַ גוטע זאַך, עס וועט פאַר אים זיין אַ מאָראַליש און אַ מאַטעריעל אַ גאַר גרויסע זאַך, פלעגט ער כסדר פאַרענדיקן אין זיין צעטעלע.

ליידער זענען די מאַנוסקריפּטן נישט געווען פון דעם מין, פאַר וועלכע עס לאָזט זיך עפּעס טאָן, פלעגט די גרעסטע צאָל פון די מאַנוסקריפּטן בלייבן נישט געדרוקט, אָבער דער גוטער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט מיאש געווען, ער האָט געגלויבט אין מיין גרייטקייט צו טאָן עפּעס פאַר זיינע פּראָטעזשעס, אָבער צוליב ערנסטע סיבות איז עס מיר אוממעגלעך געווען.

אין יאָר 1923, ווען איך האָב אויף מיין רייזע קיין אַמעריקע, זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט מיט מיין פּראָפעסאָר. איך האָב אים דערזען פון דער ווייטנס זיצנדיק אין אַ טעאַטער.

ער איז עלטער געוואָרן און איז אַ סך ענלעכער געוואָרן אויף קאַרל מאַרקס, כאָטש דער באַרבער האָט אַלץ קאַליע געמאַכט די גייסטיקע ענלעכקייט מיט זיין שער און גאָל־מעסער.

ביים ערשטן אָנטראַקט בין איך צוגעקומען צו אים, ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע און פריינט.

נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר געזעסן לאַנג, לאַנג אין אַ קאַפע און געשמועסט.

ער לייענט נישט קיין יידיש, אָבער ער ווייסט גוט וועגן מיין ליטעראַרישער טעטיקייט, סטודענטן לייענען פאַר אים דאָ און דאָרט אַן אַרטיקל.

מיינם, ער איז ווייט פון די ענינים וואָס איך באַריר, אָבער מיין שרייבן געפעלט אים.

— עס איז שטיל איצט אין בערן, נישטאָ די אַמאָליקע יאָרן, ווען מען האָט געפילט די רוסישע סטודענטישע קאָלאָניע אין בערן אויף טריט און שריט.

איצט איז די קאָלאָניע אַ שיטערע, פאַרבלאָנדזשען דאָ און דאָרט עטלעכע סטודענטן, זיינען זיי עפּעס עלנט און איינזאַם, און זיי טוליען זיך צו אים, ער איז דער איינציקער פריינט זייערער, ווי אין די אַמאָליקע טומלדיקע יאָרן.

ער לעבט, ער אַרבעט ווי געווען.

איצט האָט ער וואַקאַציע, איז ער אין בערלין אויף אַ פּאָר וואָכן.

יאָ, אַ שווייצער, אַ שווערלעכער, אַ סאָלידער און פאַלקסטימלעכער איז געזעסן פאַר מיר.

ער האָט שוין אפילו גערעדט שלעכט רוסיש.

און זיין דייטש איז געווען דאָ און דאָרט בערנעריש.

אָט אַזוי האָט אַ רוסישער ייד אָנגעהויבן זיין אַסימילאַציע אין רוס־לאַנד און פאַרענדיקט זי טאָטאַל אין דער קליינער בערגיקער שווייץ.

* *

קליין איז געווען די צאָל פון פּראָפעסאָרן־יידן אין בערנער אוניווער־זיטעט, און די איינצלנע יידן־פּראָפעסאָרן, דערהויפּט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, זענען נישט געווען קיין גאַר קאָנטיקע.

עס איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם אין דער שווייץ, אָבער פאָראורטיילן קעגן יידן זענען געווען, זיי זענען געקומען בירושה פון עלטער־עלטער־זיידעס צו עלטער־זיידעס, פון עלטער־זיידעס צו זיידעס, פון זיידעס צו טאַטעס און פון טאַטעס צו קינדער.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן בכלל און אין דעם אַקאַדעמישן לעבן האָבן זיי זיך נישט געפילט.

און די קליינע צאָל פון פּראָפעסאָרן־יידן דערקלערט זיך נישט מיט

אנטיסעמיטיזם און פּאַראָורטיילן, נאָר פּשוט — דער אייגענער, דער שווייצער איז בילכער.

און דאָס איז נאַטירלעך.

אגב איז דער בערנער אוניווערזיטעט נישט געווען צוציענדיק פאַר גרויסע יידישע געלערנטע, עס איז געווען אַ שטילער, פּשוטער אוניווערזיטעט, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו באַדינען די שווייצער פון דעם בערנער קאַנטאָן, ער האָט נישט געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ גרויסער מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע אוניווערזיטעט.

די שפּע פון „רוסישע" סטודענטן איז אויך געווען צופיל פאַר אים.

די דאָזיקע שפּע האָט אַ ביסל צערודערט און אַ ביסל אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ דעם דאָזיקן שטילן פּראָווינציעלן אוניווערזיטעט מיט זיינע טראַדיציעס, וואָס זענען טאַקע געווען גאָר פּראָווינציעל, אָבער זיי זענען געווען די טראַדיציעס פון דעם שווייצארישן פאָלק.

בכלל זענען פּראָפעסאָרן אין ערגעץ נישט קיין מרעישי־עולמות.

אין דעם בעסטן און גרעסטן אוניווערזיטעט וועט איר אויסזוכן בלויז אַ פאַר צענדליק גרויסע געלערנטע און סתם שעפערישע מענטשן, דער גרעסטער טייל באַשטייט פון לערער, געוועגלעכע לערער, וואָס לייענען זייער קורס יאָר איין און יאָר אויס אַפּאַטיש און מעכאַניש.

ביי יעדן פּראָפעסאָר ווערט אויסגעלאָשן דער שיין־רייפל, ווען איר דערזעט אים פון נאָענטן.

דער געוועגלעכער לערער אין אַ שול איז שעפערישער און אָפט טאַלאַנטפולער פאַרן פּראָפעסאָר; דער געוועגלעכער לערער האָט אַן אינטימע באַציאונג צו זיינע תלמידים; ער האָט פאַר זיך אַ מין מענטשלעכן ליים, פון וועלכן ער דאַרף און קען אויס אין אַ געוויסער מאָס דעם קומענדיקן מענטש.

איטלעכס קינד איז פאַר אים אַ באַזונדער אויפגאַבע, אַ באַזונדער רעטעניש, וואָס ער דאַרף לייזן.

און דער אמתער לערער איז ממש אַ בורא־נפשות, ער האָט אין זיינע

הענט דעם איידלסטן מאטעריאל, דעם נפש, און ער דארף אים מאדעלירן און אויספארעמען.

און דער מאטעריאל איז פארשידן און שטעלט מיט זיך פאר א באזונ־דער שעפערישע אויפגאבע.

א לערער האט פאר זיך צענדליקער און צענדליקער שעפערישע אויפגאבן, אפט זייער פארכאפנדיקע, אפט זייער פארפלאנטערטע און אפט פשוטע און דירעקטע.

דער פראפעסאר אבער האט פאר זיך דערוואקסענע מענטשן, צווישן אים און די דערוואקסענע סטודענטן שטייט א וואנט פון שוין פארטיקע זיטן, געוווינהייטן, מיינונגען און נייגונגען.

ער דארף זיי געבן בלויז אינפארמאציע וועגן א באשטימטן קעגנ־שטאנד.

נישטא קיין אינטימע באציאונג צווישן פראפעסאר און סטודענט, עס קען נישט זיין און עס דארף נישט זיין, ווייל דער פעריאד פון דער־ציאונג איז שוין לאנג פארביי, איצט זיצט פארן פראפעסאר א פארטיקער מענטש, וואס וויל פון אים אינפארמאציע, וואס מער אינפארמאציע וועגן א געוויסן קעגנשטאנד, וואס וועט זיין פאר אים א פראפעסיע, פון וועלכער ער וועט ציען זיין חיונה.

דער פראפעסאר קומט אויף אן אקאדעמישער שעה, דאס הייסט אויף דריי פערטל שעה, דערקלערט אן ענין פאר די דערוואקסענע מענטשן, ער קומט א שטרענגער, א פארשלאסענער, א פארשפילעטער אין א פייער־לעכן סורדוט און גייט אוועק ווי א זייטיקער, וואס האט אפגעטאן אן ארבעט און מיט דעם איז ער פארטיק.

און די אינפארמאציע, וואס דער פראפעסאר גיט, קען מען באקומען פון ביכער גאר נישט דער ערך טיפער און בעסער.

יא, דער פראפעסאר איז דער טרעגער פון א גאר שיינעם טיטל, אבער אין תוך איז ער צום גרעסטן טייל א טרוקענער מלמד.

28

די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן

די רעוואָלוציע פון 1905 איז דורכגעפאַלן.

זי איז געשטאָרבן אין קימפּעט, זי האָט געבוירן עפּעס אַ שטיקל פּאַרזעעניש, וואָס איז עפּעס יאָ געראָטן און נישט געראָטן אויף אַ פּאַרלאַמענט. זי האָט געבוירן די „גאָסודאַרסטווענאיאַ דומאַ", אַ מין פּאַרלאַמענט, וואָס האָט געקענט לעבן בלויז מיטן חסד פון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן.

און אַזאַ לעבן איז עס געווען.

די רעוואָלוציע איז דערטרונקען געוואָרן ממש אין בלוט. אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן. עס איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע ענדערונג, אָדער ריכטיקער — אַ רעאַקציע אין דעם גאַנצן לעבן פון דעם גרויסן רוסלאַנד.

פּלוצלינג איז דאָס לאַנד געוואָרן אויס רעוואָלוציאָנעריש, פון דעם נעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם, פון דעם נעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אַסקעטיזם (נזירות) און פון דער נעכטיקער גרייטקייט צו שטאַרבן פאַרן פאָלק איז קיין זכר נישט געבליבן.

אַ ווילדער און גראָבער חשק צו עולם־הזה, צו לעבן פאַרן גוף, צו גענימן און צו לאָזן זיך ווילגיין האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע אינטעליגענץ, וואָס איז נעכטן געווען אַזוי רעוואָלוציאָנער און אַזוי אידעאַליסטיש.

אַ מיטלמעסיקער שרייבער מיטן נאָמען אַרציבאַשעוו האָט אַרויסגעלאָזן אַ ראָמאַן, וואָס האָט געהייסן „סאַנין". סאַנין איז אַ נאָמען פון אַן אַנטוישטן אין דער רעוואָלוציע סטודענט, דער העלד פון ראָמאַן.

דער דאָזיקער סאַנין וויל לעבן און גענימן, ער וויל נישט וויסן פון

קיין אידעאַלן, פון אָפּפערן זיך פאַר וועמען עס איז, ער וויל לעבן און הנאה האָבן פון לעבן.

און אַלץ איז מותר, נישטאָ קיין איסורים און קיין פאַרבאָטן.

עס איז נישט קיין גרוים ווערק, אָבער דער מחבר ארציבאַשעוו האָט אונטערגעכאַפּט די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מענ־טאַליטעט פון די איינוווינער אין רוסלאַנד, דערהויפּט פון דער אינטעליגענץ.

די רעוואָלוציע, האָט עס געהייסן, האָט אָפּגענאַרט, די רעוואָלוציע האָט אויסגענאַרט אַ סך טייערע, יונגע יאָרן און זיי פאַרברענט אויפן פייער אָן אַ רעזולטאַט.

מער וועט זי שוין נישט נאַרן . . .

אויף אייערע אויגן ממש זענען יונגע מענטשן געוואָרן גאָר אַנדערע. זיי זענען געוואָרן ציניש, הפקרדיק און אומגלויביק אין וועלכן עס איז אידעאַל אָדער אידעע, דאָס גופיש לעבן איז דער עיקר.

די ערשטע, וואָס זענען ממש איבער נאַכט געוואָרן אַנדערע, זענען געווען די קינדער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, וועלכע זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

רעוואָלוציע איז געווען אַ מאָדע, קינדער פון מיליאָנערן זענען גע־וואָרן רעוואָלוציאָנערן, און זייער געוואַגטע און זייער פרומע.

יידישע מיליאָנערן האָבן געגעבן דער רוסישער רעוואָלוציע די בעס־טע קינדער זייערע. גאָץ, דער שותף פון דער גרויסער טיי־פירמע „וויסאָצ־קי און גאָץ", האָט געגעבן דעם שענסטן טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנער, מי־כאַיל גאָץ, וואָס האָט געהאַלטן דעם צאַר אין פּחד.

און די רוסישע מיליאָנערן און פּריצים האָבן אויך געגעבן זייערע בעסטע קינדער דער רעוואָלוציע.

איז יעדער רוסישער אינטעליגענט, אַ קריסט צי אַ ייד, פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע אין די פאַרשידענע רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען, און זיי זענען געווען די ערשטע צו אַנטוישן זיך אין דער רעוואָלוציע און אַרויפצוואַרפן זיך מיט אַ וויסטן ברען אויף עולם־הזה, אויף פיזישן געניס.

אַ נעכטיקע רעוואָלוציאָנערין, פון רייכע עלטערן, וועלכע איר האָט

געזען אין צעדרייטע שיך און אין אן אפגעטראָגן קליידל, האָט זיך פּלוצ־לינג אויסגעפּוצט אין פאַריזער קליידער, און א ריח פון דעם שמעקעדיקסטן פּאַרפיום האָט זיך געטראָגן פון איר א מייל פאַראויס.

און ביי איר זייט איז געגאַנגען א דענדי, א געכטיקער רעוואָלוציאָ־נער, אויך א קינד פון רייכע עלטערן.

אויף זיין אויבערשטער ליפּ האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע וואָנצעלעך, שטאַרק בריליאַנטירטע און אינגאַנצן איז ער געווען א שטיק מאַנסבילישער שיק, אַרויסגענומען פון א פאַריזער מאָדע־זשורנאַל פאַר מענער.

עס איז געוואָרן א בהלה אויף חתונות אין די פאַרמעגלעכע פאַ־מיליעס, אויף חתונות מיט גלייכע, אויף חתונות מיט א תכלית, אויף חתונות אָן ליבעס און אָן אידעאַלן...

און ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך, פּונקט דאָס נעמלעכע איז פאָרגעקומען אויף דער יידישער גאַס — רייכע טעכטערלעך האָבן חתונה געהאַט מיט רייכע בנימלעך, און א ציינישער שמייכל האָט זיך אויסגע־לייגט אויף אַלעמענס ליפּן...

...אונדז נאַרט מען נישט, איצט ווייסן מיר וואָס צו טאָן...

און באַלד האָט איר עס דערפילט און געזען אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס:

ראשית האָבן די רייכע סטודענטן אויסגעכאַפּט די רייכע סטודענט־קעס מיט דער ברכה פון די עלטערן פוןביידע צדדים, וואָס זענען אַראָפּ־געקומען צו פירן זייערע קינדער צו דער חופּה באַלד, כדי נישט לאָזן וואַרטן די קינדער אָן איבעריקע רגע...

וואָרעם ווער ווייסט, אַט פאַלט אויף זיי אָן ווידער א משוגעת.

צווישנס זענען די קאָלאָניעס היבשלעך שיטער געוואָרן, מיידלעך האָבן זיך געלאָזן אהיים און צוריק מער נישט געקומען. זיי האָבן אין דער היים חתונה געהאַט און אַדיע אוניווערזיטעט לעקציעס, פאַרזאַמלונגען און צעדרייטע שיך און אָפּגעטראָגענע קליידלעך...

* *

יאָ, איר האָט געזען און געפילט דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין די סטודענטישע קאָלאָניעס.

און גראָד די ערשטע דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע האָט צוגעגרייט רוסלאַנד פאַר אַ שיין, פריי און יושרדיק לעבן.

רוסלאַנד איז געווען גרייט אויפצונעמען אַ רעוואָלוציע.

זי איז געווען מער צוגעגרייט ווי צו דער צווייטער רעוואָלוציע.

די צווייטע רעוואָלוציע איז דאָך אין תוך געווען אַ סאָלדאַטישע.

די אינטעליגענץ האָט געשפּילט אַ קליינע ראָליע אין איר, די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן זענען נאָר געווען אין סיביר, פאַרשיקטע, און אין די פּאָליטיש־עמיגראַנטישע קאָלאָניעס.

די צווייטע רעוואָלוציע, די באָלשעוויסטישע, איז געווען אַ סאָלדאַטישע, דאָס פאָלק האָט באַקומען אַ ביקס אין האַנט און ער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע.

די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן זענען געקומען כמעט אויף אַלעם פאַרטיקן.

זיי זענען געקומען און נישט געפונען קיין צאַר. דער צאַר האָט אַבדיקירט, די מאַכט איז געווען פאַקטיש ביי סאָלדאַטן אין די הענט.

די סאָלדאַטן האָבן געוואָלט אַהיים צו זייערע באַלייבטע יעקאַטערינעס, צו זייערע געזונטע יעוודאָכעס, צו זייערע דערפער און היימען.

זיי האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן אומזיניק פאַרן צאַר און פאַר דער גאַנצער צעלאָזענער און טעמפּער קאַמאַריליע אַרום דעם צאַר.

האָבן זיי צונויפגענומען אַ הייפל האַלב־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ און זיי איבערגעגעבן די מאַכט.

זענען אָנגעקומען די באָלשעוויקעס פון סיביר און פון אויסלאַנד און אַרויסגעריסן די מאַכט ביים הייפל שוואַכע אינטעליגענטן.

זיי זענען געווען בעסערע פּאָליטיקער, בעסערע אַגיטאַטאָרן און דער עיקר — מיט ווייניקער געוויסן, האָבן זיי אַריבערגענומען די סאָלדאַטן אויף זייער זייט מיט גרויסע הבטחות און ווידער מיט דער הילף פון סאָלדאַטן פאַרכאַפּט די מאַכט פאַר זיך.

יאָ, די צווייטע רעוואָלוציע איז געווען אַ ביטערע, אַ סאָלדאַטישע.

די ערשטע איז געווען אַ רעוואָלוציע אַ אידעאַליסטישע, פול מיט האַרץ, פול מיט אמתן ענטוזיאזם און מיט טיפן גלויבן.

און אויב רוסלאַנד האָט געקענט אָנהאַלטן די צווייטע רעוואָלוציע איז עס אַ דאַנק דער גרויסער העלדישקייט און גרויסן אידעאַליזם, וואָס איז נאָך געבליבן טליען פון דער ערשטער, דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע.

די ערשטע איז געווען אַ רעוואָלוציע אַן אידעאַליסטישע, פול מיט דער אינטעליגענץ און דאָס פאָלק, די צווייטע רעוואָלוציע איז געווען אַ צווייטע חתונה אָן ליבע און אָן ברען...

די ערשטע רעוואָלוציע האָט אפילו געגעבן דער צווייטער רעוואָלוציע די פאָרם פון אַ רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

די סאָוויעטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן האָט געשאַפן די ערשטע רעוואָלוציע.

אין דער ערשטער רעוואָלוציע איז געווען קענטיק שטאַרק די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון לעאָן טראָצקין, לענין איז געווען אין אויסלאַנד, סטאַלין איז געווען פאַרשיקט, אָדער אויך אין אויסלאַנד.

אָבער זי איז דורכגעפאַלן, די ערשטע רעוואָלוציע.
אפשר ווייל זי איז געווען שיין.

אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע זענען געשאַפן געוואָרן אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אפילו אונדזער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז אַ קינד פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

און אויב ישראל האָט איצט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג איז עס אַ דאַנק דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

די ערשטע רעוואָלוציע האָט געגעבן דער וועלט דעם סאָציאַליזם אין זיין ריינסטער און אידעאַליסטישער פאָרם.

די צווייטע רעוואָלוציע האָט געגעבן דער וועלט סאָציאַליסטישע דיקטאַטור...

די ערשטע רעוואָלוציע, די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע, האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע גאַלעריע פון וווּנדערלעכע רעוואָלוציאָנערע העלדן.

די צווייטע רעוואָלוציע האָט געשאַפן די רעוואָלוציאָנערע געהיים־פּאָליציי און רעוואָלוציאָנערע תפיסות...

* *

מיט אמאָל איז דער רעוואָלוציאָנער געוואָרן עפּעס אויס העלד און אויס אָפּגאָט אין דער סטודענטישער קאָלאָניע.

מיט אמאָל האָבן די בארימטע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פירער פארלוירן זייער צויבער ביי די סטודענטן און סטודענטקעס.

רעוואָלוציאָנערע פארזאמלונגען פלעגן שוין נישט צוציען קיין גרויסן עולם, די פארזאמלונגען זענען געווען גאַנץ שיטערלעך.

אין די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט האָט מען שטארק און ערנסט געשמועסט וועגן תכליתים.

די סטודענטישע „סטאָלאָווקעס" (סטודענטישע קיכן) זענען געוואָרן קיכן פאר אָרעמע סטודענטן; די פארמעגלעכערע סטודענטן האָבן אָנגעהויבן עסן אין רעסטאָראַנען, אין פּענסיאָנאַטן און אפילו אין נאַכט־קלובן.

די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן זענען ארומגעגאַנגען טרויעריקע און איינזאַמע.

יאָ, די רעוואָלוציע איז דורכגעפאלן...

איך האָב זיך אָראָפּגעכאַפּט קיין זשענעווע, באַזוכט דעם בונדישן ארכיוו, וואָס איז אויך געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון „בונד" אין אויס־לאַנד.

איז דאָרט געווען שטיל און עפּעס פארלאָזן.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א טומלדיק, לעבעדיק הויז מיט א סך קינדער, וואָס איז פּלוצלינג ליידיק געוואָרן...

דערקלערט האָט עס זיך נישט אינגאַנצן מיט דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. עס האָט זיך דערקלערט אויך מיט דעם, וואָס דער „בונד" איז געוואָרן האַלב־לעגאַל אין רוסלאַנד און די בונדישע פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן זיך א לאָז געטאָן קיין רוסלאַנד.

אָבער דער רעוואָלוציאָנערער טומל איז איינגעשטילט געוואָרן אויך אין דער זשענעווער סטודענטישער קאָלאָניע.

אויף טריט און שריט האָט איר געפילט, אַז די רעוואָלוציע איז דורכ־געפאַלן.

דער גרעסטער טייל פון די סטודענטישע קאָלאָניעס איז אויף זומער געפאָרן אהיים, קיין רוסלאנד און פוילן.

מען איז געפאָרן אויף קבר־אבות פון דער רעוואָלוציע, מען איז געפאָרן זען ווי עס זעט אויס דאָס מאַמעלע רוסלאַנד אונטער דער אומ־גליקלעכער קאָנסטיטוציע, וואָס ניקאָלאַי דער צווייטער האָט געשענקט.

מען איז געפאָרן אהיים, ווייל טאַטע־מאַמע האָבן גערופן אהיים.

מען האָט געוווּסט, אז טאַטע־מאַמע מיינען תכלית, זיי ווילן, אז די טאָכטער, אָדער דער זון זאָל טאָן א שידוך און עס זאָל נעמען א סוף צו די רעוואָלוציאָנערע חלומות און צו דאָס וואַלגערן זיך אין אויסלאַנד און חברן זיך מיט אָרעמע סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן.

מען האָט געוווּסט, אָבער מען איז געפאָרן מיט א שטילער הסכמה, מען האָט מורא געהאַט זיך אַליין אויסצוזאָגן, מיט א הסכמה אָנצוהויבן לעבן א „נאָרמאַל" לעבן; דאָס לערנען פאַלט שווער, דאָס לעבן אין דער פרעמד האָט שוין א ביסעלע צוגעגעסן, בפרט איצט ווען די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן און אַרום איז געוואָרן אזוי שטיל, אזוי שטיל...

„דער „סאַניניזם", דער דורשט נאָך גראָבער עולם־הזה, האָט זיך פון רוסלאַנד נישט אַריבערגעטראָגן אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס, שפּע־טערם פון דעם סאַניניזם האָט מען אויך געקענט באַמערקן אין אויסלאַנד.

געבליבן פעסט זענען די עלטערע סטודענטקעס, וואָס זענען שוין געווען אויף די לעצטע קורסן פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, און טאַקע די, וואָס האָבן פאַרמאָגט כאַראַקטער און געוואָלט לערנען און זיין זעלבסט־שטענדיק אין לעבן.

אָבער דער טיפּישער רוסישער ניהיליזם איז פאַרשוווּנדן געוואָרן שנעל, עפּעס ווי עמיצער האָט אים צוגענומען מיט דער האַנט.

די סטודענטישע קאָלאָניעס זענען געוואָרן סטאַטעטשנער, סאָלידער און שטילער.

א סך סטודענטקעס זענען ממש געוואָרן דאַמען, זיי האָבן זיך אָנגע־הויבן צו קליידן מיט געשמאַק און רייך.

ביי א סך סטודענטן זענען פאַרפאַלן געוואָרן די לאַנגע האָר, זיי האָבן זיי איבערגעלאָזן אין די באַרבער־שאָפּס.

די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן...

איינער פון מיינע פּראָפעסאָרן האָט עס באַמערקט און ער האָט געוואָלט ביי מיר אויסגעפינען די סיבה פון דער אַזוי קענטיקער ענדערונג אין דעם לעבן פון דער רוסישער סטודענטישער קאָלאָניע.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס דערקלערט זיך מיטן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, איז ער געווען איבעראַשט און האָט אויפגענומען מיין דערקלערונג אַ ביסל סקעפּטיש.

דאָ האָב איך געזען ווי מענטשן זענען ווייט איינע פון די אַנדערע און ווי ווייניק זיי פאַרשטייען איינע די אַנדערע.

— וואָס זי זאָגען, — האָט ער געזאָגט האַלב־סקעפּטיש און האַלב־נייגעריק...

יאָ, די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן...

אָבער אַ שווייצארישער פּראָפעסאָר פאַרשטייט נישט וואָס פאַר אַ שייכות אָט דאָס האָט צו דער שטילקייט, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער טומלדיקער, לעבעדיקער און ברויזנדיקער רוסישער סטודענטישער קאָלאָניע.

נאָכן זומער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן סטודענטן און סטודענטקעס צוריק.

אַלע אַנטוישטע און עפּעס אומגליקלעכע.

עמעצער האָט ביי זיי אויסגענאַרט דעם זינען פון לעבן פאַר אַ שטיקל געפאַרבט גלאָז, פאַר אַ קאָנסטיטוציע, וואָס האַלט אָן די רעאַקציע נאָך מיט מער פרישקייט און מיט מער פעסטקייט.

די רעאַקציע האָט געזיגט, און די קאָנסטיטוציע איז אַ צינישע אָפּנאַרעריי.

דער רעגירונג־אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, די אוניווערזיטעטן און די מיטל־שולעס זענען פאַרהאַקט און פאַרזיגלט פאַר יידן ווי געווען.

עס האָט זיך גאָר נישט געענדערט אין רוסלאַנד.

בלויז די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן...

אַ פּאָליטישע אַפּאַטיע און אַ פּאָליטישער ציניזם האָט זיך צעלייגט איבער רוסלאַנד.

און צו די קלעפּ פון דעם צאַריזם, וואָס האָבן פּשוט און פּראָסט געטויט די רעוואָלוציע, איז צוגעקומען נאָך אַן אומגליק, וואָס טייטלט מיטן פינגער אויף דער פוילעניש אין סאַמע האַרץ פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן בורצעווס אַנטדעקונגען וועגן פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס זענען געשטאַנען אין סאַמע שפּיץ פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

די אויפדעקונג, אַז אַזעוו, דער קאָפּ פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער טעראָריסטישער טעטיקייט איז אַ שפּיאָן, אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט אַרויסגערופן אַ ביטערע אַנטוישונג און אַ חשד צו אַלע רעוואָלוציאָנערן.

דער „בונד", דער יידישער בונד, מיט זיין גרויסער געטרייהייט צום יידישן אַרבעטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט אין זיינע רייען אויך אַ געפערלעכן שפּיאָן, קאַפּלינסקי.

וואָס אַ טאָג אַלץ נייע שפּיאָנען ווערן אויפגעדעקט.

בורצעוו האָט אויסגעזוכט אַ טשינאָווניק, וואָס האָט געדינט אין אָכראַנע, און אָט דער טשינאָווניק האָט אים איבערגעגעבן ידיעות וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

בורצעוו זאָל האָבן אויסן געווען צו ראַטעווען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון די אינערלעכע געפערלעכע שונאים. זיינע מאָטיוון זענען אָבער געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן ביי אַ סך רעוואָלוציאָנערן, אָבער סיי ווי דער רעזולטאַט איז געווען אַ פּאַרקערטער, ער האָט נישט געראַטעוועט די פּאַרטייען, ער האָט זיי רואינירט ממש.

די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען עפּעס געפּסלט געוואָרן.

דאָס שיין־רייפל פון הייליקייט אַרום זייערע קעפּ איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

מען האָט מיט שרעק דערוואַרט אָט־אָט וועט בורצעוו אַרויסשלעפּן די גרויסע קאַרפּן־קעפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז זיי זענען פּראָוואָקאַטאָרן, אַז זיי זענען באַצאָלטע אַגענטן פון דער צאַרישער רעגירונג און איר פּאַרהאַסטער אָכ־ראַנקע.

אזעוו איז געווען דער סימבאָל, דער בייזער סימבאָל פון דער דורכ־געפאַלענער רעוואָלוציע.

א סך פירנדיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אזעוו איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. דער פאַרשטאָרבענער חיים ושיט־לאָווסקי האָט בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אזעוו איז טאַקע אַ פּראָוואָקאַטאָר, ווי בורצעוו וויל האָבן. ער האָט זיך לאַנג געראַנגלט אויף די זיצונגען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרטיי.

אָבער אזעוו אַליין האָט באַשטעטיקט בורצעווס רייד. ער איז נעלם געוואָרן. דעם טויט־אורטייל, וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעטראָגן קעגן אים, האָט נישט געקענט דורכגעפירט ווערן, ווייל ער, אזעוו, איז נישט געוואָרן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אזעוו געלעבט אין דייטשלאַנד. ער האָט געלעבט מיט אַ גוטער דייטשער הויז־פרוי, ער האָט געהאַט אַ שטיקל געשעפט, האָט געמאַכט אַ לעבן, געשפּייזט זיין דייטשע פרוי און איז געשטאָרבן אין דייטשלאַנד.

דאָס נעמלעכע איז געווען מיט דעם בונדישן פּראָוואָקאַטאָר קאַפּ־לינסקי. ער האָט זיך נישט געשטעלט צום געריכט פון דער פּאַרטיי, ער איז נעלם געוואָרן.

בשעת דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט מען אים געכאַפּט אין אַ רוסישער שטאָט.

די בונדיסטן האָבן זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און געבעטן מען זאָל צולאָזן צו קאַפּלינסקין. זיי ווילן אויסגעפינען ביי אים עטלעכע סודות, וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די רעגירונג האָט זיי צוגעזאָגט צו געבן זיי די מעגלעכקייט צו רעדן מיט קאַפּלינסקין, אָבער עס איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט דערקלערט, אַז מען האָט שוין געמאַכט קאַפּלינסקין מיט אַ קאָפּ קירצער, ווי מען האָט געטאָן מיט יעדן פּראָוואָקאַטאָר, און אַזוי אַרום זענען די סודות, וואָס דער בונד האָט גע־

וואָלט אַרויסגעפּאַמפּעט פון איר פּראָוואָקאַטאָר, געבליבן סודות, זיי זענען אַוועק פון דער וועלט מיט קאַפּלינסקין.

אַזוי אַרום זענען די צוויי גרויסע פּראָוואָקאַטאָרן, אַזעוו און קאַפּ־לינסקי, נישט געשטאָרבן פון אַן אורטייל פון זייערע פּאַרטייען.

אַזעוו האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דייטש־בירגערלעך און איז גע־שטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

קאַפּלינסקי איז דערשאָסן געוואָרן, אָבער אומזיניק, אָן אַ געריכט, אָן אַן אויספאָרשונג און אָן אַ באַגעגעניש מיט זיינע „חברים", וועלכע ער האָט פאַרראַטן.

דאָ האָט דער באָלשעוויזם געאַרבעט אויף זיין שטייגער.

ער האָט גאָר נישט אַ קלער געטאָן, אַז שיסנדיק קאַפּלינסקין שיסט ער אַ שטיק געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס אָט דאָס קליין מענטשל האָט געטראָגן אין זיין פינצטער האַרץ.

* *

יאָ, די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן.

זי איז געפאַלן פון די מערדערישע קלעפּ פון צאַריזם און פון די פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין סאַמע האַרץ פון דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מען האָט מיר אַמאָל אָנגעוויזן אויף אַזעוומס פרוי.

אַ שטילע און פרומע נשמה, אַן אינטעליגענטע און פיינע יידישע טאָכטער.

אויף איר איז קיין שום חשד נישט געפאַלן. זי איז נישט געווען קיין גרויסע טוערין, זי איז אָבער געווען ערלעך־רעוואָלוציאָנער און קיין חשד איז נישט צוגעשטאַנען צו איר.

אַ שווערער טרויער איז געלעגן אויף איר, זי האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן אַ קוק צו טאָן אויף מענטשן.

און ער, אַזעוו, איז געווען אַ גוטער מאַן און אַ גוטער פאָטער.

דער דאָזיקער גרויסער פּראָוואָקאַטאָר איז אין תוך געווען אַ קליינ־בירגער דורך און דורך, און אַ סברא, אַז ער איז נישט געווען קיין גרויסער אינטעלעקט, אַזוי האָט מיר געזאָגט איינער, וואָס האָט אים גוט געקענט.

און אַט דער מיטלמעסיקער מענטש האָט געפירט פאַר דער נאָז אי די צארישע אָכראַנקע מיט אירע דורכגעטריבענע שפּיאָנען און אי די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע פירער ווי מיכאיל גאָץ, גערשוני און אַזעלכע גרויסע העלדן ווי זשעליאבאָוו און אַ סך אַנדערע.

און אַזאַ קליין מענטשל איז געווען קאַפּלינסקי.

אָבער, האָבן אַלע געפרעגט, ווי אַזוי האָבן אַט די קליינע מענטשעלעך זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צום סאַמע האַרץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ?

אַ סך האָבן געזאָגט, אַז אין די צענטראַל קאָמיטעטן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען נישט געזעסן קיין גאָר גרויסע קעפּ, און איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט עלענבויגנס, האָט זיך געקענט דורכשטופּן צו די סאַמע הויכן פון דער פּאַרטיי־פירונג.

דאָס האָט גערעדט די אַנטוישונג, די ביטערע אַנטוישונג...

29

די בערנער דאָקטוירים - פאַבריק

אַ געוויסע צייט איז דער בערנער אוניווערזיטעט געווען ממש אַ דאָקטוירים־פאַבריק, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן ממש הונדערטער דאָקטוירים.

רוסישע און פּוילישע יידן האָבן באַקומען ממש הונדערטער און הונדערטער יונגע דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, פון כעמיע און פון יוריספּרודענץ.

די יידישע באַפעלקערונג האָט באַקומען אַ שפע פון דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ.

די ערשטע יידן, וואָס זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ שפע זענען געווען די גאַליציאַנער יידן.

וועגן די דייטשע יידן איז אָפּגערעדט, דאָרט איז יעדער צענטער ייד געווען א דאָקטאָר, אָבער די דייטש־יידישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ איז געווען דורכאויס אַן אסימילירטע און זי האָט דעם דייטשישן יידנטום דירעקט נישט באַרייכערט, זי האָט באַרייכערט דאָס דייטשישע פאָלק.

לכתחילה האָט מען אין רוסלאַנד און אין פּוילן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דער דאָזיקער שפע פון דאָקטוירים, אָבער דאָס לעבן האָט הפנים צוגעגרייט פאַר זיי אַן אָרט.

דאָס יידישע לעבן איז געשטאַנען פאַר אַ באַנייאונג; די עפּאָכע פון השכלה איז פאַראיבער, דאָס יידישע לעבן האָט זיך נאָרמאַל גענומען צו פאַרוועלטלעכן זיך, עס איז פּשוט געקומען די צייט, די ריכטיקע צייט, און וואָס די צייט קען אויפטאָן, קען די גרעסטע אַגיטאַציע נישט אויפטאָן.

אמת, די השכלה־באַוועגונג האָט דאָ פיל מיטגעהאָלפן און פיל מיטגעווירקט, אָבער עס איז בשום אופן נישט געווען די דירעקטע ווירקונג פון דער השכלה.

עס איז זייער שווער צו באַשטימען גענוי די גרענעצן פון גייסטיקע ווירקונגען אין אַן איבערגאַנגס־צייט, זיי פלעכטן זיך אריין איינע אין די אַנדערע, זיי גיסן זיך צוזאַמען און מישן זיך אויס. ערשט שפּעטער קריסטאַליזירן זיך אויס ריינע און קלאָרע קולטור־טענדענצן.

ווי די זאַך איז, די שפע פון דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ האָט פון אָנהויב איבערראַשט און געשראָקן אַ ביסעלע — וואָס וועט מען טאָן מיט אזוי פיל דאָקטוירים ?

מען האָט אפילו אָנגעהויבן צו קוקן מיט ביטול אויף די נייע דאָקטוירים, ווי אויף יעדער צו גרויסער גערעטעניש. אין דער יידישער פּרעסע האָט מען גערעדט עפּעס מיט א שטיקל ביטול וועגן די בערנער דאָקטוירים.

עס איז אויסגעקומען, אַז אין בערן קען יעדער קומען און נעמען זיך אַ דאָקטאָר־טיטל אָן אָנשטרענגונג און אָן גרינטלעך וויסן.

אָבער באַלד האָבן זיך די בערנער דאָקטוירים געלאָזן פילן אין

לעבן, אין פּאָליטישן יידישן לעבן, אין דעם יידישן קולטור־לעבן און אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער „בערנער דאָקטאָר", וועגן וועלכן מען האָט אָנגעהויבן רעדן מיט ביטול, איז געוואָרן ממש דער לעבעדיקער נערוו פון דעם יידישן פּאָליטישן און קולטורעלן רענעסאַנס.

די ערשטע יידישע גימנאַזיע „הרצליה" אין תל אביב האָבן גע־שאַפן דריי בערנער דאָקטוירים: דר. מעטמאַן־כהן, דר. מאָזעסאָן און דר. באגראטשאָוו.

שפּעטער זענען צוגעקומען דר. א. מ. באָרוכאָוו, דר. י. ל. באריי־כאָוויטש, אָדער דר. י. ל. ברוך און אַ גאַנצע מחנה אַנדערע.

יעדער צענטער טעטיקער און שאַפנדיקער אינטעליגענט אין ארץ ישראל איז געווען אַ בערנער סטודענט.

דר. מ. גליקסאָן, דער רעדאַקטאָר פון „הארץ", איז געווען אַ בער־נער סטודענט; דר. ווילקאַנסקי, דער אַגראָנאָם, איז אויך געווען אַ בער־נער סטודענט.

אפילו די, וועלכע האָבן שטודירט אין אַנדערע אוניווערזיטעטן, האָבן געמוזט עפּעס זיין אַ פּאָר סעמעסטערס אין בערן. צביון (דר. האָפּ־מאַן), וואָס איז גאָר אַן אינזשיניער, איז געווען אַ שטיקל צייט אַ בער־נער סטודענט.

שמואל ראָזענפעלד, דער לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון „פריינט", איז געווען אַ בערנער סטודענט.

דירעקטאָרן פון יידישע גימנאַזיעס אין אַלע גרעסערע יידישע שטעט אין רוסלאַנד און אין פּוילן זענען געווען בערנער דאָקטוירים.

אין ביאַליסטאָק האָט געשאַפן אַ יידישע גימנאַזיע דר. ש. גוטמאַן (אגב מיינער אַ שוואָגער), אין קאָוונע איז געווען דער דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע דר. פעלדשטיין (אומגעבראַכט דורך די נאַצישע בעסטיעס).

דר. ראבין האָט פאַרנומען פּראָפעסאָר טשערנאָוויטשעס אָרט אין דער באַרימטער אָדעסער ישיבה, וואָס ער האָט געשאַפן.

אין אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען האָט איר באַגעגנט, ווי פּידנדיקע טוער, בערנער דאָקטוירים.

רעדאַקטאָרן, זשורנאַליסטן, יידישע וויסנשאַפטלער אויף פאַרשידענע געביטן און געזעלשאַפטלעכע טוער זענען געווען און זענען נאָך איצט בערנער דאָקטוירים.

דר. העלמאַן, איצט דער פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין אַרגענטינע, איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג אין ריגע און א צייט דער הויפּט פון „האיאס" אין דער זעלביקער שטאָט.

וועגן דר. יהושע גאָטליב און ש. י. סטופּניצקי האָב איך געשריבן ספּעציעל.

דאָס יידישע לעבן איז באַרייכערט געוואָרן מיט א שעפערישער און טעטיקער יידישער אינטעליגענץ, זי האָט ממש באַנייט דאָס יידישע לעבן, זי האָט אָרגאַניזירט דאָס יידישע לעבן קולטורעל, געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש.

דער ציוניזם און דער „בונד" האָבן באַקומען פרישע, שעפערישע כוחות פון דער בערנער דאָקטוירים־גערעטעניש.

ווען איך האָב אַמאָל באַזוכט דאָס סאָוועטישע מיניסטעריום פון אויסערלעכער פּאָליטיק, האָב איך דאָרט געטראָפן א גאַנצע מחנה מיט בערנער.

וועגן דר. זשיטלאָווסקי, דר. יעקב קלאַצקין, דר. זאַלקינד און אַנדערע האָב איך געשריבן באַזונדער.

און עס איז ממש לשון־הרע אויף דעם בערנער דאָקטאָר, אז ער זאָל האָבן באַקומען זיין דיפּלאָם נישט לערנענדיק; ניין, דער בערנער סטודענט איז געווען א לערנער און די דאָקטאָר־עקזאַמענס זענען געווען שטרענגע און גאַנץ קאָמפּליצירטע.

* *

דער בערנער דאָקטאָר איז געווען דער יידישסטער.

די סיבה, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען וואָס די יידישסטע יונגע מענטשן זענען געפאָרן לערנען אין בערן.

אָבער אפילו די סאַמע אסימילירטע סטודענטן און סטודענטקעס

זענען געוואָרן יידישער אין בערן, און דאָס איז זיכער געווען דער איינ־פלוס פון דער קליינער, אָבער זייער טעטיקער און ביז גאָר איינפלוס־רייכער גרופּע יידישע סטודענטן.

עס זענען געווען אַ סך יידישע פּערזענלעכקייטן צווישן די סטו־דענטן און די פּאָליטישע עמיגראַנטן, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, אַנ־סקי, חיים ווייצמאַן, וולאַדימיר מעדעם, אבערסאָן, און פון די סטודענטן דר. זאַלקינד, דר. יעקב קלאַצקין, דר. כיסין, דר. מ. גליקסאָן און אַ סך אַנדערע, און זיי האָבן פאַרייִדישט די בערנער סטודענטישע און די עמיגראַנטישע קאָלאָניע.

איך האָב באַגעגנט אונדזערע דאָקטוירים, וואָס האָבן שטודירט אין בערלין און אין אַנדערע אוניווערזיטעטן, זענען זיי געווען האַלבע דייטשן, האַלבע פראַנצויזן און אַפילו האַלבע איטאַליענער.

די סיבה איז הפּנים געווען דאָס, וואָס דער נאַציאָנאַל־קולטורע־לער דרוק, אָדער איינפלוס מצד די שווייצערס זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי אַגרעסיוו.

די שווייצער זענען אַפילו ביי זיך אין דער היים אינטערנאַציאָנאַל, זיי האָבן דריי אָפיציעלע שפּראַכן, דאָס הייסט דריי באַזונדערע קולטור, דאָס האָט זיי נישט געמאַכט פאַר שלעכטע בירגער. ניין, זיי זענען גוטע און געטרייע שווייצארישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער זייער נאַציאָנאַליזם איז נישט אַגרעסיוו ווי, למשל, דער דייטשער נאַציאָנאַליזם.

אַ חוץ וואָס די שווייצער האָבן אַ דריי־שפּראַכיקע קולטור, זענען זיי כּתּם לויט זייער לאַגע געאָגראַפיש אינטערנאַציאָנאַל, זיי גרענעצן זיך מיט דריי לענדער, וועמענס שפּראַכן זיי רעדן; זיי גרענעצן זיך מיט די דייטשן, מיט די פראַנצויזן און מיט די איטאַליענער.

דערצו זענען זיי עקאָנאָמיש טיילווייז אינטערנאַציאָנאַל.

די שווייץ איז אַ לאַנד פון האָטעלן, אַ לאַנד פון טוריסטן, דאָס איז די צווייטע אינדוסטריע אין לאַנד.

אויף טריט און שריט באַגעגנט זיך דער שווייצער מיט פראַנצויזן, מיט רוסן און מיט קינדער פון אַנדערע פעלקער, וואָס ווידמען זיך אויף גאַנץ וועלט.

איז זייער נאַציאָנאַליזם אפילו אַ קאָסמאָפּאָליטישער, ער איז נישט דער בייזער, עגאָאיסטישער, אַגרעסיווער און גדלותדיקער נאַציאָנאַליזם, ווי דער דייטשישער נאַציאָנאַליזם, למשל.

לערנענדיק אין דער שווייץ האָט דער פרעמדער סטודענט געקענט בלייבן דאָס וואָס ער איז, קיינער איז נישט געווען פּאַראינטערעסירט צו אַסימילירן אים, צו אַרויפצווינגען אויף אים זיין נאַציאָנאַליזם.

דערצו איז די שווייצאַרישע קולטור אַ גאַנץ אָרעמלעכע.

דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז די שווייצער זענען ווייניקער קול־טורעל פון דייטש, ניין, זיי זענען מער קולטורעל פון דייטש, ווייל זיי זענען פרייער, טאָלעראַנטער, דעמאָקראַטישער און ליבעראַלער, אָבער זייער ליטעראַטור איז אַן אָרעמע, זי קען נישט פאַרכאַפּן אַ פרעמדן, און אַזאַ איז די גאַנצע קולטור, זי קען נישט צוציען אַ פרעמדן סטודענט, זי קען אים נישט פאַרכאַפּן.

בלייבט דער סטודענט וואָס ער איז, ער בלייבט רוס, אַ ייד, אַ בול־גאַר, אַ שוועד א. אַ. וו.

דער יידישער סטודענט אין דייטשלאַנד, אָדער אין פראַנקרייך האָט זיך באַגעגנט מיט גרויסע, רייכע און געוואַלדיק אַגרעסיווע קולטורן.

ער האָט נישט געקענט געבן זיי קיין ווידערשטאַנד, האָט ער געמוזט נאָכגעבן, אָפּלאָזן עפּעס פון זיינס און אָננעמען נישט־ווילנדיק די קול־טור פון לאַנד.

און מיט דעם דערקלערט זיך וואָס די דייטשישע יידן זענען דייטשן, דורכאויס דייטשן, און אַזוי זענען די פראַנצויזישע יידן און אַזוי זענען אויך די איטאַליענישע יידן.

די יידן אין דער שווייץ זענען נישט קיין פולע שווייצער, ווייל די שווייצער אַליין זענען נישט קיין פולע שווייצער.

דער שווייצאַרישער ייד איז בלויז געבעך אַן עם הארץ אין יידיש־קייט.

און עמי־הארצים האָבן מיר געהאַט אומעטום, אפילו אין פוילן און אין רוסלאַנד, וואָס יידן זענען געווען הונדערט פּראָצענט יידן.

בכלל אַסימילירן זיך נישט יידן מיט קליינע און שוואַכע קולטורן,

זיי אסימילירן זיך מיט גרויסע און אגרעסיווע קולטורן; מיט קולטורן, וועלכע זיי קענען נישט געבן קיין ווידערשטאנד.

אזוי ארום איז דער בערנער סטודענט געבליבן מער יידיש ווי א בערלינער, ווי א פאריזער און ווי אן איטאליענישער יידישער סטודענט.

איך האב זיך דא און דארט באגעגנט מיט שווייצארישע יידן, זענען זיי גוטע יידן, אבער זיי וויסן נישט ווי צו זיין בעסערע, באוווסטזיניקערע יידן, זיי זענען געבעך עמי־הארצים.

דער בערלינער ייד איז פרומער פארן פויפסט, ער איז מער דייטש פאר ווילהעלם דעם צווייטן, פאר ביסמארקן און פאר געטען.

ער איז א גייסטיקער קנעכט, ער דינט געטריי דער דייטשישער קולטור.

און ער טראגט אט די גייסטיקע קנעכטשאפט עפעם מיט א משר־בהדיקער גאווה, ער טראגט זי ווי ממש א קרוין אויפן קאפ.

ער, דער ייד, דער אומגליקלעכער, דער אפגעריסענער גייסטיק פון דער וועלט, איז צוגעטוליעט געווארן צו דער גרויסער דייטשישער קולטור...

ער איז דאנקבאר די דייטשע ערד, וואס טראגט אים אויף זיך, ער איז דאנקבאר דער דייטשישער שול, וואס לערנט אים די גרויסע און רייכע דייטשע שפראך, ער איז דאנקבאר יעדן דייטש, וואס דערלויבט אים צו אטעמען מיט אים די דייטשישע לופט.

* *

דער בערנער יידישער דאקטאר איז געקומען צוריק אהיים א גאנ־צער ייד, ווי ער איז אוועקגעפארן.

ער האט אבער צוריק געבראכט אן אוצר מיט זיך אהיים, אין גאנצן פאר דער היים, אויסשליסלעך פאר דער היים, ער האט געבראכט וויסן פאר יידן, א סך וויסן און האט עס מיט טרייהייט און איבערגעגעבנקייט צוגעטראגן די יידן אין רוסלאנד און אין פוילן.

אפילו די דייטשישע שפראך האט זיך צו אים נישט צוגעקלעפט.

דאס פאלק, דערהויפט דאס בערנער פאלק, האט גערעדט א דיא־לעקט, א דייטשן דיאלעקט, בלויז אין דער ליטעראטור און אין די שולן האט מען זיך באנוצט מיטן ריינעם דייטש.

האָבן בערנער סטודענטן גערעדט וויניק דייטש.

דער יידישער סטודענט אין דייטשלאַנד האָט געמוזט אָננעמען דייטש ווי זיין שפּראַך.

א קליינקייט דייטש !

א דייטש האָט ביטול און אפילו פיינטשאַפט צו איינעם, וואָס רעדט נישט קיין פּערפעקטן דייטש.

האָבן די בערלינער, די קאַרלסרוער, די היידעלבערגער און לייפּציקער יידישע סטודענטן מיטגעבראַכט אהיים דייטש, די שפּראַך און די קולטור פון דייטשן.

זיי האָבן גערעדט דייטש, אָדער האַלב־דייטש.

די דייטשישע קולטור האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט אפילו אין זייער היים, זי איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן.

* *

די פרויען, די מעדיצינערינס, וואָס האָבן שטודירט אין בערן, זענען א באַזונדער קאַפּיטל.

זיי זענען געוואָרן ערנסטע, ערלעכע און איבערגעגעבענע מעדיצינערינס און אין פיל יידישע שטעט האָט מען זיך ממש געבענטשט מיט זיי.

זיי זענען געווען איבערגעגעבענע פריינט פון קראַנקן, זיי האָבן אריינגעלייגט אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק א תהום פון אידעאַליזם, מוטערלעכע הארציקייט און פרויען־צאַרטקייט.

דער עלעמענט פון קאָמערציאַליזם און קאַריערע איז ביי זיי געווען וויניקער קאַנטיק ווי ביי די מענער.

זיי זענען געווען אין א געוויסן זין פּיאָנערינס. די פרוי־דאָקטאָר איז געווען א נייע דערשיינונג אין יידישן און אפילו אין קריסטלעכן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן, און יעדע נייע דערשיינונג ווערט אויפגענומען פון יעדן מענטשן, וואָס איז בטבע קאָנסערוואַטיוו, אויב נישט פיינטלעך, מיט ווידערווילן.

זיי האָבן דעם דאָזיקן ווידערווילן געבראָכן און האָבן אויסגע־

קעמפט בראוו אַן אָרט אין דער מעדיצינישער וועלט, סאַי ביי דעם מאַן דאָקטאָר און סאַי ביים פּאַציענט.

זיי האָבן עס אויסגעקעמפט מיט זייער אויסדויער, מיט זייער ערלעכקייט, מיט זייער געטרייהייט צום פּאַציענט און מיט זייער פּראָפעסיאָנעלער עטיק.

ווי פּיאָנערינס זענען זיי געגאַנגען אויף די סאַמע געפערלעכע מעדיצינישע ארבעטן; מען האָט זיי געזען אָפטער ווי דעם מאַן אויף די ערטער, וווּ עפּידעמיעס פון כאָליערע, טיפוס און אַנדערע עפּידעמישע און אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן האָבן געבושעוועט.

דאָ האָט דער חולה באַגעגנט אין איין פּערזאָן אי אַ געדולדיקע קראַנקן־שוועסטער און אי אַ געטרייען און מוטיקן דאָקטאָר.

זיי זענען נישט געוואָרן אזוי שנעל „פּראָפעסיאָנעל" ווי דער מאַן, זיי האָבן אריינגעלייגט האַרץ און נשמה אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק, ווי דער שטייגער פון אַלע פּיאָנערן.

זיי האָבן נישט געמאַכט קיין איבערראַשנדיקע קאַריערעס, זיי זענען נישט געוואָרן קיין באַרימטהייטן אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, ווייל זיי זענען געווען נייע, פּיאָנערינס אין דער פּראָפעסיע, אָבער זיי האָבן געגעבן דער פּראָפעסיע עפּעס זייערס, פּרוויאישס, עפּעס מוטערלעכס און שוועסטערישס.

אין די הונדערטער האָבן זיי זיך צעשאָטן איבער די שטעט, שטעטלעך און אין די דערפער איבערן גרויסן רוסלאַנד און אין פּוילן.

בעסער, פאַרשטייט זיך, זענען זיי אויפגענומען געוואָרן פון פרויען־פּאַציענטינס, די פרוי־פּאַציענט האָט געפונען אין דער פרוי־דאָקטאָר איינע, צו וועלכער זי קען רעדן אינטימער און פרייער.

די פרוי־פּאַציענט האָט געפונען אין דער פרוי־דאָקטאָר דעם מענטשן, וואָס מאַכט דורך די זעלבע מיסטערישקייט פון דעם פרויען־לעבן, וועלכע איז פרעמד דעם מאַן, ווען ער איז אפילו אַ ספּעציאַליסט פון פרויען־קראַנקהייטן.

די פרוי־פּאַציענט האָט געפונען איר דאָקטאָר.

אַן אמתע דערלייזונג איז זי געוואָרן פאַר דער צניעותדיקער יידישער פרוי־פּאַציענט.

איך האָב שפּעטער באַגעגנט אין לעבן די געוועזענע בערנער סטו־דענטקעס, זיי זענען געווען עפּעס כסדר פאַרהאַוועט, כסדר ערנסט פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זייערע פּלייצעס.

יאָ, זיי האָבן גענומען די מעדיצינישע פּראָפעסיע אַ סך ערנסטער ווי די מענער.

איך האָב נישט באַמערקט אַ פרוי אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל זיין קראַנק אויף דער פּראָפעסיאָנעלער צינישקייט, די צינישקייט, וואָס קומט פון שטענדיקן פּראַקטיצירן אפילו די שענסטע און נאָבעלסטע פּראָפעסיע.

דער מאַן דאַרף זיין בלויז דריי־פיר יאָר אין אַ פּראָפעסיע, כדי צו ווערן ציניש, די פרוי וועט קיינמאָל נישט ווען ציניש, מעג זי זיין אין דער פּראָפעסיע צענדליקער יאָרן.

איך האָב באַגעגנט אַמאָליקע בערנער סטודענטקעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק מיט אַזאַ ברען און איי־בערגעגעבנקייט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן חתונה צו האָבן, זיי זענען גע־בליבן עלטערע מיידלעך און שוין מער נישט געקלערט וועגן חתונה האָבן.

מעדיצין איז פאַר זיי געוואָרן אַ מין מאָנאַסטיר, פאַרשטייט זיך, אָן די רעסטריקציעס און אָן די שטרענגע רעגולאַציעס פון אַ מאָנאַסטיר.

איך האָב זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע, וואָס זענען עפּעס צעבראָכן געוואָרן, זיי זענען געווען אַנטטוישט, פאַרביטערט און אָפּ־הענטיק.

פיאָנערישקייט איז הפּנים נישט געווען נישט פאַר זייערע מאָראַלישע און נישט פאַר זייערע פיזישע כוחות.

זיי וואָלטן געווען גוטע באַלעבאָסטעס, גוטע פרויען צו זייערע מע־נער און גוטע מאַמעס פאַר זייערע קינדער.

אָבער אַזעלכע מיספאַרשטייענישן קומען פאַר גאָר אָפט אין לעבן סאַי ביי פרויען און סאַי ביי מענער, ביי מענער נאָך אָפטער ווי ביי פרויען.

פארפעלן דעם איינגעבוירענעם באַרוף איז די קראַנקהייט פון אונ־
דזער צייט.

איינער, וואָס איז באַרופן צו זיין אַ סוחר, ווערט גאָר אַ לערער, אַ
רבֿ, אָדער גאָר אַ כּלל טוער.

פילט ער זיך נישט גוט, זיין פּראָפעסיע איז אים דערווידער. ער האָט
קיין שום באַפרידיקונג און זי ווערט אַ לאַסט, אַן אַנשיקעניש, פון וועלכע
ער קען זיך נישט באַפרייען.

* *

ניין, בערן איז נישט געווען קיין דאָקטוירים־פאַבריק, עס איז געווען
אַ מין ישיבה, וואָס האָט צוגעגרייט יונגע יידישע מענטשן פאַר דעם אױ־
בערבוי פון דער יידישן לעבן אויף וועלטלעכע און יידישע יסודות
צוזאַמען.

קיינער פון די סטודענטן און פון די סטודענטקעס האָבן נישט גע־
ווּסט, אַז זיי זענען געקומען אהער מיט אַ גרויסער יידיש־נאַציאָנאַלער
מיסיע; דאָס יידישע לעבן בשותפות מיט דער יידישער געשיכטע האָט זיי
דעלעגירט אַהין, נישט געבנדיק קיין מיסיאָנערישע פּאַפּירן.

עס האָט געהייסן, אַז דער ווייסטער צאַריזם, וואָס האָט פאַרהאַקט טיר
און טויער פאַר דער יידישער יוגנט, האָט זיי געטריבן אַהין, אין דער
קליינער, שטילער, אַרבעטזאַמער און ערלעכער רעפּובליק.

דאָס איז אויך אמת.

און אין דעם שטעקט אַ שטיק גבֿורה און אַ מיסיע:

דאָס באַנייטע יידישע לעבן האָט באַדאַרפט האָבן נייע יידישע
מענטשן, דער פינצטערער צאַריזם האָט פאַרריגלט אַלע יידישע שולעס
און אוניווערזיטעטן, האָבן יידישע יונגעלייט מיט דער הסכּמה און הילף
פון זייערע עלטערן זיך אַוועקגעלאָזן אין פאַרשידענע אוניווערזיטעטן.

און זיי זענען געקומען צוריק און אַריינגעוואָרפן זיך אין דעם
יידישן לעבן און גענומען זיך עס איבערבויען.

ניין, בערן איז נישט געווען קיין דאָקטוירים־פאַבריק.

עס איז געווען וווּנדערלעך צו זען מיט וואָס פאַר אַ התמדה, מיט
וואָס פאַר אַ ברען די יידישע יוגנט האָט געלערנט.

און זיי האָבן טאַקע געבראַכט מיפיותו של יפת באהלי שם.

מען האָט מיר דערציילט, אַז דר. יהושע גאָטליב, דער יידישער שרייבער און דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, פּלעגט זיך אָפּט פּאַרטראַכטן און פּלעגט זאָגן, אַז דאָס שענסטע שטיקל צייט אין זיין לעבן איז געווען אין בערן, ווען ער האָט געלערנט און געלעבט צווישן א באַגייסטערטער און אַן אידעאַליסטישער יידישער יוגנט.

איך האָב באַגעגנט צענדליקער און צענדליקער אַמאָליקע בערנער סטודענטן, וואָס פּלעגן דערמאָנען אָט די שטילע שטאָט מיט איר קליינעט, נייאינקן אוניווערזיטעט מיט ראָמאַנטישער בענקעניש.

עס איז געווען אין דער מחנה פון סטודענטן און סטודענטקעס עפּעס שיינס, עפּעס דערהויבנס.

און עד היום, נאָך היבשע צענדליק יאָרן, ווען אַן אַמאָליקער בערנער סטודענט באַגעגנט זיך מיט אַן אַנדער אַמאָליקן בערנער סטודענט, כאַפּן זיי זיך אַרום מיט פרייד.

א דאָקטוירים־פאַבריק קען נישט איבערלאָזן נאָך זיך אַזא נאָסטאַל־גיע, אַזא ראָמאַנטישע בענקעניש.

א דאָקטוירים־פאַבריק וואָלט איבערגעלאָזן נאָך זיך צינישקייט, ביטערקייט און ביטול.

און נאָך עפּעס:

עס פּלעגן זיך אָפּט אַראָפּלאָזן גרויסע געסט אין בערן, פּלעגן זיי אַרומגערינגלט ווערן פון די בערנער סטודענטן מיט אַזא ליבע און מיט אַזא ענטוזיאַזם, אַז זיי פּלעגט זיך נישט וועלן אָוועקפאָרן.

די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע און שלום עליכם, די ציוניסטישע פירער, די רעוואָלוציאָנערע פירער, סיי יידישע און סיי קריסטלעכע, פּלעגן נישט וועלן זיך שיידן מיט די בערנער סטו־דענטן און סטודענטקעס.

דאָ איז זיך נישט צונויפגעפאָרן אַ כאַפּטע יונגע מענטשן צו בויען פאַר זיך אַ קאַריערע, ווי עס טוען אַלע אַנדערע סטודענטן פון פאַרשי־דענע פעלקער; אַהער זענען זיך צוזאַמענגעקומען קעמפער צו שמידן גייס־טיקן וואָפן, וואָפן קעגן דעם טיראַנישן צאַריזם, קעגן רעאַקציע, וואָפן פאַרן

איבערבוי פון דעם יידישן לעבן אין גלות און לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל.

מיט פאַרשידענע צוועקן זענען זיי געקומען קיין בערן.

אָבער אַלעמען האָט פאַרבונדן און פאַראייניקט איין גרויסע מיסיע — געבן יידן די אינטעליגענץ אין וועלכער זי נויטיקט זיך...

30

דער „דאָקטאָר-הוט"

זומער 1909 איז מיין יורידישע דאָקטאָר־ארבעט אָנגענומען געוואָרן פון דעם יורידישן פאַקולטעט און איך בין שוין גרייט געווען צו די עקזאַמענס, צו די שריפטלעכע און מינדלעכע עקזאַמענס.

אַ סטודענט, וואָס שטייט פאַר זיין דאָקטאָר־עקזאַמען ווערט עפּעס מיט אַמאָל סאָלידער, ערנסטער און חשובער ביי זיך אַליין, אָבער דער עיקרשט ביי די יינגערע סטודענטן.

ער איז שוין אַן ערב־דאָקטאָר.

און אַנדערע באַטיטלען שוין אים „הער דאָקטאָר".

דאָס טוען אפילו די פּראָפעסאָרן.

ער ווערט אויס סטודענט, מען באַהאַנדלט אים שוין כמעט ווי אַ גלייכן.

פאַר די עקזאַמענס מאַכט ער וויזיטן די פּראָפעסאָרן פון זיין פאַקולטעט, מען שמועסט מיטן סטודענט שוין מעשה קאָלעגע, מען רעדט וועגן זיין דאָקטאָר־ארבעט, מען זאָגט עטלעכע לויב־ווערטער, מען פרעגט אויס וועגן די פּלענער פון דעם ערב־דאָקטאָר — צי ער האָט בדעה צו פּראַקטיצירן יוריספּרודענץ, דאָס הייסט, צי ער האָט בדעה צו ווערן פּשוט אַן אדוואָקאַט, אָדער אפשר האָט ער בדעה צו מאַכן אַן אַקאַדעמישע קאַריערע, דאָס הייסט, לערנען ווייטער און ווערן אַ פּריוואַט־דאָצענט און דערנאָך אַ פּראָפעסאָר.

היות ווי מיין דאָקטאָר־אַרבעט איז געווען וועגן אַרבעטער־געזעצ־געבונג און ספּעציעל וועגן פאַבריק־אינספּעקציע, האָבן כמעט אַלע פּראָפעסאָרן אָנגענומען, אַז איך פאָר קיין רוסלאַנד אָננעמען ביי דער צאַרישער רעגירונג אַ שטעלע פון אַ פאַבריק־אינספּעקטאָר, אַגב אַ גוט באַצאָלטע שטעלע, אַ חוץ גוטן געהאַלט באַקומט דער פאַבריק־אינספּעקטאָר רייזע־הוצאות און אַנדערע זייטיקע אויסגאַבעס, הכלל — אַ גוטע שטעלע.

איז ווען איך האָב דערקלערט די גוטע פּראָפעסאָרן, אַז איך קען גאָר נישט האָפן צו ווערן אַ פאַבריק־אינספּעקטאָר, דאָס הייסט, אַ משגיח, וואָס גיט אַכטונג, אַז די אַרבעטער־געזעצן זאָלן אָפּגעהיט ווערן און דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך, ווייל איך בין אַ ייד און יידן זענען אין רוסלאַנד אַזוי גוט ווי רעכטלאָז און זעלטן ווען אַ ייד ווערט אָנגענומען אויף אַ רעגירונגס־אַמט, האָבן די פּראָפעסאָרן זיך שטאַרק פאַרוואונדערט !

— וואָס זי זאָגען !

דאָס איז געווען די עקסקלאַמאַציע כמעט פון יעדן פּראָפעסאָר, אויסער פּראָפעסאָר רייכעסבערג, וואָס איז אַליין געווען אַ רוסישער ייד.

און דאָ האָב איך געזען ווי מענטשן פון איין לאַנד ווייסן נישט וואָס אַזוינס עס טוט זיך אין אַנדערן לאַנד, וואָס גרענעצט זיך אפילו מיט זייער לאַנד.

און איך קענט זיי דערציילן דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, וואָס עס קומט פאָר אין דעם אַנדערן לאַנד, וועלן זיי נישט שטאַרק איבערראַשט ווערן, פון עמפּערט ווערן, פון אַריינפאַלן אין גרימצאָרן איז גאָר קיין רייד נישט.

זיי הערן עס אויס ווי אַ קוריאָז און פאַרגעסן באַלד.

און ווי באַליידיקנדיק ווייניק אַ מענטש פון איין פאָלק ווייסט וועגן לעבן פון אַ צווייטן.

ווען איך האָב עס דערציילט אַ צווייטן פּראָפעסאָר, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און געזאָגט :

— און איך בין געווען זיכער, אַז די רוסישע, אָדער יידישע סטודענטן, זענען די גליקלעכסטע סטודענטן, זיי פאָרן אין אויסלאַנד לערנען,

אַט בין איך נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שווייץ ביז מיין 40 יעריקן עלטער.

און די רוסישע סטודענטן זענען אַזעלכע לעבעדיקע, אַזעלכע אויפֿגעלייגטע, אַזעלכע לאַכנדיקע און אַזעלכע פֿרייע...

— איז ווי האָב איך עס געקענט „צומוטען"? ווי האָב איך און אַנדערע ווי איך געקענט וויסן? — האָט ער געזאָגט אַפּאָלאָגעטיש.

— יאָ, מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז אין רוסלאַנד גרייט זיך אַ רעוואָלוציע, אָבער רעוואָלוציעס זענען ווי מאָזלען, אַלע פֿעלקער דאַרפֿן זיי דורכמאַכן, איינע פֿריער, די אַנדערע שפּעטער.

הייסט עס, אַז איר, אַ פּעאיקער יוריסט, וועט קומען צו אייך אַהיים, קיין רוסלאַנד, באַווייזן אייער דאָקטאָר־אַרבעט וועגן פֿאַבריק־אינספּעקציע און די רוסישע רעגירונג וועט אייך נישט פֿאַרשלאָגן די שטעלע פֿון אַ פֿאַבריק־אינספּעקטאָר?!

— דאָס איז דאָך אומגלויבלעך, דאָס איז דאָך נאַריש, איינפֿאַך אידיאָטיש.

— איר האָט אָנגעשריבן אַ גוטע אַרבעט, וויפֿל יונגע מענטשן אין רוסלאַנד האָבן אַזויפֿיל ידיעות וועגן דער אַרבעטער־געזעצגעבונג?

דאָס איז געווען דער סאַמע באַרעדעוודיקער פּראָפֿעסאָר.

אַנדערע האָבן יוצא געווען מיט אַ קאַלטער פֿאַרוווּנדערונג:

— וואָס זי זאָגען!

בלויז מיין פּראָפֿעסאָר פֿון רוימישן רעכט, פּראָפֿעסאָר לאָטמאַר, וואָס איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אמת, נישט קיין אַקטיווער, אָבער ער האָט דאָך געהאַט מער באַגריף וועגן דער פֿינצטערער רעאַקציע, וואָס בושעוועט אין רוסלאַנד.

אָבער ער האָט אויך נישט געהאַט קיין גענויע ידיעות, ער האָט געהאַט אַ גאַנץ אויבערפֿלעכלעכן באַגריף וועגן דער לאַגע.

די באַזוכן פֿון אַן ערב־דאָקטאָר די פּראָפֿעסאָרן פֿון זיין פֿאַקולטעט, דאָס הייסט, די לערער זיינע, איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין חוב, עס איז בלויז געווען אַ העפֿלעכקייט־אַקט מצד דעם ערב־דאָקטאָר, אָבער העפֿלעכקייט אין דער פּראָפֿעסאָרישער וועלט איז מער ווי אַ חוב.

די באַזוכן האָבן געהאַט אויך דעם צוועק צו באַקענען זיך פּער־זענלעך מיט דעם „קאַנדידאַט״, מיטן ערב־דאָקטאָר, כדי זיי זאָלן זיך ניט באַגעגענען אויף די מינדלעכע עקזאַמענס ווי פרעמדע, מען זאָל זיך באַ־געגענען ווי פּערזענלעכע באַקאַנטע, און סיי דער סטודענט זאָל זיך פילן בעסער און פרייער אויף די עקזאַמענס, און סיי די פּראָפעסאָרן זאָלן האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַ מענטשלעכע באַציאונג ביי די עקזאַמענס.

מען קען נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע באַזוכן זענען געווען דורכאויס אננגענעמע, אָפט פלעגט אַ פּראָפעסאָר אַ „מרוק״, אַ מרה־שחורהניק און אַ מיזאַנטראָפּ, אויפנעמען אייך קאַלט און בייז.

אָבער דאָס איז פלעגט צעשמאָלצן ווערן נאָך די ערשטע באַגרי־סונגס־פראַזן, דער פּראָפעסאָר פלעגט ווערן באַרעדעוודיק, פלעגט אייך אפילו דערציילן אַן אַנעקדאָט, פאַרשטייט זיך, פון דעם אַקאַדעמישן לעבן.

דער וויץ איז געווען מוראדיק נישט־וויציק, אָבער דער ערב־דאָק־טאָר האָט אוים העפלעכקייט געלאַכט הויך, שטורמיש און דער פּראָפע־סאָר פלעגט זיין גליקלעך.

אפשר איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען אַ מענטש האָט געלאַכט פון זיינעם אַן אַנעקדאָט, אָדער וויץ, פון די באַזוכן ביי די פּראָפעסאָרן פון פאַקולטעט דערזעט איר, אַז פּראָפעסאָרן האָבן אויך ליב, ווי אַלע מענטשן, אַ ביסעלע לשון הרע.

און היות ווי דער ערב־דאָקטאָר איז שוין כמעט אַ קאָלעגע און פאַר־לאָזט באַלד דעם אוניווערזיטעט, קען מען פאַר אים לשון־הרעווען אַבי־סעלע אויף אַ קאָלעגע פון איין פאַך, אָדער פון אַ נאָענטן פאַך.

דערהויפּט איז דאָס ביסעלע אומשולדיקע לשון־הרע געווען געווענדט קעגן די פּאָפּולערע פּראָפעסאָרן.

יעדער ווייניקער פּאָפּולערער פּראָפעסאָר פילט זיך געקריוודעט, ווען אַ צווייטער פּראָפעסאָר איז פּאָפּולערער פון אים.

דער נישט־פּאָפּולערער פּראָפעסאָר איז זיכער, אַז די פּאָפּולאַריטעט זיינע האָט דער פּאָפּולערער פּראָפעסאָר דערגרייכט נישט אַ דאַנק זיין גרוי־סער געלערזאַמקייט, נאָר דורך זיין גאָרנישט געלערזאַמער פּאָליטיק־טרי־בעריי, אָדער דורך פּשוטער חניפה און אַנדערע נישט־כשרע מיטלען.

הכלל, דו דערזעסט פאר זיך א וועלטל, וואס איז נישט בעסער און נישט ערגער ווי די מענטשלעכע וועלטלעך.

אגב דערוויסטו זיך פון די פערזענלעכע באגעגענישן מיט די פראָ־פעסאָרן, אז נישט אלע האָבן געלייענט דיין דאָקטאָר־ארבעט, אייניקע האָבן בלויז א בלעטער געטאָן און זיי האָבן גארנישט צו זאָגן וועגן איר.

זיי קענען זאָגן עטלעכע אלגעמיינע ווערטער און זיי מיידן אויס צו פארפירן א שמועס וועגן אייער דאָקטאָר־ארבעט.

הכלל — מענטשן זענען מענטשן, אומעטום מיט די זעלבע קליי־ניקייטן און מיט די זעלביקע פיצלעך גרויסקייטן.

דאָ און דאָרט שטויסטו זיך אָן אויף א זייער שאַרפן, זייער באַ־גאַבטן און גוואלדיק אינפאָרמירטן פּראָפעסאָר: אים איז גענוג בלויז א בלעטל צו טאָן דיין דאָקטאָר־ארבעט און ער האָט זי ווי אויף דער האַנט.

און ער האָט אפילו א פּאָר וואָגיקע אָנווייזונגען, ער האָט אפילו באַ־מערקט אייניקע פעלער, אָדער טעותן.

אָבער ער פאַרשטייט און ווייסט, אז דער קאַנדידאַט, דער ערב־דאָקטאָר, איז נאָך נישט קיין גאַנצער געלערנטער, און טעותן זענען אומ־פאַרמיידלעך אין יעדער ערשטער ארבעט, בפרט אין אַן ארבעט פון א יונגן מענטשן, וואָס שטייט ערשט פאַר זיין דאָקטאָראַט...

פאַראַן אַזעלכע פּראָפעסאָרן, וועלכע מוזן דיך פאָרשטעלן פאַר זייער פרוי, די פרוי, הייסט עס, איז די עקרת־הבית, זי איז די קלוגע, די טיכ־טיקע, און ער איז דער „שלים־מזל, דער טויגעניכטס.

אין אַזעלכע פאַלן איז די פרוי־פּראָפעסאָר כמעט די עקזאַמינאַ־טאָרין.

אויב איר געפעלט דער קאַנדידאַט, וועט שוין דער מאַן אירער אים נישט דורכוואַרפן אויפן עקזאַמען.

און אַזעלכע פרויען האָבן דווקא ליב צו באַקענען זיך מיט די ערב־דאָקטוירים.

און ווען דער ערב־דאָקטאָר איז א געריבענער חברה־מאַן, גיט ער איר עטלעכע פיינע קאָמפּלימענטן און ער האָט דעם פּראָפעסאָר אין קעשענע.

זי, די פראַו־פּראָפעסאָר, דאַרף בלויז זאָגן:

א פיינער, א גוט־דערצויגענער יונגער מענטש.
און דאָס איז געגנוג פאַרן מאַן, דעם פּראָפעסאָר...

* *

דער ערב־דאָקטאָר אַליין גייט ארום ווי א צעטומלטער, ער לערנט פיל, ער לערנט גאַנצענע טעג און נעכט, אָבער דאָס לערנען האָט קיין טעם נישט, עס איז נישט געלערנט, כדי צו באַנעמען אַן ענין, צו פאַרטיפן זיך אין אים, עס איז אַריינקלאַפּעניש אין קאָפּ אריין, אין דעם זכרון־קעסטל, פיל ידיעות אָן פלייש און הויט.

ער גייט ארום ווי א צעדולטער, א נישט־אויסגעשלאָפענער, דער קאָפּ איז אים פול און פון דער אַנדער זייט איז עפּעס יום טובדיק ארום אים, אין צימער וואַרט אויפן טאָג פון די עקזאַמענס דער „דאָקטאָר־הוט", דער הויכער, האַרטער, זיידענער קאַפּעליוש, וואָס יעדער ערב־דאָקטאָר מוז קומען מיט אים צו די עקזאַמענס און טראָגן אים א וואָך צייט שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן און געזעגענען זיך מיט דער אַלמא מאַטער (אוניווערזיטעט).

דער ערב־דאָקטאָר גייט אויך אָפט צום שניידער, וואָס נייט פאַר אים דעם דאָקטאָר־סורדוט און די געשטרייפטע הויזן.

דער סורדוט איז אין יענע צייטן געווען דער פאַראָדנער מענערישער מלבוש.

ער האָט געמוזט האָבן די לאַצן באַדעקט מיט גלאַנציקן זיידנס און האָט באַדאַרפט דיך עלטער און סאָלידער מאַכן אויף א פּאָר גוטע צענדליק יאָר.

און חברים, קאָלעגן און די באַקאַנטע מיידלעך באַהאַנדלען אים, דעם ערב־דאָקטאָר גאָר, גאָר פיין.

נאָענטע שושקען זיך בסדר: דאָס גרייט מען צו א הוליאַנקע אין דער נאַכט נאָכן עקזאַמען, דאָס רעדט מען זיך אָפּ וואָס פאַר א שטיקל שקצריי מען זאָל אָפּטון דעם נייאינקן דאָקטאָר.

און דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע ביי וועלכע ער האָט זיין צימער, רופן שוין אים באַצייטנס „הערר דאָקטאָר".

און אפילו דער „פּעדל", דער ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטער פון אוניווערזיטעט, באַגעגנט אים מיט א ברייטן „גוט־מאָרגן".

און די וועש־וואשערין ברענגט אים די וועש, און אין דער וועש געפינסטו אן אפגעדרוקטע ווינשעוואניע און א גראטולאציע.

הכלל — עס איז יום טוב א גאנצע וואך ארום דעם ערב־דאקטאר, א מאדנער געמיש, עס איז עפעס ווי יידישע פיש, עס איז אי זיס און אי ביטער.

און אין קאפ איז א טומל, גאט זאל שומר ומציל זיין.

לאטייניש זאצן פון קארפוס יורים ציווילע, פון רוימישן רעכט, מישן זיך אוים מיט דאטן פון פעלקער־רעכט־לעכע אפמאכן, מיט האנדלס רעכט, מיט קירכן־רעכט און מיט אלע אנדערע רעכטן, וואס מענטשן האבן אויסגעטראכט צו פארטומלען מענטשן די קעפ.

אבער דער „דאקטאר־הוט", ער קוקט אויף דיר מיט זיין גלאנציקן זיידנס אזוי יום טובדיק, אזוי פאראדנע און אזוי פארנעם.

און דער סורדוט הענגט אן אויסגעפרעסטער, און די לאצן גלאנצן פון דעם זיידנס, וואס איז ארויפגעלייגט אויף זיי.

און א הארט, ווייסע ווי שניי העמד ליגט אויף דער קאמאדע.

ממש א חתן...

געוועגלעך פלעגן יידיש־רוסישע סטודענטן נישט אפהיטן אט די אלע פייערלעכקייטן און די אלע צערעמאניעס ביי די עקזאמענס; זיי פלעגן קומען צו די עקזאמענס אין וואכעדיקע רעקלעך און אין צעקנייטשטע קאפעליושן.

אבער ווען איך האב זיך געגרייט צו די עקזאמענס האבן זיך צוגעטוליעט צו מיר צוויי סטודענטן, איינער א יידישער דענדי, א לייכטזיניקער יידישער בחור, און דער צווייטער א בולגאר.

איך בין, הייסט עס, געווען אי זייער חבר און אי טיילווייז זייער לערער, ווייל זיי זענען געווען איינגאנצן אפגעשטאנענע סטודענטן.

און אט די צוויי קאלעגן־תלמידים האבן איינגעלייגט א וועלט ממש, אז מיינע עקזאמענס זאלן זיין פייערלעך און אז אלע פארמאליטעטן זאלן אפגעהיט ווערן.

באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט וואס איז נוגע דער קליידונג דער

יידישער דענדי, אַ סטודענט פון רייכע עלטערן און אַ גרויסער אויס־ברענגער.

און איך, אָפּן גערעדט, האָב אויך ליב פייערלעכקייט, יום טובֿ־דיקייט און אַ ביסעלע טעאַטראַלישקייט, און אַזוי אַרום האָבן מײַנע צוויי קאָלעגן נישט באַגעגנט קיין גאָר גרויסע שוועריקייטן פון מײַן צד אין זייערע באַמיאונגען צו דורכפירן מײַן דאָקטאָר־עקזאַמען מיט אַ ביסל פּאַראַד.

געזאָלט האָט עס באַדאַרפט זײַן אַ דרײַיענדיקע שמחה, מיר אַלע דריי האָבן באַדאַרפט גיין צום עקזאַמען אין איין צייט, אָבער ביידע, סײַ דער ייִד און סײַ דער בולגאַר, האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, און דווקא נישט אָן אַ גרונד.

זיי זענען טאַקע געבעך גאָרנישט געווען פּאַרטיק, נישט קוקנדיק אויף מײַנע באַמיאונגען, דער בולגאַר איז געווען פּשוט טעמפּלעך, דער ייִד איז געווען פויל, דער קאָפּ איז אים נישט געווען ביים לערנען, ער האָט עפּעס געהאַוועט כסדר, גערעדט, דערציילט אַ סך באַרימערישע, אָדער פּשוט נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע באָבע־מעשׂיות.

ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דורכגיין זײַן לעבן אונטער דער באַגלייטונג פון פריילעכער מוזיק, ער דאַרף יאָ האָבן דעם דיפּלאָם, ער האָט עס צוגעזאָגט זײַן פאָטער און מוטער, דאָס וואָלט זיי פאַרשאַפט פיל נחת, אָבער אײַנלייגן אַ וועלט צוליב דעם האָט ער נישט בדעה.

איך האָב זיך אין לעבן מיט אים נישט באַגעגנט מער.

אָבער געהערט האָב איך, אַז ער איז פון העלער הויט געוואָרן אַ מעדיצינער... און האָט אפילו אַ גאָר גרויסן דערפאָלג.

איך האָב אויך געהערט אַן אַנדער ווערסיע, ער האָט קיין עקזאַמען נישט געמאַכט, אָבער געלט מאַכט ער אָבער אַ סך און זייער לייכט, און דווקא נישט מיט קיין גאָר כשרע מיטלען.

איך גאַראַנטיר נישט, פאַרשטייט זיך, פאַר ביידע ווערסיעס.

פון בולגאַר האָב איך יאָ געהערט, אין וואַרשע האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו געשריבן האַלב דייטש און האַלב רוסיש.

אין בריוו שרייבט ער מיר, אַז ער איז גאָר אָלראַיט, ער איז אַ

מיטגליד אין דעם בולגארישן פּארלאמענט, אַ דערפּאָלגרייכער אַדוואָקאַט, האָט אַ שיינע פרוי, גערעטענע קינדער און אַ נאַר פיין באַנק־ביכל.

און אויב דער טייוול, אָדער מיין פרייע צייט, וועט מיך אַמאָל פאַר־טראָגן קיין בולגאַריע, וועט ער מיר געבן אַ קעניגלעכע אויפנאַמע.

און דאָס איז אַן שבאָס, ער איז ביכולת צו טאָן עס, אַזוי ווייט איז ער אַוועק אין פּאָליטיק און אַזוי דערפּאָלגרייך איז ער.

און נאָך דעם איין־איינציקן בריוול איז ער פארשוואונדן און איך האָב מער נישט געהערט פון אים.

יאָ, באַלד נאָכן בריוול, האָב איך באַקומען אַ קליין פּעקל, אין פּעקל איז געווען אַ פלעשעלע מיט דער עסענץ פון רויזן, וואָס ווען איך לאָזט פאַלן איין טראָפּן אויף אייער העמד, וועט אַ יאָר נאָכאַנאַנד זיך הערן פון העמד דער געשמאַקער ריח פון רויזן־עסענץ.

בולגאַריע איז דאָס לאַנד, וואָס קולטיווירט רויזן: עס איז אַ טייל פון דער אַגריקולטור, ווי קאַרטאָפל אין אַנדערע לענדער, מיילן און מיילן פון שמעקעדיקע מיט רויזן פעלדער זענען פאַרזייט.

און די רויזן־עסענץ, אָדער אייל איז אַן אינדוסטריע פאַר זיך.

נאָך אין דער שווייץ פלעגט דער בולגאַר מיך אָפט מכבד זיין, מיט אַ שפּריץ פון דער שטאַרק־שמעקעדיקער רויזן־עסענץ.

אַ ריין שמאַטקעלע, באַשפּריצט מיט דער רויזן־עסענץ, וועט אַריינ־געלייגט אין דעם וועש־שראַנק און יאָרן הערט זיך פון די יועש דער גע־שמאַקער און שאַרפער ריח פון דעם רויזן־אויל, אָדער רויזן־עסענץ.

מיין בולגאַר איז געווען הויך און אויסערסט שיין, ער האָט געהאַט שוואַרצע אויגן און אַ דונערנדיקע שטים.

ער איז געווען אַ בחור, וואָס מוז טאָן אַ גוטן שידוך און האָבן אַ דערפאָלג אין פּאָליטיק.

*   *

די לעצטע עטלעכע טעג פאַר די עקזאַמענס האָב איך פאַרפּאַקט אַלע ביכער און געלאָזט דעם מוח רוען און דעם גוף קומען צו זיך.

איך בין געשמאַק געשלאָפן, פיל שפּאַצירט און אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די אַלע טעקסט־ביכער.

און מערקווירדיק — אין קאָפּ איז עפּעס קלאָר געוואָרן, דאָס וואָס איז נעכטן געווען עפּעס שווער און נעפּלדיק איז געוואָרן היינט אויסערסט קלאָר.

איך האָב געפילט, אַז איך בין ביכולת אויסצוהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען, אַזוי קלאָר און אַזוי פאַרשטענדלעך איז מיר געוואָרן דאָס ביסל יוריספּרודענץ, וואָס איך האָב פאַר דער קורצער צייט אַריינגעהאַמערט אין מיין קאָפּ.

און עפּעס זיכער און רואיק בין איך געוואָרן.

איך האָב אָנגעהויבן אַרומצוקוקן זיך אויף דער סטודענטישער קאָלאָניע, און איך האָב פּלוצלינג דערזען, אַז איך בין איינער פון די עלטסטע סטודענטן, אַרום מיר זענען לויטער יונגוואַרג, לויטער „פּיקסלעך" (פרעשמענס).

די קאָלאָניע איז סתם שיטערער געוואָרן — די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן, דאָס שוואַכזיניקע צאַרל האָלט פעסט דאָס גרויסע רוסלאַנד אין זיינע שוואַכע הענטלעך, די רעאַקציע בושעוועט, דער אַנטיסעמיטיזם צעוואַקסט זיך ווי אַ קאַנסער איבערן גוף פון דעם גרויסן לאַנד.

און אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַ גוואַלדיקן הונגער אויף שטיקלעך און ברעקלעך עולם־הזה און מען שלינגט אָט די דאָזיקע שטיקלעך און ברעקלעך עולם־הזה און מען באַלעקט זיך.

אַזוי ווי זיי וואָלטן צום ערשטן מאָל טועם געווען דעם טעם פון עולם־הזה.

און מיט אַמאָל איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן, אַז איך פאָר קיין רוסלאַנד, צוריק אין רוסלאַנד, אין אַ לאַנד פון שוואַרצער רעאַקציע, אין אַ לאַנד פון לויטער עולם־הזה פרעסערס, פון לויטער סאַנינס, פון לויטער אַנטטוישטע רעוואָלוציאָנערן און פון לויטער שפּיאָנען...

און עס איז מיר געוואָרן אַזוי אומהיימלעך, אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן.

איך האָב מקנא געווען די מיידלעך וואָס זענען געגאַנגען אין דער זעלביקער צייט צו די עקזאַמענס, זיי זענען אַלע געווען עפּעס נישט אויס־

געשלאָפן, זיי האָבן נעבעך נאָכאַנאַנד געלערנט, זיי האָבן אויסגעזען אָפּ־געלאָזן, אָבער עפּעס וויכטיקס אַרום זיי: זיי גייען ווערן דאָקטוירים...

א שיינער חלום ווערט פאַרווירקלעכט, אַ גרויסער חלום ווערט וואָר...

טייערע מיידלעך, די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן, האָט מען זיך געוואָרפן מיט דעם זעלביקן ברען אויף לערנען.

אַלמעכטיקער, וואָס פאַראַ מתמידים פרויען קענען זיין.

וויפל האָט מען ביי אונדז געשריבן וועגן דעם מאַן־מתמיד, אויף דער פרוי האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט.

און אין פאַרגלייך מיט דער פרוי־מתמיד איז דער מאַן־מתמיד ממש אַ לײדיקגייער.

דער מאַן האָט גאָרנישט אַזויפיל געדולד.

פון די צען טעפּ געדולד, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט געגעבן דער וועלט, האָבן ניין טעפּ צוגענומען די פרויען און איין טאָפּ בלויז איז געבליבן פאַר די מענער.

און זיי האָט גאָרנישט אָפּגעשראָקן, אַז קומענדיק צוריק קיין רוס־לאַנד דאַרפן זיי זיך ווידער אָוועקזעצן לערנען, זיי דאַרפן דורכמאַכן אַ שווערן עקזאַמען ביי רוסישע פּראָפעסאָרן, וואָס זענען מייסטנס פאַר־ביסענע אַנטיסעמיטן.

זיי איז נאָך געבליבן אַ גאַנץ היבשער רעזערוו פון געדולד, אַ רע־זערוו, וואָס קען סטייען פאַר נאָך אַ גאַנצן טוץ אַזעלכע עקזאַמענס.

עס איז געווען גוט אַרומצוגיין ליידיק און צו מעדיטירן, צוצוקוקן זיך צו מענטשן, צוהערן זיך צו זייערע רייד.

איך האָב פּלוצלינג דערזען, אַז אַרום מיר איז ליידיקלעך, אַלע עלטערע פון מיר סטודענטן זענען נישטאָ, אפילו אַ טייל פון די אייביקע סטודענטן זענען אויך עפּעס נישט געוואָרן.

יאָ, עס איז די העכסטע צייט פאַר מיר צו פאַרלאָזן די ליבע, שיינע שווייץ...

און מיט אַמאָל זענען מיר געוואָרן עפּעס אַזוי ליב מיינע סטודענ־טישע יאָרן, זיי זענען געווען זאָרגלאָזע יאָרן, דאָס לעבן, דער תכלית און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט זענען געלעגן עפּעס אַזוי וויים.

און מיט אַמאָל האָבן זיי זיך אָנגערוקט אויף מיר ווי בייזע שאָטנס...
יאָ, איך ווער אוים סטודענט.
איך שטיי ביים שוועל פון לעבן, פון פּראַקטישן לעבן מיט אַלע זיינע שווערע און אָפט נודנע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן...
יאָ, מען דאַרף זיך אונטערגאַרטלען.
דאָס לעבן, אין וועלכן איך גיי אַריין, איז בייז און שלעכט ווי אַ מכשפה...

31

דער דאָקטאָר עקזאַמען

די דאָקטאָר־עקזאַמענס קומען פאָר אין אַן אַטמאָספערע פון פריינד־לעכקייט און פאָטערלעכער באַציאונג מצד די פּראָפעסאָרן, אָבער אויך מיט קאַלטער שטרענגקייט און פּעדאַנטישקייט.
פריער קומען די שריפטלעכע עקזאַמענס.
דער ערב־דאָקטאָר ווערט פון „פּעדל" (ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַל־טער) אַריינגעלאָזן אין אַ צימער אָן פענצטער, דער פּעדל פאַרשליסט דאָס צימער פון אויסן און גייט אַוועק מיטן שליסל.
דער ערב־דאָקטאָר געפינט אויף אַ טישל אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, פּאַפּיר, טינט און אַ פעדער.
אין קאָנווערט, ווען ער עפנט אים, געפינט ער די פראַגן, אָדער איין פראַגע, אויף וועלכע ער דאַרף ענטפערן שריפטלעך.
ער דאַרף עס טאָן אין משך פון צוויי שעה; אין צוויי שעה אַרום קומט דער פּעדל, שליסט אויף די טיר. דער ערב־דאָקטאָר קען בעטן נאָך אַ שעה צייט און אפילו נאָך צוויי שעה צייט, אָבער דאָס פּאַסירט זעלטן, ווייל אויב דער עקזאַמינירטער האָט נישט באַוויזן צו געבן אַ שריפט־לעכן ענטפער אין צוויי שעה, וועט ער עס נישט באַווייזן אין פיר און אפילו אין זעקס שעה.
דאָס צימער איז ליידיק, אומהיימלעך פּוסט, דו קענסט דאָ נישט

באקומען קיין זייטיקע הילף, נישט פון א מענטש און נישט פון א בוך, דו קענסט זיך מיט קיינעם נישט קאמוניקירן.

דו ביסט איינער אליין מיט דער פראגע, דו און די פראגע זענען אפגעשלאסן פון דער אויסערלעכער וועלט.

אבער עס איז נישט אזוי שרעקלעך, די פראגן ווערן אזוי געשטעלט, אז אין זיי איז אנגעדייט דער ענטפער, דאס הייסט, עס איז דא בסדר א שליסל צו דער פראגע, דו מוזט אבער זיין גוט באהאוונט אין דעם קעגנשטאנד, כדי צו כאפן ווו דער שליסל ליגט.

ביסטו נישט באהאוונט אין דעם קעגנשטאנד, וועסטו דעם שליסל נישט געפינען.

מיין ערשטער שריפטלעכער עקזאמען איז געווען אין רוימיש רעכט, איך האב געפונען א שטיקל לאטייניש טעקסט וועגן דער „קווארטא פאלצידיא" און איך האב באדארפט פשוט דורכלייענען דעם לאטיינישן טעקסט און ארומרעדן דעם ענין.

די „קווארטא פאלצידיא" איז א געזעץ אין דעם רוימישן ירושה־רעכט, וואס זאגט, אז א פאטער קען פאר קיין פאל נישט מעביר־נחלה זיין זיין זון. דער זון באקומט שטענדיק א פערטל פון זיין פארמעגן נאך זיין טויט.

פאלצידיוס איז געווען דער יוריסט אין דעם אמאליקן רוים, וואס האט דאס געזעץ פארגעלייגט און באגרינדעט.

איך האב געהאט א גאר לייכטע אויפגאבע און איך בין פארטיק געווארן פריער, א סך פריער, איך האב עס געמאכט אין א שעה מיט צען מינוט.

עס איז געווען א לייכטער און אן אומשולדיקער עקזאמען. דער סטודענט, וואס האט באזוכט פראפעסאר לאטמארס לעקציעס, האט געוווסט גענוי וואס עס מיינט די „קווארטא פאלצידיא" און ווער איז דער מחבר, און ער האט געקענט לייכט געבן דעם ענטפער.

מיין צווייטער שריפטלעכער עקזאמען איז געווען אין קרימינאל־רעכט.

די פראגע איז געווען — טויט־שטראף — די טעאריעס פאר און קעגן.

אויך א פאָפולערע פראַגע, און דער ענטפער איז נאָך פאָפולערער פאַר איינעם, וואָס האָט זיך אָפגעגעבן, מער אָדער ווייניקער, מיט קרימינאַל־רעכט.

און אויף אַזאַ אופן זענען געווען די אַלע אַנדערע שריפטלעכע עקזאַמענס — לייכט פאַר איינעם, וואָס האָט אַ ביסל געלערנט און צוגעלייגט אַ ביסל דעם קאָפּ צו דעם, אָדער יענעם קעגנשטאַנד.

קיינער פון די פּראָפעסאָרן וויל דאָ נישט אונטערשטעלן אַ פיסל, קיינער וויל דאָ נישט זיך חכמהנען און קיינער איז נישט אויסן צו מאַכן די קלענסטע שוועריקייטן.

יעדער איז אויסן בלויז איין זאַך און, נעמלעך — אָנטאַפּן צי די האָסט קאָנקרעטע ידיעות אין דעם אָדער יענעם קעגנשטאַנד פון יוריס־פּרודענץ.

און יעדער סטודענט וואָס לערנט און פאַרמאָגט די נויטיקע עלע־מענטאַרע פעאיקייטן צו באַנעמען אַ קעגנשטאַנד, קען ענטפערן.

ער קען מאַכן אַ טעות אפילו, אָבער אין טעות קען מען זען צי ער איז באַהאַוונט אין דעם קעגנשטאַנד צי נישט.

איך האָב נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אין מיינע שריפטלעכע עקזאַמענס.

* *

און אָט קומען די אמתע עקזאַמענס.

זיי זענען עפנטלעכע. יעדער פּראָפעסאָר פון אַן אַנדער פאַקולטעט קען זיין אַ צושויער אויף דעם ספּעקטאַקל פון די מינדלעכע עקזאַמענס.

מען פירט דיך אַריין אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער, אין מיטן צימער שטייט אַ לאַנגער טיש און אַרום אים אַ היפשע צאָל שטולן פאַר אַלע פּראָפעסאָרן פון פאַקולטעט.

מען זעצט דיך אַוועק אויף אַ שטול אין מיטן פון טיש.

און באַלד קומען אַריין די פּראָפעסאָרן פון אַ צווייטן צימער און זעצן זיך אַרום דעם טיש.

מען באַגריסט זיך, מען שמייכלט צום קאַנדידאַט, אַ באַקאַנטער פּראָ־פעסאָר קומט צו און גיט דיר אַן אויפמונטערנדיקן קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

און צען אָדער צוועלף פּראָפעסאָרן הויבן אָן צו שמועסן מיט דיר וועגן א געוויסן קעגנשטאַנד, לייכט, גוט־ברודעריש, מיט א שמייכל הויבט זיך אָן דער שמועס, די אויפגאַבע פון דעם עקזאַמינירטן איז צו אנטייל־נעמען אין שמועס און באַווייזן, אַז ער האָט אַ נישקשהדיקע ידיעה אין די קעגנשטאַנדן, וועגן וועלכע מען שמועסט דאָ.

נאָך די ערשטע צען מינוט, ווען די פּראָפעסאָרן זען, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך אַ סטודענט, וואָס האָט גאַנץ גוטע ידיעות אין יוריספּרודענץ, הויבט מען שוין אים אָן צו רופן „הער דאָקטאָר", דער עקזאַמינירטער ווערט מוטיקער און דרייסטער.

אזוי גייט דורך אַ שעה צייט.

דער דעקאַן גיט אַ קוק אויפן זייגער, ער שושקעט זיך דורך מיט די אַנדערע פּראָפעסאָרן, גייט צו צום ערב־דאָקטאָר, גיט אים די האַנט און גראַטולירט אים מיטן טיטל „דאָקטאָר".

און דער נעכטיקער סטודענט ווערט א דאָקטאָר, אין מיין פאַל — דאָקטאָר יורים.

דער נייאינקער דאָקטאָר גייט אַרויס פון דעם צימער מיט א הויכן, זיידענעם קאַפּעליוש, אין א סורדוט און געשטרייפטע הויזן, א גליקלעכער, א שיינענדיקער; סטודענטן רינגלען אים אַרום, דריקן אים די האַנט.

אויף מאָרגן, נאָך אַ שטיפערישן אָוונט מיט פריינט, שטייט ער אויף אַ מידער — צופיל געטרונקען, צופיל געגעסן און צופיל איבערגעלעבט, איז ער מיד און עפּעס „א קאַצן־יאָמער" לעבט ער דורך.

אַט איז אַלץ געקומען צום געוווּנטשטן סוף.

וויפל האָב איך געחלומט וועגן אַט דעם טאָג, וויפל אָנשטרענגונגען האָב איך געמאַכט, וויפל פינאַנציעלע שוועריקייטן האָב איך דורכגעמאַכט...

זעקס יאָר האָב איך געלערנט, דורכגעמאַכט כמעט צוויי פאַקולטעטן.

און וואָס איז איצט ?

גאָרנישט . . .

איצט הויבט זיך אָן אַלץ פון אָנהויב.

און אַוועק זענען די גוטע סטודענטישע יאָרן, די פריילעכע, די זינגענדיקע, די זאָרגלאָזע און שטיפערישע יאָרן.

און אַלץ איז רעכט געווען — הונגער איז הונגער, דלות איז דלות!

אַט לאָזן מיר זיך ארויס, זעקס סטודענטן און זיבן סטודענטקעס, אויף אַ צופוס־רייזע איבער דער שווייץ.

מיר נעכטיקן אין שייערס ביי פּויערים, מיר עסן ווייניק, מיר האָבן שלעכט אויסגערעכנט די רייזע־קאָסטן, עס האָט געקאָסט אַ סך מער ווי מיר האָבן גערעכנט, די ערשטע צען טעג זענען מיר געווען צו אויסברענגעריש פון דער אַלגעמיינער קאַסע. מער, אַ סך מער, ווי מען האָט באַדאַרפט.

און צען טעג פאַר אונדזער אָנקומען צוריק קיין בערן, זענען מיר געבליבן אָן געלט.

האָבן מיר זיך אָוועקגעזעצט האַלטן אַן עצה:

וואָס אַן ערך קענען מיר פארקויפן כדי צו קענען זיך דערקלייבן צוריק קיין בערן?

נישטאָ קיין זאַך...

כאַפּט זיך איינער — מיר האָבן דאָך אַלע אפשר דריי־פיר הונדערט פּאָסט־קאַרטלעך מיט בילדער. לאָמיר עס צונויפזאַמלען, מאַכן איין גרויסע קאָלעקציע און פארקויפן קאַרטלעך אויפן וועג.

און אַזוי האָבן מיר געטאָן.

לאַכנדיק, שטיפנדיק און זאָרגלאָז האָבן מיר געהאַנדלט מיט די פּאָסט־קאַרטלעך, וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט פאַר זיך, ווי אָנדענקס פון דער גליקלעכער צופוס־רייזע איבער דער וואונדערלעכער שווייץ.

און מיר האָבן געגעסן, געטרונקען און געקומען קיין בערן צוריק גליקלעכע און שיינענדיקע.

מיר זענען געקראָכן אויף שניי־בערג, צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, מיט אַ „גייד" אין פאָראויס; מיר זענען געווען אונטער די פאַנטאַסטישסטע וואַסער־פאַלן; מיר האָבן געזען טשיקאַווע שטעט, שטעט, וואָס לעבן נאָך מיטן שטייגער פון לעבן פון מענטשן מיט וועלכע דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק.

מיר האָבן געזען ווי אַ פּאַרלאַמענט פון אַ קאַנטאָן (שטאַט) האַלט

אַפּ זײַנע זיצונגען אויפֿן מאַרק, און מען האָט געשטימט מיט שירעמס, מען האָט געהויבן די שירעמס אַנשטאָט די הענט.

מיר האָבן געשפּאַסט מיט די טײַערע מיידלעך, די סטודענטקעס, וואָס זענען געגאַנגען מיט אונדז אַזוי בראַוו, אפשר נאָך בראַוווער פֿון אַ סך מענער.

אַלטע שווייצאַרישע פּאַרמערס פֿלעגן קוקן אויף אונדז ווי אויף מענטשן, וואָס זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מאַרס, אָבער באַלד איז זיי געפֿעלן געוואָרן אונדזער זאָרגלאָזיקייט און אונדזער פֿריילעכקייט און זיי פֿלעגן אונדז מכבד זײַן מיט כל טוב און אפֿילו מיט אַ נאַכט־לעגער אין שייער.

און די בראַווע סטודענטקעס פֿלעגן זיך אַמאָל אויפֿכאַפּן אינמיטן דער נאַכט מיט שרעק, מיט קולות און גוואַלדן... אַ מייזל האָט אַ טאַנץ געטון אויף איינער פֿון זיי...

און מיר, די מענער, האָבן זיך גענומען זוכן דאָס מייזל און באַ־שטראָפֿן עס פֿאַרן דער שרעק, וואָס עס האָט פֿאַראורזאַכט צו אונדזערע חברטעס.

מיר זענען געקומען אין בערן פֿאַרברוינטע, גליקלעכע, אָפּגעריסענע, אָבער שטאָלצע; הונגעריקע, אָבער לאַכנדיקע.

און אַלע סטודענטן און סטודענטקעס האָבן אונדז מקנא געווען...

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט דאָ נישט לאַנג.

און איצט בין איך אַ דאָקטאָר, אוים סטודענט.

איך דאַרף אַריין אין לעבן, טאָן עפּעס, איך האָב אַ פֿרוי, וואָס האָט אין מיטן שטודירן, איך האָב אַ בן־יחידל, אַ מחיהדיק יינגעלע.

איך האָב פֿאַרפֿליכטונגען.

איז וואָס וועל איך טאָן מיט מײַן פֿילאָזאָפֿישער און יוריסטישער בילדונג אין פֿינצטערן רוסלאַנד?

עס וועלן מער שוין נישט זײַן אַזעלכע פֿריידיקע, זאָרגלאָזע יאָרן.

עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין געבליבן בײַ אַ ליידי־קער, צעבראָכענער קאָרעטע...

* *

איך האָב געהאַט צו דערליידיקן עטלעכע פאָרמאַליטעטן — לאָזן דרוקן מיין דיפּלאָם, לאָזן דרוקן מיין דאָקטאָר־אַרבעט.

האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דרוקן מיין דאָקטאָר־אַרבעט דאַרף קאָסטן אַ מטמון מיט געלט

און מען האָט מיר דערלויבט צו קירצן עס.

עס איז געווען זומערצייט, מאַי 1909.

גוטע חברים האָבן מיך נישט געלאָזן מרה־שחורהווען, און יעדן אָוונט האָבן זיי געהאַט מיט מיר אַ ליאַמע, מיר האָבן געגעסן שלעכטע אָוונט־ברויטס אין גוטע רעסטאָראַנען און געטרונקען שלעכטן ליקער אין טייערע שענקלעך.

און אינדערפרי פלעגן מיר אויפשטיין עפּעס ווי זינדיקע, וואָס האָבן געטאָן עפּעס שרעקלעכס.

פאַר דער צייט האָט די בערנער דאָקטוירים־פאַבריק אַרויסגעלאָזן נאָך עטלעכע דאָקטוירים, האָב איך מיט זיי געליאַמעווען.

און אָט רוקט זיך אָן דער טאָג, דער לעצטער טאָג פון מיינע סטודענטישע יאָרן, די גליקלעכסטע און די שענסטע יאָרן מיינע.

די גליקלעכסטע און די שענסטע, ווייל די יינגסטע און זאָרגלאָזסטע.

איך פאָר „אַהיים" אָן אויסגעפּוצטער, אַ יונגער, אָן ענערגישער, איך קען די וועלט ממש איבערקערן, אָבער ווער ווייסט מיר אונטערטראָגן אָט די וועלט, וועלכע איך קען איבערקערן ?

איך געזעגן זיך מיט פריינט

איך פאָר . . .

בערלין . . .

וועמען האָב איך אין בערלין ?

יאָ, איך האָב דאָרט גאָר אַ סך פריינט, אַראָפּשטייגן ?

ניין . . .

די לייבטזיניקייט, די סטודענטישע לייכטזיניקייט איז עפּעס פאַרשוווּנדן, נישטאָ זי, אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען.

דאָרט, אין ביאַליסטאָק, וואַרט אויף מיר מיין פרוי און מיין קינד.

זיי זענען די ערשטע צו וועמען איך פאר. איך קען נישט איבעררייסן מיין רייזע, איך קען נישט און טאר נישט . . .

און אט בין איך ביי דער רוסישער גרענעץ.

מיין צילינדער־הוט, אדער מיין „דאקטאר־הוט", וואס איך האב גע־פירט מיט מיר, האט געמאכט א פוראר ביי די זשאנדארן; איינער, וואס פירט מיט זיך אזא איינאפעאישן קאפעליוש איז נישט פון יענע, מיט אים דארף מען זיך באגיין העפלעך...

אבער דעם גרעסטן רושם האט געמאכט די איבערזעצונג פון מיין דיפלאם אויף רוסיש, מיטן שטעמפל פון דעם רוסישן קאנסולאט אין בערן.

דער זשאנדארם־אפיציר איז געווען העפלעך, ער האט אפילו מיר געגעבן די האנט נאך אונדזער פריינטלעכן שמועס...

און אט בין איך אין ביאליסטאק, א קליין יינגעלע, געפירט ביי דער האנט פון א קליין־געוויקסיקער פרוי, שיינען פון גליק...

דאס איז מיין פרוי און מיין בן־יחידל.

עס גייען אריבער די ערשטע טעג פון פרייד, און עס שטעלט זיך די הארבע און גרויסע פראגע — וואס טו איך? צו וואס וועל איך זיך נעמען? צו וואס קען איך זיך נעמען?

און דא דערמאן איך זיך, אז איך בין א שרייבער.

איך האב עס שוין כמעט פארגעסן די לעצטע עטלעכע יאר.

מיין שרייבן איז געווען צופעליק, ספאראדיש, איך בין געווען פאר־נומען מער מיט לערנען ווי מיט שרייבן.

איך בין געווען פארבונדן מיט יידישע צייטונגען, זשורנאלן און אנדערע פעריאדישע שריפטן.

אבער שרייבן ווי א פרנסה, ווי א שטענדיקע באשעפטיקונג, איז געווען פרעמד פאר מיר.

ווי מאכט מען שרייבן פאר א פראפעסיע ?

איך האב אבער ביי מיין זייט מיין ענערגישע און אפטימיסטישע פרוי, און זי לאזט מיך נישט אריינפאלן אין א מרה־שחורה.

די ארבעט, זי קען ווארטן מיטן ענדיקן איר שטודיום.

אבער איך דארף עפעס טאן !

קלאָר איז, אַז די קאַריערע פון אַ יוריסט אין רוסלאַנד איז בײַ מיר פאַרשטעלט מיט שטעכעדיקן דראָט פון אַנטיסעמיטישע געזעצן.

איך וועל דאַרפן שפרינגען איבער באַריקאַדן, דורכרײַסן זיך דורך שטעכעדיקע דראָטן, קלאַפּן אין פאַרהאַקטע טירן, אויסשטײן אַלע דער־נידערונגען, שפּירן אויף מײַן הויט און נשמה אַלע אַנטיסעמיטישע און רשעותדיקע צאַרישע געזעצן.

און ווען איך זאָל אפילו אָנגורטן שטאַרק מײַנע לענדן און לאָזן זיך אויף דעם דאָזיקן וועג, ווײס איך נישט אין פאָראויס צי איך וועל מצליח זײַן.

דער צאַר און זײַנע סאַטראַפּן זענען שטאַרקער פאַר מיר.

איך דאַרף, הײסט עס, דעם צאַר און זײַנע סאַטראַפּן אַרויסרופן אויף אַ געראַנגל, פון אײן זײַט איך, אַ יונגער ײדישער מענטש, און פון דער אַנדערער זײַט אַ שווערע און בײזע מלוכה, וואָס איז אַרויס ווי אַ זינגערין פון אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואָס האָט זי שיער נישט פאַרפלײצט.

נײן, יוריספּרודענץ איז פאַר מיר פאַרצאַמט, פאַרהאַקט און פאַר־רינגלט.

איז וואָס זאָל איך טאָן?

איך קוק זיך אַרום און זוך אין מײַן זכרון די פיל דאָקטוירים — בערנער, בערלינער, ציריכער און פאַריזער — וואָס טוען זײ?

איך זיפּ זײ דורך דורכן מוח.

כמעט אַלע האָבן געזעלשאַפטלעכע אַמטן.

פאַר דעם האָב איך זיך דערשראָקן ממש אויף טויט, ווײַל איך האָב געזען אַמאָל וואָס דאָס באַדײַט, איך האָב אַמאָל געזען אַ פּאָר דאָקטוירים, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן דײַטשן הילפס־פאַראײן.

ביוראָקראַטלעך, אויסגעטריקנטע, פאַרוויאַנעטע ביוראָקראַטלעך זע־נען זײ געווען.

זײ רעדן געצײלטע ווערטער, זײ האַלטן שטענדיק גרײט אַ גאַנצן אַרסענאַל פון בלײַשטיפטן, פעדערס, אַלע מינים שטיקלעך פּאַפּיר.

ווען דו רעדסט צו זײ, שרײַבן זײ אויף אַ פּאַפּירל עפּעס, און ווען

זיי הויבן אויף דעם קאָפּ און הויבן אָן צו רעדן, דערפּילסטו עפּעס ווי ווערטער־שרצים קריכן אויף דיר.

ניין!

קיין ביוראָקראַט וועל איך נישט זיין, בשום אופן ואופן נישט!

* *

דערווייל פאָר איך אין מיין שטעטל, צו מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

איך פאָר מיט מיין דאָקטאָרישן פּויז, זאָלן די עלטערן מיינע האָבן הנאה.

איך בין געווען דער אָנגעלייגטסטער גאַסט.

שכנים און פריינט פון מיינע עלטערן האָבן שבת אָנגעשיקט בערג מיט כיבוד, א יונגע טאָכטער, אָדער א יונגער זון האָט עס אַריינגעטראָגן, און זיך רויטלענדיק געכאַפּט אַ קוק אויף מיר און אַ זאָג געטאָן:

— ליב אייך מיט אייער גאַסט!

שבת אין דער פרי בין איך געגאַנגען אָנגעטאָן אין מיין צילינדער־הוט און אין מיין אויסלענדישן סורדוט מיט מיין פאָטער דאַווענען אין בית־המדרש.

איך האָב עולה־לתורה געווען, געלייענט די הפטורה שטייענדיק אין מיין הויכן צילינדער...

יאָ, איך האָב ליב געהאַט אויסערלעכע עפעקטן, טעאַטראַלישקייט.

נאָכן עסן זענען געקומען פריינט און באַקאַנטע, די מענער אַלע מיט געדיכטע בערד, די פרויען אַלע אין סאַמע טראַגן, אָדער מיט אַ וויינענדיק קינד אויף די הענט.

ביי מיינע צוויי שוועסטערלעך און מיינע דריי ברידער בין איך געווען דער טייערסטער גאַסט.

איינער פון מיינע ברידער האָט געפעלט, מען האָט אים גענומען אין סאָלדאַטן, איז ער דאָרט קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

איין ברודער, א זעלנער, איז געשטאָרבן אין בעט, און א צווייטער ברודער, א יונגער, אַ שיינער, א בחור מיט א גוטן קאָפּ און א רעליגיעזער

נאַטור, איז געפאַלן טויט אין קאַמף מיט רעבעלירנדיקע קאָזאַקן, אין אָנהויב פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים.

ער איז מאָביליזירט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס, אוועק און קיינ־מאָל צוריק נישט געקומען.

מיין אַלטע מוטער האָט באַקומען ביי דער באָלשעוויסטישער מאַכט א צייט לאַנג א פענסיע פאַרן געפאַלענעם קינד, דאָס מוזיניקל אין דער משפחה.

צוויי פון דער משפחה האָט צוגענומען דער מיליטאַריזם.

מיינע עלטערן האָבן גאָרנישט געשטעלט די פראַגע — וואָס אזוינס האָב איך בדעה צו טאָן ?

זיי זענען געווען זיכער, אַז די גאַנצע וועלט שטייט און קלאַפּט אין מיין טיר.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, זיי נישט געוואָלט אַנטוישן.

דריי טעג בין איך געווען אין מיין שטעטל.

עלטערע מענטשן זענען עלטער געוואָרן, יונגע זענען אויך נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, אָבער דאָרט אין שטעטל מיינס איז אַלץ געווען עפּעס אויף אַן אָרט, אַלץ איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך.

דורות האָבן איינגעשטעלט א שטייגער פון לעבן, אפילו די פּרנסות זענען געווען איינגעשטעלטע, קינדער האָבן געלעבט און געשפּייזט זיך פון די זעלבע פּרנסות, וואָס זייערע עלטערן.

ניין, אזוי פשוט און אזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך איז מיין לעבן נישט און וועט נישט זיין, איך האָב זיך אויסגעוואָרצלט פון איין וועלט אינגאַנצן און אין דער אַנדערער וועלט האָב איך זיך נאָך נישט איינ־געוואָרצלט.

איך האָב מיך דערפילט ווי א קינד, וואָס דאַרף מאַכן די ערשטע וואַקלדיקע טריט אין לעבן אריין.

פאַר א קינד אָבער זענען גרייט מוטערלעכע אָרעמס צו אויפכאַפּן עס, אויב ער גיט זיך צו שטאַרק א וואַקל.

די דאָזיקע אָרעמס זענען פאַר מיר נישטאָ . . .

איך מוז אַליין טרעטן . . .

געקומען צוריק צו מיין פרוי, און עס בלייבט — איך פאָר קיין וואַרשע.

און דאָ האָב איך געזען ווי פאַר יעדן מענטשן איז גרייט אַן אָרט אין לעבן, דאָס אָרט וואַרט אויף אים.

און ווען אפילו ער פאַרשפּעטיקט זיך, וואַרט דאָס אָרט אויף אים.

עס איז געווען אַן אָרט גרייט פאַר מיר אין דער יידישער ליטעראַטור, דאָס אָרט האָט געוואַרט אויף מיר.

אָבער איך האָב עס גאָרנישט געוווּסט.

דערוווּסט האָב איך זיך עס אויף דעם דריטן טאָג, ווען איך בין געקומען אין וואַרשע.

אין וואַרשע הויבט זיך אָן מיין ליטעראַריש לעבן.

וואַרשע איז א באַזונדער קאַפּיטל אין מיין לעבן, וועגן וואַרשע שרייב איך באַזונדער.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט . . . (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) י. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער־מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פּאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) באַנד איינס
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) באַנד צוויי
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאטקאָווסקאַ: פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר יעקב שאַצקי: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה

71) נחמן מייזיל: געווען אמאָל א לעבן... (זכרונות)
72) י. י. טרונק: סימכע פלאַכטע פון נאַרקאווע
73) יהודה עלבערג: אונטער קופּערנע הימלען
74) ד״ר א. מוקדוני: אויסלאַנד (זכרונות)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב

זיגמונט טורקאָוו: פראַגמענטן פון מיין לעבן
יהושע פערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
דניאל טשאַרני: ווילנע
בעלכאַטאָוו: (יזכור־בוך)
מנשה אונגער: באַגרינדער פון חסידישע דינאַסטיעס
יעקב לעשטשינסקי: ערב דעם חורבן

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון א יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי: ר׳ אבא און אנדערע דערציילונגען
ד״ר יוסף טענענבוים: גאַליציע — מיין אַלטע היים
ש. בריאַנסקי: זשעלעכאָווער געשטאַלטן
מרדכי שטריגלער: גורלות
רחל אויערבאַך: פון רינגעלבלומס אַרכיוו
וסף רייך: זכרונות פון א פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי: זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין: דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש: פּופּציק בריוו
ש. בערלינסקי: ירושה
קאָדיע מאַלאָדאָווסקי: אמאָל איז געווען
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
גרשם באַדער: קראָקע
משה זאָנשיין: „יידיש וואַרשע״

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 23סטן מאַי 1951, אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 7752-47 — בוענאָס אײַרעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 23 de Mayo de 1951 en
los Talleres Gráficos HEUMAN
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.